This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

9

1970

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פסטר

צענטער יאָרגאַנג

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

מאָסקווע

סענטיאַבער

9

1970

БИБЛИОТЕКА
Дома еврейской книги
ЭКЗЕМПЛЯР
ВЫДАЧЕ НЕ ПОДЛЕЖИТ

אינהאלט

זײַט

טריבונע פון לעבן

מיכאל מילער. ווען מענטשן זײַנען מענטשן 3

שמועל גאָרדאָן. פון דער סעריע „שטעטלעך": פרײַטיק־צונאכטס אין וואפניארקע; א כאסענע אין קריזשאָפּאָל; אין קראסנע 14

70־טער געבורטסטאָג פון איציק פעפער. איציק פעפער. לירישע לידער; ארן ווערגעליס. טעג פון פראָסטן ווונדער; אווראָם גאָנטאר. איציק פעפער צווישן פרײַנט און כאווײרים 48

הירש אָשעראָוויטש. אינעם גאָרטן פון מײַן בענקשאפט (לידער) 73

כאסקל טאבאטשניקאָוו. בארשעווער מאָטיוון (דערציילונג. סאָף). צייכענונג פון ה. אינגער 77

שיקע דריז. גייט אין שטאָט א זייגער (לידער) 106

זאלמען קאהאן. באגײַסטערט פון דער רעוואָלוציע . . . 109

שמועל האלקין. אופשריפטן און ווידמונגען 113

פובליציסטיק

איגאָר קאָן. די לענינישע טעאָריע פון נאציעס און דער הײַנט־צײַטיקער קאפיטאליזם 119

צו דער פארשע „ווער איז א ייִד?" 135

מוישע שאפּיראָ. א פּאָר באמערקונגען צו איינעם א שטרײַט 138

ליטעראַרישער טאָגבוך. וולאדימיר אָגניעוו. דאָס נײַע אין דער ליטווישער קונסט 141

פון דער ליטווישער פּאָעזיע. יוסטינאס מארצינקיאוויטשיוס. פרעליודיע; וויטאוטאס בלאָזשע. איך וויל ניט! אלגימאנטאס באלטאקיס. מעטאל־גאמע . . 145

קורצע רעצענזיעס. מוניע גליזער. דעם דיכטערס גאנג; יאנקעוו לוואָווסקי. דער נעכטן, דער הײַנט — גע־קניפּט און געבונדן 147

קאָמענטארן פון רעדאקציע. ניט אנדערש — א זשורנאליסטישע „דזשויִש דעפענס־ליג". — „א קלאפּ אין טיש און א לעק דעם שטיוול" 150

כראָניק 47, 76, 105, 108

פארשיידנס 152

נאָטיצן פון א ייִדישן בוקיניסט. ל. פּאָדריאטשיק. „מדרש איציק" 154

לאָמיר זינגען נײַע לידער. א קאראהאָד. ווערטער פון ארן ווערגעליס, מוזיק פון לייב יאמפּאָלסקי 156

נאָטיצן אפן קאלענדאר 158

מוישע שאפּיראָ. שמועסן וועגן ייִדישער שפּראך 159

הויפּט־רעדאקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

ה. אָשעראָוויטש,

אי. באָרוכאָוויטש,

א. גאָנטאר, נאָטע לוריע,

מ. לעוו (פאראנטוו. סעקרעטאר),

ב. מילער, י. פאליקמאן,

ס. פרײַ, י. ראבין, ר. רובין.

בוזי מילער

ווען מענטשן זײַנען מענטשן

1 יונגע דעמבלעך סאָף מײַ אַף דער ווײַטמיזרעכדיקער ערד... זיי פינקלען קעגן דער זון, די ביימלעך, מיט פריילעכן גרינעם געבלעטער, און נאָר אינעם אונטערשטן טייל און ערגעץ ווו אינמיטן דער קרוין — אפילע ניט גלײַך צו באמערקן — קוקט ארויס עפּעס פארומערטגעלס — איינצלנע פאראיאָריקע בלעטער. זיי זעען אויס ווי אלטע לאטעס אַף די צעגרינטע צווײַגן.

די דעמבלעך האלטן אין איין לויפן אַף צוריק, און אלץ נײַע און נײַע יאָגן אָן אנטקעגן. פון די טויזקע גראָזן אַףביידע זײַטן וועג ווייעט מיט קאיאָריקער פרישקײַט. מיט דינער אקווארעלפארב האָבן בלויע סאָפּקעס באצייכנט דעם האָריזאָנט.

דער יונגער שאָפער שליסט אײַן די ראדיאָ, נאָר איך בעט, ער זאָל זי אויסשליסן — זאָל גאָר ניט שטערן דער שטילער קלאָרקײַט פון אָט דעם לויטערן אינדערפרי, די מאכשאָוועס, ראיוינעס, וועלכע ער האָט אופגעוועקט.

האסטיק פאלט דער טונקעלער אספאלט אונטער די שינעס פון דער מאשין. איך פאָר קיין וואלדהיים און טראכט וועגן דעם, אז אָט דער אספאלט איז ניט אלעמאָל דאָ געווען. א צעקלאָפּטער שאָסיי מיט גריבער און גריבלעך אַף טריט און שריט פלעגט אמאָל דאָ אויסטרייסלען די נעשאָמע. אין יענע צײַטן בין איך איינמאָל אויך געפאָרן מיט דעם זעלבן וועג. געפירט האָט מיך דאן אין קאבינע פון א לאסטמאשין יעכיעל ראק. ווען איך האָב זיך געפרווט באקלאָגן פאר אים אפן שלעכטן וועג, האָט ער, געדענק איך, ניט אראָפנעמענדיק די גרויסע, אין אייל פארשמירטע הענט פון דער באראנקע, שמייכלענדיק פון א זײַט א קוק געטאָן אַף מיר:

— אָט דער וועג? ס'איז גאָלד קעגן דעם, וואָס מיר האָבן דאָ געטראָפן אין דרײַסיקסטן יאָר.

אין דרײַסיקסטן יאָר איז ער, יעכיעל ראק, א באלעגאָלע פון א קליין שטעטל אַף אוקראינע, צוזאמען מיט אנדערע איבערוואנדערער געקומען אין אָט די ערטער און האָט זיך באזעצט אין וואלדהיים. אין ביראָבידזשאן איז ער געוואָרן דער ערשטער טראקטאָריסט, שפּעטער — בריגאדיר פון דער ערשטער טראקטאָר־בריגאדע. אין יאָרן ארום געדענקט זיך א דרײַענדיקער יובילײ, וועלכן מע האָט פײַערלעך געפראוועט דעם געוועזענעם באלעגאָלע: פופציק יאָר לעבן, דרײַסיק יאָר אין וואלדהיימער קאָלווירט און פינף און צוואנציק יאָר — אָנפירער פון דער טראקטאָר־בריגאדע.

פאָרנדיק דעמלט אין קאבינע פון דער לאסטמאשין, האָט ראק דערציילט:

— מאשינעס זײַנען נאָך געווען ווייניק. פלעגט מען מערסטנטייל פאָרן מיט פערד־און־וואָגן. בייס די רעגנס און בלאָטעס האָט מען שיר ניט א מעסלעס צײַט געשלעפּט זיך פון טיכאָנקע ביז וואלדהיים.

און מיר איז דאן קלאָר געוואָרן, פארוואָס ער האָט וועגן דעם צעקלאָפּטן שאָסיי־וועג געזאָגט: „ס'איז גאָלד".

וואָס זשע וואָלט ער איצטער געזאָגט, יעכיעל ראק, אַף אָט דעם גלאטן אספאלט, וואָס ציט זיך, ווי א ווירע, פון ביראָבידזשאן (דער געוועזענער טיכאָנקע) ביז וואלדהיים?

איצט איז יעכיעל ראק שוין ניטאָ. צוריק מיט עטלעכע יאָר איז ער געשטאָרבן. אין וואלדהיים לעבן זײַנע קינדער און אייניקלעך.

די מאשין האָט זיך פארכלינעט מיטן אָנשטראָמענדיקן אספאלט, און פוןביידע זייַטן וועג לויפן אַף צוריק די יונגע דעמבלעך מיט די געלע לאטעס אין די גרינע קרוינען.

אין לעבן, — האָט, קוקנדיק אַף זיי, זיך געטראכט, — איז אויך אזוי: דאָס אלטע באוויַזט ניט אָפּשטארבן, און דאָס נייַע לעבט שוין! מע לעבט צוזאמען, מע כאווערט זיך, מע שטרייַט... אין לעבן אָבער קומט עס פאָר צומאָל שווערער, איידער אין דער נאטור. אַף אָט די דעמבלעך זייַנען די פאראיאָריקע בלעטער בוילעט אויסגעטיילט, וועסט זיי מיט די נייַע ניט פארפלאָנטערן, און אין לעבן פרווון נאָך וויפל מאָל אָט אזעלכע אלטע בלעטער, דארע, שקווארע, ארופציִען אַף זיך א גרינע הויט, גיי דערקען זיי! צוליב דעם איז שוין נייטיק א וואך אויג, לעבנס־דערפארונג, כאָכמע. מענטשן, וואָס פארמאָגן אָט די מייַלעס, זייַנען אין דער געזעלשאפט באזונדערס נוצלעך.

און איך האָב א טראכט געטאָן, אז דער, צו וועמען איך פאָר איצט קיין וואלדהיים, איז גראָד איינער פון אזעלכע מענטשן. מיר איז פאָרגעשטאנען צו טרעפן זיך מיטן פאָרזיצער פונעם קאָלווירט „איליטשס געבאָטן" — מיט וולאדימיר איזראיִלעוויטש פעלערן. ניט לאנג פאר דעם איז ער ארויסגערוקט געוואָרן אלס קאנדידאט אין דעפוטאטן פון נאציִאָנאליטעטן־ראט פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר לויטן בירָאָבידזשאנער וואל־קרייַז נומ. 716.

מיר זייַנען דורכגעפאָרן דאָס דאָרף פטיטשניק — דאָס איז האלב וועג צווישן בירָאָבידזשאן און וואלדהיים. די דאָזיקע ערד, ווי אויך די דערפער פראָנקינאָ און זשאָלטי יאר, געהערט צום קאָלווירט „איליטשס געבאָטן", מיט וועלכן עס פירט אָן פעלער. און ער טוט זייַן ארבעט ניט שלעכט. דאָס איז צו זען דערפון, וואָס גראָד אין די יאָרן, וואָס וולאדימיר איזראיִלעוויטש איז דאָ פאָרזיצער, האָט דער קאָלווירט אין עטלעכע מאָל פארגרעסערט די האכנאָסע; וואָס פאר דער ארבעט אין דעם דאָזיקן קאָלווירט האָט פעלער מיט עטלעכע יאָר צוריק באקומען די העכסטע באלוינונג — א לענין־אָרדען און דעם גאָלדענעם שטערן פון א העלד פון סאָציִאליס־טישער מי. זיי זייַנען אים צוגעקומען, די באלוינונגען, צו יענע, וואָס ער האָט געהאט באקומען אפן פראָנט. גענוג א קוק צו טאָן אַף אָט די באלוינונגען, און עס ווערט קלאָר, וואָס און וויִאזוי אָט דער מענטש האָט געטאָן מילכאָמע־צייַט, וואָס און וויִאזוי ער טוט אצינד.

אָבער זען וולאדימיר איזראיִלעוויטש פעלערן מיט אלע זייַנע באלוינונגען קאָן מען בלויז אין אויסשליסלעכע פאלן. מיט קנאפע דרייַ יאָר צוריק, ווען דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט איז איבערגעגעבן געוואָרן דער לענין־אָרדען, מיט וועלכן די געגנט איז באלוינט געוואָרן, איז פעלערן צוגעטיילט געוואָרן א גרויסער קאָוועד — אין זאל, ווו די פייַערונג איז פאָרגעקומען, האָט ער ארייַנגעטראָגן די פאָן פון דער געגנט, די פאָן, צו וועלכער מע האָט צוגעפעסטיקט דעם אָרדען.

מע האָט אים געדארפט דעמלט זען! א הויכער, מיט ברייטע פלייצעס, מיט אן אופגעהוי־בענעם קאָפּ, מיט אלע אָרדענס און מעדאלן אַף דער גווורעדיקער ברוסט, האָט ער מיט א פעסטן טראָט פון א האָרעפאשניק און סאָלדאט לייַכט און פייַערלעך געטראָגן די טונקל־רויטע סאמעטענע פאָן...

אינדערוואָכן אָבער, בא דער ארבעט, וועט איר קיין שום אויסצייכענונגען אַף אים ניט זען, בלויז ווען ער פאָרט אין שטאָט אַף א פלענום אָדער א סעסיע, טוט ער אָן די איינציקע פון אלע זייַנע באלוינונגען — דעם גאָלדענעם שטערן.

טרעפן זיך מיט פעלערן איז ניט פון די לייַכטע זאכן. און ניט דערפאר, ווייַל ער מייַדט, כאָלילע, אייַך אויס, אָדער וויל זיך צוגעבן וואָג, אזעלכע שטיק („פוילע שטיק" רופט ער עס) דולדעט ער ניט. ער איז פּאָשעט איבערן קאָפּ פארנומען. ניט פון יענע אָנפירער, וואָס האָבן ליב געבן אָנווייַזונגען פון קאבינעט דורכן טעלעפאָן, מוז ער אליין זייַן אין פעלד, אין בריגאדע, אַף דער פערמע, אליץ זען מיט די אייגענע אויגן, אָנטאפן מיט דער אייגענער האנט.

ניט זעלטן טרעפט: איר קומט אין קאָלווירט־פארוואלטונג, דעם פאָרזיצערס קאבינעט איז פארמאכט.

— ווו איז וולאדימיר איזראיִלעוויטש?

— אין פראָנקינאָ.

דאָרט:

— וולאדימיר איזראיִלעוויטש? ערשט אוועקגעפאָרן אין זשאָלטי יאר.

אין זשאָלטי:

— ער האָט זיך געקליבן פאָרן אפן פטיטשניק.

איר יאָגט אים נאָך אהין, און דאָרט דערהערט איר:

— יאָ, געוועזן וולאדימיר איזראיִלעוויטש. מע האָט אים ערשט עקסטרע ארויסגערופן אין ראיקאָם פון פארטיי.

אַף מאָרגן קאָן זיך איבערכאזערן דאָס זעלבע.

מיר האָט אָפּגעגליקט. מיט עטלעכע טעג צוריק איז פאַרגעקומען א פלענום פונעם געגנטקאָם פון פארטיי. איך האָב געוווּסט, אז פעלער וועט זיכער דאָרט זייַן, און בין געקומען פריִער, קעדיי טרעפן זיך און אָפּריידן מיט אים וועגן א באגעגעניש.

דער געראמער פאָיע פונעם בירעָבידזשאנער קולטור־פאלאץ, ווו דער פלענום איז פאַרגעקומען, איז פול געווען מיט א צוגעטויבטן גערויש פון הונדערטער שטימען — מע האָט זיך דאָ באגעגנט, באגריסט, פאנאנדערגעפרעגט איינער באם אנדערן, געשמועסט. דאָ זייַנען געווען פאראנטוואָרטלעכע טוער פון בירעָבידזשאן און פון די ראיאָנען פון דער געגנט. עס האָט דאָ געהערשט א זאכלעכע און אין דער זעלבער צייַט געהויבענע, אפילע יאָמטעוודיקע שטימונג, ווי געוויינלעך אף אזעלכע פאראנטוואָרטלעכע צוזאמענטרעפן.

אין איינעם א ווינקל פון פאָיע, בא דער וואנט, האָב איך דערזען פעלערן. ער איז געשטאַנען אין א רעדל מענטשן, אויסטיילנדיק זיך צווישן זיי מיט זייַן וווּקס. איך בין צוגעגאנגען, זיך באגריסט. דאָס רעדל איז ביסלעכווייַז זיך פאנאנדערגעגאנגען.

— וולאדימיר איזראיִלעוויטש, איך האָב צו אייַך א וויכטיקן איניען.

— אשטייגער?

שטייענדיק מיט דער פלייצע צוגעטוליעט צו דער וואנט, האָט ער אף מיר אָנגעשטעלט אן עטוואָס שמייכלענדיקן בליק. איך האָב מיט כידעש באמערקט, אז די אויגן זייַנען בא דעם מענטשן ניט קיין גרויע, ווי איך האָב אלעמאָל, זינט איך קען אים, געהאלטן, נאָר אז זיי פאַרמאָגן א היפשן צומיש פון קאָרנבלימלדיקער בלויקייַט.

אָנגעשטעלט אף מיר דעם עטוואָס שמייכלענדיקן בליק, האָט פעלער געזאָגט:

— איך שטויס זיך שוין אָן, וועגן וואָס פאר אן איניען עס גייט א רייד. נאָר עפשער וואָלט מען זיך ווי־ניט־איז געקאָנט באגיין אָן דעם?

— ניין, — האָב איך געענטפערט, — אָן דעם וועט זיך עס דאָס מאָל ניט באגיין.

— וואָס איז?

— אין פלאן פון רעדאקציע איז פארשריבן: פארצייכענונגען וועגן קאנדידאטן אין דעפּוטאטן. איך דארף שרייַבן וועגן אייַך. ניט מיר, ניט אייַך וועט שוין דאָ קיינער גאָרניט העלפן.

אָן איבעריקן כיישעק אונטערגעבנדיק זיך, האָט ער א פרעג געטאָן:

— ווען?

— דאָס וויל איך פרעגן בא אייַך. איך בין גרייט אפילע הייַנט.

— הייַנט ניט. נאָכן פלענום האָב איך נאָך א באגעגעניש מיט די ווייַלער פונעם פעטראָווקער סאָווירט.

— מאָרגן?

— מאָרגן נאָך דער ארבעט איז בא מיר א באגעגעניש אף דער ניי־פאבריק.

— נאָך דער באגעגעניש?

— ניין. שמועסן דארף מען מיט א פרישן קאָפּ.

— ווען זשע?

— איבערמאָרגן, זיבן אזייגער אינדערפרי, בא מיר אין קאָלווירט־פארוואלטונג. געמאכט?

— געמאכט.

און אָט פאָר איך קיין וואלדהיים, צו פעלערן, און טראכט וועגן דעם, ווי ניט לייַכט עס וועט זייַן וועגן אים צו שרייַבן. און ניט דערפאר ווייַל איך וויים וועגן אים ווייניק, פארקערט, — ווייַל איך וויים א סאך, און ניט נאָר איך. מיר אליין איז שוין א פאָר מאָל אויסגעקומען וועגן אים צו שרייַבן. דאָס לעצטע מאָל מיט עטלעכע יאָר צוריק. אין פעלערס לעבן זייַנען דאן צונויפגעפאלן צוויי וויכטיקע געשעענישן: מע האָט אים באלוינט מיטן טיטל העלד פון סאָציִאליסטישער מי און אויסגעווײַלט אלס דעלעגאט אפן XXIII פארטיי־צוזאמענפאָר.

מיר איז שטענדיק אָנגענעם צו באגעגענען זיך מיט אָט דעם פעסט־געקנאָטענעם מענטשן. קוקנדיק אף אים, טוסטו א טראכט: אזא איינעם, וואָס קאָן ארייַנפאלן אין זייַנע הענט, איז ניטאָ וואָס מעקאַנע צו זייַן...

און דערבײַ קומט שטענדיק אפן געדאנק, אז אָט דער מענטש איז בייס דער מילכאָמע געווען א סאָלדאט, אן אויסשפירער, און האָט ניט איין פייַנטלעכע „צונג” געבראכט צו שלעפּן און ניט איין פאשיסטישן גאָרגלשנייַדער, וואָס האָט געוואָלט אייַנעמען די וועלט, געצווונגען אייַנעמען א מיסע־מעשונע...

א האָרעפּאשניק, א סאָלדאט, און ווידעראמאָל א האָרעפּאשניק — אזא איז דער לעבנס־וועג פון פעלערן. נאָך גאָר יונג אָנגעקומען אף דער ראכוועסדיקער און ווייניק באארבעטער ערד באם אמור, איז ער דאָ שוין פארבליבן, דאָ געוואקסן און זיך פארהארטעוועט. זייַנע קרעפּטיקע

הענט האָבן געלעכצט נאָך יענעם שלאָל ארבעט, וואָס דאָ איז פאָרגעשטאנען אָפּצוטאָן, און די היגע ניט באהערשטע ראכוועסן האָבן זיך ביז גאָר געניייטיקט אין אָט אזעלכע הענט. דער גליק־לעכער צוניפטרעף האָט געגעבן גוטע פּרוכט.

אינגיכן איז אפן ברעג פונעם אמור, אין ייִשעוו אמורזעט אויסגעוואקסן א קאָלווירט, וועלכן די ייִדישע איבערוואנדערער פון אוקראַיִנע האָבן אָנגערופן „רויטער אָקטיאבער". אלס זייער ערשטן פאָרזיצער האָבן זיי אויסגעוויילט אים, פעלערן, און פון דעמלט אָן איז וואָלאדימיר איזראַיִלעוויטש פעלער באוווסט געוואָרן איבער דער גאנצער, דעמלט נאָך יונגער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

די ליבע צו זײַן היים האָט אים בייס די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע געצווונגען צו ווערן א געניטער סאָלדאט.

דער „רום"־אָרדען פון אלע דרײַ שטופעס האָט ארבאָפּגעשײַנט פון פעלערס ברוסט, ווען ער האָט אין מײַ 1945 יאָר געשפאנט איבער די גאסן פונעם אײַנגענומענעם בערלין.

אין דער עקספּאָזיציע פונעם בירעבידזשאנער מוזיי „אונדזערע לאנדסלײַט — אָנטיילנע־מער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע" קאָן מען זען א פאָטאָ פונעם 1944 יאָר: בא דער פאנאנדערגעוויקלטער פאָן פון פּאָלק מיטן אופשריפט: „א טויט די דײַטשישע פארכאַ־פּערס" שטייט א בראווער סאָלדאט — א פולער קאוואלער פונעם „רום"־אָרדען פון אלע דרײַ שטופעס. דער דאָזיקער סאָלדאט איז פעלער.

און פון אנטקעגניבערדיקן סטענד מיטן אופשריפט: „די ווירטשאפטלעכע אנטוויקלונג פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט" קוקט אף פעלערן דעם סאָלדאט זייער אָן ענלעכע פאָטאָ פון א יונגן ציוויל־געקליידטן מענטשן מיט אָן אונטערשריפט: „דער ערשטער פאָרזיצער פונעם קאָלווירט „רויטער אָקטיאבער". און דאָס איז אויך פעלער.

די דאָזיקע פאָטאָגראפיעס גיבן א בוילעטע פאָרשטעלונג וועגן צוויי קאפיטלעך אין לעבן פון דעם דאָזיקן מענטשן.

דאָס דריטע קאפיטל האָט זיך אָנגעהויבן אין דעם זעלבן קאָלווירט באם אמור, וווהין פע־לער האָט זיך אומגעקערט נאָך דער מילכאָמע און ווו ער איז ווידער געוואָרן פאָרזיצער. די לעצטע יאָרן איז ער פאָרזיצער פונעם קאָלווירט „איליטשס געבאָטן".

וועגן דער גוטער ארבעט פון דעם דאָזיקן קאָלווירט, וועגן זײַנע כאָשעווע מענטשן, אזעל־כע, ווי דער פארדינסטפולער זאָאָטעכניקער פון דער רעפּובליק באסיע פּיסקון, דער העלד פון סאָציאַליסטישער מי מאריִע פּאָקאטילאָ און, פארשטייט זיך, וועגן דעם קאָלווירט־פאָרזיצער פעלער, ווערט א סאך געשריבן אין דער געגנטלעכער און קאנטישער פּרעסע. א נומער פון דער כאבאראָווסקער צײַטונג „טיכאָאָקעאנסקאיא זוועזדא" מיט אָן אויספירלעכער קאָרעספּאָנדענץ וועגן דעם קאָלווירט „איליטשס געבאָטן" איז אנומלטן ארײַנגעפאלן אין די הענט דעם מארשאל באגראמיאן, און אָט וואָס ער האָט דעמלט געשריבן דער רעדאקציע:

„אן אופריכטיקן דאנק פארן צוגעשיקטן נומער פון דער צײַטונג „טיכאָאָקעאנסקאיא זוועז־דא", פון וועלכן איך האָב זיך דערוווּסט וועגן די דערפאָלגן אין דער ארבעט פונעם געוועזענעם קריגסמאן און אונדזער שלאכט־כאווער לויטן באלטישן פראָנט פעלער וולאדימיר איזראַיִלע־וויטש. ווי עס איז צו זען פון דער צײַטונג, איז דעם כאווער פעלערס איצטיקע ארבעט ווערט זײַן רומפולע שלאכטישע פארגאנגענהײַט. איך בעט איבערגעבן דעם כאווער פעלער מײַן האר־ציקן גרוס און מײַנע ווונטשן, אים און זײַנע לאנדסלײַט, פון ווײַטערדיקע דערפאָלגן אינעם אופשטײַג פון דער קאָלעקטיווער ווירטשאפט —דעם יעסאָד פון זייער וווילזײַן.

מארשאל פון סאָוועטנפארבאנד
אי. באגראמיאן".

אין א צײַט ארום האָבן זיי זיך באגעגנט — דער סאָלדאט און דער מארשאל — אפן צוזאמענפאָר פון דער פּארטיי. XXIII

דאָס אלץ איז גוט, האָב איך געטראכט, פאָרנדיק אצינד קיין וואלדהיים. וואָס זאָל איך אָבער איצט שרײַבן וועגן פעלערן? איבערכאזערן דאָס באוווּסטע ווילט זיך ניט, מע דארף דערציילן נײַס. און איך האָב באשלאָסן מײַן געשפּרעך מיט וואָלאדימיר איזראַיִלעוויטשן פירן ארום די אקטועלע אופגאבן, וואָס שטייען בא הײַנטיקן טאָג פארן קאָלווירט, ארום די פּראָבלעמען, וואָס ער האָט צו לייזן, פּערספּעקטיוון. די קאָנקרעטע טאָגטעגלעכע ארבעט, מיט וועלכער עס זײַנען פארנומען דער קאָלווירט און זײַן אָנפירער, — דאָס איז דאָך סאָפּקאָלסאָף דער איקער.

2

אמאָל פלעגט וואַלדהיים אײַך באַגעגענען מיט א פּאָר נידעריקע הילצערנע שטיבלעך פון ביידע זײַטן גאַס. ווײַטער זײַנען ענגער איינס צום אַנדערן געשטאַנען גרעסערע שטיבער, און אין איינער פון זיי איז געווען די קאָלווירט־פאַרוואַלטונג.

אַצינד טרעפט איר גאָר אַן אַנדער בילד שוין באַם אָנהייב פונעם דאָרף. דאָס ערשטע טוט צו אײַך א פרייליכן ווונק פון רעכטס מיט ליכטיק־צעשמייכלטע וויטרינעס אַן איינשטאָקיק מויערל פון ווײַסע סיליקאַט־ציגל. אין אָט דער פריזער שאָ איז דאָס מויערל נאָך געווען פאַרשלאָסן. פון די וויטרינעס קוקן אַרויס טעלעוויזאָרס, ראַדיאָלעס, פּאָליצעס מיט קליידונג.

פון דער לינקער זײַט גאַס הויכן זיך אַריבער די ביימער צוויי אײַנגאַנצן שטאָטישע מויערן — די וואַלדהיימער שולן: די צענייאָריקע (מיט איר פּירט אָן שוין פיל יאָרן איינער פון די עלטסטע וואַלדהיימער טוישווים דער פאַרדינסטפולער לערער איסאַק אַבראַמאָוויטש פרישקאָלניק), אין דער צווייטער געבײַדע געפינט זיך די אינטערנאַט־שול, ווו עס לעבן און לערנען זיך קינדער פון די אַרומיקע דערפער.

רעכטס, באַנאַנד מיטן מאַגאַזין, האָט דאָ ניט לאַנג זיך אויפגעהויבן נאָך איין צווייישטאָקיקער מויער. אפן ערשטן שטאָק, ווי עס איז צו זען פון די שילדן, געפינען זיך א שטייגער־קאָמבינאַט, א סטאָמאַטאָלאָגישער קאַבינעט. דעם גאַנצן אייבערשטן שטאָק פאַרנעמט די קאָלווירט־פאַרוואַל־טונג. עטוואָס ווײַטער ווערן געבויט פּײַנע קאָטעדזשן פאַר די קאָלווירטניקעס.

פון א ווײַטן עק דאָרף האָט מיטאמאָל זיך דערטראָגן א צעצויגענער הענער־קריי. אין א צווייטן עק האָבן זיך אָפגערופן אַנדערע הענער. ערגעץ האָט זיך צעמרוקעט א קו.

בא די, וואָס געדענקען דאָס דאָרף פון אמאָל, רופן אָט די קלאַנגען געוויינלעך אַרויס א בילד פון א שטויביקער אָדער בלאָטיקער גאַס, פון שטרויענע דעכער... און מאָדנע איז צו הערן אָט די אייביקע קלאַנגען, שטייענדיק אף האַרטן אַספאַלט לעבן הויכע מויערן פון ווײַסע סיליקאַט־ציגל. א דאָרף?

יאָ, א נײַ דאָרף. און א נײַער מין כייַז, האָט זיך מיר געדאַכט, איז פאַראַן אינעם געמיש פונעם בערייִשעסדיקן הענער־געקריי מיט אָט דעם שטאָטישן אויסזען פון דער דאָרפישער גאַס.

די גאַס איז געלעגן א פּוסטע. די מענטשן, וואָס וווינען דאָ אַרום, זײַנען שוין פון לאַנג געווען אין פעלד, אף די פערמעס.

איך האָב דערווײַל אויפמערקזאַם געלייענט דעם אויפשריפט איבערן אַרײַנגאַנג אין דער קאָלווירט־פאַרוואַלטונג:

„פאַרן זיג אין דער סאָציאַליסטישער פאַרמעסטונג און צו באַצייכענען דעם 50־טן יאָרטאָג פונעם גרויסן אָקטיאַבער איז דער קאָלווירט „איליטשס געבאָטן" דעם 21 אָקטיאַבער 1967 יאָר באַלוינט געוואָרן מיט אַן אָנדענק־פאָן פון צק קפּסס, פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פסר, מיניסטאָרן־ראַט פון פסר און וצספּס.

די אָנדענק־פּאָן איז איבערגעלאָזט אין קאָלווירט אין אייביקן אָפּהיטן אַלס סימבאָל פון העלדנמוטיקער מי".

אַזאַ איז דאָס וויזיט־קאַרטל פונעם קאָלווירט.

די טיר פון דער פאַרוואַלטונג איז נאָך געווען פאַרשלאָסן. אינגיכן האָט אין גאַס זיך באַוויזן א מענטש. ער איז געגאַנגען צו דער קאָלווירט־פאַרוואַלטונג. ניט קיין הויכער, א פולבלעכער, אין א טונקעלן, וואָכעדיקן אָנצוג. ווען ער איז צוגעקומען נעענטער, האָב איך אים דערקענט: שימען כאַדאָס — דער הויפּט־זאָאָטעכניקער פונעם קאָלווירט. אַן אויפגעוואַקסענער אין איינער פון די אַלט־ייִדישע קאָלאָניעס אף זאַפּאָראָזשיע, האָט ער שפּעטער פאַרענדיקט א זאָאָוועטערינאַרן טעכניקום און איז אַריבערגעפאָרן אַהער, אין געגנט. שוין פיל יאָרן האַלט ער אופיזיכט אין וואַלדהיים אף די קאָלווירטישע טשערעדעס.

מיר האָבן א שמועס געטאָן. איך האָב זיך אָנגעפרעגט אף פעלערן.

— ער איז נאָך ערגעץ אין די בריגאַדעס, — האָט כאַדאָס געענטפערט. — אינגיכן וועט ער זײַן דאָ.

מיט א טראַסק איז צוגעפאָרן און האָט זיך אָפגעשטעלט בא דער קאָלווירט־פאַרוואַלטונג א מאָטאָציקל. אף אים איז געזעסן א הויכער פאַרשוין מיט א ציטערוואַטע בליק פון שמאָלע גרויע אויגן אפן ברייטן פּאָנעם.

— ניטאָ נאָך? — האָט ער א ווונק געטאָן אף דער פאַרמאַכטער טיר.

— ניטאָ, — האָט כאַדאָס געענטפערט, פאַרשטייענדיק, אַז יענער מיינט דעם פּאָרזיצער. — וואָס אַזוי פרי, סמאָלקאָ?

— כ׳דאַרף אונטערשרײַבן דעם נאַריאַד, — האָט יאָנער געענטפערט. — נו, כ׳וועל באַלד זיך אומקערן.

דער מאַטאַציקל האָט מיט א טראַסק זיך א ריס געטאָן פון אָרט און זיך געלאָזט אַרויף־גאַס. עס איז געקומען דער קאָלווירטישער בוכהאַלטער, פּאַניטש, מיט די שליסל, געעפנט די טיר. איבער ריין אויסגעוואַשענע טרעפּ האָבן מיר זיך אויפגעהויבן אַפן צווייטן שטאָק און אַרײַן צו כאַדאַסן אין קאַבינעט. ס׳האָט באַלד א קלונג געטאָן דער טעלעפאָן, און דער הויפּט־זאָאָטעכני־קער האָט עמעצן לאַנג דערקלערט, אז נאָך הײַנט, אומבאַדינגט הײַנט, מוז מען אָפּשיקן אין שטאָט, אַפן אופנאַם־פּונקט, די פינף ביקלעך, וועגן וועלכע עס איז געגאַנגען א רייד נעכטן, ווען ער, כאַדאָס, איז געווען אַף דער פערמע, און וועלכע מע האָט אין זײַן אָנוועזנהײַט צוליב דעם אָפּגעקליבן. ער האָט געוואָרנט, מע זאָל זיך ניט דערוועגן נעמען צוליב דעם קיין איינס פון די אַנדערע ביקלעך, וועלכע מע דאַרף דערווײַל צוהאַלטן, ביז זיי וועלן גענוג צוקומען אין וואָג.

אַוועקגעלייגט דאָס טרײַבל, האָט כאַדאָס א זאָג געטאָן:

— אז אַלץ איז ווייניק! מיט פיר יאָר צוריק האָבן מיר פּאַרקויפט דער מעלוכע 550 צענטנער פלייש, איז עס געווען ווייניק. פאַראיאָרן איז שוין דערגאַנגען ביז 2650 צענטנער — איר פילט דעם כילעק? — און ס׳איז נאָך אַלץ ווייניק!

געזאָגט האָט ער עס מיט זייער א האַפּערדיקן טאָן. נייִן, ער האָט זיך ניט געקליבן צו באַקלאָגן, כאַדאָס, געוואָלט באַווײַזן בלויז, ווי עס וואַקסט מיט יעדן יאָר די אויסאַרבעטונג, און ער האָט עס דאָ טאַקע באַשטעטיקט פאַר מיר מיט עטלעכע ציפערן.

— אין אָנהייב פונעם פינפיאָר, אין 1966, — האָט ער געזאָגט, — האָט די אַלגעמיינע האַכ־נאָסע פונעם קאָלווירט באַטראָפן 600 טויזנט רובל. אין 1969 יאָר האָבן מיר שוין געהאַט האַכנאָסע א מיליאָן מיט 900 טויזנט רובל. די 900 טויזנט — א קנאַפּן מיליאָן! — האָט געגעבן די פּיצוכט.

— און האיאַר, — האָט כאַדאָס מיט זיכערקײַט צוגעגעבן, — וועלן מיר פון דער פּיצוכט אַליין האָבן מער פון א מיליאָן.

— זײַט איר דאָך מיליאָנערן!

— וואָדען האָט איר געמיינט? — — כאַדאָס האָט זיך צעלאַכט. — געמיינט, אז איר האָט צו טאָן מיט אָרעמע קרויווים?

ער האָט זיך אויפגעהויבן.

— כ׳וועל א קוק טאָן, פעלער האָט שוין געמוזט קומען.

איך האָב א לענגערע ווײַלע צוגעוואַרט און, דערזען, אז כאַדאָס באַווײַזט זיך ניט, אַרויס אין קאָרידאָר, אָפּגעזוכט דעם קאַבינעט פונעם קאָלווירט־פאָרזיצער און אַרײַנגעגאַנגען. כוץ פעלערן און כאַדאָסן, איז דאָ שוין געווען א היפשער עולעם, צווישן אים אויך דער באַלעבאָס פונעם מאָטאָציקל סמאָלקאָ.

פעלער איז געזעסן באַם טיש פון אויבנאָן אַנטקעגן פענצטער. דערזען מיך, האָט ער געמאַכט א זיך אַנטשולדיקנדיקן זשעסט, ווי איינער רעדט, ס׳וועט אויסקומען צוואַרטן. איך האָב אים אויך מיט א זשעסט באַרויִקט — ס׳מאַכט ניט, מיר וועט דאָ זײַן אינטערעסאַנט.

דער קאַבינעט איז א לאַנגער, א געראַמער. בא די ווענט — מאָדערנע שטולן, מיט אַזעלכע וואָלט זיך ניט פאַרשעמט אפילע א געהויבענער גרויסשטאָטישער אַנשטאַלט.

אַרום פעלערן, פון ביידע זײַטן, זײַנען געזעסן צוויי יונגעלײַט, זייער ענלעכע צווישן זיך, כאָטש דער, וואָס פון רעכטס, איז געווען א בלאָנדער, און דער, וואָס פון לינקס, — א שוואַרצער. ביידע האָבן זיי מיר שטאַרק דערמאָנט עמעצן א דריטן. נאָר וועמען?

ווען איך בין אַרײַנגעקומען אין קאַבינעט, האָט כאַדאָס עפּעס דערקלערט די בײַוועזנדע. אָפּאָנעם, אז ווי נאָר ער איז אַרײַן אהער, האָט מען אים אַרײַנגעצויגן אין א געשפּרעך, און ער האָט ניט געקאָנט זיך אומקערן מיר זאָגן, אז פעלער איז געקומען.

ווי מיר איז אינגיכן קלאָר געוואָרן, איז די רייד געגאַנגען וועגן דער אײַנריכטונג אַף מאָלן גראָז־מעל, א זאַך זייער א נייטיקע פאַרן פי. קעדיי לאָזן די אײַנריכטונג אין גאַנג, איז געבליבן אָפּצוטאָן די עלעקטראָמאָנטיאָרישע אַרבעטן.

בייסן שמועס האָט פעלער זיך א קער געטאָן צום יונגנמאַן, וואָס איז געזעסן רעכטס פון אים:

— ווי האַלטסטו, אַראָן יעכילאָוויטש?

דערנאָך צום יונגנמאַן פון לינקס:

— און דו וואָס זאָגסט, באָריס יעכילאָוויטש?

וולאדימיר פעלער

איצט איז שוין ניט שווער געווען זיך אָנ־שטויסן — דאָס זײַנען דאָך די ברידער ראַק. זיי זײַנען ענלעך, ווי זין קאָנען ענלעך זײַן, אַף זייער טאַטן, דעם ערשטן וואָלדהיימער טראַקטאָריסט יעכיעל ראַק. ער האָט געלאָזט א גוטן פאַרבײַט. אַראָן איז דאָ דער שטעלפאַרטרעטער פונעם פאַרזיצער און באָריס — הויפּט־אינזשעניר פונעם קאָלווירט.

אין דער פראַגע, וואָס מע האָט באהאנדלט, האָבן די ברידער זיך געהאַלטן בא קעגנזעצלעכע מיינונגען.

אַראָן:

— די זאַך קאָן מען אָפּטאָן מיט די אייגענע קויכעס.

באָריס:

— מע דאַרף אײַנלאַדן ספּעציאַליסטן פון שטאָט.

און ער האָט צוגעגעבן:

— כ'האָב זיך שוין אפילע צונויפגערעדט מיט אזא בריגאַדע. זיי וועלן אָפּטאָן די זאַך גיך, און מיר וועלן פון קיין צאָרעס ניט וויסן.

— איך מיין, — האָט געזאָגט אַראָן, — אז מע קאָן זיך פאַרלאָזן אַף אונדזערע אייגענע עלעקטריקער און דערמיט פאַרשפּאָרן א גאַנצע פּויטעקע.

פעלער האָט געשוויגן, מיט גאָרניט באַוויזן, וועמען פון די ברידער ער האַלט פאַר גערעכט. נאָר בא אַראָנס לעצטע ווערטער האָט ער זיך א קער געטאָן צו אים:

— אָט־אָט, דאָס איז דער איקער.

און צו באָריסן:

— וויפל בעטן זיי?

— 600 רובל.

— 600 רובל? — האָט ער איבערגעכאַזערט. — און דו האָסט ניט געפּרווט באַרעכענען, וויפל קרויט, אַשטייגער, צו פיר קאָפּעקעס א קילאָגראַם, דאַרף פאַרקויפן דער קאָלווירט אַף צו באַקומען אָט אזא סומע?

— איך האָב געוואָלט ווי בעסער, — האָט געזאָגט באָריס.

— ניט אַלעמאָל איז טײַערער בעסער, — האָט זיך אָפּגערופן אַראָן.

— שיין וועלן מיר אויסזען, — האָט פעלער אופגעהויבן דעם טאָן, — אז מיר וועלן זיך נעמען ווארפן מיט קאָלווירטישע הונדערטערס. באָריסן פאַרשטיי איך: דער קאָלווירט איז רײַך, א מיליאָנער, — פאַרוואָס זיך ניט דערלויבן? ניין, מיליאָנערן זײַנען מיר טאַקע, נאָר די קאָלווירטישע קאָפּעקע דאַרף מען שעצן. אַראָן, און מיט די אייגענע קויכעס וויפל וועט עס קאָסטן?

— א מאָל פינף־זעקס ביליקער.

— נו, אָט...

עס איז געבליבן: אָפּטאָן די אַרבעט מיט די אייגענע קויכעס, און וואָס גיכער.

— וועסעלאָוו איז דאָ? — האָט א פרעג געטאָן פעלער.

אַף דער שוועל האָט זיך באַוויזן ניט קיין הויכער, נאָר קרעפּטיקער עלטערער מענטש אין שטיוול, מיט טיף אײַנגעגעסענעם קוילן־שטויב אין די קנייטשן פונעם טונקעלן פּאָנעם. ער האָט זיך צוגעזעצט מיט אַן אויסזען, אין וועלכן עס איז גלײַכצײַטיק געווען אי שולד, אי אזוס — „ניט אײַער אייסעק...“

פעלער האָט א ווײַלע שווײַגנדיק געקוקט אַף אים און דערנאָך א זאָג געטאָן:

— וואַסיאַ...

די אינטאָנאַציע, — ווי בא א טאַטן, וואָס האָט זיך דערוווּסט, אז דער זון האָט אָפּגעטאָן אַזוינס, וואָס עס וויל זיך גאָר ניט גלייבן, און ער דאַרף איצט פעסטשטעלן, צי איז עס ווירקלעך אזוי.

— וואסיא, דו פּרווו זיך אַפּילע ניט פאַריידן די ציין. דו פאַרשטייסט, אַז אַזוי טויג ניט? אַז אַזוי קאָן עס ווײַטער ניט זײַן?

— נו, האָב איך געגומען א קאַפּ... שוין נאָך מיטיק. איז וואָס?

פּעלער'ס פּאָנעם ווערט טונקל.

— וואסיא, ווילסטו, רוף איך באַלד ארויס איידעס. דו האָסט א גאַנצן טאָג, פון אינדערפרי, געשיקערט, און איבער דײַן שולד איז א טראַקטאָר ניט ארויס אין פעלד.

וועסעלאָוו שווײַגט.

— נו, גוט, — זעצט פּעלער פּאָר, — זיך אַליין שאַנעווסטו ניט, פּאַטערסט זיך אָוועק דאָס לעבן. אָבער פאַרוואָס פּירסטו נאָך אַראָפּ פון וועג דעם זון, דײַן אייגענעם זון? האָסט דאָך מיט אים צוזאַמען געשיקערט.

— דער זון איז ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מיר, און איך פאַר אים.

— ע, נייך, — פּעלער הייבט אויף די שטים. — פאַרן זון ביסטו שוין דאַפקע יאָ פאַראַנטוואָרטלעך! איז אָט: קלײַבסטו זיך שיקערן ווײַטער, האָסטו מער ניט וואָס צו טאָן ניט אין קאָזניע, ניט אין קאָלווירט. דו הערסט?

— איך קאָן אָוועקגיין אַפּילע הײַנט.

— וואַרף זיך ניט, וואסיא. דו הער, וואָס מע רעדט צו דיר. מיט אַזעלכע פאַרדינסטן, ווי דו האָסט אין קאָלווירט, וואַרפט מען זיך ניט. דו קאָנסט זיך פּאַטערן די פּענסיע, און דאָס גאַנצע לעבן קאָנסטו זיך פּאַטערן, אויב דו וועסט ניט פאַרשטיין, וואָס מע וויל פון דיר.

וועסעלאָוו שווײַגט.

— אָט זאָג איך דיר: אויב איך וועל דיך נאָכאַמאָל זען א שיקערן...

דער קאָלווירטישער שמיד האָט ארײַנגעכאַפּט די רעכטע גאָב. נאָר ווען ער איז אָוועקגעגאַנגען, האָט פּעלער גאָר מיט אַן אַנדער טאָן, שטיל א זאָג געטאָן:

— מע וואָלט אים, פאַרשטייט זיך, געקאָנט באַשטראָפן ווי עס באַדאַרף צו זײַן. נאָר א מענטש אַרבעט שוין אַזויפיל יאָרן אין קאָלווירט און האָט א פּאָר גאָלדענע הענט.

צום הויפּט־אינזשעניער:

— באָריס, דו נעם אים אונטער דײַן אויפזיכט, און אַזוינס זאָל זיך מער ניט איבערכאַזערן.

— אַצינד האָב איך צו דיר א פראַגע, — האָט פּעלער זיך א קער געטאָן צו סמאָלקאָ דעם מעכאַניקער. — דו ווייסט כאָטש, אַז נעכטן האָט דײַן בריגאַדע זיך געשטעלט צו דער אַרבעט מיט א שאָ שפּעטער און מיט א שאָ פריִער די אַרבעט געוואָרפן?

— עס קאָן ניט זײַן!

פּעלער שווײַגט א ווײַלע, קוקט שטרענג אָף סמאָלקאָ.

— צום באַדויערן, איז עס אַזוי. נעכטן בין איך געווען בא דיר אין בריגאַדע אי אינדערפרי, אי אין אָוונט.

סמאָלקאָ שווײַגט.

— און פאַרוואָס איז די אַרבעט אָף דער פערמע ביז איצט ניט פאַרענדיקט?

סמאָלקאָ שפּרינגט אויף:

— ניט עמעס — פאַרענדיקט. איר זײַט ניט אין קורס. אָט, באָריס יעכילאָוויטש ווייסט.

דאָס איז שוין כוצפּע — זאָגן פּעלערן, אַז ער איז ניט אין קורס. נאָר פּעלער פרעגט זיך רויִק אָן:

— ווען פאַרענדיקט?

— נעכטן.

— א, נעכטן. און איך בין דאָרט געווען אייערנעכטן. הײַנט וועל איך זײַן, א קוק טאָן. די פּלאַניאָרקע איז פאַרענדיקט. אַלע זײַנען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אָף זייערע ערטער. מיר זײַנען מיט פּעלערן אַליין אין קאַבינעט.

— אַצינד קאָנען מיר א שמועס טאָן, — האָט ער געזאָגט און א קוק געטאָן אָפן זייגער. — אָבער ניט זייער לאַנג. צו עלף דאַרף איך זײַן אין ביראָבידזשאַן — א פּלענום פון ראַיקאָם.

ער האָט פּאָשעט א זאָג געטאָן:

— איך בין הײַנט פון פיר פאַרטאָג אָף די פיס.

איך האָב זיך פאַרכידעשט:

— פון פיר?

— א לאַנגיאָריקע געוווינהײַט — קומט פיר, וואַרפט עס מיך אַראָפּ פון בעט. מע דאַרף אומעטום באַווײַזן. אָט האָט איר געהערט, כ'האָב דאָ גערעדט מיט סמאָלקאָ וועגן דער דיסציפּלין בא אים אין בריגאַדע. ס'איז ניט פון דער העלער הויט.

— וואָס איז ער פאַר א מענטש, סמאָלקאָ?

פעלער האָט אופּריכטיק, ווי עס זאָל גאָר ניט געווען, געענטפערט:

— א מײַסטער, וואָס מע דאַרף זוכן!

אָט דאָס, ווײַזט אויס, איז דער איקער, וואָס ער שעצט אין מענטשן, — זײַן מײַסטערשאַפט, זײַן ווילן און קענען אַרבעטן. אָן איבעריק וואָרט מאַכט בא אים ניט אויס.

— און ווען מאַכט איר נאַכט? — פרעג איך.

— אַמאָל צוועלף, אַמאָל איינס, ווי עס טרעפט. א זעלטענער אָוונט גייט זיך אויס אָן א זיצונג, באַראַטונג, פאַרזאַמלונג. אַהיים קומט מען שפּעט, און אין א צײַטונג דאַרף מען אויך א קוק טאָן...

— און מיטן געזונט ווי האַלט עס?

א לענגערע ווײַלע קוקט ער מיך שווײַגנדיק אָן — איך האָב, ווײַזט אויס, געטראָפן אין פּינטל.

— שוין ניט דאָס, וואָס געווען. דאָס האַרץ...

צוליבן האַרץ, ווייס איך, האָט מען אים פאַראיאָרן אַפילו אוועקגעלייגט אין שפּיטאָל, נאָר ער האָט זיך דאָרט לאַנג ניט פאַרהאַלטן, אַנטלאָפן.

איך דערמאָן אים דעם דאָזיקן פאַל.

— ס'איז אײַך דעמלט אָפּגעגאַנגען גלאַט?

ער לאַכט.

— מענטש איינער, דאָס האָט מיך געראַטעוועט! איר שטעלט זיך פאָר — ס'איז פרילינג, דער פאַרזיי — אין רעכטן ברען, און איך ליג צווישן פיר ווענט און טו גאָרניט. איך וואָלט דאָרט אומגעקומען. נאָר ס'איז שוין ניט דאָס, וואָס געווען, — זאָגט ער און נעמט אַרויס פון קעשענע א בלעכן טרײַבעלע וואַלידאָל. — אַז מע דאַרף טראָגן מיט זיך אַזא „פּאַטראָן", טויג ניט.

אַמאָל האָט ער געטראָגן אַנדערע פּאַטראָנען.

ער האָט זיך געשלאָגן אין סטאַלינגראַד. געווען דאָרט אַזא פאַל. עטלעכע טעג האָט גע־דויערט די שלאַכט פאַר איינעם א דרײַשטאָקיקן מויער. דער קאַמף איז געגאַנגען אינווייניק, אין די צימערן, קאָרידאָרן, אויף די טרעפּ. סאָפּקעלסאָף האָבן אונדזערע שלאַכטלײַט אַרויסגע־שטויסן די היטלעראָווצעס אָפּן דריטן שטאָק. ווען באביידע צדדים האָבן זיך אויסגעלאָזט די קוילן, איז דער געשלעג אַוועק „וורוקאָפּאַשנויו". פעלער טוט אָן עפן א טיר אין איינעם א צימער — פיר דײַטשן. איינעם האָט ער גלײַך אַוועקגעלייגט, דרײַ האָבן זיך א וואָרף געטאָן אויף אים. אין א פּאָר מינוט אַרום זײַנען אַרײַן נאָך עטלעכע אונדזערע שלאַכטלײַט און זעען — פעלער שטייט אַליין אין צימער.

— ווו זײַנען די פריצן?

— זיי גייען אײַך שטאַרק אָן? — זאָגט ער. — טוט א קוק אין הויף. כ'האָב זיי אַרויסגע־וואָרפן דורכן פענצטער.

טאַקע וועגן יענע צײַטן רעדט וואָלאָדימיר איזראַילעוויטש, ווען ער ענטפערט אויף דער פראַגע וועגן געזונט:

— שוין ניט דאָס, וואָס געווען אַמאָל...

פונוואַנעט זשע שטאַמט אָט דער מענטש, וואָס האָט זיך אַזוי אָנטפּלעקט אין שלאַכט און אין מי?

געבוירן איז ער אין א קליין שטעטעלע אַלגאָפּאָל אויף אוקראַינע. באַם טאַטן דעם שמיד זײַנען זיי געוואַקסן פיר זין. איינער איז אומגעקומען אָפּן פראָנט. ביזן דינען אין אַרמיי האָט פעלער שוין געאַרבעט אין אַלגאָפּאָלער קאָלווירט. געדינט האָט ער בא דער גרענעץ אָפּן ווײַטן מיזרעך און נאָכן דעמאָביליזירן זיך פאַרבליבן דאָרט, זיך באַזעצט באַם אַמור.

איך פרעג זיך נאָך אויף די עלטערן.

— דער טאַטע איז נאָך פאַר דער מילכאָמע געשטאָרבן. און די מאַמע, — דאָס דאָזיקע וואָרט ברענגט ער אַרויס מיט א מין צערטלעכקײַט. — די מאַמע לעבט מיט מיר. זי איז אַלט 89 יאָר.

מיר גייט אָן צו וויסן, ווי רופט מען זי.

— גיטל.

פעלער אַליין האָט אויך ניט קיין קליינע מישפּאָכע — דרײַ טעכטער און א זון. אַלע טעכטער און דער זון האָבן שוין כאַסענע געהאַט. אַלע לעבן זיי און אַרבעטן אין וואַלדהיים.

אַצינד איז געקומען די רעכטע צײַט, קלער איך, א שמועס צו טאָן מיקויעך די אויפגאַבן, וואָס שטייען בא הײַנטיקן טאָג פאַרן קאָלווירט, מיקויעך די פּראָבלעמען, וואָס ער האָט צו לייזן. איך שטעל איין פראַגע, א צווייטע. ער ענטפערט, און דאָ מאַך איך פאַר זיך אומגעריכט אָן

אנטדעקונג. פּעלער, אָט דער האַרטער, פּראַקטישער מענטש, וויַיזט זיך אַרויס, איז גאָר אַ טרוימער, און נאָך אַ מין!

וועגן וואָס זשע טרוימט ער?

— טווּוּ נעמען מיר איצט אַראָפּ 20 צענטנער פון אַ העקטאַר. פאַר אונדזערע מעקוימעס איז עס ניט אַזוי שלעכט, נאָר מיר דאַרפן ווייניקסטנס 25. און נאָך דאַרפן מיר זיך דערשלאָגן 250 צענטנער קאַרטאָפל, און גרינוואַרג — ביז 350 צענטנער פון אַ העקטאַר. נו, און מע דאַרף האָבן אַ גרויסע אויפעס־פאַרמע. און האַכנאָסע — כאָטש פיר מיליאָן אַ יאָר, ניט קיין צוויי.

דאָס אַלץ איז נייטיק, וויַיל... פּעלער פאַרייכערט.

— דער קאָלווירט איז שולדיק דער מעלוכע באַ צוויי מיליאָן לאַנגטערמיניקע קרעדיטן, און מיר צאָלן אויס צו פּופצן טויזנט רובל יעדן כוידעש. גיט נאָך צו די הויצאָעס אויף קאַפּיטאַלן רעמאָנט, אַנדערע נייטיקע הויצאָעס, בלייַבט ניט מיט וואָס צו צעפירן זיך די הענט. הייסט עס — שטיין אויף איין אָרט. און אויף וואָס פאַרע מיטלען וואַקסן וויַיטער? אָט דערפאַר טאַקע דאַרפן מיר פיר מיליאָן אַ יאָר. באַ פיר מיליאָן, — מאַכט פּעלער ווייַטער דעם כעזשבן, — קאָן מען פרייַ אויסצאָלן די קרעדיטן, אַ קנאַפּן מיליאָן לאָזן אין אומטיילבאַרן פאָנד, 200 טויזנט פאַרטאָן אויף קאַפּיטאַלן רעמאָנט, און עס בלייַבט נאָך היפש מיטלען אויף בויען, אויף אינטענסי־פיצירן די ווירטשאַפט. די פיצוכט איז באַ אונדז מיט די נייטיקע געבייַען און אויסשטאַטונג באַזאָרגט, קאָן מען פאַרזעצן בויען נייַע וווין־הייַזער פאַר די קאָלווירטניקעס מיט אַלע באַק־וועמלעכקייַטן, פאַרבעסערן זייער שטייגער.

טאַקע וועגן דעם טרוימט דעריקער פּעלער. ער וואָלט אָבער ניט געווען פּעלער, ער זאָל טרוימען גלאַט אין דער וועלט אַרייַן. ניין, זייַנע טרוימען זייַנען שוין פאַרשריבן אין פּלאַן, אינעם פּלאַן פונעם קומענדיקן פינפיאָר, — סייַ די געהעכערטע גערעטענישן פון טווּוּ, קאַר־טאָפל און גרינוואַרג, סייַ די אויפעס־פאַרמע. און ניט נאָר פאַרשריבן. וויַיזט זיך אַרויס, די געבייַדע פאַר דער אויפעס־פאַרמע איז שוין קימאַט פאַרטיק, זי שטייט שוין אַפילע אונטער אַ דאַך. און שטייַגן פאַר דער פאַרמע זייַנען שוין אויך באַשטעלט, כאָטש דאָס איז פּעלערן אַנגע־קומען ניט אַזוי לייַכט. אַדאַנק די דאָזיקע שטייַגן וועט מען שוין פון אָנהייב קאָנען אַרייַנפירן אויף דער פאַרמע ניט אַכט טויזנט הינער, נאָר אַלע דרייַסיק טויזנט.

— ביכלאַל איז די פאַרמע, ווען מע וועט זי אינגאַנצן פאַרענדיקן, — זאָגט פּעלער, — אויסגערעכנט אויף 70 טויזנט הינער. זיי וועלן געבן אַ יאָר ביז 15 מיליאָן אייער און 50 טאָן פלייש. די ריינע האַכנאָסע פון דער פאַרמע וועט באַטרעפן אַ קנאַפּן מיליאָן!

— דאָס וועט זייַן איינער פון די צוויי, וואָס פעלן אייַך אויס צו די פיר מיליאָן?

— יאָ. און דעם צווייטן מיליאָן וועלן געבן די געהעכערטע גערעטענישן, דאָס פיצוכט. נאָר צוליב דעם סטאַרען מיר זיך איצט אַרבעטן אַזוי, אַז דער קרענקאָסט פון אַלע פּראָדוקטן זאָל זייַן וואָס קלענער. עפּעס־וואָס האָבן מיר שוין אין דעם פּראָט דערגרייכט.

— און ווי רופט זיך אָפּ די וואַקסנדיקע האַכנאָסע אויף די פאַרדינסטן, אויפן לעבנשטייגער פון די קאָלווירטניקעס?

אָ, וועגן דעם רעדט פּעלער מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן — וועגן די וואַש־מאַשינעס, טע־לעוויזאָרס, מאָטאָציקלען, וועגן דעם מאָדערנעם מעבל, וואָס מע קאָן שוין איצט זען קימאַט אין יעדער קאָלווירטישער שטוב, וועגן דעם, ווי עס קליידט זיך די יוגנט אין דאָרף.

— איר וועט אונדזער יוגנט פון דער שטאָטישער ניט אונטערשיידן! באַ די איצטיקע פאַר־דינסטן פון די קאָלווירטניקעס, — גיט ער צו, — איז עס קיין כידעש ניט.

מע זעט, אים פאַרשאַפט אַ באַזונדער האַנאָע צו זאָגן:

— די גרינסציכטלער באַקומען באַ אונדז צו 140 רובל אַ כוידעש. אַ שאָפער פאַרדינט 150 — 160 רובל, אַ מעלקערן — 180, אַ טראַקטאָריסט — ביז 200 רובל. מע קאָן לעבן!

אין קאַבינעט איז אַרייַנגעקומען אַראָן ראַק. דערזען, אַז מיר שמועסן נאָך, האָט ער זיך געלאָזט אַוועקגיין.

— וואַרט אַ ווייַלע, — האָט פּעלער אים פאַרהאַלטן, — איך דאַרף מיט דיר אַרומריידן איינעם אַן איניען.

— איך ווייס, — האָט ראַק געענטפערט, — דאָס בין איך טאַקע אַרייַנגעקומען.

איך באַדאַנק פּעלערן, פרעג, ווען גייט אַן אויטאָבוס אין שטאָט אַרייַן.

— אויטאָבוס? — האָט פּעלער איבערגעפרעגט און אַ קער געטאָן זיך צום שטעלפאַרטרע־טער: — די מאַשין איז אָפן אָרט?

— יאָ, — האָט יענער געענטפערט.

— פיר אָפּ, ביטע, דעם כאַווער אין שטאָט. ווועסט קומען, וועלן מיר אַ שמועס טאָן.

איך דריק פּעלערס גרויסע האַנט — מיר געזעגענען זיך.

...מיר פאָרן אין א גרינגן קאָלווירטישן „גאַזיק". די יונגע דעמבלעך, וואָס זײַנען מיר פריִער געלאָפן אנטקעגן, יאָגן איצט אף צוריק. פון א זײַט כאַפּ איך א קוק אפן בלאָנדן יונגנמאַן, וואָס האַלט די האַנט אף דער באַראַנקע. א לענגלעך פּאָנעם, א לענגלעכע נאָז, די גרויע אויגן קוקן עטוואָס פון אונטערן שטערן, — ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך אף זײַן טאַטן יעכיִעל ראַק. איך דערציילֿ דעם זון, ווי זײַן פּאָטער האָט מיך אָט דאָ אמאָל געפירט אין דער קאַבינע פון א לאַסטמאַשין איבערן צעקלאַפּטן שאָסיי־וועג, ווי ער האָט געזאָגט: „אָט דער וועג? ס'איז גאָלד קעגן דעם, וואָס מיר האָבן געטראָפן אין דרײַסיקסטן יאָר"...

דער זון שמייכלט. ער דערציילט מיר:

— איבערמאָרגן דארף איך זײַן אין בלאַגאָוועשטשענסק.

— א קאָמאַנדירונג?

— איך גרייט זיך אָנקומען אין לאַנדווירטשאַפטלעכן אינסטיטוט. איך דאַרף אָפּגעבן עקזאַמענעס.

א שטיק וועג פאָרן מיר שווײַגנדיק. אַראָן זאָגט:

— איך האָב פאַרענדיקט א לאַנדווירטשאַפטלעכן טעכניקום, נאָר דאָס איז ווייניק.

דער „גאַזיק" שטעלט זיך אָפּ. מיר געזעגענען זיך. איך ווינטש אַראָנען אָפּגעבן מיט דערפאָלג די עקזאַמענעס.

און מיט פעלערן האָב איך געהאַט נאָך איינע, גאָר אַן אומגעריכטע באַגעגעניש.

אין א פּאָר טעג אַרום נאָך דעם, ווי מיר האָבן זיך געטראָפן אין קאָלווירט־פאַרוואַלטונג, האָט דער בירעבידזשאַנער ייִדישער פאָלקס־טעאַטער באַוויזן זײַן נײַע שטעלונג — „א שאָלעם־אַליכעם־אָוונט". אין דער פּראָגראַם פונעם אָוונט זײַנען געווען פאַרגעלייענטע און אינסצענירטע מאָנאָלאָגן און דער איינאַקטער „מענטשן".

בייסן אַנטראַקט, אין פאָיע, האָב איך דערזען פעלערן. א צופרידן שײַנענדיקער, איז ער געשטאַנען אין א טונקעלן אָנצוג מיטן פינקלדיקן שטערן אף דער ברוסט.

— ווי קומט איר אַהער? — האָב איך, באַגריסנדיק זיך מיט אים, געפרעגט.

— וואָס זשע, — האָט ער א שמייכל געטאָן, — נאָר איר האַלט פון שאָלעם־אַליכעמען?

— און איר האָט געפונען א פרײַען אָוונט?

— אז מע דאַרף, געפינט מען.

א פּאָר מינוט האָבן מיר געשמועסט. דערנאָך האָט פעלער זיך אַנטשולדיקט, — די פרוי האָט אף אים געוואַרט אין בופעט.

א ווײַלע האָב איך אים נאָכגעקוקט. ער איז דאָ זייער צום אָרט געווען, וולאַדימיר איזראַיִלעוויטש פעלער, אף אָט דער פאָרשטעלונג פון א ווערק, אין וועלכן שאָלעם־אַליכעם האָט אמאָל מיט אזא לײַדנשאַפטלעכן ווייגעשריי אויסגעדריקט זײַן בענקשאַפט נאָך יענע צײַטן, ווען מענטשן וועלן ווערן מענטשן...

שמועל גאָרדאָן

פון דער סעריע „שטעטלעך“:

פרײַטיק-צונאַכטס אין וואָפּניאַרקע

באַשערט מיר, אַפּאָנעם, איך זאָל הײַנט זײַן אין קריזשאָפּאָל, וואָרעם געקליבן האָב איך זיך גאָר קיין טאָמאַשפּאָל, געהאַט אַפילע גענומען מיט זיך אַ בריוול פון מײַן וואָפּניאַרקער באַל־אַכסאַניע צו זײַן טאָמאַשפּאָלער קאָרעוו, איך זאָל באַ אַ נויט האָבן דאָרט וווּ זיך אָפּצושטעלן.

איבער דעם דאָזיקן בריוול טאַקע, וואָס מײַן באַל־אַכסאַניע, יאַנקל דער קאָלווירטניק, האָט פאַר מײַן פאָרן זיך געזעצט שרײַבן, האָב איך פאַרשפּעטיקט צום אווטאָבוס, עמעס, אײַנגאַנצן אַף געציילטע דרײַ מינוט. אַף ווײַטער אָבער וועט עס שוין זײַן פאַר מיר אַ שטיקל אָנלערנונג — זיך איבעריקס ניט פאַרלאָזן אַפן שטעטלשן אוילעם, וואָס מאַכט געוויינלעך איבער די רעשימע אַף זײַן אויפן: אַ פּערטל שאָ אַרוף, אַ פּערטל שאָ אַראָפּ, אַבי ניט האָבן צו טאָן מיט די מינוטן, ס׳זאָל זײַן לײַכטער צו פאַרגעדענקען. יאַנקל, מעגלעך, האָט צוגעגעבן דאָס פּערטל שאָ, ווײַל דער טאָמאַשפּאָלער אווטאָבוס האָט ביכלאַל אַ טעווע צו פאַרשפּעטיקן. וואָס איז ער, יאַנקל, שולדיק, וואָס גראַדע הײַנט, נו טאַקע ווי בעקיוון, איז דעם טאָמאַשפּאָלער אווטאָבוס פּלוצעם אײַנגעפאַלן זיך האַלטן שטרענג באַ דער רעשימע?

אַזוי צי אַנדערש, נאָר דערווײַל שטייט מיר פאָר זיך לאַנגווײַליקן .אַף דער וואָפּניאַרקער אווטאָבוס־סטאַנציע, דאַכט מיר, מער צײַט, וויפל עס וואָלט געדויערט זיך דורכשפּאַצירן קיין טאָמאַשפּאָל צופוס. איידער זיצן און זיך לאַנגווײַליקן עטלעכע שאָ אַף דער סטאַנציע, וואָלט איך, פאַרשטייט זיך, געקענט אומקערן זיך צוריק אַף דער קוואַרטיר. איז אָבער מײַן באַל־אַכסאַניע שוין לאַנג אונטערוועגנס, — ווען ער האָט זיך געזעגנט מיט מיר, איז דאָס פערדל שוין געשטאַנען אײַנגעשפּאַנט אינעם וואָגן. און דאָס רירעוודיקע ווײַבל זײַנס זיצט אויך ניט מיט קיין פאַרלייגטע הענט. אַז דער מאַן אירער פאָרט אַוועק אין שכיינעסדיקן דאָרף נאָך סכוירע — ברענגען אַ וואָגן קאַלך פון דעם קאַריער, — פאַרבײַט זי אים אין קאָלווירטישן קלייטל אַפן מאַרק. און סטאַם זיך אומדרייען איבערן שטעטל איז דאָך זיכער ניטאָ וואָס. וואָפּניאַרקע, וואָס שעמט מיט איר וואָקזאַל, מיט איר אײַזנבאַן־קנופּ, באַשטייט סאַכאַקל פון איין גאַס, און פאַר די פּאָר טעג, וואָס איך בין הי, בין איך אַזויפיל זיך אָנגעגאַנגען מיט דער דאָזיקער גאַס, אַז איך וואָלט זיך אונטערגענומען צו זאָגן, וויפל שפּאַן האַלט זי אין דער לענג. אויסער דעם אַלעם, האָב איך דאָרט ביכלאַל איצט ניט וואָס צו טאָן. אַ פּאָשעטער כעזשבן: אויב יאַנקלען, וועלכער איז שוין קאָרעוו צו זיבעציק, קאָן מען אין די דאָזיקע באַטאָגיקע שאָען ניט טרעפן אין דער היים, איז וואָס איז דאָ שוין צו ריידן וועגן דעם יונגן אוילעם? ניט צו פאַרזינדיקן, פאַראַן נאָך אין וואָפּניאַרקע אַ יונגער אוילעם. אים האָבן פאַרהאַלטן דאָ די אײַזנבאַן־וואַרשטאַטן, און דאָס, וואָס וואָפּניאַרקע ליגט, פּונקט ווי זשמערינקע, באַם סאַמע אַרויסגאַנג פון וואָקזאַל, האָט אויך וואָס צו זאָגן. איין טראָט — און מע איז אין שטעטל. אײַ, ס׳איז הײַנט שאַבעס, אַ רו־טאָג, האַלט זיך אָבער ניט די אײַזנבאַן באַ די שאַבאָסים און זונטיקס. אַפילע דעם באַל־מענאַגן, וועלכער איז אַרומגעלאָפן נעכטן אַן אָוונט און געזוכט אַ נײַנטן מיט אַ צענטן צום

1*

ערעוושאבעסדיקן מיניען, וואָלט איך, מיסטאמע, אויך איצט ניט אָנגעטראָפן זיך אומדרייען שלינג־און־שלאנג איבערן שטעטל.

וויפל איז זיך עס אָט דער מענטש נעכטן אָנגעלאָפן! מעגלעך, אז עמעצער פונעם רעדל, וואָס איז געשטאַנען אין גאַס, וואָלט סאַפּקאָלסאָף דערבארעמט זיך אפן באַל־מענאגן, וועלכער איז געווען, זאָגט מען, א „זאפּעוואלע" אין זייַן ראַטע, ביפראַט נאָך, אז מע ווייסט: דער מענטש איז מיטן דאווענען שאבעס און יאָמטעוו פארן אָמעד מער אויסן גאָר זיך אויספּײַנען מיט דער שטימע, וואָס האָט צו זייַנע עטלעכע און פופציק יאָר זיך נאָך גאַנץ פייַן בא אים פארהיט. אָבער ווי גייט מען עס אָפּ פון רעדל, ווען מע האלט דאָרט אין רעכטן דערציילן וווּנדער איבער וועגן זעליק דעם שאָפערס און פייסי דעם קעסלהייצערס גוורע. זיי, אז זיי טוען אָן די רויטע בענדלעך פון „דרוזשיניקעס", וועט מען קיין „בעגילופנדיקע" אין גאַס שוין ניט טרעפן. דער „זאפּעוואלע", אז ער האָט דערהערט, וועגן וואָס מע רעדט דאָ, האָט ער אין דער זעלבער מינוט, דאכט זיך, שוין פארגעסן, נאָך וואָס ער איז געקומען. ער איז מאַמעש געשטאַנען אָף די שפּיץ פינגער און ניט דורכגעלאָזט קיין וואָרט.

— נו און וואָס זאָגט זיך ווייַטער אין דער „סעדרע גוורע", וואָס דו ביסט מײַוער? — האָט דער געוועזענער ראָטנער „זאפּעוואלע" זיך נאָכגעפרעגט באם דערציילער, וועלכער איז געווען אן איידעס, וויאַזוי פייסי דער קעסלהייצער האָט אנומלטן פארהאלטן א פארברעכער, אים אזוי א נעם געטאָן אין זייַנע הענט, אז יענער האָט שוין אפילע ניט געקאָנט א פּיפּס טאָן.

— שאַט, אָט גייט נאָך א גוואַרדייעץ, איסערקע. מיט דעם איז ביכלאל א סאַקאָנע זיך פארפירן. כ'האָב אליין געזען, ווי ער האָט מיט איין האַנט א הייב געטאָן א זעקל מעל, עס אונטערגעוואָרפן אינדערלופטן און צוריק עס געכאפּט, אָט ווי א פּילקע. אנו, שטאַנגיסט, קום נאָר אהער.

דער „שטאַנגיסט" איז עפּעס גאָר ניט געווען ענלעך אף אזעלכן, וואָס מיט איין האַנט הייבט ער אוף א זעקל מעל און שפּילט זיך נאָך דערצו מיט דעם, ווי מיט א פּילקע. ער איז גיכער געווען ענלעך אף א באָכערל, וואָס איז אינגאַנצן ארײַנגעטאָן אינעם לערנען.

לויט אלע כעזשבוינעס דאַרף מײַן באַל־אכסאַניע געדענקען ניט נאָר די צײַט, ווען מע פלעגט אין די פּרײַטיק־צונאַכטסן זיך פארזאמלען אָט אזוי־אָ אין גאַס און זיך איבערנעמען מיט די „פינפן", וועלכע די קינדער פלעגן קריגן אף די סעסיעס און עקזאמענעס, נאָר אויך יענע ווײַטע צײַטן, ווען מע פלעגט פרײַטיק־צונאַכטס אין די רעדלעך זיך איבערנעמען מיט דעם, וואָס נײַן־צעניאָריקע קינדער האָבן אף אויסווייניק שוין געקענט זאָגן א בלאַט געמאָרע. איך האָב דערוואָרט באַלד דערהערן דאָ פון יאַנקלען: און איצט, אז מע קלײַבט זיך צונויף, הערט מען דעריקערריידן וועגן גוורע.

איך וואָלט שווערן, אז דער יונגערמאַן מיט די אײַזנבאַנלער־צייכנס אפן טונקל־בלויען רעקל, וועמען איך האָב דערזען זיצן אין רעסטאָראַנדל פונעם וואָקזאַל בא א טומלדיק טישל, איז נעכטן אין אָוונט אויך געשטאַנען באַם רעדל און אָנגעדערציילט זיך כידושים פון זייַן זיידן דעם שנײַדער, וועלכער האָט געשעמט אין דער גאַנצער גובערניע. פּריצים, וואָס זייַנען אויסגעווען א וועלט, געהאַט צו טאָן מיט די גרעסטע פאַריזשער שנײַדער, פלעגן זיך נייען בא אים. א קאַרעטע פלעגט מען נאָך אים שיקן, אין פּאַלאַץ בא זיך אים באַזעצן. א קלײניקײַט עפּעס, סימכע דער שנײַדער! אלץ האָט ער געקענט אופּטאָן, זייַן זיידע. איין זאַך נאָר האָט ער ניט געקענט: מאכן שאבעס. אף דעם האָט אים שטענדיק אויסגעפּעלט פּאַדעם... און איצט גייט א ליאַדע שנײַדערל מאַמעש אין גאָלד. ס'איז געוואָרן אן אויסכאַפּעניש אף די אמאָליקע יידישע מעלאָכעס.

— פארוואָס זשע ביסטו ניט געגאַנגען אין די דראָכים פון דייַן זיידן, נאָר גאָר פארקערע־ווע אין דעפּאָ? — האָט אים געהאט געפרעגט דער ראָטנער „זאפּעוואלע".

— א מאָשל! עס גייט דען נאָר אינעם פארדינסט?

דער יונגערמאַן האָט מיך, אפּאַנעם, אויך גלײַך דערקענט, ווײַל כ'האָב ניט באוויזן רעכט ארומצוקוקן זיך, ווי ער איז שוין געווען לעבן מיר און מיך פארבעטן צו זייַן טישל, בא וועלכן עס זײַנען געזעסן נאָך צוויי יונגעלײַט אין ארבעטס־קאָמבינעזאָנען און געטרונקען ביר.

— אויב איך האָב ניט קיין טאָעס, — האָט דער יונגערמאַן זיך צו מיר אָנגערופן, — האָט איר זיך געקליבן הײַנט פאָרן קיין טאָמאשפּאָל.

— אפן טאָמאשפּאָלער צוקער־זאַוואָד איז פאַראַן א בוכהאַלטער קיסעל, — האָט אונטער־געכאפּט איינער פון די צוויי יונגעלײַט, — שטאַרק א געבילדעטער מאַן אָט דער קיסעל. אזוי ווי ער קען טאָמאשפּאָל, קען קיינער ניט.

— און איך, מײנסטו, קאָן װײניק דערצײלן װעגן טאָמאַשפּאָל? ס'איז גאָרניט, װאָס איך בין געװען נאָך א קינד. די דרײַ יאָר אין טאָמאַשפּאָלער געטאָ װעל איך קײנמאָל ניט פאַרגעסן. װאַפּניאַרקע מיט טאָמאַשפּאָל, — האָט דעם באַרימטן שנײַדערס אײניקל זיך געװענדט שױן צו מיר, — זײַנען, װי זאָל איך אײַך זאָגן... אונדזער שטעטל, װי איר זעט, ליגט בא דער סאַמע אײַזנבאַן און איז דערצו נאָך א קנופּ־סטאַנציע, און אז א ייִדיש שטעטל ליגט בא דער סאַמע סטאַנציע, איז װעלכע באַנדע װעט עס פאַרבײַפאָרן און ניט מאַכן קײן פּאָגראָם? ניט געװען, דערצײלט מען, אף אוקראַיִנע, אין די יאָרן פון בירגערקריג, קײן אײן באַנדע, װאָס זאָל געװען דורכלאָזן װאַפּניאַרקע. איז װי נאָר עס פלעגט זיך אָנרוקן א באַנדע, האָט מען דאָ אַלץ איבער־געלאָזט און געלאָפן קײן טאָמאַשפּאָל. דאָרט האָבן אױך ניט אױסגעפעלט קײן פּאָגראָמען, ס'איז אָבער ניט צו פאַרגלײַכן. אין טאָמאַשפּאָל איז קײן אײַזנבאַן ניטאָ... און אין דער מילכאָמע זײַנען מיר דאָרט אָפּגעװען גאַנצע דרײַ יאָר. דער, װאָס האָט פון װאַפּניאַרקע ניט באַװיזן אַרױסכאַפּן זיך, דער איז אומגעקומען.

— אײַער שטעטל האָט דאָך אױך געהערט צו טראַנסניסטריע. איז װאָס האָט מען געהאַט צו לױפן פונדאַנען?

— מע איז געלאָפן פונעם דײַטש, װאָס האָט געװעלטיקט אף דער סטאַנציע, נאָר מײנט ניט, אז די רומענער זײַנען עס געװען די גרױסע צאַדיקים, — האָט זיך אַרײַנגעמישט אינעם געשפּרעך דער דריטער, דער, װאָס האָט ביז אַהער געשװיגן, — װי איך פאַרשטײ, זײַט איר נאָך אין פּעטשאָרע ניט געװען.

— שטעלט זיך פאָר, איך בין דאָרטן גראַדע יאָ געװען און זי אפילע באַשריבן. כ'פאַרשטײ אָבער ניט, װאָס קער זיך עס אָן מיט דעם, װאָס איר דערצײלט. פּעטשאָרע געפינט זיך דאָך אפן װײַטן צאָפן.

— מיר װײסן עס. מיר זײַנען דאָך אײַזנבאַנלער. פאַראַן אָבער נאָך א פּעטשערע, א קלײן שטעטל ניט שטאַרק װײַט פונדאַנען, עס ליגט אפן טראַקט פון ראַכני קײן נעמיראָװ. דאָרט איז געװען א גרױסער לאַגער פאַר די אַרױסגעטריבענע ייִדן פון די שטעטלעך, װוּ ס'האָבן גראַדע באַלעבאַטעװעט די רומענישע אָקופּאַנטן. װאָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטאָן! װי די פליגן איז מען דאָרט געפאַלן! געצײלטע מענטשן האָבן זיך געראַטעװעט פון אָט דעם שרעקלעכן טױט־לאַגער. בא אונדז אין קריזשאָפּאָל װױנט אײנע, װאָס איז געװען אין פּעטשערער לאַגער. דװאָסיע רופט מען זי. הערט, װאָס זאָלט איר זיך שלעפּן קײן טאָמאַשפּאָל. פאָרט זיך גלײַכער דורך קײן קריזשאָפּאָל צו דװאָסיען און דערצײלט דער װעלט װעגן פּעטשערער גענעם. אָט באַלד האָט איר דעם אָדעסער צוג, און פאַר א האַלבער שאָ זײַט איר דאָרטן. שױן א שאָק מיט יאָרן, װי די װאַפּניאַרקער דעפּאָ האָט מיך אַריבערגעשלעפּט אַהער, אָבער איך האַלט זיך סײַװי פאַר א קריזשאָפּאָלער. איר װעט זען, סאַרא שטעטל עס איז. װי קומט צו דעם טאָמאַשפּאָל! און כוץ אַלעם, איז עס טאַקע א ייִדיש שטעטל, א גרױס ייִדיש שטעטל.

א באַסענע אין קריזשאָפּאָל

1. דאָס „בורזשױסקע" געסל

קריזשאָפּאָל ליגט אױך בא דער סאַמע סטאַנציע. איך בין נאָר אַרױס פונעם װאָקזאַלכל, בין איך שױן געװען אין שטעטל און האָב שױן געקאָנט זען, אז אין פאַרגלײַך מיט װאַפּניאַרקע איז עס טאַקע בעפּײַרעש א קראַך. כוץ דער הױפּט־גאַס, װאָס ציט זיך און ציט זיך, אז מע קאָן בלײַבן אָן פיס גײענדיק, זײַנען דאָ נאָך אױך אַנדערע גאַסן מיט א היפּש ביסל געסלעך. אױסער דעם, גיבן צו קריזשאָפּאָל שטאָטישקײַט די מױערן פון די ראַיאָנע אַנשטאַלטן, פון דער מיטלשול, פונעם אוניװערסאַלן מאַגאַזין, פונעם האָטעל...

אין האָטעל האָט די דעזשורנע — א הויך דאר ווײַבל — מיר געטראָגן אנטקעגן דעם מאזלטאָוו.

— מיט מאזל זאָלט איר לעבן. אָבער וואָס איז עס פּלוצעם פאר א מאזלטאָוו?

— איר זײַט דען ניט פון די מעכוטאָנים?

— פון וועלכע מעכוטאָנים?

כאפּן אַף צוריק איז שוין געוועזן שפּעטלעך. דאָס ווײַבל, וואָס האָט שוין געהאַט מיר אויסגעשטרעקט א שליסל פון א צימער, האָט באלד אופגעהאנגען דעם שליסל צוריק אַף דער וואנט און צעפירט מיט די הענט:

— ניטאָ קיין איין פרײַ אָרט. אַלע צימערן פארדונגען.

— ס׳קאָן ניט זײַן! ס׳איז דאָך הײַנט א רו־טאָג, שאבעס.

— אָט טאקע ווײַל ס׳איז שאבעס. ווען דען פּראוועט מען א כאסענע, אויב ניט שאבײַ־סענאכטס?

— און בא וועמען איז עס הײַנט א כאסענע?

— בא יוינע דעם טאָקערס מײדל, אינעם „בורזשויסקן" געסל. דער כאָסן איז פון דער פרעמד, פון דער בעסאראביע. א טעכניקער, דאכט מיר.

— אזוי טאקע הייסט עס, דאָס געסל, בורזשויסקע?

— כ׳על אײַך זאָגן דעם עמעס, כ׳ווייס טאקע אליין ניט, וויאזוי סע הייסט. עס האָט שוין איבערגעהאט ייִסרעס נעמען. גאָר אמאָל האָט עס געהייסן קאפּצאנסקע, נאָכדעם האָט מען איבערגעמאכט אַף פּראָלעטארסקע. און איצט האָט עס א צונעמעניש — „בורזשויסקע". און טאקע, דער גרעסטער נאָגיד אמאָליקע צײַטן בא אונדז האָט ניט געפּראוועט, מײן איך, אזא כאסענע, ווי סע פּראוועט הײַנט יוינע. צוויי הונדערט פארשוין פארבעטן, כוץ די אָנגעפּאָרענע. כ׳זאָל אזוי וויסן פון בייז, ווי איך ווייס, ווו וועלן מיר זיי דאָ אַלע באלייגן שלאָפן, סײַדן אין קאָרידאָר. וואָס זשע אָבער טוט מען מיט אײַך? כאפּט זיך פונדעסטוועגן אין אָוונט ארײַן. כ׳ווייס, עפּשער וועט עמעצער פון די בעסאראבער ניט קומען, צי דער צוג וועט פארשפּעטיקן. אין לעצטן פאל וועט איר אויך איבערנעכטיקן אין קאָרידאָר. אָן סאקאָנעס.

האָב איך זי באדאנקט און דערבײַ געזאָגט, אז איך ווינטש זיך, מע זאָל מיך אין אַלע שטעטלשע האָטעלן באגעגענען מיט אזעלכע בסורעס. פאררײנס שוין האָב איך זי געפרעגט, צי ווייסט זי ניט, ווו ווינט דאָ בא זיי דוואָסיע פון פּעטשערע.

— דוואָסיע די טריקאָטאזשניצע? דאָס דריטע געסל אַף רעכטס, ווו די ברויט־קראָם איז. זי קער זיך מיט אײַך עפּעס אָן? א דירע האָט זי אַף אַלע אונדזערע ליבע געזאָגט געוואָרן, און איר וועט פארשפּאָרן זיך מוטשען דאָ אין קאָרידאָר. וואָס די דוואָסיע מיט איר כאנקען זײַנען עס אויסגעשטאנען אין דעם פּעטשערער לאגער, איז ניט צו דערציילן. מיר האָבן דאָ אויך ניט געלעקט קיין האָניק. געזעסן פארשפּארט אין דער געטאָ. טאקע אינעם געסל, ווו ס׳איז הײַנט די כאסענע, איז געוועזן די געטאָ, און סע האָט געהייסן דעמלט די געטאָ־גאס. נאָר ווי שווער, ביטער און פינצטער ס׳איז אונדז דאָ ניט געוועזן, איז עס אָבער אין פארגלײַך מיטן פּעטשערער לאגער...

נאָכן געשפּרעך מיטן קריזשאָפּאָלער יונגנמאן אפּן וואָפּניארקער וואָקזאל און איצטער מיטן ווײַבל אין האָטעל האָב איך זיך שוין איבעריקס ניט געניײטיקט, מע זאָל מיך פירן, ווי מע זאָגט עס, פאר דער האנט. איך האָב שוין אזויפיל געוווּסט וועגן דעם שטעטל, אז איך וואָלט, דוכט מיר, געקאָנט אָנגײן פאר א שטיקל קריזשאָפּאָלער. א סימען: ווען איך האָב זיך געווענדט צום מאנצבל אין די פארשטויבטע שטעקשיך, מיטן האלב־גראָוון בערדל, וועלכער האָט צונויפגעקערט פארן גאנעק די אָפּגעפאלענע בלעטער פונעם ברײט־צעוואקסענעם בוים, צי קאָן מען דורכדאנען ארויס אין „בורזשויסקן" געסל, האָט ער מיך עפּעס מאָדנע לאנג באטראכט און, צוזשמורענדיק די אויגן, געפרעגט:

— קוים ווייסט איר, אז דאָס שכײנעסדיקע געסל האָט א צונעמעניש, זײַט איר דאָך מיס־טאמע געוועזן אמאָל א היגער. איז ווער זשע, זײַט מויכל, זענט איר?

פונוואנען האָט זיך עס צווישן מיר און דעם ייִדן פּלוצעם ארײַנגעשטעלט א דריטער, א מענטש אין די יאָרן, אָנגעטאָן אין א פּאָר גרויסע סאָלדאטסקע שיך און אין א האלב־גרינעם, האלב־ברוינעם רעגנמאנטל? ארײַנגערוקט מיר א הארטע שטײַפע האנט און עטוואָס אונטערגע־שפּרונגען, האָט ער מאמעש ארײַנגעזונגען: „מאזלטאָוו". פארשטײ איך שוין, אז יעדן אומבא־קאנטן נעמט מען דאָ הײַנט, זעט אויס, אָן פאר א מעכוטן.

אײַל איך זיך אים ענטפערן: „מיט מאזל זאָלט איר לעבן".

— בא אײַך דאָרט, אין דער בעסאראביע, איז, קיין אײַנהאָרע ניט, זעט מען, א גערעטעניש אַף מעכוטאָנים. מע האלט ראק אין איין פּאָרן און פּאָרן אהער. געזונטינקערהייט. — ער האָט

פארהויבן א פֿאַלע פּונעם רעגנמאַנטל און אַרויסגענומען פֿון דער הויזן־קעשענע א קעסטל שוועבעלעך. — שׂיִע, איר קאָנט מאַכן א בראָכע! — אונטערגעטראָגן צו דער קופּע בלעטער און אָנגעצונדן שוועבעלע, האָט ער א געשריי געגעבן: „אַגאָן!“ — אז מע איז זיך צונויפגעלאָפן פֿון די נאָענטע שטיבער.

— טפּו זאָל עס ווערן! — איז אָף אים אָנגעפֿלויגן א ווײַבל מיט א ניט־דערשאָבענעם מערל אין האַנט. — איך האָב דאָך געמיינט, כאָלילע, א סריפֿע.

— גאָט האָט אים געבענטשט מיט צוויי וויכאָדניִע א וואָך, זוכט ער זיך אויס אַרבעט. געפֿונען מיט וואָס זיך פֿאַרווײַלן. קיין קליגערס האָט איר ניט געקאָנט צוטראַכטן, האַ, נויעך? — האָט אים אײַנגעטיילט א כיילעק א צווייט ווײַבל, וואָס האָט ניט באַוויזן אַראָפּשלינגען דעם ביסן.

און ער, נויעך, פּונקט ווי ניט אים מיינט מען גאָר, שטייט און קוקט זיך מיטן רויך, וואָס לאָזט שוין צו זיך קיינעם ניט צו: באַשיצט זיך מיט א פֿלאַמפּײַער און מיט סנאָפּעס פֿונקען.

— אָט דאָס, זעט איר, פֿאַרשטיי איך שוין אינגאַנצן ניט, — האָט זיך ענדלעך געלאָזט הערן שׂיִע, דער באַלעבאָס פֿון דער אונטערגעצונדענער קופּע בלעטער. — וואָס קוקט איר זיך עס אַזוי מיטן רויך?

— און איר, מעכוטן, — האָט נויעך זיך געווענדט צו מיר, — איר פֿילט אויך גאָרניט?

— וואָס, אַשטייגער, דאַרף איך פֿילן?

— ניין, טאַקע אַפּאַנעמעסן, איר פֿילט ניט דעם רייעך פֿון די כאַסענע־מײַכאָלים? נו, פֿון געפֿילטע פֿיש, פֿון געהאַקטע לעבערלעך מיט גריוון, פֿון געבראָטענע קאַטשקעס...

ער האָט אַזוי לאַנג איבערגערעכנט די כאַסענע־געריכטן, אז איך האָב, דאַכט זיך, ווירקלעך אָנגעהויבן פֿילן אין דעם העלן רויך פֿון די אָנגעכאַפּטע גאָלדענע בלעטער די רייכעס פֿון באַטאַמטע מײַכאָלים. און עפּשער האָט דאָס פֿרישע האַרבסטיקע ווינטל פֿאַרשלעפּט אַהער פֿונעם שכיינעסדיקן געסל די אַלע באַטאַמטע רייכעס...

2. באַם זאַגס

איך זאָל ניט געווען האָבן לעבן זיך איצטער נויעכן, וואָלט איך אויך ניט באַדאַרפֿט זיך באַ קיינעם נאָכפֿרעגן, ווו איז דאָ דער זאַגס. אַליין די הײַזער האָבן אָנגעוויזן אַהינצו דעם וועג. קימאַט באַ א שטוב איבער א שטוב איז געשטאַנען א רעדל מענטשן און זיך איבערגעשריִען מיט די, וואָס האָבן זיך פֿאַרקליבן נעענטער צו דער גרויסער גרינער גאַס, צי זעט מען נאָך ניט גיין כאָסן־קאַלע. אַפֿילע אַלטע לײַט, וועלכע שטעלן שוין קוים איבער די פֿיס, זײַנען אויך אַרויס באַגעגענען דאָס יונגע פֿאָרפֿאָלק. ווער ס'איז געזעסן אָפּן גאַנעק, ווער אין דער אָפֿענער טיר און איטלעכן פֿאַרבײַגייענדיקן אָפּגעגעבן מאַזלטאָוו.

— און באַ אײַך אין דער בעסאַראַביע...

טאַקע מאַמעש א גליק, וואָס אַרומרײַזנדיק איבער די שטעטלעך, האָב איך ניט פֿאַרפֿעלט מאָלדאַוויע, ווײַל אָט דעם נויעכן איז אַלץ אָנגעגאַנגען, ווי ער וואָלט זיך געקליבן ניט הײַנט־מאָרגן אַהין אַריבערפֿאָרן. ער וואָלט אַזוי געשמועסט און געשמאָטן מיט פּראַגעס, ווען עס זאָל זיך ניט געווען אַרײַנמישן די לאַנגע גאַס מיט איר פֿרייליכן יאָמטעוודיקן טומל, וואָס האָט גלײַך באַטל געמאַכט אַלע וואָכעדיקע רייד. און ביכלאַל: ווי קאָן מען פֿירן צווישן זיך א געשפּרעך, אז איינער גייט פֿון פֿאָרנט, דער צווייטער פֿון הינטן און מע דאַרף נאָך דערצו די גאַנצע צײַט זיך דורכשלאָגן א וועג. ס'איז שוין באַלד ניטאָ א פֿוס ווו צו שטעלן אָפּן טראָטואַר. מיטן ברוק גייט קיינער ניט. ער איז קימאַט אינגאַנצן א פֿרײַער. אַפּאָנעם, בלויז די קלעזמאָרים מיטן פּאַטאַגראַף איז דערוווײַל דערלויבט צו באַטרעטן דעם ברוק, וועלכן מע היט אָפּ פֿאַר כאָסן־קאַלע, ווי א נאָרוואָס אָפּגעוועקסלטן דיל. די קלעזמאָרים שטייען אַנטקעגן דעם זאַגס גרייט יעדע רעגע אָנזאָגן דעם שטעטל, אז ס'איז מיט מאַזל צוגעקומען נאָך א מישפּאָכע און זאָל מען זיך מעסאַמייעך זײַן. אין נעגיִנע וועט קיין מעניִע ניט זײַן.

מער פֿון אַלעמען וואַרטן, דאַכט זיך, אָף דער בסורע די פֿויגלען, וואָס זײַנען זיך צונויפֿגעפֿלויגן פֿון די דערבײַיִקע סעדלעך און דרייען זיך אַרום די קלעזמאָרים. קענטיק, זיי זײַנען דאָ אָפֿטע געסט, די קלעזמאָרים, וואָס די פֿויגלען האַלטן זיך אוף מיט זיי אַזוי היימיש, צי עפּשער זײַנען די פֿויגלען אויך אָנגעקומען פֿון זשמערינקע און שאַרגאָראָד, פֿליִען נאָך די קלעזמאָרים איבער די שטעטלעך און טראָגן פֿאַנאַנדער מיט זייער געזאַנג דעם מאַזלטאָוו. זיצן זיי איצט אָפּן יאָמטעוודיק צוגעקליבענעם ברוק ווי שעליכים און וואַרטן...

די זון האָט אויך ניט פֿאַרשפּעטיקט, זי האָט זיך דורכגעשלאָגן א וועג דורך די וואָלקנס

און געקומען פונקט צו דער צײַט. זי שטייט און וואַרט, און דאָס מינדסטע וואָלקנדל וואָגט ניט דערנעענטערן זיך צו איר, שווימט דורך פארבײַ אָן א זײַט.

— וואָס דויערט עס דאָרט אזוי לאַנג, ווייסט ניט, זײַוול? — שרײַט נויעך אראָפּ פונעם טראָטואר צו דעם בלאָנדן יונגנמאן, וואָס טרעט ניט אָפּ פון דער פּאָזיציע, וועלכע ער האָט אויסגעקליבן מיט זײַן פאָטאָ־אפּאראט.

זײַוול רופט זיך אפילע ניט אָפּ מיט קיין בליק. ווו האָט ער צײַט זיך ארומקוקן, אז יעדע רעגע קאָן זיך עפענען די טיר פון זאגס...

— בא אײַך אין דער בעסאראביע זעט מען אויך אזויפיל יונגע מענטשן אין די שטעטלעך, הא, מעכוטן?

מיט אָט דעם קרוינען מיך פאר א מעכוטן צווינגט מיך נויעך, איך זאָל זיך די גאנצע צײַט אופירן טאקע ווי א מעכוטן, וואָס אכוץ דער כאסענע גייט אים דאָ הײַנט מער גאָרניט אָן.

אָט שטייט לעבן אונדז באם נידעריקן פארקנדל א בלאָנד ווײַבל און דערציילט איבער פאר א רעדל מענטשן די פארפאסטע ליגנס, מיט וועלכע דער סאָראָקער שוסטער כאָנע האָט זיך קוינע־שעם געוועזן אף דער וועלט, ווי הערשעלע אָסטראָפּאָליער מיט זײַנע שפּיצלעך. צוריק גערעדט, אויב נויעך האָט מיך שוין יאָ פאָרגעשטעלט דאָ פאר א בעסאראבער, וואָלט איך זיך דאָך געמעגט ארײַנמישן און זאָגן, אז מע האָט יענעם גאָר גערופן ניט כאָנע, נאָר שאָלעם כאנאכעס, און געוועזן איז שאָלעם ניט קיין שוסטער, נאָר א שנײַדער, און פארלאָפן איז זיך עס גאָר ניט אין סאָראָקע, נאָר אין ראשקעוו. דאָס איז איינס. צווייטנס, האָט שאָלעם כאנאכעס ניט פארפאסט קיין ליגנס, נאָר ווונדערלעכע פאנטאסטישע מײַסעס, און ניט דאָס בלאָנדע ווײַבל האָט אנטפּלעקט כאנאכעסן פאר דער וועלט, נאָר זײַן בען־איר יעכיעל שרײַבמאן אין אונדזער הײַנטצײַטיקן פינקעס „סאָוועטיש היימלאנד". איך וואָלט אויך געקאָנט אָנווײַזן דעם בלאָנדן ווײַבל, אז אויסער דעם, וואָס דעם ראשקעווערס מײַסעס, וועלכע זי דערציילט איבער, זײַנען היפּש איבערגעאנדערשט, פלאָנטערט זי נאָך אהין ארײַן זײַטיקע מײַסעס, וואָס זײַנען אויך גאנץ היפּש איבערגעאנדערשט, ווי, לעמאָשל, די געשיכטע מיטן וואַרשעווער ייִדן, וואָס איז אינמיטן טאשקענט אראָפּגעקראָכן פונעם אייזל און זיך געשטעלט דאווענען מינכע, בייס באם שרײַבער יאנקל יאקירן אין „דעם טאטנס און מאמעס ניגן" ווערט גאָר דערציילט וועגן א קוטנער ייִדן, וואָס איז אף זײַן לעבן ניט געוועזן אין טאשקענט און אף זײַן לעבן ניט געריטן אף קיין אייזלען; צי, לעמאָשל, די ווונדער איבער ווונדער פונעם פּאָפּוגײַ, וואָס א זשאבאָקריטשער זייגערמאכער, דער איינציקער ייִד הײַנט אין שטעטל, האָט געקויפט אין קאמענעץ אפן מארק און אים אויסגע־לערנט ייִדיש, בייס דער פּאָפּוגײַ אין אווראָם גאָנטארס ליד האָט גאָר קיין שום שײַכעס ניט מיטן זשאבאָקריטשער. איך מיש זיך אפילע ניט ארײַן דעמלט, ווען דאָס ווײַבל פאנגט אָן דער־ציילן, וויִאזוי איינער א פענסיִאָנער, וואָס פארנעמט זיך אפן אָדעסער פליאזש מיט פארשפּרייטן לאָטעריי־בילעטן, האָט אָנגעטרויט אף נעמאָנעס א ווילד־פרעמדן מענטשן א טעשל בילעטן פון צוויי הונדערט שטיק, כאָטש צו דער דאָזיקער געשיכטע, וואָס זי דערציילט איבער, האָב איך אליין שוין א שטיק שײַכעס. נאָר מיילע, זאָל זײַן ווי זי זאָגט, אז די געשיכטע איז זיך פארלאָפן אפן אָדעסער פליאזש, און ניט אין מאָסקווע, ווי עס ווערט באשריבן אין מײַן דערציילונג „א צופאל אין מעטראָ", און דאָס, וואָס פון דרײַסיק בילעטן איז בא איר געוואָרן צוויי הונדערט, איז אויך אָן סאקאָנעס.

— פייגע־לעבן, פונוואנען קומען צו אײַך אָט די אלע מײַסעס, וואָס איר דערציילט? — האָט עמעצער פונעם אוילעם זי געפרעגט. — איך בין, דאכט מיר, אויך א קריזשאָפּאָלער, האָב איך דאָך עס אויך געדארפט הערן.

— מענטש איינער, — רופט זיך אָן צו יענעם נויעך, — זאָלסט געוועזן זײַן א מאָדיסטקע און האָבן צו טאָן מיט זאקאזטשיצעס, וואָלסטו אויך געוועזן געוווסט, וואָס עס טוט זיך אף דער וועלט. ניט אזוי, פייגע־לעבן? זעט, ווער סע גייט! שאדראָווסקי.

— די קאלע איז דאָך געוועזן זײַנע א שילערן.

— קיין פינפן, דארף מען פארשטיין, האָט אירינע בא אים ניט געכאפּט.

— בא נאטאן דאווידאָוויטשן פארדינען אף מאטעמאטיק א פיר, זאָגט מײַן ייִנגל, איז אויך א גרויסע זאך.

— איר וואָלט זיך פונדעסטוועגן געמעגט אראָפּנעמען פון אים א מוסטער, כאוווער נויעך. איר ווייסט, וויפל שאדראָווסקי אונדזערער איז אלט? בא די פיר און אכציק, און ווי איר זעט, לערנט ער נאָך, און איר, ס'איז אײַך נאָר געוואָרן זעכציק, זײַט איר שוין אוועק אף פּענסיע. איך פארשטיי ביכלאל ניט, ווי נעמט עס א מענטש און פארלאָזט אזא קוראָרטנע ארבעט, ווי זיצן זיך אפן דאך און קלאפּן מיטן העמערל.

— וועגן וואָס דיסקוסירט מען עס דאָ אזוי הייס? — האָט געפרעגט נאטאן דאווידאָוויטש,

אָפּשטעלנדיק זיך לעבן אונדזער רעדל, וואָס האָט באַצײַטנס פֿאַרכאַפּט דאָס בעסטע אָרט אויפֿן טראָטואַר, פּונקט אַנטקעגן דעם זאַגס.

— ווען אײַער געוועזענער שילערן, דער קאַלע, ריידן מיר, ווען דעם נאַדן, וואָס אירינע גיט.

— נאַדן? — דער לערער האָט פֿאַרווונדערט אָנגעקוקט דעם באַכער מיט די פּולבלעכע געקרײַזלטע באַקנבאַרדן. — אירינע?

— ווייניק דרײַערס האָט זי באַ אײַך פֿאַרדינט אויף מאַטעמאַטיק?

נויעך רופֿט מיך דערווײַל אָפּ עטוואָס אין אַ זײַט.

— באַ אײַך אין דער בעסאַראַביע... — און ער טרויט מיר דערבײַ אָן, אַז נאַטאַן דאַווידאָ־וויטש שאַדראַוואָוסקי איז אַ באַרימטער, אַ פֿאַרדינסטפֿולער לערער, אַ קוואַלער פֿון אַ לעניו־אַרדען, אַכוץ מעדאַלן, און קען אַ וועלט מיט לעשויגעס.

ניט אַזוי אָפֿט באַגעגענען זיך מענטשן, וואָס לויטן אויסערלעכן אויסזען זייערן זאָל מען קאָנען זאָגן, וואָס איז זייער באַרוף. מע דאַרף זיך גאָר אַפֿילו אַזוי שטאַרק ניט אײַנקוקן אין אָט דעם ווויקסיקן מאַן מיטן גראָווען קאָפּ האָר, מיט די ווייכע וואַרעמע אויגן און לויטערן געזיכט, אַז מע זאָל אין אים דערקענען אַ לערער. עס שטראַלט מאַמעש פֿון אים אַרויס מענטשלעכע גוטסקײַט און שטרענגע ליבע. אין זײַן אָנוועזנהײַט פֿילט מען זיך דערהויבן.

דער איינציקער סימען, דאַכט זיך, אַז נאַטאַן דאַווידאָוויטש איז היפּש שוין אַרײַנגעפֿאַרן אינעם נײַנטן יאָרצענדליק, איז דער מאַנטל — צו אַ וואַרעמער פֿאַר אַזאַ לינדן האַרבסטיקן טאָג און אויך צו אַן אַלטמאָדישער. געלעגן איז ער אָבער אויף אים, דער מאַנטל, ווי אויף אַזעלכן, וואָס פֿאַרפֿעלט ניט די אינדערפֿרײַיקע גימנאַסטיק.

קאַלזמאַן דער געשפּרעך האָט זיך געפֿירט אין רוסיש, האָבן קימאַט אַלע זיך געווענדט צום לערער באַם נאָמען און פֿאָטערנאָמען, נאָר אַז מע איז אַריבער אויף יידיש, האָט מען זיך שוין געווענדט צו נאַטאַן דאַווידאָוויטשן באַם פֿאַמיליע־נאָמען: שאַדראַוואָוסקי. כאַווער שאַדראַוואָוסקי. ווײַזט אויס, ס'איז אין אַלע שטעטלעך אַזוי: ווי נאָר מע גייט אַריבער פֿון רוסיש אויף יידיש, אַזוי הערט מען באַלד אויף רופֿן איינער דעם צווייטן באַם נאָמען און פֿאָטערנאָמען. ס'איז, פֿאַר־שטייט זיך, אַ געוווינהײַט. אין יידיש איז מען פֿאַרט געווען געוווינט זיך רופֿן באַ די נעמען מיטן צוגאָב „רעב", ווי אין פּויליש, אשטייגער, „פּאַניע", צי אין ענגליש „מיסטער". דעם „רעב" האָט מען שוין לאַנג פֿאַרביטן אויף „כאַווער". מיט דער צײַט וועט מען אויך אין די שטעטלעך, פּונקט ווי אין די שטעט, זיך צוגעוווינען רופֿן איינער דעם צווייטן באַם נאָמען און פֿאָטערנאָמען, נאָר דערווײַל גייט עס נאָך צו שווערלעך.

ענדלעך האָט די קאַפּעלע קלעזמאָרים זיך דערוואָרט אויף אירס און גענומען באַווײַזן, וואָס זי קען. דער דאַרלעכער קליינוווקסיקער סענדער אינעם מאַלינאָווע בערעטל האָט אַזוי אַ דונער געטאָן מיטן שטורקאַץ אינעם פּויק, אַז ניט נאָר מע האָט ניט געהערט דאָס פּלאַצן פֿון די גלעזלעך מיטן רעשט ווײַן, וועלכע דאָס יונגע פּאָרפֿאָלק האָט, אַרויסגייענדיק פֿון זאַגס, אַ וואָרף געטאָן אויף די צעמענטענע טרעפּלעך פֿונעם גאַנעק, נאָר אַפֿילו דעם געהילך פֿון דער צעבראָכענער פֿלאַש שאַמפּאַניער, וואָס אַ הויכער שטאַלטנער באָכער, וואָס איז ווי צוויי טראָפּן ענלעך אויף דער קאַלע, האָט, אויסשרײַענדיק „הורא", אַ שלײַדער געטאָן אויפֿן ברוק. די קאַפּעלע האָט באַוויזן אַזוינס, אַז די הײַזער, האָט זיך געדאַכט, וועלן באַלד אַוועק אין אַ טאַנץ. די באָכערים און מיידלעך אויפֿן טראָטואַר קאָנען שוין ביכלאַל ניט אײַנשטיין. מע וואַרט בלויז, דאָס יונגע פּאָרפֿאָלק מיט די מעכוטאָנים זאָלן אַראָפּגיין פֿונעם גאַנעק. לאָזט ער זיי אָבער ניט, דער בלאָנדער זײַוול, וואָס האָט די גאַנצע צײַט זיי דאָ אונטערגעהיט מיטן אָנגעשטעלטן פֿאָטאָ־אַפּאַראַט. זײַוול טראָגט זיך אום הין און צוריק, ווי דער אומרו אין אַ זייגער, ער זאָל, כאָליע, גאָרניט דורכלאָזן פֿון דעם, וואָס עס קומט פֿאָר אויפֿן גאַנעק פֿון זאַגס. נאָר אַכוץ דעם האַלדזן זיך און דאָס קושן זיך מיטן יונגן פּאָרפֿאָלק און פֿון די מעכוטאָנים צווישן זיך, קומט דאָרט, אויפֿן גאַנעק, דערווײַל מער גאָרניט פֿאָר. ס'איז אַפֿילו ניט צו זען, עמעצער זאָל דאָרט אונ־טערטראָגן אַ נאָזטיכל צו די אויגן. וואָס פֿאַרא טרערן, ווען טרערן, אַז זײַוול האַלט אין איין קאָמאַנדעווען: „מייקט אַ סמייל". פֿון די האַווײַעס, וואָס די מעכוטאָנים מאַכן פֿאַרן אָביעקטיוו, איז קאָנטיק: פֿאַרטײַטשן זיי, אַז „מייקט אַ סמייל" באַטײַט „שמייכלט, ראַבויסײַ" — דאַרף מען ניט.

צי מיטן אַפּאַראַטל האָט עפּעס פּאַסירט, צי ס'איז אויסגעגאַנגען די לענטע, נאָר זײַוול איז סאָפּקאָלסאָף אָפּגעטראָטן, און דער אוילעם, וואָס איז געשטאַנען נעענטער צום גאַנעק, האָט אַראָפּגעטראָגן אויף די הענט דאָס יונגע פּאָרפֿאָלק, די מעכוטאָנים און מע איז אוועק אין אַ טאַנץ.

— מעכוטן, וואָס שטייט איר?.. — האָט נויעך מיך אַ טאַרע געטאָן. — זעט נאָר, וואָס סע טוט זיך. סאַראַ אוילעם ס'האָט זיך עס, קיין אײַנהאָרע ניט, פֿאַרזאַמלט! הײַנט יונגוואַרג, קיין אײַנהאָרע! און אַלץ ראַבאָטשי ליוד! זעט נאָר, ווי די מומע שיינדל קערט עס וועלטן.

3. די מומע שיינדל

די פרוי אין דעם לאַנגן שוואַרצן קלייד און אין דער העלער שאַל, וואָס האָט זיך קימאַט אינגאַנצן אַראָפּגעגליטשט פון איר גראָוון קאָפּ, האָט קיינעם ניט געלאָזט אײַנשטיין אױפֿן טראָטואַר. זי האָט אַלעמען פאַרבעטן צו זיך אױפֿן ברוק, שיר ניט מיט איטלעכן געטאַנצט, און וויאַזוי געטאַנצט! אין איר פאָכן מיט די הענט איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט דערמאָנט אַ פאַרוווּנדעטן פויגל, וואָס רײַסט זיך צום הימל.

די קלעזמער, זעט מען, זײַנען אויך נישקאָשעדיק צוגעשטאַנען — זיי האָבן שוין ניט געשפּילט מיט אַזאַ ברען, מיט אַזאַ פלאַם, מיט אַזאַ טײַנעג, און עפּשער האָבן זיי בעקיוון זיך געצאַמט, ראַכמאָנעס געהאַט אױף דער מומע שיינדל, וואָס האָט אַלפּי־סייכל שוין געדאַרפט פאַלן פון די פיס. אויב בלויז דאָס איז געווען דער מיין פון דער קאַפּעליע, האָט זי געהאַט אַ גרויסן טאָעס. אפילע נאָכדעם ווי די קלעזמאָרים האָבן, דערנעענטערנדיק זיך צו דער הויפּט־גאַס, געמאַכט אַ שטיקל האַפּסאָקע, האָט די מומע שיינדל זיך סײַווי ניט אָפּגעשטעלט. זי האָט נאָך ברייטער צעשפּרייט די הענט און שטאַרקער געלאָזט זיך הערן מיט אירע אויסגעשרייען צו דעם אוילעם: „קינדערלעך מײַנע! טאַנצט, קינדערלעך מײַנע!“ צײַטנווײַז האָט זיך געדוכט, אַז אין אָט דעם אַרויסשרײַען אירן האָט זי געשעפּט קויכעס בײַצוקומען אין זיך די מידקײַט.

וואָס איז זיך דאָרטן פּלוצעם אַזעלכעס פאַרלאָפן, וואָס דער אוילעם איז געבליבן שטיין און פון אַלע זײַטן גענומען פאָכן צו די קלעזמער, וועלכע האָבן זיך שוין געהאַט ווידער גענומען צו די קיילים, זיי זאָלן זײַן שטיל? די מומע שיינדל וויל עפּעס זאָגן דעם יונגן פאָרפאָלק? דערווײַל אָבער הערט מען נאָך אַלץ: „קינדערלעך מײַנע, טאַנצט, קינדערלעך מײַנע!“ זי האָט דאָך פריִער אויך אַזוי אויסגעשריִען, איז וואָס איז דאָרט אַזעלכעס געשען, וואָס די פרויען האָבן זיך עס מיטאַמאָל אָפּגערופן מיט אַ שטיל געוויין און באַיאָרטע מאַנצבלען האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און בישטיקע געווישט זיך די פאַרלאָפּענע אויגן? זי האָט דאָך אפילע גאָרנישט אַרויסגעוויזן אַזוינס, וואָס זאָל מיט עפּעס דערמאָנען, אַז אױף אַ כאַסענע באַגייט מען זיך ניט אָן טרערן. און ביכלאַל, וואָס איז עס פאַר אַ באַווייניען אַ קאַלע נאָכן פאַרשרײַבן זיך, און נאָך ווו, אינמיטן דער גאַס? אויב שוין יאָ, איז באַם שפּילן אַ באַזעצנס... און ווידער: נויעך איז דאָך ניט קיין מעכוטן ניט פון כאָסנס צאַד, ניט פון קאַלעס צאַד. וואָס זשע פינטלט ער אַזוי אָפט מיט די אויגן?

— דער זאַגס זאָל זיך געווען אַריבערקלײַבן פונדאַנען אױף אַן אַנדער גאַס, וואָלט די מומע שיינדל סײַווי געווען פאַרקערעוועט דעם אוילעם אַהערצו און דאָ אויסגעטאַנצט פאַר אַלעמען איר כאַסענע־טאַנץ.

ער האָט זיך צו קיינעם ניט געווענדט, נויעך. ער האָט עס געזאָגט צו זיך אַליין. און דעם כעזשבן, וואָס ער האָט געמאַכט, — וויפל כאַסאַנים און קאַלעס האָבן געקאָנט זײַן צווישן די זעקס און פופציק טויזנט אומגעבראַכטע ייִדן, וועלכע מע האָט דורכגעטריבן דורך דער דאָזיקער גאַס פון די נאָענטע און ווײַטע שטעטלעך, — האָט ער אויך געמאַכט פאַר זיך, אין דער שטיל, ווי מוירע האָבנדיק פאַרשטערן מיט דעם די סימכע. שאַדראָווסקי אָבער, וועלכער איז געשטאַנען לעבן נויעכן, האָט, קענטיק, קיין וואָרט זײַנס ניט דורכגעלאָזט, וואָרעם ער האָט אים גלײַך אָנגעוויזן, אַז דער כעזשבן, וואָס ער מאַכט, איז ווײַט ניט קיין פולער.

— איר וואַרפט דאָך אַראָפּ פונעם שרעקלעכן כעזשבן די, וועלכע האָבן ערשט געדאַרפט געבוירן ווערן פון יענע יונגע פאָרלעך און וועלכע וואָלטן שוין איצט אַליין געקאָנט זײַן טאַטע־מאַמעס. די מומע שיינדל טאַנצט דאָך אויס איר כאַסענע־טאַנץ ניט נאָר פאַר אירע אומגעקומענע קינדער, נאָר אויך פאַר אירע ניט געבוירענע אייניקלעך, וועלכע וואָלטן שוין הײַנט געווען כאַסאַנים און קאַלעס און זי וואָלט זיי באַגלייט אין זאַגס...

— די מומע שיינדל איז דען ניט קיין מעכוטענעסטע? — האָב איך שטיל געפרעגט בא פייגען דער מאָדיסטקע, נויעך זאָל ניט הערן, ווײַל טאַקע: ווי ווייסט עס ניט „אַ מעכוטן“, ווער די מומע שיינדל איז און וואָס פאַר אַ שײַכעס האָט זי צו דער הײַנטיקער כאַסענע?

פייגע ענטפערט מיר אָבער הויך אױף אַ קאָל:

— די מומע שיינדל? זי איז די ערשטע און געהויבנסטע מעכוטענעסטע אױף אַלע אונדזערע כאַסענעס. ווו נעמט זיך עס צו אַ מענטשן אַזאַ קויעך?! זי וועט זיך שוין ניט אָפּשטעלן, ביז זי וועט ניט אויסטאַנצן דעם כאַסענע־טאַנץ פאַר אַלע אומגעבראַכטע קאַלעס, וועלכע מע האָט דורכגעטריבן דורך אָט דער גאַס. איך האָב דעמלט אויך געוווינט אױף דער דאָזיקער גאַס און געדאַרפט צוזען דעם גרויסן אומגליק. די באָבע מײַנע אַלעהאַשאָלעם האָט ניט אויסגעהאַלטן. זי איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב און זיך גענומען בעטן בא די מערדער, מע זאָל זי נעמען אָנשטאָט דעם אייפּעלע, וואָס איינע אַ פרוי, וועלכע איז שוין געפאַלן פון די פיס, האָט געטראָגן אױף די

הענט. „וואָס איז אײַך די נאַפקעמינע, — איז די באָבע מײַנע זיי נאָכגעלאָפן, — איך בין דען ניט די זעלבע ייִדישקע, וואָס דאָס אייפעלע?" ס'האָט איר אָבער גאָרניט געהאָלפן. אפילו א שטיקל ברויט ארויסטראָגן די הונגעריקע און פארשמאכטע קינדער האָבן די ראָצכים ניט געלאָזט. גיי טו עפּעס, אז מע שטעלט אָן אָף דיר אַן אווטאָמאט.

— כאָטש פּלעט מיר דעם קאָפּ, הייב איך ניט אָן צו פארשטיין, מיט וואָס, אשטייגער, האָבן עס זשאבאָקריטש, טולטשין און אנדערע שטעט און שטעטלעך זיך מער פארזינדיקט פון אונדזער קריזשאָפּאָל, וואָס אָף זיי איז געפאלן דער שרעקלעכער גזאר. דאָרט האָבן דאָך פונקט, ווי דאָ, אויך באַלעבאָטעוועט אנטאָנעסקוס לײַט.

— וואָס איז די נאַפקעמינע. אוי, וואָס מיר האָבן זיך פון זיי אָנגעליטן!

— איר זינדיקט, פייגע, איר זינדיקט.

— כאַליילע, איך זאָג דען עפּעס. אוודע האָט אונדז אָפּגעגליקט, וואָס מיר האָבן ניט געהאַט אָף זיך די דײַטשן. אָבער גייען זוכן זכוס־אָוועס, ווערן אנטאָנעסקעס א מייליך־יוישער... די בעסאראבער ייִדן האָבן אויך געהאַט איבער זיך די רומענער. הערט זשע אָבער, וואָס די אָנגע־פּאָרענע בעסאראבער מעכוטאָנים דערציילן זיך עס אָן וועגן די שכיטעס. פּאַשיסטן בלײַבן פּאַשיסטן, ווער זיי זאָלן ניט זײַן. שטייט. איר זײַט דאָך אויך, ווי איך האָב געהערט, א בעסא־ראבער, — האָט דאָס ווײַבל זיך אָנגערופן צו מיר.

נאָר דאָ האָט זיך דערהערט א הילכיקע מיידלשע שטים, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אז די מומע שיינדל פירט שוין כאָסן־קאַלע פונעם דענקמאָל.

פונעם דענקמאָל? איז אָט פאַרוואָס דער אוילעם איז, צוקומענדיק צו דער הויפּט־גאַס, געבליבן פּלוצעם שטיין און ניט געלאָזט, אז די קלעזמאָרים זאָלן זיך צורירן צו די קיילים: די מומע שיינדל האָט אוועקגעפירט כאָסן־קאַלע אינעם דערבײַיִקן סקווער צום דענקמאָל דעם רויטאַרמייער, זיי זאָלן בײַזײַן, ווען זי, די איינציק לעבנגעבליבענע פון די זעקס און פופציק טויזנט ייִדן, וואָס מע האָט דורכגעטריבן דורך דער גאַס, ווו דער זאַגס איז, וועט באַם אייביקן פײַער מאַזקיר־נעשאָמעס זײַן. קענטיק, מע איז זיך דאָ נויהעג — אין טאָג פון א כאַסענע אָפּ־ריכטן א מינוט פון שטילשווײַגן אָף אָט דער לאַנגער גרינער גאַס...

נאָר קוים זײַנען מיר ארויף אָף דער הויפּט־גאַס און כעוורע קלעזמאָרים האָבן זיך א נעם געטאָן צו דער ארבעט, איז די מומע שיינדל ווידער אוועק אין א טאַנץ, שיר ניט אומוואַרפנדיק דערבײַ די טאַבורעטקעס מיט די שיסלען וואַסער און ווייצענע לאַבנס ברויט, וועלכע די ניט־ייִדישע שכיינים האָבן לעקאָוועד כאָסן־קאַלע ארויסגעשטעלט באַ די הײַזער.

אינעם צוגעראַמטן געסל מיטן גרויסן ברעזענטענעם געצעלט אין דער מיט, ווו מע האָט געגרייט די טישן צו דער כופּע־וועטשערע, האָט געקערט וועלטן שוין ניט אַזוי די מומע שיינדל, ווי די באָבע גיטל. זי איז ארויס פונעם געצעלט מיט א הויכן לעקעך אָף א זילבערנעם טאַץ און נאָך פונדערווײַטנס באַשטעלט באַ די קלעזמאָרים דעם פריילעכסטן ניגן, וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך. הינטער איר איז מיט דריבנע טריט נאָכגעלאָפן א הויכער אַלטיטשקער, וועלכן צוויי יונגעלײַט האָבן געפירט אונטער די הענט און אָנגעקוואָלן פון אים, ווי מע קוועלט אָן פון א קינד, וואָס שטעלט די ערשטע טריט. אין דעם ווּוקסיקן דאַרלעכן אַלטן מאַן מיטן פאַרפלאָמטן ריין־אויסגעגאָלטן געזיכט, מיטן עטוואָס אָפענעם שמייכלענדיקן מויל און פאַר־כידעשטע ליכטיקע אויגן איז ווירקלעך געווען עפּעס קינדערשס.

— ווי ער שײַנט עס הײַנט, רעב מיילעך, קיין אײַנהאָרע זאָל אים ניט זײַן.

— אז מע איז זוכע, נאָך אַזא מילכאָמע, נאָך אַזויפיל פּײַן און ליידן דערלעבן אויסגעבן אַן אורייניקל, דאַרף מען דאָך טאַקע טאַנצן אין די גאַסן. טאַנצט, רעב מיילעך! טאַנצט, זיידעניו!

דער זיידעניו וואָלט אוועק אין א טאַנץ, ער האָט שוין אפילו פאַנאַנדערגעשפּיליעט דאָס רעקל, האָבן זיך אָבער צו אים א לאָז געטאָן דאָס אורייניקל אירינע מיט איר באַשערטן גרישען, און געגנומען האַלדזן און קושן דעם זיידן, ווי זיי וואָלטן זיך מיט אים ווער ווייסט ווי לאַנג ניט געזען. זיי האָבן נאָך ניט באַוויזן אָפּצוגייען פונעם זיידן, ווי עמעצער פון די מעכוטאָנים האָט אים שוין געהאַט ארומגעכאַפּט, און אַזוי איז דער שווײַגעוודיקער און שמייכלענדיקער מיילעך אריבערגעגאַנגען פון איינעם צום אַנדערן.

ווער ווייסט, וויפל ס'וואָלט זיך אַזוי געצויגן, עס זאָל ניט געווען אָנפליען זײַוול דער פאָטאָגראַף, וועמען ס'האָט איצט צוגעהאָלפן זײַן געהילף — א באַיאָרטער מענטש אין ברילן, אין א זשיליעטקע, פון וועלכער ער איז ארויסגעוואַקסן, ווי צו זען, מיט א היפּש ביסל יאָרן צוריק. די זשיליעטקע, וואָס האָט אים אײַנגעקרעמפּעוועט ווי א שטײַף־פאַרשנורעוועטער קאָר־סעט, האָט אים צוגעגעבן ייִנגלשע פאַרשײַטקײַט.

— איך הייב ניט אָן פאַרשטיין, וואָס האָט אַזא יונגערמאַן, ווי זײַוול, זיך צו אייסעקן מיט פאָטאָגראַפיע. ער האָט זיך ניט געקאָנט צוקלײַבן קיין פאַסיקערע מעלאָכע? ער גלײַכט זיך צו

זײַן געהילף, צו כאצקלען? כאצקל איז דאָך אָבער קיינמאָל ניט געווען קיין מאטראָס און האָט מיט די הוילע הענט קיין פּאָדקאָוועס ניט געבויגן. אזא יונגערמאַן, ווי זײַוול, וואָלט, לעכאָלהאָ־פּאָכעס, געדאַרפט שטיין אין די מעכאַנישע ווארשטאטן, צי אין לעסכאָז, אָדער אפן עלעוואטאָר אין קוזניע. וואָס, ניט אזוי? אָט וועל איך אָף ציקאָווערסט באַלד א פרעג טאָן רעב מײַלעכן... זעט נאָר, ווי די קאַץ האָט זיך עס פארקליבן אפן פארקנדל באַם סאַמע ברונעם, אַקוראַט ווי אין שולאַמיס, וואָס מע פלעגט אמאָליקע יאָרן שפּילן אין טעאַטער. ניין, איך מוז עס אָף ציקאָ־ווערסט פרעגן רעב מײַלעכן.

— טאַקע די מינוט מוזט איר עס וויסן? קיין אנדער צײַט אָף צו פרעגן עס בא אים האָט איר שוין ניט געפונען? — האָט די מאָדיסטקע אָפּגעשטעלט נויעכן. — איר זאָגט מיר בעסער, וויפל אַן ערעך, קלערט איר, קאָן ער עס, קיין אײַנהאָרע ניט, אַלט זײַן?

— רעב מײַלעך? וואָס עפּעס אַן ערעך, אז איך קאָן אײַך זאָגן פּינקטלעך. רעב מײַלעך, לויט מײַן כעזשבן, דאַרף שוין זײַן קאָרעוו צו די נײַנציק, אויב ניט מיט א סמיק. פון שוסטערײַ אליין, פארשטייט זיך, וואָלט ער בא אזא עלטער ניט אויסגעזען אזוי יונג. דאָס איז קיבעד־אָוו אליין. בא אזא קיבעד־אָוו, ווי ער האָט, וועט ער צו הונדערט און צוואַנציק יאָר, מירצעשעם, נאָך אויך האָבן רויטינקע בעקלעך. זעט נאָר, זעט נאָר, וואָס ער אַרבעט עס אויס מיט זײַן הארמאַטל, דער זײַוול. ער זאָל געווען האָבן מיט זיך דאָס דאָזיקע פּאָטאָ־אַפּאַראַטל, בייס ער איז געווען א דײַטש... מע דאַרף דאָך עס קאָנען, נעמען און אָנגעבן זיך די דײַטשן פאַר א דײַטש! שאַדראַוואָסקי, וואָס איז געשטאַנען צווישן אוילעם און אָנגעקוואָלן פונעם זיידן מײַלעכן, דער באָבע גיטלען און דער מומע שיינדלען, וועלכע גיבן זיך ניט אונטער, פּונקט ווי ער, נאַטאַן דאַווידאָוויטש, דער עלטער, איז צוגעגאַנגען צו נויעכן:

— און פאַר וועמען האָט ער זיך געזאָלט אויסגעבן, זײַוול, ווען ער איז א שווער־פאַרוווּנ־דעטער אַרײַנגעפאַלן צו די דײַטשן אין געפאַנגענשאַפט און זיי האָבן שוין געהאַלטן באַם אַרײַנשלײַדערן אים אין גרוב צו די דערהאַרגעטע מאַטראָסן? פאַר א ייִדן? פאַרן קאָמסאָרג פון דער דערטרונקענער דעסאַנטנער שיף? ס'האָט אים צוגעשפּילט, וואָס ער איז א בלאָנדער און, ווײַזט אויס, זיך באַצויגן אין שול צום לימעד פון דײַטש, ווי צו מאַטעמאַטיק, געהאַט מיסטאַמע אָף דײַטש א פינף. באַשרײַבן דאָס, וואָס זײַוול האָט דורכגעמאַכט אָף דער מילכאָמע, דאַרף מען דערצו האָבן א האָמערן.

— און דאָס, וואָס מיר האָבן דאָ דורכגעמאַכט, איז צו באַשרײַבן? — האָט זיך אָפּגערופן א ייִד מיט א שטילער הייזעריקלעכער שטים און אומעטיקע אויגן. — קימאַט דרײַ יאָר זײַנען מיר דאָך אָפּגעלעגן אונטערן כאַלעף. עס זאָל, כאָלילע, בא סטאַלינגראַד זיך געווען אַנדערש געבן א דריי אויס, וואָלט דער קעלעוו־שעביקלאָווים אייכמאַן, ייִמאַך שמוי וועזיכרוי, זיך ניט געווען אָנגעזעצט אָף די רומענער, זיי זאָלן בא זיך אויך בוידעק זײַן די ייִדן, ווי אין אַלע אָקופּירטע שטעט און שטעטלעך, וואָס די היטלעראָווצעס האָבן פאַרכאַפּט? אָבער אז אונדזערע האָבן דערלאַנגט דעם דײַטש אזא קלאַפּ, האָבן די רומענער זיך פארטראַכט, ווו האַלט מען אין דער וועלט. אין זכוס פון דעם זײַנען מיר דאָך געבליבן לעבן. אָבער אויסגעשטאַנען זײַנען מיר דאָ די דרײַ יאָר, אז ס'איז טאַקע, ווי איר זאָגט, כאָווער שאַדראַוואָסקי, ניט צו באַשרײַבן.

— מע דאַרף עס אָבער באַשרײַבן. קיין זאַך טאָר ניט פארגעסן ווערן. ווען איך בין א ביסל ייִנגער און האָב צײַט, וואָלט איך אומגעפאָרן פון שטעטל צו שטעטל און פאַרשריבן אָף א מאַגניטאָפאָן אַלץ, וואָס איטלעכער האָט צו דערציילן וועגן דער מילכאָמע, און זאָלן אונדזערע אייניקלעך און אורייניקלעך זיך עס דערמאָנען אין פריידן. קיין זאַך טאָר ניט פאַרגעסן ווערן. ווי טאָר מען עס גאָר לאָזן פאַרגעסן די אָדיסייע פון אונדזער קריזשאָפּאָלער זײַוולען. דאָס אַרויסזעצן זיך מיט א דעסאַנטנער שיף דעם סוינע אין הינטערלאַנד און זיך שלאָגן ביזן לעצטן איז אליין פאַר זיך שוין אַן אָדיסייע, און אז אזעלכע העלדישע יונגען, ווי דעסאַנטניקעס, קלײַבן אויס זײַוולען פאַר זייער קאָמסאָרג, האָט עס אויך וואָס צו זאָגן. הײַנט דאָס אַרויסגעבן זיך פאַר א דײַטש און אָפּזײַן אין פאַשיסטישן דײַטשלאַנד קימאַט צוויי יאָר! דער טויט איז דאָך דאָרט קיין רעגע פון אים ניט אָפּגעטראָטן. אפילע אין שלאָף האָט ער אים אונטערגעהיט, און אז א קריזשאָפּאָלער ייִדישן באָכער, וואָס האָט זיך דערצו נאָך געלערנט אין א ייִדישער שול, כאָלעמט זיך עפּעס, איז שרײַט ער, פארשטייט זיך, פון שלאָף ניט אָף דײַטש! האָט ער זיך סאָפּקאָלסאָף טאַקע אַרײַנגעפּאַקט. נו, און די געשיכטע, וויִאזוי זײַוול האָט זיך פונעם גענעם אַרויסגעריסן, זיך דערקליבן צו אונדזערע פּאָזיציעס און ווידער אוועק אין שלאַכט, איז ניט קיין אָדיסייע? ער איז דאָך אָף דורך און דורך א דורכגעלעכערטער, א ווונד אָף א ווונד. פאַרלאַנגט איר, ער זאָל זיך שטעלן אין קוזניע פאַר א שמיד?

— דאָס שפּאַסט ער, נויעך, איר קענט אים ניט?

— וואָס עפּעס שפּאַס איך? אָט גיט אים, זײַוולען, אָף ציקאָווערסט א פּאָדקאָווע, וועט איר

זען, וואָס ער וועט פון איר מאכן. ער איז דאָך א גיבער. ניין, כאוועך שאדאראָווסקי, פאר אזא יונגנמאן, ווי זײַוול, איז פאָטאָגראפיע קיין מעלאָכע ניט. אדעראבע, לאָמיר הערן, וואָס וועט דערויף זאָגן רעב מײלעך. זיידע!..

4. ניטאָ ווו צו פאַרדינען א מיצווע

ביז וואָס ווען, ביז נויעך וועט זיך דערשלאָגן צום זיידן, וועלכן די זין און טעכטער, די אייניקלעך און אורייניקלעך האָבן אריַינגענומען אין א קרייַז, און ביז נויעך וועט באקומען א טשוווע אף דער שיַלע, וואָס ער האָט צו שטעלן רעב מײלעכן, האָב איך דערוויַיל באוויזן זיך ניסגאלע זיַין פאר שאדאראָווסקין, אים זאָגן, אז איך בין ניט דער, פאר וועמען דער בלעכער האָט מיך דאָ היַינט פאָרגעשטעלט. דערביַי האָב איך זיך שוין צו אים געווענדט מיט א באקאָשע: אזויווי די כאסענע, אף וועלכער ער איז, פארשטייט זיך, זיכער פארבעטן, וועט זיך אָנהייבן, האָב איך געהערט זאָגן, ניט פריִער ווי אין א פאָר שאָ ארום, איז עפשער וואָלט ער געווען אף אזויפיל גוט און מיך דערוויַיל באקענט מיטן שטעטל, איך זאָל דערנאָך קאָנען וועגן דעם געגנוי דערציילן די לייענער. איך מיין, אז איך דארף ניט דערקלערן נאטאן דאווידאָוויטשן, וויִאזוי אונדזערע לייענער גארן צו וויסן, ווי עס זעט אויס און וואָס שטעלט מיט זיך פאָר א היַינטציַיטיק שטעטל, ביפראט נאָך אזא, ווי קריזשאָפאָל, וואָס געהערט צו די, וועגן וועלכע דער זשמערינקער שניַידער שיִע בערנזאָן, וועמען עס פעלט אויס עפעס א קלייניקיַיט אף מעקיַיעם צו זיַין דעם ווונטש — דערלעבן ביז הונדערט צוואנציק יאָר, האָט אנומלטן געזאָגט: „אין די דאָזיקע שטעטלעך דארף מען דריַי מאָל א טאָג בענטשן גוימל און טאָג ווי נאכט לויבן און רימען די רויטע ארמיי, וואָס האָט אָפגעווענדט פון אונדז דעם כאלעף“.

— איַיער זשמערינקער שיִע איז אוואדע גערעכט, — האָט זיך אָנגערופן נאטאן דאווידאָוויטש, — ווען מיר האָבן זיך ארויסגעקליבן פונעם טומלדיקן געסל אף דער שטילער הויפט־גאס. — ווען ניט די קלעפ, וואָס דער סוינע האָט געכאפט הינטער מאָסקווע און סטאלינגראד, וואָלטן די טראנסניסטריער שטעטלעך ניט אָפגעקומען בלויז מיט געטאָ, מיט קלעפ און קאָנטריבוציע...

שאדאראָווסקי איז געבליבן פלוצעם שטיין, ווי בא א שיידוועג, און ארויסגעוואָרט עטלעכע רעגעס. ער איז אָבער ניט געווען ענלעך אף א מענטשן, וואָס ווייסט ניט, מיט וועלכן וועג זאָל ער זיך לאָזן. די דאָזיקע עטלעכע רעגעס זיַינען אים, אפאָנעם, געווען נייטיק, ווי שטענדיק פארן אריַינגיין אין קלאַס אפן לימעד, צו באזיַיטיקן זיך פון אלץ, וואָס קאָן אין דער מינדסטער מאָס מיט עפעס פארמינערן אין די אויגן פון זיַינע שילער דעם הויכן טיטל זיַינעם, וועלכן ער טראָגט שוין אָט זעכציק יאָר, דעם טיטל לערער. און אז צווישן די באיאָרטע מענטשן אין גאס זיַינען אויך געווען זיַינע געוועזענע שילער און שילערנס, וואָס האָבן ביז איצט נאָך געקוקט אף נאטאן דאווידאָוויטשן ווי אף זייערן א לערער, איז געווען צו זען פונעם „גוט־העלף“, וואָס זיי האָבן אים געטראָגן אנטקעגן, און פון די בליקן, וואָס זיי האָבן אים געשענקט. אף מיר האָט נאטאן דאווידאָוויטש געקוקט פון אונטער די געדיכטע ארעפגעהאנגענע ברעמען, ווי אף א טאלמיד, וועלכן מע דארף קומען צוהילף באם פאנאנדערקליַיבן זיך אין א שווערער אופגאבע.

— ווי איך פארשטיי, — האָט ער, פארקערעווענדיק ארוף־גאס, געזאָגט, — דערוואָרט איר פון מיר, איך זאָל איַיך באקאנען ניט אזוי מיט דעם, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אונדזער שטעטל פריִער, נאָר וואָס שטעלט מיט זיך פאָר קריזשאָפאָל היַינט. בין איך איַיך גרייט דינען. ביטע, פרעגט, און איך וועל ענטפערן. איך סאָפעק אָבער, צי נאָכדעם, ווי איר האָט געהאט לעבן זיך אזעלכע צוויי באגלייטער, ווי נויעך דעם בלעכער און פייגע די מאָדיסטקע, זאָלן בא איַיך נאָך קאָנען זיַין פראגעס.

נאָך אזא האקדאָמע האָב איך טאקע בעפיירעש ניט געוווּסט פון וואָס אָנצוהייבן.

שאדאראָווסקי האָט מיך ניט אונטערגעטריבן. ער האָט געדולדיק געוואָרט אף מיַינע פראגעס, ווי געדולדיק עס וואַרט א דערפארענער לערער אפן ענטפער פון א שילער, וואָס האָט זיך ניט געהעריק צוגעגרייט צום לימעד. דאכט מיר, ער האָט זיך אָנגעשטויסן, וואָס האָט מיך אזוי אריַינגעבראכט אין פארלעגנהיַיט, וואָרעם די ערשטע פראגע, וועלכע ער האָט, אפאָנעם, דערוואַרט פון מיר הערן, האָט ער מיר אליין אונטערגעזאָגט. ענטפערן אָבער אף איר אינגאנצן האָט ער ניט באוויזן. עס האָט זיך אריַינגעמישט אין אונדזער געשפרעך דער שטילער אומרויִקער רויש פונעם אייביקן פיַיער באם פאָסטאמענט פונעם דענקמאָל דעם יונגן סאָלדאט מיט דער קאסקע אין האנט. באם צופוסנס פונעם דענקמאָל איז געלעגן דער בוקעט בלומען, וואָס די קאלע האָט, ארויסגייענדיק פון זאגס, געהאלטן צוגעדריקט צום הארצן.

אינעם שטילן אומרויִקן רויש פונעם אייביקן פײַער, וואָס האָט פאַנאַנדערגעשמעלצט דאָס גאָלד פון דער פאַרגייענדיקער זון, האָב איך דערהערט דער מומע שיינדלס קאָל: „קינדערלעך מײַנע...“

איך האָב צוגעשלאָסן די אויגן, און אין דעם אָנוואַקסנדיקן כוישעך האָב איך דערזען, ווי די מומע שיינדל שטרעקט אויס די האַנט צו דעם יונגן שלאַנקן סאָלדאַט, און ווי כאָסן־קאַלע פאַרנייגן נידעריק די קעפּ.

— קינדערלעך מײַנע! — הער איך ווידער דער מומע שיינדלס קאָל. — וואָס וואָלט פון אונדז אַלע געוואָרן, ווען ניט די רויטע אַרמיי. אין גרוב וואָלטן מיר אַלע געווען, אין דער גרוב, פונוואַנען איך בין אין האַלבער נאַכט אַ פאַרבלוטיקטע אַרויסגעקראָכן... ווען ניט די רויטע אַרמיי, וואָלט ניט געווען אין קריזשאָפּאָל, ווער עס זאָל פירן כאָסן־קאַלע אין זאַגס און עס וואָלט ניט געווען וועמען צו פירן אין זאַגס. זעט זשע, איר זאָלט עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ניט איר, ניט אײַערע קינדער, ניט אײַערע קינדסקינדער...

— פאַראַן דאָ בײַ אונדז נאָך איינע אַ פרוי, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון טויט. דוואָסיע רופט מען זי. אין פּעטשערער לאַגער איז זי געווען.

ער האָט זיך אָנגעשטויסן, נאַטאַן דאַווידאָוויטש, וועגן וואָס איך האָב זיך פאַרטראַכט, שטייענדיק בײַם נייר־טאָמיד מיט צוגעשלאָסענע אויגן, צי איך אַליין האָב עס אים אונטערגעזאָגט מיט מײַן אַרויסברעגנגען אַף אַ קאָל אָפּגעהאַקטע ווערטער פון דער מומע שיינדלס רייד, וועלכע איך האָב אַזוי דײַטלעך געהערט אין זיך?

— איר וועט, דענק איך, זײַן בײַ דוואָסיען, וועט זי אײַך אַליין דערציילן. זי וווינט אין יענעם־אָ געסל, ווו די ברויט־קראָם איז. די דריטע צי די פערטע שטוב פון ראָג. מיט אַן אויסגעגעבענער טאָכטער וווינט זי. די טאָכטער אירע, כאַנע, איז אויך געווען אין לאַגער. כאַנע טראָגט זיך אָבער ניט אַרום טאָג און נאַכט מיטן טרויער, ווי די מוטער אירע. כאַנע איז מער געראָטן אין דער מומע שיינדל. אַז זיי נעמען זיך ביידע דערמאָנען אין פריידן, וואָס מע האָט דורכגעלעבט... איר וועט דאָך, געוויס, זײַן הײַנט אַף דער כאַסענע...

— מיך האָט דערווײַל נאָך קיינער ניט פאַרבעטן.

— נו, דאָס נעם איך שוין אַף זיך, כאָטש דעם עמעס געזאָגט, האָב איך עפּעס ניט געהערט, אַז מעכוטאָנים זאָל מען אויך דאַרפן אַרײַנשיקן אַן אײַנלאַדונגס־בילעט. סאַראַ מאָדנער מענטש אָט דער נויעך איז. וואָס איז עס אים מיטאַמאָל אײַנגעפאַלן, אַז איר זײַט אַ מעכוטן?

פונדעסטוועגן בעט איך נאַטאַן דאַווידאָוויטשן, ער זאָל ניט מאַכן דאָ פאַר קיינעם קיינע האַקכאָשעס אַף דעם, וואָס נויעך האָט צוגעטראַכט פאַר מיר, און קיינעם ניט אונטערזאָגן, אַז מע זאָל מיך פאַרבעטן אַף דער כאַסענע.

— איר ווילט ניט, — האָט שאַדראָווסקי אַ הייב געטאָן די געדיכטע ברעמען, — איז ניט. איך פאַרשטיי, אַז איר וועט אײַער שטעטל אַליין באַשטיין. איך דאַרף אײַך אָבער וואָרענען, אַז פריִער פון באַגינען וועט מען אײַך פון דאָרט ניט אַרויסלאָזן. ס׳איז ניט אין שטאָט, ווו מע האָט מוירע זיך פאַרזיצן אַן איבעריקע מינוט, מע זאָל ניט אָנווערן דעם טראַמוויי און טראָליבוס. מיר האָבן נאָך ניט דערווײַל וואָס מוירע צו האָבן פאַר דעם, כאָטש קריזשאָפּאָל, ווי איר קאָנט זען, איז שוין איצט גאָר ניט אַזאַ קליין שטעטל, און אויב עס וועט גיין אַזוי ווײַטער, קאָן זיך עס אין אַ פּאָר יאָר אַרום אַזוי צעוואַקסן, אַז מע וועט זיך בײַ אונדז שוין אויך ניט קאָנען באַגיין אָן אַ טראָליבוס. איר דענקט, ס׳אַ גוזמע?

ניין, איך דענק ניט, אַז ס׳אַ גוזמע. צו אָט דער גאַס, מיט וועלכער מיר גייען, וואָלט מען שוין איצט געדאַרפט אַן אויטאָבוס. מיר מאַרשירן דאָ אַרום מיסטאַמע אַ שאָ, און מע זעט נאָך אַלץ ניט קיין ברעג און קיין סאָף. זיי האָבן זיך, קענטיק, מעשאַדעך געווען צווישן זיך, די שטעטלשע גאַס מיט דער דאָרפישער, זיך צונויפגעגאָסן אין איין לאַנגער גאַס, און סע זעען זיך עפּעס ניט קיין סימאָנים, לויט וועלכע מע זאָל קאָנען דערקענען, ווו ענדיקט זיך דער שטעטלשער טייל און ווו הייבט זיך אָן דער דאָרפישער.

— אויב איר זײַט שוין געווען, ווי איר זאָגט, אין שאַרגאָראָד, אין קליין־טשערנאָוויץ, אין זשמערינקע, באַרישאָווקע און אין אַנדערע שטעטלעך, וואָס די רומענער האָבן געהאַט אָקופּירט, איז דאַרף פאַר אײַך ניט זײַן קיין נײַס דאָס, וואָס איך דערצייל אײַך וועגן אונדזער קריזשאָפּאָל, — האָט שאַדראָווסקי, אָפּשטעלנדיק זיך אַ ווײַלע לעבן דער צווייִשטאָקיקער געבײַדע פון דער מיטלשול, זיך אָנגערופן. — איך דענק, אַז אין די שטעטלעך, ווו ס׳איז געווען דער דײַטש, איז דער מאַטעריעלער מאַצעוו פון דער באַפעלקערונג, מיסטאַמע, דער זעלבער, וואָס בײַ אונדז. הײַנטיקע צײַטן רעדט מען איבעראַל ניט בײַ אונדז וועגן אַזעלכע זאַכן ווי פּאַרנאָסע. איר ווייסט, כ׳האָב שוין ניט איין מאָל געהערט, און ניט נאָר בײַ אונדז דאָ, אין קריזשאָפּאָל, אַז עס וואָלט ניט געשאַט, אַז אַ שטיקל צײַט זאָל ניט די אַרבעט זוכן דעם מענטשן, נאָר דער מענטש זאָל

זוכן די אַרבעט. ס'איז דאָך געוואָרן, אַז מע טאָר איינציקע מענטשן גאָר קיין וואָרט ניט זאָגן. ווי נאָר עפּעס, וואַרפט מען באַלד דעם גאַנץ פאַר די פיס. וואָס האָט אַזאַ איינער מורא צו האָבן, אַז סע וואָרט אַף אים אַ צווייטע און אַ דריטע שטעלע. ווען אָבער פאַרקערט, ווען עס ווערט אַ שטיקל דויכעק אין אַרבעט... זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַזוינס קאָן זיך בא אונדז ניט פאַרלויפן און אַזוינס וועט זיך בא אונדז קיינמאָל ניט פאַרלויפן, ווײַל נאָך אַלע מײַסעס איז דאָס דאָך טאַקע, אייגנטלעך, דער איקער. מענדעלען מיט שאָלעם־אַלייכעמען האָט איר, דענק איך, מיסטאָמע, געלייענט ניט ווייניקער פון מיר, און איך דאַרף אײַך ניט דערציילן, ווי האָט מען אַמאָליקע יאָרן געלעבט אין די שטעטלעך. וועמען האָט זיך עס געקאָנט כאָלעמען, אַז מע וועט דערלעבן אַ צײַט, ווען מע וועט ניט דאַרפן טראַכטן וועגן כאַיונע, וועגן פאַרזאָרגן דעם מאָר־געדיקן טאָג? וועמען האָט אַזעלכעס געקאָנט קומען אַפן זינען?

שאַדראַוואָוסקי האָט ווידער געקוקט אַף מיר, ווי ער זאָל מיך האָבן אַרויסגערופן צום טאָוול. דאָס מאָל וואָרט ער, איך זאָל אים ענטפערן, וועמען האָט אַזוינס געקאָנט קומען אַפן זינען.

— האָט זיך געכאַלעמט מײַלעכן דעם שוסטער, אַז אַף זײַן אוריינקלס כאַסענע וועלן פאַרבעטן ווערן צוויי הונדערט געסט און מע וועט אַראָפּברענגען אַ קאַפּעלע אַזש פון שאַר־גאָראַד? — האָט נאַטאַן דאַווידאָוויטש, ניט דערוואַרטנדיק זיך אַף מײַן ענטפער, פאַרגעזעצט. — באַקלאָגן זיך הײַנטיקע צײַטן קאָן מען נאָר עפּשער אַף דעם, וואָס עס איז ניטאָ בא וואָס צו פאַרדינען אַ מיצווע. אַמאָליקע צײַטן האָט מען פאַר דער כאַסענע געמאַכט אַ מאָלצײַט פאַר אָרעמעלײַט, געטיילט צדאָקע, און איצט, אַז עמעצער זאָל וועלן טיילן צדאָקע, האָט ער ניט וועמען. אין די גרויסע שטעט, האָב איך געהערט זאָגן, איז נאָך פאַראַן ווו צו פאַרדינען אַ מיצווע. קומט יאָמים־נויראָים, וואַקסן פּלוצעם אויס, ווי פון אונטער דער ערד, שנאָרערס מיט בעטלערס בא די באָטעמעדראָשים. כ'וואָלט אַ באַלן געוואָען זיך דורכריידן מיט אַ הײַנטצײַטיקן יידישן בעטלער. איינס פון די ביידע: אָדער ער איז אַ ביטערער שיקער, אָדער ער איז אַרויס בעטלען פון מיטלײַד צו די, וואָס זוכן, נעבעך, יאָמים־נויראָים ווו צו פאַרדינען אַ מיצווע. לאַכט ניט. בעטלען איז אויך אַ געוווינהײַט, און פון אַ געוווינהײַט איז ניט אַזוי לײַכט זיך אַנטוווינען. אָט, אַשטייגער, קען איך דאָ איינעם אַ מענטשן, דאַפקע אַ געבילדעטן, וועלכער גלייבט ניט. פאַרשטייט זיך, אין קיין געטער מיט קיין גאַניידן. נאָר זאָל בא אים כאָס־וועכאָלילע אַראָפּפאַלן באַם שערן זיך די נעגל כאָטש איין נעגעלע, וועט ער אײַך קריכן אַף אַלע פיר און זיך ניט באַרויִקן, ביז ער וועט עס ניט געפינען און פאַרברענען. מיר ווייסן צומאָל אַליין ניט, וואָס פאַר אַ קויעך עס שטעקט אין דער געוווינהײַט פון אַ מענטשן. טיילן צדאָקע איז אויך אַן איבערבלײַ־בעכץ פונעם אַמאָל, און עס וואָלטן זיך בא אונדז אַף דעם אויך געפינען באַלאָנים. איז אָבער ניטאָ איצט אין די שטעטלעך, ווער עס זאָל נעמען צדאָקע. ניטאָ אין די הײַנטצײַטיקע שטעטלעך ווו צו פאַרדינען אַ מיצווע. ניטאָ!

ער האָט ברייט צעשפּרייט די הענט, ווי ער זאָל רופן דאָס שטעטל פאַר אַן אײדעס, אַז ער האָט גאָרניט איבערגעטריבן און גאָרניט אויסבאַהאַלטן, אַז אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט מיר צו זאָגן וועגן דעם מאַצעוו פונעם הײַנטצײַטיקן שטעטל, האָט ער עס מיר געזאָגט; אַז דאָס אַלץ איז ניט קיין טעאָרעמע, וועלכע מע דאַרף דערווײַזן, נאָר אַז דאָס איז שוין לאַנג, לאַנג אַן אַקסיאָמע.

— ווי זאָגט דאָרטן, באַם ליבן זיידן מענדעלע, בינימין האשלישי, ווען ער דערזעט מיט־אַמאָל פאַר זיך טונעיאַדעווקע: „אַפּאָנעם, סענדערל, אַז די ערד איז קײַלעכיק". אָט האָבן מיר זיך מיט אײַך אַרומגעדרייט און אַרומגעדרייט איבער קריזשאַפּאָל און אָנגעקומען צוריק, פון־וואַנען מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער מאַרש. מיר שטייען דאָך ווידער באַם זאַגס. און אָן איז מײַן שטוב. איך האָב זיך מיר מײַן קאַבינעט, אַזוי אַז קיינער וועט אונדז דאָרט אויך ניט שטערן זיך דורכריידן.

זײַנען מיר אַרײַן אין שטוב.

5. צוויי שיטעס

זאָגן, ער זאָל האָבן שטאַרק איבערגעטריבן, נויעך דער בלעכער, מיטן אויספײַנען זיך, אַז זייער לערער, נאַטאַן דאַווידאָוויטש שאַדראַוואָוסקי, קען אַ וועלט מיט לעשוינעס, נעם איך זיך ניט, און אָט פאַרוואָס: דאָס צימערל, וווהין נאַטאַן דאַווידאָוויטש האָט מיך אַרײַנגעפירט, איז ניט געווען אַזוי גערעאַם, אַז ער זאָל אַרויסשטעלן אַף דער עטאַזשערקע ביכלעך אַף אַזעלכע לעשוי־נעס, וועלכע ער זאָל ניט וויסן. איינס אָבער האָט מיר דאָ פונדעסטוועגן יאָ אויסגעזען אַ ביסל

מאָדנע: אַז די מאַטעמאַטישע ביכער און זשורנאַלן שטייען אין אַן אומאָרדענונג און זייַנען גאַנץ היפּש צעשויבערט, לאָזט זיך עס פאַרשטיין — ער איז דאָך אַ לערער פון מאַטעמאַטיק און האָט מיט זיי צו טאָן טאָג־אייַן, טאָג־אויס אַ פייַן ביסל יאָרן שוין. פאַרוואָס זייַנען אָבער די ייִדישע ביכער, אַפילע די, וועלכע זייַנען ניט לאַנג דערשינען, אַזוי צעשויבערט?

קענטיק, ער האָט אויפגעכאַפּט מייַן פאַרכידעשטן בליק, נאַטאַן דאַווידאָוויטש, וואָרעם, שטייענדיק נאָך אין מאַנטל, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— אַ מאָדנע זאַך. שוין אַ שאָק מיט יאָרן, ווי אוקראַיִניש איז בא מיר געוואָרן, קאָן מען זאָגן, די אומגאַנג־שפּראַך. און ווי האָט געקאָנט זייַן אַנדערש? איך אונטעריכט אַזויפיל יאָרן מאַטעמאַטיק אָף אוקראַיִניש. אָבער כאָלעמען, זעט איר, כאָלעמט זיך מיר אָף ייִדיש.

אויסגעטאָן דעם מאַנטל, איז נאַטאַן דאַווידאָוויטש צוגעגאַנגען צו דער עטאַזשערקע, בא וועלכער איך בין געשטאַנען, ווי בא אַ שויפענצטער פון ביכער אָף אויסלענדישע שפּראַכן, און פאַרגעזעצט:

— אייגנטלעך, וואָלט איך אָף דער לעצטער פאָלקס־ציילונג געקאָנט אָנגעבן פאַר מייַן מוטערשפּראַך אַ היפּש ביסל אייראָפּעיִשע לעשוינעס, וועלכע איך באַהערש, ווי מיר שייַנט, ניט ערגער ווי ייִדיש, איווריט, רוסיש און אוקראַיִניש. אָבער אָנגעבן וועל איך פאַר מייַן מו־טערשפּראַך — ייִדיש. איר מיינט, בלויז דערפאַר, וואָס איך האָב פאַרענדיקט אַ ייִדישע הויכשול און פיל יאָרן געווען אַ לערער און אַ דירעקטאָר פון אַ ייִדישער שול? זאָל עס מיר ניט זייַן צו שאַנד: סע טרעפט גאַנץ אָפט, אַז איך מוז אַרייַנקוקן אין אַ ייִדישן ווערטערבוך, אָפּטער אַפילע, וואָלט איך זאָגן, ווי אין אַן אוקראַיִנישן. אַ שפּראַך, אַז מע נוצט זיך ניט מיט איר, מעג זי אַפילע זייַן די מוטערשפּראַך, הייבט מען זי ביסלעכווייַז אָן צו פאַרגעסן. זאָל אייַך ניט וווּנדערן. כאָטש איך ווין אין אַ שטעטל, און קריזשאָפּאָל איז אַ ייִדיש שטעטל, קומט מיר פונדעסטוועגן זעלטן ווען אויס ריידן ייִדיש. איז פאַרוואָס, וועט איר פרעגן, וועל איך פאָרט אָנגעבן ייִדיש פאַר מייַן מוטערשפּראַך? פּאָשעט. מיט זיך אַליין, אָף שטומלאָשן הייסט עס, רייד איך זיך דאָך דורך אָף ייִדיש, ווי די מאַמע האָט מיט מיר גערעדט, און אַז סע כאָלעמט זיך מיר עפּעס, איז דאָך ווידער דאָס זעלבע. אָף דער עלטער בענקט זיך באַזונדערס שטאַרק נאָך דער קינדהייַט, אַפילע דעמלט, ווען די קינדהייַט איז, ווי בא מיר, געווען אַ גאַנץ שווערע. מיט אַ שפּראַך איז דאָס זעלבע, זי לאָזט איבער אָפּן גאַנצן לעבן אין דיר אַ מאָדנע בענקשאַפט. אָט זעט...

איך האָב ניט באַמערקט, ווען האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אָפּן בענקל, ווייַל אויך נאָכדעם ווי ער האָט זיך צוגעזעצט צום טיש, בא וועלכן איך בין געווען דער אייַנציקער צוהערער, האָט ער מיר נאָך אַלץ אויסגעזען צו ווּקסיק פאַר אָט דעם צימער. אָנווייַזנדיק אָף דער ביכער־פּאָליצע, וואָס איז געהאַנגען אָף דער וואַנט, האָט שאַדראָווסקי זיך ווידער אָנגערופן מיט זייַן שטילער ברוסטיקער שטים, און זייַנע ווייכע גוטמוטיקע אויגן האָבן זיך געלויכטן פון אונטער די געדיכט אַראָפּגעהאַנגענע ברעמען:

— ווי איר זעט, שרייַב איך אויס, כוץ פאַרשיידענע מאַטעמאַטישע זשורנאַלן און זאַמלונגען, ניט ווייניק ליטעראַרישע זשורנאַלן, נאָר ווען עס קומט אָן פון מאָסקווע דער ייִדישער זשורנאַל, לייג איך אַלץ אָפּ אָן אַ זייַט און נעם זיך גלייַך צו אים, לייען אים דורך, ווי מע זאָגט עס, פון אַלעף ביז טאָף, פון טאָוול ביז טאָוול. פאַרוואָס מאַך איך פאַר אים אַזאַ אויסנאַם, וועט איר פרעגן? פּאָשעט, איך געפין דאָרט טאָמיד אַזוינס, וואָס אין אַנדערע זשורנאַלן איז עס, זעלבסטפאַרשטענדלעך, ניטאָ. איר זאָלט געווען אַראָפּקומען אַהער סאָף כוידעש, ווען דער בריווטרעגער טראָגט פאַנאַנדער דעם זשורנאַל, וואָלט איר ערשט פאַרשטאַנען, ווי מע קוקט דאָ אָף אים אַרויס. איר מיינט, נאָר די, וועלכע שרייַבן אים אויס, די אַזויגערופענע שיטע פון „טוירע־שעביקסאוו“?

דאָס פריהאַרבסטיקע ווינטל, וואָס איז פאַרקראָכן אַהער אין סעדל, האָט זיך אומגעדרייט אונטערן אָפענעם פענצטער, ווי עס זאָל זיך קלייַבן פאַנאַנדערטראָגן איבערן שטעטל די רייד פונעם לערער.

— אייַך האָט געוויס פאַרוווּנדערט, וואָס פיגע די מאָדיסטקע האָט באַם איבערדערציילן אייניקע ווערק זיי אַזוי איבערגעאַנדערשט. „טוירע־שעבאַלפּע“ האָט זיך אַלעמאָל אונטערשיידט פון „טוירע־שעביקסאוו“. כ׳קאָן אייַך פּינקטלעך ניט זאָגן, פאַרוואָס שרייַבט בא אונדז דער צי יענער ניט אויס „סאָוועטיש היימלאַנד“. מע וויל דאָך אָבער פאָרט וויסן, וואָס שרייַבן די ייִדישע שרייַבער. האָט די אַזויגערופענע שיטע „טוירע־שעבאַלפּע“, דאָס הייסט די, וועלכע קענען בלויז ריידן אָף ייִדיש, זיך אָנגעזעצט אָף דער אַזויגערופענער שיטע „טוירע־שעביקסאוו“, דאָס הייסט אָף די, וועלכע קענען אויך לייענען ייִדיש, זיי זאָלן איבערדערציילן דעם אוילעם, וואָס האָבן זיי דאָרטן אויסגעלייענט אין זשורנאַל, און נאָך וויִאַזוי זיך אָנגעזעצט, צען אָף איינעם! וואָס רייד איך. צוואַנציק אָף איינעם! און פּרוּוו זיך אָפּזאָגן.

דאָס ווינטל האָט נאָך ברייטער צעעפנט דאָס פענצטער.

— אָט די פייגע, וועלכע איר האָט געזען, די איז ניט מײַן קונד, אַזוי אַז איך נעם ניט אָף זיך די אַכרײַעס פאַר דעם, וואָס זי האָט איבערגעדערציילט, כאָטש ס'איז זייער מעגלעך, אַז דערגאַנגען צו איר זײַנען די דאָזיקע אַלע מײַסעס דאַפקע פון מײַנעם אַ קונד. קיין סאָך דאַרף מען ניט. ס'איז גענוג, אַז יעדערער פון אונדז, פון די אַבאָנענטן, זאָל איבערדערציילן איינעם צי צוויי, אַז אָף מאָרגן זאָל שוין דאָס גאַנצע שטעטל האָבן „איבערגעלייענט“ דעם זשורנאַל, נאָר אַ ביסל אין אַן אַנדער פאַרפאַסונג. יעדערער גיט עפּעס צו, ווי אים געפעלט. כ'ווייס באַ וויפל מענטשן אין מויל זײַנען איבערגעוועזן די אַלע מײַסעס און געשיכטעס, וועלכע פייגע האָט היינט דערציילט? הערט, דערציילן אײַך אַ שיינס?

ער האָט אַרויסגענומען פון בוזעם־קעשענע פונעם מאַנטל, וואָס איז געהאַנגען אָף דער וואַנט, אַ „סאָוועטיש היימלאַנד“ און אים אָוועקגעלייגט אָפן טיש.

— טרעפט, וויפל מענטשן האָבן אים דורכגעלייענט? איר וועט ניט טרעפן. קימאַט אַלע לערער פון אונדזער שול. וויאַזוי האָט זיך עס באַ אונדז אָנגעהויבן, געדענק איך שוין ניט פּינקטלעך. מעגלעך פון דעם, וואָס איך האָב איינמאָל, בייס דער גרויסער האַפּסאַקע, איבער־דערציילט אין לערער־צימער פאַר מײַנע קאָלעגן איינע אַ זאַך, וואָס האָט מיך דעמלט שטאַרק פאַרכאַפּט. איך געדענק שוין ניט, ווער איז דער אַוטאָר און ווי הייסט די זאַך. עס דערציילט זיך דאָרט וועגן אַ ייִדישן באָכער, וואָס איז אַרײַנגעפאַלן צו די דײַטשן אין געפאַנגענשאַפט און די רוסישע כאַוויירים האָבן אים אויסבאַהאַלטן. דער באָכער איז נאָכדעם אַנטלאָפן צו די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד און געווען דאָרט אַ קאָמאַנדיר צי אַ שעף פונעם שטאַב.

— די דערציילונג הייסט „ווען ניט די פרײַנט מײַנע“, און דער אַוטאָר פון דער דערציילונג איז מישע לעוו.

— דאַכט זיך, איר זײַט גערעכט. פון דעמלט אָן איז שוין אַזוי אַוועק. איך מוז די לערער קימאַט אַלץ איבערדערציילן, אין אוקראַיִניש, פאַרשטייט זיך. דאָס זײַנען שוין מײַנע קונדן. אַזוי אַז באַ אונדז אין שטעטל זײַנען אין דער „שיטע שעבאַלפּע“ צוגעקומען אויך קיין ייִדישע לייענער.

— און אָף וועלכער שפּראַך דערציילט מען איבער דער יוגנט?

— אָף ייִדיש, זעלבסטפאַרשטענדלעך. איר וועט פרעגן, פונוואַנען קומט צו זיי קענען ייִדיש, אַז זיי לערנען זיך אין אַן אוקראַיִנישער שול? פּאָשעט. אין קריזשאָפּאָלריידן די עלטערן צווישן זיך ייִדיש, ניט ווי עס פירט זיך אין אייניקע שטאָטישע מישפּאָכעס, ווו אָף ייִדיש רעדט מען בלויז דעמלט, ווען מע וויל עפּעס אויסבאַהאַלטן פון די קינדער, זיי זאָלן ניט פאַרשטיין. דאָ רעדט מען ייִדיש, אַז די קינדער זאָלן יאָ פאַרשטיין, און מיט דעם ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער די שיטע „טוירע־שעבאַלפּע“, וואָס אי זי נערט, אי זי נערט זיך אַליין פון דער שיטע „טוירע־שעביקסאַוו“. כ'ווייס ניט, ווי וועט זײַן ווײַטער, נאָר הײַנט־צו־טאָג, ווייס איך, האַלט די „טוירע־שעבאַלפּע“ אין די שטעטלעך אין סאַמע רעכטן בלי... איז גייט איר ניט פונדאַנען אָף דער כאַסענע, נאָר צו דוואָסיע פון פעטשערע? ס'איז הײַנט עפּשער ניט אַזאַ פּאַסיקער טאָג דערויף, און עפּשער, ווײַל ס'איז הײַנט אַ כאַסענע אין שטעטל, איז עס גראַדע דער פּאַסיקסטער טאָג...

6. פון דער קינע „פעטשערער טויט־לאַגער“

ווי עס געפינט זיך דאָס דאָזיקע הויז מיט דער גלעזערנער טעראַסע, האָט מיר געהאַט אָנגעוויזן דאָס ווײַבל פונעם האָטעל, באַלד ווי נאָר איך בין אָנגעקומען. איך זאָל זי געוועזן פאַלגן און לעכאַטכילע פאַרקערעווען אַהער, וואָלט איך דאָך ניט אָפּגענומען באַ דעם לערער אַזויפיל צײַט. אונדזער געשפּרעך וואָלט זיך דעמלט גלײַך געוועזן אָנגעהויבן פון דעם, פון וואָס מיר האָבן אים אָנגעהויבן באַ דער עטאַזשערקע ביכער. וואָרעם פאַרפירן אַ רייד וועגן דעם מאַצעווו פון שטעטל, נאָכדעם ווי מע איז שוין געווען באַ דוואָסיען פון פעטשערע, איז פּונקט ווי שטיין אין אַ זוניקן טאָג אָף דער גאַס און פרעגן: „צי שײַנט הײַנט די זון?“. ווי גייט מען עס יענעם פרעגן: „ווי לעבט זיך?“, אַז שטייענדיק נאָך אָף דער שוועל פון דעם גרויסן ליכטיקן עסצימער, וווהין דער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר דוואָסיעס איידעם, האָט מיך אַרײַנגעפירט, האָב איך שוין געהאַט דעם פולן ענטפער. דאָס איינציקע, וואָס איך וואָלט יאָ געקאָנט פרעגן, איז, ווי פּאָרט זיך אָט דער באַלעבאַטיש־מעבלירטער עסצימער, דער סער־וואַנט מיט די קעלישעקלעך און פּוזשערן, דער טעפּיך אָף דער וואַנט, דער פּריש־

אויסגעוויקסלטער דיל, וואָס שפּיגלט אין זיך אָפּ די אָנגעצונדענע ליוסטרע, — ווי פּאַרט זיך אָט דאָס אַלץ מיט דעם, וואָס נאַטאַן דאַווידאָוויטש האָט מיר דערציילט וועגן דוואָסיען, אַז זי איז דער הייפּעך פון דער מומע שיינדל? עמעס, ניט אין אַלע צימערן בין איך דאָ געווען. מעגלעך, אַז אין אָט דער געראַמער דירע איז פאַראַן אַ צימערל, וואָס שיידט זיך אונטער פון די איבעריקע, אַ צימערל, ווו דוואָסיע זיצט שוין עטלעכע און צוואַנציק יאָר שיווע נאָך די קדוישים פון פּעטשערער לאַגער. זי האָט אָבער איצט מיט גאָרנישט ניט דערמאָנט מיט זיך אַ מענטשן, וואָס באַהאַלט זיך אויס פון דער העלער שײַן. און עפּשער איז זי נאָר הײַנט אַזאַ... ס׳איז הײַנט אַ כאַסענע אין שטעטל, וויל זי ניט פאַרשטערן די סימכע דער טאָכטער מיטן אײדעם, וואָס זײַנען פאַרבעטן צו רעב מײַלעכן.

דוכט מיר, איך האָב דעם ניט געהאַט קיין טאָעס, וואָרעם איך האָב איר נאָר געזאָגט, נאָך וואָס איך בין געקומען, האָט זי מיך באַלד אָפּגעשטעלט מיט איר שטיל און, ניט לויט איר עלטער, צאַרט קאָל:

— און איר גייט דען ניט אַף דער כאַסענע? — זי האָט עטוואָס אָפּגערוקט פון זיך דעם אײַנלאַדונגס-בילעט, ווי זי וואָלט דערמיט וועלן דערמאָנען, וואָס פאַר אַ טאָג עס איז הײַנט און אַז אין אַזאַ טאָג וואָלט מען געמעגט ניט קומען צו איר מיט אַזאַ שליכעס.

— צו דער כאַסענע, באָבעשי, איז נאָך קימאַט אַ גאַנצע שאָ, — האָט זיך אָנגערופן דאָס אייניקל, אַ מיידעלע פון אַ יאָר צוועלף־דרײַצן, וואָס האָט מיט איר שיינקײַט שוין, מיסטאָמע, געפאַנגען ניט איין ייִנגלש הערצעלע באַ זיך אין קלאַס, — ס׳איז ערשט אָנהייב זיבן.

— יאָ, צען מינוט אַף זיבן, — האָב איך פאַרפּינקטלעכט, גלײַך איך וואָלט טאַקע בעעמעס געגלייבט, אַז די איינציקע סיבע, פאַרוואָס דוואָסיע איז ניט גענייגט דערציילן וועגן פּעטשערער טויט-לאַגער, איז דער מאַנגל אין צײַט. אַף יעדן פאַל גיב איך פונדעסטוועגן צו: — כ׳מיין, אַז ס׳וועט גאָרניט געשען, אויב איך וועל פאַרשפּעטיקן אַף דער כאַסענע אַף אַ שאָ צי אַפילע אַף צוויי.

באַ די ווערטער איז מײַן בליק געפאַלן אַפן אײַנלאַדונגס-בילעט, און איך האָב אַפן הארטן גלאַנציקן פּאַפּירל דערזען אויך דוואָסיעס נאָמען. דאָס איז געווען פאַר מיר שוין אינגאַנצן אומדערוואַרט. נאַטאַן דאַווידאָוויטש און נויעך דער בלעכער האָבן מיר דאָך געזאָגט, אַז דער איינציקער מענטש, וואָס גייט ניט באַגעגענען כאַסן-קאַלע פון זאַגס, איז דוואָסיע. אין שטעטל איז מען צו דעם שוין געוווינט. ווי זשע קומט עס, וואָס מע האָט זי פאַרבעטן? פּאַשעט יויצע צו זײַן, צי מע מאַכט מיט דעם אַ שטיקל פּרווו זי דערנענטערן צו דער מומע שיינדל, וועגן וועמען שאַדראַווסקי האָט באַמערקט, אַז ס׳איז נאָך אַ גרויסע פראַגע, ווער דערמאָנט מער אין דעם, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אַף דער וועלט, דוואָסיע מיט איר פאַרשפּאַרן זיך צווישן פיר ווענט, צי שיינדל מיט איר קערן וועלטן באַם פירן כאָסן-קאַלע פון זאַגס?

איך זאָל ניט מוירע האָבן, אַז דוואָסיע קאָן זיך אָנשטויסן, וואָס מע האָט מיר וועגן איר דערציילט אין וואַפּניאַרקע און דאָ הי, וואָלט איך, מיסטאָמע, געהאָלפן דעם אײדעם אירן זי צורייִדן גיין מיט די קינדער אַף דער כאַסענע, כאָטש איך ווייס אַפריִער, אַז ס׳וואָלט ניט געהאָלפן. איך זע עס אַפילע לויט די אויגן פונעם אייניקל, וואָס שטייט לעבן דער באָבען און שווײַגט. סאָפּקאָלסאָף ענדיקט זיך עס מיט דעם, וואָס דער אײדעם טוט אַ פרעג:

— נו און צו אונדזער רייזעלען אַף דער כאַסענע, שוויגער, וועט איר גיין?

— לאָמיר, זעליק, פריִער דערלעבן. זעסט דאָך, וואָס עס טוט זיך אַף דער וועלט.

— און ווען איז געווען שטיל אַף דער וועלט? קאָלזמאַן, שוויגער, די וועלט איז אײַנגעטיילט אַף קאַפּיטאַליסטן און פּראָלעטאַריער, קאָן ניט זײַן שטיל... און אָט גייט שוין כאַנעלע פון דער אַרבעט.

אַז דער אײדעם און דאָס אייניקל זײַנען אַרויסגעלאָפן אין פירהויז באַגעגענען כאַנען, האָט דוואָסיע מיר אײַנגערוימט:

— די טאָכטער איז אויך געווען מיט מיר אין לאַגער.

דאָס יונגע שיינע ווײַבל, וואָס איז אַרײַנגעפאַלן אין שטוב מיט אַ טומל, אַז זי פאַרשפּעטיקט צו אירינען אַף דער כאַסענע, האָט אין איין האַלבער מינוט באַזאָרגט אַלעמען מיט אַרבעט: דעם מאַן האָט זי אָוועקגעשיקט אין קיך דאָס פּרעסל אײַנשליסן, דאָס טעכטערל — אין שלאָף־צימער אַרויסנעמען פון דעם גאַרדעראָב דאָס געשטריקטע טונקל-בלויע קלייד מיט די לאַנגע אַרבל, און אַליין, צוזעצנדיק זיך אַף אַ רעגע צום טיש, געווענדט זיך צו דער מוטער:

— זעליק האָט מיר געזאָגט, אַז דער כאַווער איז צו אונדז געקומען, זאָלסט אים דערציילן וועגן פּעטשערער לאַגער, ער וויל עס באַשרײַבן. איז פאַרוואָס דערציילסטו זיי ניט? איך קאָן אויך עפּעס צוגעבן. קוקט ניט, וואָס איך בין נאָך קיין פינף יאָר ניט אַלט געווען, ווען מע האָט אונדז אַרויסגעטריבן פון טולטשין. איך האָב אַלץ פאַרגעדענקט. אָט, אַשטייגער, מאַמע,

האָסטו פאַרגעסן, וויִאַזוי איך האָב זיך אַרויסגעגאַנוועט פון טויער און פונקט אָנגעטראָפן אַפן פּרעטער מיט צוויי פּאָליציִאַנטן.

— איך האָב גאָרניט פאַרגעסן, טאַטערקע. דאָס, וואָס מיר האָבן מיט דיר איבערגעטראָגן, לאָזט זיך ניט פאַרגעסן. נאָר הײַנט איז ניט דער טאָג, ווען מע לייענט די קינע „פּעטשערער לאַגער".

— מאַמע, אָט נעם די מומע שיינדל. אַזוי איז דאָך אַף איר גאָרניט צו באַמערקן, אַז זי איז שוין געלעגן אין גרוב... נאָר קומט צו א סימכע... האָסט געדאַרפט זען, וואָס זי האָט עס הײַנט אויסגעאַרבעט. און וואָס מער זי האָט געטאַנצט, אַלץ מער האָט זי מיט דעם דערמאָנט... דו האָסט שוין, מיסטאַמע, פאַרגעסן, מאַמע, ווי דו האָסט איינמאָל געזאָגט אין באַראַק: „ייִדן, האָסטו געזאָגט, מירן נאָך מיט אײַך דערלעבן זיך דערמאָנען עס אין פריידן".

— זעסטו דאָך, סאַראַ נעוויִעסטע דײַן מאַמע איז געווען. ס'איז דאָך קימאַט ניט פאַרבליבן, ווער עס זאָל זאָגן קאַדעש, און געווען זײַנען מיר דאָרט אויב ניט קיין הונדערט טויזנט מאַן. פון אונדזער טולטשין אַליין זײַנען דאָך געווען אכצן טויזנט מענטשן.

איך האָב ניט גלײַך באַמערקט, ווען האָט זיך עס צו אונדז צוגעזעצט רייזעלע, נאָר נאָכדעם ווי איך האָב זי דערזען באַם טיש, האָט זיך מיר שוין די גאַנצע צײַט געדוכט, אַז דוואָסיע איז אײַנגעגאַנגען צו דערציילן וועגן פּעטשערער לאַגער ניט אַזוי צוליב מיר, ווי צוליבן אייניקל, כאָטש דאָס אייניקל, דאַרף מען זיך מעשאַער זײַן, האָט, מיסטאַמע, דאָס אַלץ שוין ניט איין מאָל געהערט. צוקוקנדיק, ווי רייזעלע האַלט דאָס קעפּל אָנגעשפּאַרט אַף ביידע הענט און האָט מוירע הויך אָן אָטעם טאָן, האָב איך, ניט צושליסנדיק די אויגן, זי דערזען אין דוואָסיעס עלטער, ווי זי זיצט אַרומגערינגלט מיט אייניקלעך און דערציילט זיי, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אינעם שטעטעלע פּעטשערע, וואָס באַם בוג, אין די צײַטן פון זייער עלטערבאָבען... און אַזוי פון דאָר צו דאָר, לעדויר־דוירעס, און אַלע וועלן זיי אָנהייבן די קינע „פּעטשערער לאַגער", ווי דוואָסיע האָט זי אָנגעהויבן:

— א יאַם מיט טינט וואָלט אויך ניט געקלעקט צו באַשרײַבן, וואָס מע איז אויסגעשטאַנען אינעם פּעטשערער לאַגער פאַרן אויסהויכן די נעשאָמע. אין פּעטשערער לאַגער, וווהין היט־לערס שוטעף, אַנטאָנעסקו, האָט צונויפגעטריבן פון די אָקופּירטע שטעט און שטעטלעך באַ הונדערט טויזנט מענטשן, האָבן ניט געטשאַדעט, ווי אין אָשווענטשים, קיין קרעמאַטאָריעס, מע האָט ניט אויסגעטאָן מענטשן נאַקעט און זיי ניט צעשאָסן, ווי אין באַבי יאַר, באַ די גריבער. אין פּעטשערע איז דאָס ברענען און שעכטן געווען אוועקגעשטעלט אַנדערש. צו וואָס מאַכן אַף דער וועלט א טומל, אַז מע קאָן עס אַלץ אָפּטאָן שטיל, קיין פויגל זאָל ניט וויסן. זיי האָבן זיך געהאַט זייער כעזשבן, אַנטאָנעסקעס פאַשיסטן, מע זאָל זיי, אַז ס'וועט קומען צום יוים־האַדין, כאָלילע ניט פאַרגלײַכן מיט היטלערס פאַשיסטן. אַנטאָנעסקעס ראָצכים האָבן ניט אַרײַנ־געפירט אין לאַגער קיין עסעסאָווצעס מיט אווטאָמאַטן, זיי האָבן אַהין אַרײַנגעפירט דעם הונגער און קעלט, וועלכע האָבן געקאָסיעט די מענטשן, אַז מע האָט ניט באַוויזן זיי מעקאַבער צו זײַן. ווי די פליגן איז מען געפאַלן, הונדערטער א טאָג! ס'האָט אָבער פאָרט געהייסן, אַז מע איז געשטאָרבן מיטן אייגענעם טויט. דאָס שטעטעלע פּעטשערע איז געווען ווי צוגעפּאַסט פאַר א בעסוילעם. ס'א קליינס, א פאַרוואָרפנס, וווהין צו לויפן איז ניטאָ. פון איין זײַט דער בוג, פון דער אַנדערער זײַט — א הויכע שטיינערנע וואַנט, אַרומגעצאַמט מיט שטעכיקן דראָט, און פּאָ־ליציִאַנטן באַ דעם פאַרהאַקטן אײַזערנעם טויער...

...וואָס איז זי עס ווידעראַמאָל אַנשוויִגן געוואָרן, דוואָסיע? זי האָט דערזען, ווי דער איידעם אירער האָט צוגעטראָגן צו די אויגן דאָס נאָזטיכל, צי ווײַל כאַנע, א פאַרפּוצטע און שײַנענדיקע, איז אַרײַנגעקומען פונעם שכייניסדיקן צימער פונקט דעמלט, ווען זי, דוואָסיע, האָט געהאַט אָנגעפאַנגען דערציילן:

— ליג איך מיט כאַנעלען אין באַראַק אַפן הוילן דיל און מיר ברענען ביידע פון היץ...

— דערצייל, מאַמע, דערצייל. געדענקסט, וואָס דו האָסט מיר דעמלט געזאָגט? כ'וויל מער גאָרניט, האָסטו געזאָגט, איך וויל נאָר דערלעבן כאָטש איין האַלבע שאָ זײַן מיט אונדזערע.

— זע, ווי דו געדענקסט אַלץ.

— איז וועגן וואָס האָסטו עס געוואָלט, מאַמע, דערציילן? וויִאַזוי מיר זײַנען מיט דיר, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, געלעגן קראַנק אַף טיף אינעם קאַלטן ניט געהייצטן באַראַק און דער קאָפּ האָט געברענט פון היץ און די פיס האָבן געפרוירן פון קעלט, און דעם ווייפּלטן טאָג שוין גאָרניט געהאַט אין מויל?

...איך דערזע פאַר זיך דעם באַראַק מיט די דורכגעפרוירענע ווענט, דערזע, ווי דוואָסיע הייבט זיך אויף פון דיל און, קוים איבערשטעלנדיק די פיס, גייט זי אַרויס אינעם אַרומגעצאַמטן פאַרשנייטן הויף, נעמט אָן עמער אין האַנט, בינדט זיך אַרום מיט א שטריק... דרײַ ווײַבלעך

לאָזן אַראָפּ דוואָסיען מיטן שטריק פֿונעם הויכן גליטשיקן באַרג צום פּאַרקאָוועטן בוג, שלעפּן זי נאָכדעם צוריק אַרויף מיט אַ האַלב אָנגעשעפּטן עמער וואַסער... און דאָ דערהער איך אַ הילכיקן קלאַפּ אין טיש און דוואָסיעס אופּגערעגט קאָל:

— איר קלײַבט זיך דאָך, קינדער, גיין אַף דער כאַסענע, איז גייט. וואָס איז עס פּאַר אַ זאָגן הײַנט קינעס?! און ביכלאַל. איר לעבט, דוכט מיר, כאַווער, אין טאָעס, אויב איר מיינט, אַז דער וועלט גייט זייער אָן, וואָס מיר זײַנען אויסגעשטאַנען. אָט בין איך יענע וואָך געווען אין וויניצע באַם דאָקטער. טרעף איך באַ אַ קיִאָסקל צוויי ייִדישע יונגעלײַט זיך קריגן עפּעס איבער אַ גאָרניט. גיי איך צו צו זיי און זאָג: „קינדער, ווי שעמט איר זיך עס ניט. נאָך דעם, ווי מע האָט אַזויפיל איבערגעלעבט, אַזויפיל אויסגעשטאַנען...“ שלאָגט מיך איינער פֿון זיי איבער, און דאַפֿקע דער עלטערער: „מומינקע, הײַנטיקע צײַטן גייט עס שוין קיינעם ניט אָן. ס'איז אַ פֿאַרלעגערטע סכוירע“... קומט איר און זאָגט, אַז די וועלט וויל וויסן. און דיר, איידעם מײַנער, זע איך, טאָר מען ביכלאַל גאָרניט דערציילן. וואָס באַהאַלטסטו דאָס נאָזטיכל? מיינסט, איך האָב ניט געזען? איך הייב נאָר ניט אָן צו פֿאַרשטיין, ווי קומט עס צו דיר? אי דו שטאַמסט פֿון מעטאַליסטן, אי ביסט אַליין אַ מעטאַליסט, און מעטאַליסטן, פֿלעגט זאָגן מײַן אײַזיק, דיר צו לענגערע יאָר, איז אַ פֿאַרהאַרטעוועט פֿאָלק.

— וואָס האָט עס איינס צום אַנדערן? און אַז איך בין אַ מעכאַניק אין גאַראַזש און שטאַם פֿון מעכאַניקער, נו איז וואָס? אַ האַרץ, שוויגער־לעבן, בלײַבט אַ האַרץ.

— מײַנער, אָלעווהאַשאָלעם, האָט, אַוועקגייענדיק אַף דער מילכאָמע, מיך אַלץ באַרויִקט, אַז מעטאַליסטן זײַנען אַ באַזונדער פֿאָלק, אַז זיי נעמט ניט קיין קויל און קיין שפּיז, נאָך ביז איצט דוכט זיך מיר צומאָל...

7. מאַזלטאָוו

אַ מאַמע בלײַבט אַ מאַמע. האָט זי באַצײַטנס אַרויסבאַגלייט די טאָכטער מיטן איידעם אַף דער כאַסענע, זיי זאָלן ניט בײַזײַן באַם לייענען די ווײַטערדיקע קאַפּיטלען פֿון דער קינע „פּע־טשערער לאַגער“. מיך האָט דוואָסיע אויך געשאַנעוועט. און מעגלעך, אַז דאָס האָט זי גאָר צוליב רייזעלען איבערגעהיפּערט אַזאַ אַקציע און אַזאַ אַקציע, דורכגעלאָזט באַם דערציילן אַזאַ בראָך און אַזאַ בראָך, נאָר סײַווי האָט עס מיך ניט אָפּגעראַטעוועט פֿון דעם, איך זאָל נאָכדעם פֿאַרקריכן ווײַט אויסערן שטעטל און זיך אומדרייען דאָרטן איינער אַליין איבערן שטילן אָוונטיקן פֿעלד.

וויפֿל צײַט האָב איך אַזוי אַרומגעבלאָנקעט, פֿאַנאַנדערשפּרייטנדיק איבערן פֿעלד מײַן צעוואַקסענעם שאָטן, האָב איך ניט באַמערקט. איך ווייס נאָר, אַז ווען איך האָב זיך דערנעענטערט צום ליכטיקן געסל, אין וועלכן ס'האָט זיך געטומלט, ווי אין אַ פֿרײַטיק־צונאַכטס און שאַבעס־צונאַכטס באַ אַ שטאָטישן טעאַטער, איז אינעם הויכן טונקל־בלויען הימל שוין ניט געווען ווו אַ שטערן צו פֿאַלן.

באַם אַרײַנגאַנג אין דעם העל־באַלויכטענעם געצעלט איז אַרויסגעהאַנגען אַ פּורפּור־רויט שטיק לײַוונט, אַף וועלכן עס איז מיט גרויסע געקינצלטע אויסיִעס, וואָס דערמאָנען אינעם „קויל כאָסן וועקויל קאַלע“ אַף אַ כופּע, אָנגעשריבן: „ביטע, ליבע געסט“. אָבער אַרײַנעמען צו זיך דאָס גאַנצע שטעטל, ווי גרויס און הויך עס איז ניט דאָס האַלבקײַלעכיק ברעזענטענע געצעלט, קאָן עס דאָך פֿאָרט ניט. איז וואָס פּאַר אַ פֿאַריבל קאָן דאָ זײַן? אײַנזיצן אָבער אין שטוב, ווען אין שטעטל האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט אַ קאַפּעלע און יונגוואַרג, זאָל געזונט זײַן, וועט טאַנצן אונטערן אָפֿענעם הימל, זײַנען ניט בעקויעך אַפֿילע עלטערע מענטשן. האַלט מען אַלץ אין איין גיין און גיין אַהער.

ניט באַוויזן אַרײַנשטעלן אַ פֿוס אין געסל, האָט מיך עמעצער אָנגעכאַפּט הינטערווײַלעכס פּאַר דער האַנט און מיר גלײַך אײַנגעטיילט אַ כיילעק:

— מעכוטן, גוואַלד געשריִען, ווי פֿאַרשפּעטיקט מען עס אַזוי? מע דערלאַנגט דאָך שוין צום טיש די גאָלדענע יויך. וואָס באַטראַכט איר מיך? איר האָט מיך ניט דערקענט?

איך האָב אים טאַקע בעפּיירעש ניט גלײַך דערקענט, נויעכן. אָן דעם אַרומגעגאַרטלטן רעגנמאַנטל האָט ער מיר אויסגעזען עפּעס אי העכער, אי שטאַלטנער, אי אַפֿילע ייִנגער. ייִנגער, אַפּאָנעם, האָט אים געמאַכט די העלע הוט מיט די אַראָפּגעבויגענע קאַנטן, לויט דער לעצטער מאָדע. האַלטנדיק מיך אַלץ נאָך באַ דער האַנט, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— בעט דאָרט דעם זשמערינקער שוסטערוק, סענדערן, ער זאָל אַזוי ניט דונערן אין פּויק,

און דער שאַרגאַראָדער פיזקולטורניק מעג אויך א ביסל שטילער קאָמאַנדעווען מיטן אַקאָרדעאָן. מע הערט דאָך איבער זיי ניט קימאַט דאָס פידעלע. אײַ, דאָס פידעלע, דאָס פידעלע! איר האָט נאָך ניט געהערט די מײַסע מיטן פידעלע, וואָס איז זיך בא אונדז אַמאָל פאַרלאָפן? נעכעמיע, קום אהער. מעגסט עס נאָכאַמאָל האָרכן, אויב האָסט עס שוין געהאָרכט.

נעכעמיע, וועמען נויעך האָט צוגערופן, האָט מיט זײַן וווּקס קימאַט געגרייכט צו די דעכער מיט די אַנטענעס, וואָס האָבן בא דער אויסגעמישטער שײַן פון די גרויסע דרויסנדיקע לאָמפן אָף די סלופעס און פון דער אופגעגאַנגענער לעוואָנע געכאַפּט דעם אָנבליק פון אָנגעצונדענע מעניוירעס.

— וואָס אַמאָליקע צײַטן האָט זיך געקאָנט פאַרלויפן, און ניט מיט אַבי וועמען, נאָר מיט א נאָגיד, מיטן גרעסטן נאָגיד פון שטעטל. האָרכט זשע. מע דאַרף שוין אָט־אָט פירן כאָסן־קאַלע אין זאַגאָס, כ׳מיין, צו דער כופע, קומט פלוצעם אָן א דעפּעשע, אז די זשמערינקער קאַפּעליע קאָן הײַנט ניט שפּילן, זי איז פאַרבעטן צום כאַרישאָווקער פּאָרעץ אָף א באַל. און אַמאָליקע צײַטן, אז א פּאָרעץ שיקט רופן, איז דאָך ניט שײַעך זיך אָטנעקעווען. פרעגט ניט, וואָס עס האָט זיך דעמלט אָפּגעטאָן אין שטעטל. הימל עפן זיך. כאָטש נעם און לייג אָפּ די כאַסענע. עק וועלט. האָרכט זשע ווײַטער. ס׳איז דורך עפּשער א שאָ צי צוויי, ווי ס׳איז דערהאַלטן געוואָרן די שיינע דעפּעשע, פאָרט אַראָפּ אין שטעטל א ייִנגעלע פון א יאָר נײַן־צען מיט א פידעלע אונטער דער האַנט און מיט א בריוו צום נאָגיד פון דעם דיריגענט פון דער זשמערינקער קאַ־פּעליע, אַזוי און אַזוי: הײַנט קאָן די קאַפּעליע ניט קומען און אָפּלייגן די כאַסענע וועט ער דאָך ניט, מיסטאַמע, דער נאָגיד, איז זאָל, לעס־ברייִרע, שפּילן אָט דאָס ייִנגעלע, וועלכן ער שיקט אים. דאָס האָט שוין אונדזער נאָגיד אינגאַנצן אַרויסגעבראַכט פון די קיילים. געוווּג וואָס מע האָט אים אַזוי אונטערגעפירט, פאַרשטערט אַזאַ סימכע, טרײַבט מען נאָך לייצאָנעס. ס׳איז אָפּגעגאַנגען א רעגע, ער זאָל אָפּשיקן דאָס ייִנגעלע צוריק קיין זשמערינקע, און ער וואָלט אים אָפּגעשיקט, ווען דאָס ייִנגעלע זאָל ניט געווען אַרויסנעמען דאָס פידעלע און אָפּשפּילן א באַזעצנס, אז זינט קריזשאָפּאָל איז קריזשאָפּאָל, האָט מען נאָך אַזוינס ניט געהערט און ווער ווייסט, צי מע וועט נאָך ווען־ניט־איז אַזוינס הערן. צוליבן ייִנגעלעס שפּילן אָפן פידעלע האָט מען די כאַסענע געפּראַוועט גאַנצע דרײַ טעג. דרײַ טעג איז קריזשאָפּאָל געווען אוף.

— ווי האָט מען גערופן דאָס ייִנגעלע? — האָב איך געפרעגט נויעכן.

— נעכעמיע, דו געדענקסט ניט, ווי האָט מען אים גערופן?

— האַ? וועמען? — האָט נעכעמיע זיך ווי אופגעכאַפּט פון שלאָף.

— נא דיר! האָסט ניט געהערט, וואָס כ׳האָב דאָ דערציילט? מע האָט אים גערופן... כ׳וועל זיך עס, מעכוטן, באַלד דערוויסן. דאָס ייִנגעלע, דערציילט מען, האָט נאָכדעם געשפּילט אין אימפּעראַטאָרסקע טעאַטער בא שאַליאַפּינען.

— און ווו, זאָגט איר, איז זיך פאַרלאָפן די געשיכטע, וואָס איר האָט דערציילט? טאַקע דאָ בא אײַך, אין קריזשאָפּאָל?

— איך דערצייל דאָך אײַך. ס׳איז שוין דערנאָך ניט געווען קיין איין כאַסענע, ניט אין קראָסנע, ניט אין אָבידיווקע, ניט אין פּעשטשאַנקע, ניט אין וואַפּניאַרקע און כ׳ווייס ווו, מע זאָל ניט געווען אַראָפּברענגען שפּילן דאָס זשמערינקער ייִנגעלע.

וואָס די „טוירע־שעבאַלפּע“ קאָן עס אַמאָל אָפּטאָן מיט א ווערק! צו דער געשיכטע מיט לייבעלע פּוללווערס שפּילן אָפן פידל, וועלכע ער אַליין, פּולווער, האָט אַזוי באַאַריכעסדיק און פאַרכאַפּנדיק באַשריבן, האָט שוין דאָ, זעט מען, ניט איינער פון די „שעבאַלפּעניקעס“ צוגע־לייגט א האַנט. עס לאָזט זיך, אַשטייגער, גלייבן, אז דאָס האָט ער טאַקע, נויעך, זיך דערטראַכט דערציילן די דאָזיקע געשיכטע ווי א מײַסע־שעהאָיאָ, וואָס איז זיך פאַרלאָפן בא זיי אין קריזשאָפּאָל.

עס קאָן זייער געמאָלט זײַן, אז דאָס צורופן נעכעמיען איז געווען א שטיקל צוגרייטונג צו א מײַסע וועגן גוווּרע, וואָס נויעך האָט צו דערציילן, וואָרעם קיין איין זאַך ווערט ניט אַזוי איבערדערציילט, ווי די ווערק וועגן גוווּרע, העלדישקײַט און מעסירעסנעפעש. איך וואָלט א באַלן געווען צוגיין הערן, וואָס דערציילט עס איצט דאָרט אַזעלכעס די מאָדיסטקע, וואָס אַרום איר האָט זיך פאַרזאַמלט אַזאַ אוילעם. לאָזט ער מיך ניט, נויעך. ער האַלט מיך, כאָלילע, ניט צו, איך פיל אָבער, ווי ער שטופּט מיך די גאַנצע צײַט אונטער מיט זײַנע בליקן צו דעם יאָמטעווודיק־באַלויכטענעם געצעלט. סאָפּקאָלסאָף שטויסט ער מיך מיט זײַנע בליקן אַהין אַרײַן.

ווי זעצט מען זיך עס ניט קיין פאַרבעטענער צום טיש? און שטיין בא דער טיר און וואַרטן, מע זאָל צוגיין פרעגן, ווער, וואָס, ווען, האָט דאָך זיכער ניט קיין פּאָנעם. א שטיקל גליק נאָך, וואָס אין דער ברעזענטענער טיר האָבן זיך אַרײַנגעשטעקט א פּאָר קעפּ, און איך קאָן, אַזויאַרום, אָנגיין פאַר איינעם פון די דאָזיקע נײַגעריקע.

ווי איך בין אַזוי געשטאַנען און געזוכט מיט די אויגן נאָטאַן דאַווידאָוויטשן, אַף וועמען איך האָב, גייענדיק אַהער, טײלווײַז געהאַט אויסגערעכנט, האָב איך מיטאָמאָל דערהערט אַ הויכע מענערשע שטים:

— קלעזמאָרים! אַ וויוואַט פֿאַרן מעכוטן פֿון כאָסנס צאַד.

ס'איז דאָ דען דער מענטש, וואָס איז אימשטאַנד איבערשרײַען די צונויפֿגעשטוקעוועטע קימאַט האַלב זשמערינקער און שאַרגאָראָדער קאַפּעלע, בײַס זי שפּילט אַ טוש? און זאָגן מוז איך דאָך עפּעס. איך קאָן דאָך ניט שטיין אָט אַזוי בײַ דער טיר, ווען איך זע, ווי בײַם טיש, וווּ עס זיצט כאָסן־קאַלע, קוקן זיך אַלע איבער, הייבן די אַקסל, דרייען מיט די קעפּ. אָט דאָס הייסט איבערגעכאַפּט די מאָס. זיך אַליין אַזוי אונטערפֿירן. גיי פֿאַרענטפֿער זיך איצט פֿאַר אַלעמען, אַז דער שולדיקער אין דעם איז נויעך, אַז דאָס האָט ער מיך געמאַכט פֿאַר אַ בעסאַ־ראַבער מעכוטן.

די קלעזמאָרים האָבן נאָך ניט פֿאַרענדיקט שפּילן דעם וויוואַט, ווי לעבן מיר איז שוין געשטאַנען, ווי אַ וועכטער, איך זאָל, אַפּאָנעם, כאָלילע, ניט אַנטלויפֿן, אַ יונגערמאַנטשיק מיט קלײנע שוואַרצע וואָנצעלעך און שטילע, שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזטע אויגן. די הענט האָט ער געהאַלטן טיף פֿאַרזוקט אין די קרומע קעשענעס פֿון דער קורצער נײלאָנעווער קורטקע. קוים האָבן די קלעזמאָרים געענדיקט שפּילן, האָט דער יונגערמאַנטשיק אַרויסגענומען איין האַנט פֿון דער קעשענע, און די שטילע, שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָבן גענומען האַסטיק אַרומלויפֿן, אונטערטרײַבנדיק מיך, איך זאָל זיך צעצאָלן. פֿון דעם, ווי ער האָט נאָכדעם אַ ווונק געטאָן צו מיר און באַלד ווידער פֿאַרוואַנדלט זײַנע אויגן אין אומשולדיק שעמעוודיקע, באַהאַלטנדיק דערבײַ די האַנט מיטן באַקומענעם געלט־פּאַפּירל צוריק אין קעשענע פֿון דער קורטקע, האָט זיך געלאָזט קלערן, אַז צו דעם טוש, מיט וועלכן כעוורע קלעזמאָרים האָבן מעכאַבעד געווען דעם מעכוטן פֿון כאָסנס צאַד, האָבן זיי גאָרנישט דערלייגט. בײַ דעם יונגנמאַנ־טשיק זײַנען, קענטיק, זעענדיקע פֿינגער: זיי קלײַבן זיך אין דער פֿינצטער לײַכט פֿאַנאַנדער אין די געלט־קופּיורן, וועלכע צעשפּאַרן שוין די קעשענע.

מיט אַ געשריי: „פּעטער ניסן, בעלע איזראַילעוונע גייט!" — איז אַרײַנגעלאָפֿן פֿון דרויסן אַ מיידעלע מיט קורצע צעפּלעך, וועמען מע האָט, ווי צו זען, אַוועקגעשטעלט אין געסל, זי זאָל באַצײַטנס געבן צו וויסן, ווער עס גייט, קעדיי די קלעזמאָרים זאָלן אים קאָנען באַגעגענען מיט אַ טוש, וואָרעם דאָס מיידעלע איז באַלד צוריק אַרויסגעלאָפֿן אין דרויסן.

לויט אַלע סימאָנים איז דער רויִקער מיטליאָריקער ניסן, וואָס האָט זיך אופֿגעהויבן פֿון טיש און אָפּגעגעבן אַ קאָמאַנדע דער קאַפּעלע אויסשפּילן אַ מיליטערישן מאַרש, געווען אויס־געוויילט פֿון די מעכוטאָנים פֿאַרן עלטסטן, און צו אים, ווי איך פֿאַרשטיי, דאַרף איך זיך ווענדן, ער זאָל מיר געבן אַ וואָרט פֿאַר אַ האָקכאָשע — פֿאַריכטן דעם טאָעס, וואָס מע האָט דאָ מיט מיר געהאַט. נאָר ווי דערקלײַבט מען זיך צו ניסענען, אַז דער יונגערמאַנטשיק אין דער ניי־לאָנעווער קורטקע האָט פֿאַרצאַמט דעם וועג, אײגנטלעך, ניט אַזוי מיר, ווי דער אַרײַנגעקומענער פּרוי בעלע איזראַילעוונען, וואָס די איינציקע צירונג אירע זײַנען געווען די אָרדענס און מעדאַלן. מיך האָט דער יונגערמאַנטשיק אין גרויס אײַלעניש העפֿלעך אַראָפּגעשטויסן פֿון דער שמאָלער סטעזשקע אָפֿן איינציקן שטיקל פֿרײַען פּלאַץ לעבן די קלעזמאָרים, וואָס האָבן באַגעגנט דאָס ווײַבל מיט אַ מאַרש, אַז מע דאַרף זיך אָנטאָן אַ קויעך, מע זאָל אײַנשטיין אַף אַן אָרט. אַלנפֿאַלס, זיי, די קלעזמאָרים, האָבן אינמיטן שפּילן זיך אופֿגעשטעלט און געהויבן די קני, ווי אָט־אָט לאָזן זיי זיך אַוועק מאַרשירן.

— איר האָט אונדז פֿאַרצולייגן עפּעס אַ רעכט שטיקל אַרבעט, וואָס איר קוקט זיך אַזוי צו? — האָט, אָנבייגנדיק זיך צו מיר, געפֿרעגט סענדער דער פּײַקלער. — איך מוז אײַך אָבער וואָרענען, אַז פֿריִער ווי אין אַ פּאָר כאַדאָשים אַרום קאָן גאָר קיין רייד ניט זײַן. בײַ אונדז זײַנען אַף צוויי כאַדאָשים פֿאָרויס שוין פֿאַרקאָנטראַקטירט אַלע שאַבאָסים און זונטיקן.

ער האָט ניט געהאַט קיין טאָעס, סענדער. ווי זאָל מען זיך עס ניט געוועזן צו זיי צוקוקן, אַז באַטאָג, פֿירנדיק כאָסן־קאַלע פֿון זאַגס, זײַנען די קלעזמאָרים געווען אָנגעטאָן יעדערער אַף זײַן אויפֿן, און איצט זײַנען זיי אַלע געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצע גאַרניטערס מיט שוואַרצע „באַבעלעך" אָנשטאָט שניפּסן אונטער די קראַגנס פֿון די האַרט־אָנגעקראַכמאַלעטע העמדער, ווי סע טוען זיך אָן צו אַ קאָנצערט מוזיקאַנטן אין אַ סימפֿאָנישן אָרקעסטער. אָנשטאָט דעם, איך זאָל עס אים זאָגן, סענדערן, טו איך גאָר בײַ אים אַ פֿרעג, גלײַך סע וואָלט זיך טאַקע געהאַנדלט וועגן פֿאַרלייגן זיי אַ רעכט שטיקל אַרבעט:

— און אויב, לאָמיר זאָגן, אין אַ וואָכעדיקן טאָג?

— מע קאָן אין אַ וואָכעדיקן טאָג אויך, — כאַפּט זיך אָן סענדער, — פֿאַרוואָס ניט? מע דאַרף נאָר, איר זאָלט זיך צוליב דעם מאַטריִען זײַן צופֿאָרן קיין שאַרגאָראָד און זיך דאָרט

דורכריידן מיטן דירעקטאָר פון דער שולֿ, ער זאָלֿ אָפּלֿאָזן אַף א פּאָר טעג דעם פיזקולטורניק, אויב איר ווילט האָבן אַן אקאָרדעאָן, און אויב איר ווילט, עס זאָלֿ שפּילן א פידלֿ, וועט איר זיך אויך מוזן אראָפּכאַפּן קיין זשמערינקע און אײַנקנעלֿן דאָרט א ביסלֿ מיטן דירעקטאָר פון דער פוטער־פאַבריק, ס׳איז א הארט ניסלֿ. נו, און מיטן פארוואלטער פונעם שוסטער־ווארשטאט, ווו איך ארבעט, ווער איך זיך ווי־ניט־איז יאקאָס אלֿיין דערריידן.

— און מיט וועמען דארף איך זיך דערריידן מיקויעך דעם יונגנמאנטשיק, וואָס קלֿײַבט אײַן דאָס געלֿט?

— פאר מײַן אײדעמלֿ האָט איר זיך ניט וואָס צו זאָרגן. ער איז א קאָנדוקטאָר, איז ער איין טאָג אין וועג און צוויי אין דער היים.

— און איר האלֿט אים אין דער קאפּעלֿע בלויז צוליב אײַנקלֿײַבן דאָס געלֿט? די וויניצער קאפּעלֿע, אשטייגער, ווייס איך, פירט מיט זיך אום א קאָנפעראנסיע, אוראָם פּעקערן פון קא־זאטין. מיסטאמע האָט איר וועגן אים געהערט. ער איז געוועזן א פארטיזאַן.

— אך, אוראָם פּעקער? א נײַער קאָנפעראנסיע, א באדכן דאָך! און מײַנער קאָן האלֿטן א קיילֿע אין דער האנט! אָט לֿיגט דאָך זײַן פּלייט. איך מיין, ס׳איז אַן סאקאָנעס, וואָס מיר האָבן אײַך מעקאבלֿ־פּאָנעם געוועזן אַן א פּלייט. מיכֿקע, קום נאָר אהער. מעגסט שוין אראָפּווארפן די ספּעצאָווקע און זיך נעמען צו דער אווידע. וויבאלֿד דאָס מיידעלֿע מיט די צעפּעלֿעך, מיר פאר איר, האָט זיך שוין געזעצט צום טיש, איז עס א סימען, אז ס׳איז שוין מער ניטאָ וועמען מעקאבלֿ־פּאָנעם צו זײַן. כאַים, וואָס דערלֿאנגען מיר באלֿד? — האָט ער זיך געווענדט צום פידלֿער. — „טומבא“ צי דעם „ביראָבידזשאנער פריילֿעכס“? וואָס זאָגט איר עפּעס אַף דעם ייִדן מיטן בערדלֿ, וואָס האָט זיך עס, קיין אײַנהאָרע, ניט צערעדט, אז ער קאָן זיך אזש ניט אָפּשטעלֿן? א שאָ אפן זייגער, אז ער דארשנט.

— וואָלֿסט פונדעסטוועגן, סענדער, געמעגט הערן, וואָס דער דאָזיקער כאווער דערציילֿט, — האָט אים אָפּגעענטפערט דער שארגאָראָדער פיזקולֿטורניק, וואָס איז, ווי צו זען, דער דיריגענט פון דער קאפּעלֿע.

— וואָס? וידעראמאָלֿ געטאָ און אָבעראמאָלֿ געטאָ? וויפלֿ קאָן מען עס ריידן וועגן דעם? און וועמען גייט ער עס דערציילֿן? מיר? איך בין אין דער זשמערינקער געטאָ אויסגעשטאנען ניט ווינציקער ווי זיי דאָ, אין קריזשאָפּאָלֿ.

— אז ער רעדט גאָר איצטער ניט וועגן דער געטאָ, ער רעדט גאָר איצטער וועגן דעם היגן זאוואָד.

דעם מענטשן מיטן שפּיציקן בערדלֿ, וואָס איז געשטאנען בא א ווײַטלֿעכן טיש מיט א קעלֿישעקלֿ ווײַן אין דער האנט, האָבן די קלֿעזמאָרים שוין צוויי מאָלֿ איבערגעשלֿאָגן, איין מאָלֿ מיט א טוש לֿעקאָווען דעם „מעכוטן פון דעם כאָסנס צאד“ און דאָס אנדערע מאָלֿ מיט א מילֿיטערישן מארש לֿעקאָווען דער פרוי מיט די אָרדענס און מעדאלֿן. דעם רעדנער האָט עס, קאָנטיק, ניט אויסגעמאכט. מעגלֿעך גאָר, אז פארקערט. ער האָט דערווײַלֿ געקאָנט באטראכטן דאָס ווײַטערדיקע, וואָס ער האָט נאָך צו זאָגן.

וואָס לֿענגער דער דאָזיקער מענטש האָט גערעדט, אלֿץ מער האָט זיך געלֿאָזט גלייבן, אז ער איז לֿעצטנס אויסגעוועזן אין א היפּש ביסלֿ שטעטלֿעך, וואָרעם וואָס ער זאָלֿ ניט געוועזן דערציילֿן, האָט ער באלֿד אפן אָרט צוגעגעבן, אז ניט נאָר דאָ איז איצט אזוי. ער האָט עס געהאט געזאָגט אי אין שײַכעס מיט דעם, וואָס בא זיי אין קריזשאָפּאָלֿ פעלֿן, כאָלֿילֿע, ניט אויס קיין כאסאנים און קאלֿעס, און וואָס צווישן דעם יונגוואַרג אין די מעכאנישע ווארשטאטן, ווו ער ארבעט, זײַנען קימאט ניטאָ אזעלֿכע, וואָס זאָלֿן ניט זיצן אלֿ האטוירע וועאלֿ אווידע — זיך ניט גרייטן אָנקומען לֿערנען, אי אין שײַכעס מיט דעם, וואָס די מומע שיינדלֿ האָט געזאָגט אין סעדלֿ באם נייר־טאָמיד... כ׳וואָלֿט געמעגט זאָגן, אז דער מענטש מיטן בערדלֿ, וואָס האָט זיך אזוי צערעדט, איז, דוכט זיך מיר, דער זעלֿבער, בא וועמען נויעך האָט אונטערגעצונדן די צונויפגעשארטע קופּע בלֿעטער.

מײַן פארהאלֿטן זיך לֿעבן די קלֿעזמאָרים האָט שוין איצט ארויסגערופן, ווי צו זען, שטוינונג ניט נאָר באם טיש, ווו כאָסן־קאלֿע איז געזעסן, נאָר אויך בא אנדערע טישן. נאָר אז דער זיידע האָט צוגערופן צו זיך דאָס מיידעלֿע מיט די צעפּלֿעך און זי ערגעץ אוועקגעשיקט און ניסן האָט זיך אופגעהויבן פון טיש, קענטיק, עפּעס מעלֿדן, איז דאָך קלֿאָר, אז מע וואַרט דאָ נאָך אַף עמעצן און דאָס גרייט מען זיך אים באגעגענען.

ווען דער רעדנער האָט פארענדיקט זײַן פארצויגענעם טאָסט און די קלֿעזמאָרים האָבן זיך א נעם געטאָן צו די קיילֿים, האָב איך זיך אויך אומגעקוקט צו דער טיר און אומדערוואַרט דערזען דאָרט שטעקן נויעכס פארוווּנדערט פּאָנעם. דאָ האָב איך שוין ניט געהאט קיין אנדער אויסוועג, ווי לֿאָזן זיך צום טיש און בעטן ניסענען, ער זאָלֿ מיר געבן א וואָרט. איך בין אָבער

צום טישל ניט דערגאַנגען, מיך האָט אָפּגעשטעלט דאָס מיידעלע מיט די צעפּלעך, איך זאָל איר געבן אַן אויטאָגראַף אויפֿן יידישן ביכל אָן אַ שאַרבלעטל, וואָס זי האָט געהאַלטן אין דער האַנט. וואָס האָב איך שוין נאָכדעם זי צו פֿרעגן, אַז איך זע אַליין, וועמענס אויפֿטו דאָס איז. נאָך אַ וווּנדער, וואָס כאַנע מיט זעליקן האָבן געשוויגן באַם מעכאַבעד זײַן מיך מיט אַ וויוואַט, וואָס קומט מיר ניט.

צוזעצנדיק זיך צו ניסענען באַם טיש, האָב איך דערפֿילט אויף זיך אַזויפֿיל נײַגעריקע בליקן, אַז ס'איז ניט געווען שײַעך זיך אָפּזאָגן געבן אַן אויטאָגראַף, כאָטש איך בין ניט דער אויטאָר פֿונעם ביכל.

— ווי איך פֿאַרשטיי, וועט איר, מיסטאַמע, עפּעס זאָגן, — האָט זיך צו מיר געווענדט ניסן און, ניט וואַרטנדיק אויף מײַן ענטפֿער, געגעבן אַ צייכן די קלעזמאָרים, זיי זאָלן צוואַרטן מיטן שפּילן, געבעטן אַלעמען אָנפֿילן די קויסעס, און מיר געמאָלדן, אַז איך קען אָנהייבן.

— מאַזלטאָוו אײַך, כאָסן־קאַלע!

איך האָב ניט באַלד פֿאַרשטאַנען, וואָס האָט מען עס צווישן אוילעם זיך מיטאַמאָל גענומען שעפּטשען און וואָס האָבן זיך עפּעס פּלוצעם פֿון אַלע זײַטן דערהערט אויסרופֿן: „גאָרקאָ, גאָרקאָ!“ נאָר אַז דער מאַנצבל מיטן שפּיציקן בערדל באַם ווײַטלעכן טיש האָט צו מיר אַ מאַך געטאָן: „בישקאָשע, כאַווער, בישקאָשע, זעצט פֿאָר, ווי איר האָט אָנגעהויבן, בעלאָשן יידיש, און פֿאַר די, וואָס פֿאַרשטייען ניט, וועלן מיר איבערזעצן“, — האָב איך זיך שוין ניט געניייטיקט, מע זאָל מיר זאָגן, וואָס איז מען עס מיטאַמאָל צוגעשטאַנען צו כאָסן־קאַלע, זיי זאָלן זיך צעקושן. איך האָב פֿאָשעט פֿאַרזען, אַז צווישן די פֿאַרבעטענע געסט זײַנען דאָ אויך ניט קיין יידן. קוים אָבער סע געפֿינען זיך אַזעלכע איבערזעצער, וואָס „מאַזלטאָוו“ פֿאַרטײַטשן זיי, אַז ס'איז „גאָרקאָ“, וועל איך שוין בעסער אַליין איבערזעצן אין רוסיש דעם טאָסט, וואָס איך האָב געהאַלטן, און אַז איך זאָל פֿאַרזעצן דעם טאָסט אין יידיש, דערויף זײַנען שוין באַשטאַנען די רוסישע געסט. טאָמער האָב איך באַם איבערזעצן וואָס־ניט־איז דורכגעלאָזט, האָט זיך באַלד אַרײַנגעמישט די מומע שיינדל, האָט פֿאַריינוועגס דערווײַל עפּעס צוגעגעבן, און ס'האָט זיך, אייגנטלעך, באַקומען אַ מין בעשוטפֿעסדיקער טאָסט, מער אירער שוין ווי מײַנער.

אַז די מומע שיינדל האָט געענדיקט ריידן, איז אַרום אונדזער טיש געוואָרן אַן ענגשאַפֿט, אַז ניט נאָר ס'איז ניט געווען ווו צו זיצן, ס'איז שוין באַלד ניט געווען ווו צו שטיין, און מיט קיין צוויי־דרײַ פֿראַגעס איז קיינער ניט אָפּגעקומען. דערבײַ זײַנען די פֿראַגעס געווען אַזעלכע, מע זאָל גלײַך זען, אַז דאָס פֿאַרגיבן מענטשן פֿון דער „שיטע־שעביקסאָוו“, די, הייסט עס, וועלכע לייענען דעם זשורנאַל פֿון טאָוול ביז טאָוול. ניסן זאָל זיך ניט געווען באַצײַטנס אַרײַנמישן, וואָלטן זיי געקאָנט אינגאַנצן פֿאַרגעסן, אַז מע געפֿינט זיך אויף אַ כאַסענע. ס'איז באַ זיי אַפֿילע אַוועק שוין אַ רייד וועגן די לאַנגע כאַפּן, נונען, צאַדיקן און שלאָסמעמען, צי האָט מען געדאַרפֿט זיי צוריק אײַנפֿירן צי ניין... ווען ניט ניסן, ווער ווייסט וווּהין מע וואָלט אַזוי פֿאַרקראָכן. ניסן האָט אָבער אויף קיין רעגע ניט פֿאַרגעסן, אַז כאָסנס צאַד און קאַלעס צאַד האָבן אים, מיילעכס ייִנגסטן זון, דער קאַלעס ייִנגסטן פֿעטער, אויסגעוויילט פֿאַרן עלטסטן, האָט ער געגעבן דעם נייטיקן צייכן, און פֿון דער זײַטיקער טיר, וואָס פֿירט צו אים אין שטוב, האָבן איינע נאָך דער אַנדערער אַרויסגעטאַנצט אַ בינטל פֿרויען, האַלטנדיק אויף די אויסגעשטרעקטע הענט פֿאַרברוינטע גרעאָטן אויפֿגעגאַנגענע טאָרטן און גענומען זיך דרייען לעבן די טישן, ווי צו האַקאָפֿעס. געפֿירט האָט זיי די באָבע גיטל. דעם ערשטן טאָרט, דעם גרעסטן און גרעאָטנסטן, האָט מען אונטערגעטראָגן דעם זיידן מיילעכן, וואָס איז געזעסן אויבנאָן לעבן כאָסן־קאַלע און געשמייכלט מיטן עטוואָס אָפֿענעם מויל און מיטן ברעג נאָז. די ליכטיקע אויגן האָבן זיך נאָך מער צעשײַנט.

אַז די מאַמעס און באָבעס זײַנען אַוועק אין אַ טאַנץ, איז ווי קאָנען עס אײַנזיצן באַ די טישן די קינדער און אייניקלעך? יוגנט איז אָבער ניט געוווינט זיך צו צאַמען, און ווען די קאַפּעלע, וואָס האָט, שפּילנדיק דעם „ביראָבידזשאַנער פֿריילעכס“, ווי די מאָדע איז איצט אין די דזשאַזן, גענומען אונטערזינגען, און הויך אויף אַ קאָל: „אויב געטאַנצט, זאָל זײַן געטאַנצט“, האָט מען זיך אַ צי געטאָן אין דרויסן אַרויס.

— ווי וואָלט געווען, — האָט ניסן איבערגעשלאָגן זײַוועלס געהילף, כאַצקלען דעם פֿאָטאָגראַף אין דער ענגער זשיליעטקע, — מע זאָל דעם געשפּרעך אָפּלייגן אויף אַן אַנדערשמאָל און איצט זאָלן מיר גיין אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אין דרויסן? טאַטע, וועסט אויך גיין מיט אונדז, צי דו ביסט מיד?

— פֿון נאַכעס, זון מײַנער, ווערט מען קיינמאָל ניט מיד. — און מיילעך האָט זיך געגעבן אַ הייב אויף פֿון טיש, ווי ער זאָל פֿון זיך אַליין וועלן אויסבאַהאַלטן זײַן טיפֿע עלטער.

דאָס באַנאַכטיקע האַרבסטיקע ווינטל האָט באַוויזן אַזוי אַרומפּליקן די ביימער, אַז די לעוואָנע האָט שוין דאָ ניט ווו זיך אויסצובאַהאַלטן. האָט זי זיך אומגעדרייט איבערן געסל הין

און הער צוזאַמען מיט די טאַנצנדיקע פֿאָרלעך און ביסלעכווײַז פֿאַרוואַנדלט דעם געצעלט אין א הויכן זילבערנעם באַרג.

— ניט איר האָט זיך עס הײַנט נאָכגעפֿרעגט אין האָטעל אף א צימער? איר זײַט נאָר אוועק, האָט זיך באַפֿרײַט א נומער, האָב איך אים פֿאַרבראָנירט פֿאַר אײַך.

זיך באַנוצן אָבער מיטן צימער איז מיר ניט אויסגעקומען. נאַטאַן דאַווידאָוויטש, דער ווײַטזעענדיקער נאַטאַן דאַווידאָוויטש שאַדראָווסקי, וועלכער האָט מיך געוואָרנט, אז פֿריִער פֿון באַגינען וועט מען מיך פֿון דער כאַסענע ניט אַרויסלאָזן, האָט זיך פֿונדעסטוועגן טויע געווען: מע האָט מיך פֿון דאָרט ניט אַרויסגעלאָזט ניט באַגינען און אויך ניט דעם גאַנצן זונטיקדיקן טאָג. די קריזשאָפּאָלער כאַסענע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן שאַבעס, האָט זיך פֿאַרצויגן ביז זונטיק־צונאַכטס און זיך פֿאַרענדיקט מיט מאַזל אף דער פֿולער וואָך.

אין קראַסנע

לאָזט זיך אויס, אז צוליב דעם, וואָס דער שאַרגאָראָדער אווטאָבוס איז דורכגעגאַנגען די סטאַנציע יאַראָשענקע מיט צוויי שאָ פֿריִער, ווי איך בין אַהין אָנגעקומען פֿון קריזשאָפּאָל מיטן קעשענעווער צוג און איך וועל ניט האָבן מיט וואָס זיך דערקלײַבן קיין קראַסנע, וועט עס פֿאַר מיר גאָר זײַן א געווינס. אין וואָס איז באַשטאַנען דאָס געווינס — האָב איך זיך דערוווּסט העט־העט שפּעטער, ווען איך האָב פֿאַרלאָזט די שטילע שלעפֿעריקע סטאַנציע, די הויכע זון אין הימל און בין אַרײַן אין געדיכטן טונקעלן וואַלד.

און וואָס נאָך האָב איך געזאָלט טאָן, ווי לאָזן זיך צופֿוס, וויבאַלד קיין אווטאָבוסן וועלן שוין הײַנט פֿונדאַנען קיין קראַסנע ניט גיין? דער טאָג שטייט ניט, איך זאָל זיך אוועקזעצן וואַרטן — עפּשער וועט זיך מאַכן א צופֿעליקע מאַשין. מע קאָן אזוי אָפּזיצן ווער ווייסט וויפֿל. סאָפּקאָלסאָף זײַנען נײַן־צען קילאָמעטער ניט אזא מעהאַלעך, וואָס זאָל קאָנען אָפּשרעקן, כאָטש די טראָלייבוסן מיט די אווטאָבוסן מיט די טאַקסי האָבן א ביסל אַנטוווינט דעם שטאָטישן מענטשן שפּאַנען צופֿוס.

ציקאָווע, דער שטעטלשער אוילעם האָט זיך שוין אויך אָפּגעווינט גיין צופֿוס, וואָס קיין איין קראַסנער איז ניט געקומען צו פֿאָרן מיטן קעשענעווער צוג? מער ווי צוויי־דריטהאַלבן שאָ דאַרף דאָך דער וועג ניט געדויערן. קיין פּעק מיט קיין קערב, ווי אין די פֿריִערדיקע יאָרן, פֿירט מען דאָך מיט זיך איצט ניט פֿון שטאָט, און אויב באַ עמעצן מאַכט זיך שוין יאָ א שווערער טשעמאָדאַן, איז אויך אָן סאַקאָנעס. ניטאָ, דאַכט זיך, די סטאַנציע, ווו עס זאָלן ניט זײַן קיין אווטאָמאַטן פֿאַרן האַנט־באַגאַזש. אַראָפּגעלאָזט דעם אווטאָמאַט אינעם מײַלעכל א גילדן, און מע איז פֿרײַ. מע דאַרף בלויז פֿאַרגעדענקען די פֿיר ציפֿערן, וואָס מע האָט צוגעקליבן פֿאַרן געהיימען שלאָס, וואָרעם אָן דעם דאָזיקן שפּרוך וועט דאָס פֿאַרהאַקטע טירל פֿונעם שטאָלענעם קעסטל זיך ניט עפֿענען, וויפֿל מע זאָל מיט אים ניט אײַנטײַנען. קיין סאַקאָנע, פֿאַרשטייט זיך, איז עס ניט. די אווטאָמאַטן האָבן איבער זיך א באַלעבאָס, וואָס אים הערן זיי שוין יאָ. מע דאַרף נאָר אים געבן, דעם מעכאַניקער, א פּאָר סימאָנים, ער זאָל זען, אז דער באַגאַזש איז דײַנער. אזויווי איך האַלט אָבער אין אַרומרײַזן איבער די שטעטלעך און האָב אָפּט צו טאָן מיט די דאָזיקע אווטאָמאַטן, האָב איך זיך מיר אויסגעקליבן פֿיר שטענדיקע ציפֿער: 2671, וואָס לויטן ייִדישן אַלעפֿבייס באַטײַטן זיי — „בוזי“. און דער נאָמען פֿון מײַן באַליבטן דיכטער, וואָס איז יונגערהייט געפֿאַלן אין שלאַכט, דעם באַזינגער פֿון דעם ייִדישן שטעטל, בוזי אָליעווסקי, — איז פֿאַר מיר שוין אזא שפּרוך, וועלכן איך קען ניט פֿאַרגעסן, וועל ניט פֿאַרגעסן, קיינמאָל ניט, ווי די שורעס פֿון זײַן ליד: „אין ווײַטן וואַלד א ווײַטע זון גייט אויס, א ווײַטער שטערן ווערט אין נאַכט געבאָרן...“, מיט וועלכע איך האָב באַגעגנט דעם געדיכטן יאַראָשענקער וואַלד.

איך האָב ניט געדאַרפֿט ווײַט אוועקשפּאַנען פֿונדאַנען, איך זאָל דערזען, וואָס פֿאַר א טאָעס איך האָב געהאַט אין כעזשבן, וואָרעם ס'איז שווער זיך פֿאָרשטעלן דעם מענטשן, וואָס זאָל, אַרײַנקומענדיק אין יאַראָשענקער וואַלד, ניט נעמען זיך צאַמען די אייגענע טריט. דורכשפּרינגען דעם דאָזיקן וואַלד אף אָן אווטאָבוס און נאָך אין אזא לינדן זוניקן טאָג ווי הײַנט,

איז פֿאַשעט א זינד, א גרויסע זינד. אומזיסט האָט דער קריזשאַפּאָלער לערער שאַדראַװוסקי זיך באַקלאָגט, אַז ס'איז דאָרט ניטאָ איצט באַ זיי װוּ צו פֿאַרדינען א מיצווע. נו, און דאָס, וואָס ער האָט מיך צוגערעדט פֿאָרן אהער מיטן קעשענעווער צוג, איז דען ניט קיין מיצווע? איך זאָל זיך געווען לאָזן אהער מיט אַן אַנדערן, וואָלט איך דאָך ניט געהאַט דאָס פֿאַרגעניגן גיין און דער וועג זאָל דויערן און דויערן.

ס'האָט מיר פֿאַשעט אָפּגעגליקט, טאַקע מאַמעש א געווינס, וואָס דער שאַרגאַראָדער אווטאָבוס, וועלכער גייט קיין ווינצע דורך די שטעטלעך קראַסנע און טיווראָוו, איז פֿאַרבײַגעגאַנגען די סטאַנציע יאַראָשענקע צוויי שאָ פֿאַר דעם, ווי איך בין אהין אָנגעקומען.

דער יאַראָשענקער וואַלד אין אָנהייב האַרבסט...

איך האָב געזוכט ווערטער אים צו באַשרײַבן מיט דער שפּראַך פֿון פּראָזע און האָב קיין ווערטער ניט געפֿונען. האָב איך זיך געווענדט נאָך ווערטער צום רײַכסטן אויצער אונדזערן, צו דער שפּראַך פֿון פּאָעזיע, און האָב זיי דאָרט אויך ניט געפֿונען. וואָס פֿאַרא ווערטער איך זאָל ניט געווען צוקלײַבן, האָט דער וואַלד זיך פֿון זיי אָפּגעזאָגט, געשאָקלט צו מיר מיט די קרוינען און צווײַגן: ניין, ניין, ניין. און מיך גענייט, איך זאָל זוכן ווײַטער. און איך האָב געזוכט. שווער און אײַנגעאַקשנט געזוכט, ווי די גאָלדגרעבער אין דער יעניסייער טײַגע, מיט וועמען איך האָב אין דער יוגנט צוזאַמען געוואַנדערט, האָבן געזוכט גרײַפּעלעך גאָלד אינעם איבערגעוואַשענעם זאַמד, אין די צעדרויבלטע שטיינער.

וויפֿל אָנגעוואָלגערטע בערג ווערטער האָב איך איבערגעקליבן אינעם קילן טונקעלן טאָל און וויפֿל האָב איך זיי איבערגעקליבן קלעטערנדיק מיטן גערדיכט פֿאַרוואַקסענעם אַרופּבאַרג, וואָס האָט מיט זײַן שפּיץ געגרייכט צום בלויען טעלערל פֿון הימל, ביז די פֿייגל האָבן מיר ניט אונטערגעזאָגט מיט זייער געזאַנג, אַז איך האָב זיך פֿון סאַמע אָנהייב אַראָפּגעשלאָגן פֿון וועג, אַז די גרויסקײַט, און שיינקײַט, און פּרעכטיקײַט פֿונעם יאַראָשענקער וואַלד אין אַלע צײַטן פֿון יאָר לאָזט זיך ניט איבערגעבן מיט ווערטער, מע קען עס בלויז איבערגעבן מיט געזאַנג. צײַטנווײַז האָט זיך מיר געדוכט, אַז די פֿייגל זינגען דאָ אַנדערש, ווי איך האָב זיי געהערט זינגען אינעם מעדזשיבאָזשער און רוזשינער וואַלד, און דער מעדזשיבאָזשער מיטן רוזשינער זײַנען אויך פֿון די וועלדער, וואָס וועגן זייער שיינקײַט און מעכטיקײַט איז ניט איבערצודערציילן מיט ווערטער. בלויז דער אַספֿאַלטירטער שאָסיי, וואָס האָט געקלעטערט אַרויף און אַראָפּ צווישן די הויכע מעכטיקע דעמבעס, האָט ניט געלאָזט, איך זאָל זיך פֿאָרשטעלן, אַז ביז מיר האָט דאָ נאָך קיינער קיין פֿוס ניט געשטעלט, און מיך מאַכן פֿאַרגעסן, אַז איך בין אויך שוין אַמאָל דאָ געווען. עטלעכע און דרײַסיק יאָר שוין דעריין, און וואָס קאָן מען אין אַזויפֿיל יאָרן אַרום פֿאַרגעדענקען וועגן א וואַלד, דורך וועלכן מע האָט זיך געשלעפּט אַף אַן אונטערקרעכצנדיק פֿורל אין א קאַלטער פֿינצטערער נאַכט? אין קראַסנע אָבער און אין טיווראָוו בין איך דעמלט געווען עטלעכע טעג, און מיר דוכט, איך וועל דאָרט איצט דערקענען יעדעס געסל, יעדעס גאַנעקל...

אין טיווראָוו, וואָס איז נאָכן כורבן, ווי א סאַך שטעטלעך, געוואָרן א דאָרף, וועל איך דאָס מאָל, מיסטאַמע, ניט זײַן, ביפּראַט אַז די געשיכטע מיטן טיווראָווער באָכער איז זיך גאָר פֿאַרלאָפֿן אין קראַסנע, און צוליב דער דאָזיקער געשיכטע, וועלכע ס'האָט מיר בעכיפּאָזנדיק, אַף איין פֿוס, דערציילט דער קאַזאַטינער זישע „אַדמיראַלטייסטוואָ", בין איך דאָך, אייגנטלעך, געקומען איצט אהער.

כ'ווייס אַליין ניט, לויט וועלכע סימאָנים איך האָב דערקענט דעם קראַסנער שאָסיי באַם אַרויסגאַנג פֿון וואַלד. איך האָב זיך מיט אים דערפֿרייט, ווי מע דערפֿרייט זיך מיט דער היים, נאָך יאָרן וואָגלען און וואַנדערן. גיכער פֿון אַלץ איז עס דערפֿאַר, וואָס קראַסנע קען איך פֿון פֿריִער און ווייס, אַז איך וועל דאָרט ניט טרעפֿן קיין נײַעם בעסוילעם — קיין פֿאַרשאָטענע, פֿאַרוואַקסענע גרוב...

די זון, וועלכע איך האָב איבערגעלאָזט אַף יענער זײַט וואַלד, האָט מיך אָנגעיאָגט באַ דער לאָנקע, וואָס איז מיטגעגאַנגען א שטיק וועג מיטן שאָסיי. די עטלעכע ווערבעס אַף דער לאָנקע, אונטער וועלכע עס פֿלעגן אין די זומער־אָוונטן זיך שווײַגעוודיק דורכריידן יונגע פֿאַרליבטע פּאָרלעך, האָבן פֿאַר די דורכגעגאַנגענע יאָרן זיך היפּש געעלטערט — זייערע אויסגעבויגענע צווײַגן גרייכן קימאַט דעם אייגענעם שאָטן. אומקערנדיק זיך פֿון דער לאָנקע צוריק אַפֿן ברוק, האָב איך זיך דערפֿרייט מיט די צעשאָטענע שטרויעלעך, וואָס א דורכלויפֿנדיקע פֿור האָט פֿאַרלוירן. איך בין געגאַנגען און זיך אָפּגעשטעלט, אַלץ געזוכט די אַמאָליקע סימאָנים פֿון דעם דאָזיקן שטילן, גרינעם, פֿאַרוואָרפֿענעם שטעטעלע, און דאַכט מיר, אַז כ'האָב שוין א פּאָר מאָל אויפֿגעכאַפּט אין דער לופֿט דעם ליבן רייעך פֿון פֿרישע הרעטשענע לאַטקעס...

מיטאמאָל בין איך אָבער געבליבן שטיין. דער שטעג, וואָס האָט מיך א פֿאַרשיקערטן אַרויסגעלאָזט פון וואלד, האָט ניט געהאט קיין טאָעס, מיך ניט ארויסגעפירט אף א שליאך פון אן אנדער שטעטל? ווי קומט אהער אָט דער ברייט פאנאנדערגעגאָסענער טײַך, וואָס האָט פֿאַרנאַרט צו זיך די סאָפּטאָגיקע זון? אין קראסנע, געדענק איך, איז געווען א קליין שמאָל טײַכל, און געפלאָסן איז עס גאָר ארופצו, הינטערן הילצערנעם בריקל, ווו די קוזניעס זײַנען געשטאנען. איז ניטאָ ניט דאָס בריקל, ניט די קוזניעס, ניט דער קלויסטער אפן בערגל, ניט דאָס ציגלנע שטיבל פונעם פאָטאָגראף הינטערן בערגל, און דאָס בערגל אליין איז, דוכט מיר, אויך אן אנדערס. עפּעס האָט עס מיר אויסגעוויזן קלענער, נידעריקער. איך בין נאָך געשטאנען באם צופוסנס פונעם בערגל און האָב שוין געזען פאר זיך דעם מארק מיט אלע זײַנע שטעלעכלעך און טישלעך, און אפן מארק־פלאַץ די הײַזער מיט די רויטע לאָדנס און נידעריקע גאנעקעס. איצט האָב איך שוין ניט געהאט וואָס צו קווענקלען זיך, אז איך בין אין קראסנע. איך דערקען זיי, די הײַזלעך, זיי שטייען ווי דעמלט, האַרט איינס לעבן אנדערן. בלויז אפן מארק־פלאַץ זײַנען זיי אָפּגעזונדערט, ווי מע זאָל זײַן צעקריגט צווישן זיך, און קריגן זיך יענע יאָרן איז בא זיי געווען צוליב וואָס: פון די פינף לענגלעכע הײַזער אפן מארק־פלאַץ זײַנען דרײַ געווען אכסאַניעס. אינעם אײַנפאָרהויז, ווו איך בין דעמלט אײַנגעשטאנען, האָט דער הילצערנער לעכערדיקער טויער פון שטאל נאָך ביז איצט, דאכט מיר, פארהיט זײַן קאָליר — ער איז א טונקל־גרינער. וואָס קאָן דאָ איצט זײַן? עפשער אויך אן אכסאַניע, א קאָמונאלע, פארשטייט זיך. איך האָב אָנגעקלאפּט אין די פארהאנגענע פענצטערלעך. קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. איך האָב ארײַנגעקוקט אין הויף — אויך קיינער ניטאָ. אף א צעבראָכענעם וואָגן אָן רעדער איז געלעגן א צעטריקנט, צעשפּאלטן פעסעלע און א האלב־צעפוילטער כאָמוט.

איך בין ניט געווען הונגעריק, איך האָב אָבער ניט געקאָנט פארבײַגיין דאָס רעסטאָראנדל — די מיטלסטע שטוב אפן פלאַץ — און ניט ארײַן אהין. אין דער דאָזיקער שטוב האָבן זיך דעמלט געשפּײַזט די אײַנשטייער פון די אכסאַניעס, און צום טיש האָט דאָרט דערלאנגט דער באַלעבאָסטעס טאָכטער — א מיידל מיט טיפע טונקל־בלויע אויגן.

— קאָנט איר מיר ניט זאָגן, — האָב איך זיך געווענדט צו דעם יונגן ווײַבל אינעם קורצן פארטעכל מיטן ווײַסן מיצל אפן קאָפּ, וועלכע האָט מיר דערלאנגט דאָס עסן, — עמעצער איז פארבליבן פון דער מישפּאָכע, וואָס האָט אמאָל געוווינט אין דער דאָזיקער שטוב?

— אין אָ דער־אָ שטוב האָט קיינמאָל קיינער ניט געוווינט.

— וואָס הייסט קיינער האָט קיינמאָל ניט געוווינט, אז איך בין אליין דאָ וויפל מאָל געווען! זאָל זײַן, איך זאָל האָבן איבערגעפּלאָנטערט? מיר געדענקט זיך דאָך אָבער פאָרט, אז אין דער מיטלסטער שטוב.

— ווען זײַט איר דאָ בא אונדז געווען? — האָט דאָס ווײַבל געפרעגט, צוזעצנדיק זיך צו מײַן טישל.

— אן ערעך מיט א יאָר פיר־פינף און דרײַסיק צוריק.

— סאכאקל? — האָט זי זיך צעלאכט, באהאלטנדיק די נאקעטע הענט אונטערן פארטעכל.— נו, איך ווייס שוין, אף וועמען איר פרעגט זיך נאָך. אף די פּערצאָווסקיס. בא זיי איז געווען, דערציילט מען, זייער א שיינע טאָכטער, עפּעס אזוינס ווי אזעלכעס. נעכע האָט מען זי גערופן. מע דערמאָנט נאָך ביז איצט איר שיינקייט. אָט דאָ טאקע איז געשטאנען זייער שטוב. זי האָט אָבער אָפּגעברענט. ס'איז שוין דעריך א פּײַן ביסל יאָר. האָט דער קאָלווירט אויסגעבויט אפן זעלבן אָרט דאָס דאָזיקע הויז און געעפנט א רעסטאָראַן.

— און ווו איז איצטער נעכע?

דאָס ווײַבל האָט א קוק געטאָן אף מיר, ווי אף א מענטשן, וואָס איז אראָפּגעקומען אהער זוכן די פארגאנגענע יוגנט.

— דאָס דאַרפט איר פרעגן די עלטערע מענטשן, וואָרעם ווען די פּערצאָווסקיס זײַנען פונדאנען ארויסגעפאָרן, בין איך נאָך דעמלט אף דער וועלט ניט געווען.

צי דאָס ווײַבל האָט שוין באוויזן דורך עמעצן איבערגעבן, אז ס'איז געקומען א מענטש, וועלכער איז דאָ אמאָל שוין געווען און אז ער פרעגט זיך נאָך אף די פּערצאָווסקיס, צי ווײַל ס'איז אונטערגעשפּרונגען די אָוונטיקע שאָ, ווען סע זיצט זיך ניט אין שטוב און די צײַט גייט אוועק אין רייד, וואָס שעפּן זיך קיינמאָל ניט אויס, — נאָר ווען איך האָב פארלאָזט דאָס רעסטאָראנדל, איז בא דער אָפענער טיר פון דער שערערײַ אפן מארק־פלאַץ געשטאנען א רעדל מענטשן און זיך וועגן עפּעס געאמפּערט. די צוויי אויסגעפּוצטע פרויען, וועלכע איך האָב געזען דורכן פענצטער זיך ארומדרייען, זײַנען אויך דאָרט געשטאנען. קענטיק, אז דעם דאָזיקן

פאַרל טאַקע האָט דאָס ווײַבל געגעבן צו וויסן וועגן מיר, וואָרעם איך האָב ניט באַוויזן נאָך זאָגן א וואָרט, האָט דער אוילעם מיך שוין א נעם געטאָן אָפּן פאַרהער, איך זאָל זיי זאָגן, וויבאַלד איך בין שוין דאָ אַמאָל געווען בא זיי, וועמען, אשטייגער, קען איך נאָך. מע האָט מיר אַפילע צוגעהאָלפן זיך דערמאָנען, אָנגערופן דעם, אָנגערופן יענעם, און דערבײַ געקוקט אָף מיר ווי אָף איינעם, וואָס וויל זיך אויסגעבן פאַר א קראַסנער.

באַזונדערס האָט מיר געמאַכט אָן „עקזאַמען" מוישע־אַרן דער זייגערמאַכער — אַזוי האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר מיר א מאַנצבל מיט באַלעכצוואַטע אויגן, וואָס שטייען קיין רעגע ניט אײַן אָף אָן אָרט: אַלץ זעען זיי, אַלץ באַמערקן זיי און אַלץ גייט זיי אָן. געשוויגן האָבן בלויז די צוויי אויסגעפוצטע פרויען. נאָר וואָס זאָל באַטײַטן דאָס סוידעספּולע שמייכלען זייערס!

— שאַט! אָט דעם יידן, אויב איר זענט, ווי איר זאָגט, טאַקע בעעמעס שוין אַמאָל געווען בא אונדז, דאַרפט איר זיכער קענען, — האָט מוישע־אַרן זיך אָנגערופן צו מיר, אָנווײַזנדיק אָף א קליינוווקסיקן עלטערן מענטשן מיט א פאַרשטעקט בײַטש־שטעקל אין די פאַרשטויבטע כאָלעוועס פון די שטיוול, — ער הייסט קאַלמען סידער. געווען אַמאָל א פרימאַ באַלעגאָלע, איצט איז ער א פרימאַ פאַסטעך בא אונדז אין קאָלווירט. ווי קומט עס, איר זאָלט אים ניט קענען, אויב איר זענט, ווי איר זאָגט, טאַקע געווען אַמאָל בא אונדז?

וואָס איז עס אָט דער מוישע־אַרן אויסן מיט זײַן טאָן צו מיר יעדעס מאָל א זאָג: „אויב איר זענט טאַקע שוין אַמאָל געווען בא אונדז"? ס'קאָן דאָך ניט זײַן, ער זאָל מיר ניט גלייבן, נאָכדעם ווי איך האָב אים אָנגעוויזן פּינקטלעך דאָס אָרט אָפּן פּלאַץ, ווו ס'איז געשטאַנען דאָס קלייטל מיט די אָנגעמאָלטע שוימיקע קופּלען ביר אָף די פענצטער. שטראָפט ער מיך, הייסט עס, מיט זײַן אַפּיקאָרסעס פּאַשעט דערפאַר, וואָס אַרײַנקומענדיק אין שטעטל, האָב איך פאַר־קערעוועט אין רעסטאָראַנדל. א קראַסנער וואָלט געוויס אַזוי ניט געטאָן. ער וואָלט זיך גלײַך געלאָזט אַהער. אַזוי צי אַנדערש, נאָר קיין אָפּנהאַרציקער געשפּרעך מיטן אוילעם, ווי אין אַנדערע שטעטלעך, האָט זיך בא מיר דערווײַל ניט באַקומען.

אַרופגעפירט אונדז אָף א וועג האָט קאַלמען סידער מיט זײַן אַרײַנפּאַלן מוישע־אַרענען אין די רייד:

— ווי קומען זיי מיך צו געדענקען? עס האָבן אויסגעפּעפּלט באַלעגאָלעס אין שטעטל, וואָס זיי האָבן געדאַרפט פאָרן בלויז מיט מיר? די גוטע יאָר אונדז, וויפל מאָל איך פּלעג זיך אומקערן פון דער סטאַנציע א לײדיקער. און ביכלאַל איז עס דאָך שוין א מײַסע, ווי איך האָב געהערט, פון א פײַן ביסל יאָרן צוריק. נאָר מייער באַבירער, דער „וועסאָוושטשיק", בא וועלכן זיי זײַנען דעמאָלט אײַנגעשטאַנען אינעם אײַנפּאַר־הויז, זאָגט, אַז ער געדענקט דעם דאָזיקן מענטשן. איך האָב מיט מייערן נאָרוואָס גערעדט. ער וועט, מיסטאַמע, באַלד צוקומען. אויב דער גאַסט, זאָגט מייער, האָט זיך נאָכגעפרעגט אָף די פאַרצאָוסקיס, רעדט א ליטווישן יידיש, שרײַבט יידישע ביכלעך און איז געווען אין בירָאָבידזשאַן און אין קרים, איז עס זיכער ער.

— שטייט, קאַלמען, שטייט, — בא מוישע־אַרענען האָט זיך פאַרזשמורעט דאָס רעכטע אויג, ווי ער וואָלט נעמען קוקן אין א שפּאַקטיוול, — זענט איר עס דער, וואָס איז אַמאָל צו אונדז געקומען דערציילן וועגן בירָאָבידזשאַן און קרים? האָלעווײַ וואָלטן מיר אײַך דעמאָלט געהערט און געפאָרן אין דער יידישער אויטאָנאָמיע. די, וואָס זײַנען געפאָרן קיין כערסאָנשטשינע אָדער אָט ווי איך, קיין קרים, האָבן געהאַט דעם זעלבן שרעקלעכן סאָף, וואָס די טיוראָוזער יידן. ס'איז ווי אין אונסאַנע טויקעף ווערט געזאָגט: מי באַכאַים אומי באַמאָוועס...

— אָך־און־ווײ צו דעם מי באַכאַים, אַז מע איז געווען פאַרשפּאַרט, ווי אין א שטײַג, און טאָג ווי נאַכט געזען פאַר זיך דעם כאַלעף, — האָט פון דער שערערײַ זיך דערהערט א שטים.

— זאָגט עס ניט, — האָט מוישע־אַרן אָפּגעענטפערט. — ווי עס זאָל אונדז ניט געווען זײַן ביטער און פינצטער, זײַנען מיר פונדעסטוועגן געבליבן מיטן לעבן, בייס אין טיוראָוו... און וויפל איז פון אונדז קיין טיוראָוו? צופוס פלעגן מיר דאָך אַהין גיין. איז אָבער דאָרטן געווען דער דײַטש.

— ער איז דאָ בא אונדז אויך געווען, ניט לאַנג, נאָר געווען. אָף מײַן פינצטערן מאַזל האָב איך זיך דער ערשטער געפאַקט די דײַטשן אונטער דער האַנט, און זיי האָבן מיר באַפוילן, איך זאָל אין א שאָ אַרום צושטעלן יידישע מיידלעך. — בא דעם, וואָס האָט עס דערציילט, האָט פון בושע געפּלאַמט דאָס פּאָנעם, אָט־אָט וועט זיך אָנכאַפּן זײַן ברייטע רויטלעכע באָרד. — דאָס העמד פון לײַב האָבן מיר פון זיך אויסגעטאָן, ווו א צירונג אָפּגעגעבן, נאָר ניט דערלאָזט שענדן אונדזערע יידישע טעכטער.

— מע זאָל זיך ניט געווען דעמאָלט אָפּקויפן, וואָלטן מיר א האַנט אָף זיך אַרופגעלייגט, ווי מאַלקעלע אונדזערע, — האָט זיך אָנגערופן איינע פון די צוויי פרויען, וועלכער איך האָב צוליב איר קורץ און ענג קליידל אָנגענומען פאַר א יונגער און נײַטיקט זיך, מע זאָל איר

דערציילן, וואָס האָט זיך געטאָן אָף דער וועלט מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק. — פון אונטער דער כופּע איז מאַלקעלע אַוועק צו דער שכיטע...

— ווען איך זאָל דאַן געווען זײַן הי, — האָט זיך אָנגערופן די אַנדערע, קענטיק, שוין אויך ניט קיין איבעריקס יונגע, — וואָלט איך צו דעם ניט דערלאָזט, פאַר קיין שום פאַל וואָלט איך צו דעם ניט דערלאָזט.

— קי אַזאַ קאַמאָוועס אהאוואָ, ווײַל שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבע, זאָגט שלוימע האַמעלעך אין שיר־השירים, און געדאַרפט האָט דאָרטן זײַן, יויסער מימאָוועס אַזאַ אהאוואָ, שטאַרקער פון טויט איז די ליבע, — האָט אַרויסגעבראַכט מיט אַ ניגן דער ייִד מיט דער ברייטער רויטלעכער באָרד. — וואָס וואָלט איר געטאָן? ניט געלאָזן זי גיין צו דער כופּע? צעשיידט זי מיט איר כאָסן? וואָס?

— איך וואָלט זיי ביידן אַוועקגעשיקט אין וואַלד. אין יאַראָשענקער וואַלד זײַנען פאַראַן אַזעלכע ערטער, וואָס קיין פויגל וועט אַהין ניט טרעפן.

— ווי אָבער, אַז דאָס גאַנצע שטעטל איז געשטאַנען אין געפאַר? מיטן מאַלכאַמאָוועס שפּילט מען זיך ניט. ווען מע קערט ניט אום צו דער און דער שאָ מאַלקעלעס כאָסן צוריק קיין טיוראָוו, גייט קראַסנע אָף עטלעכע טעג אַריבער פון די רומענער צו די דײַטשן. איז וואָס זאָל מען געווען טאָן?

אָף דעם האָט געענטפערט דער שערער — אַ מיטלוווּקסיקער טונקעלער יונגערמאַן מיט אַן אויסגעכאַליעט שפּיצעכיק בערדל, וועלכער האָט זיך באַוויזן אין דער טיר. אינעם ווײַסן כאַלאַט האָט ער געכאַפּט דעם אָנבליק פון אַ שטעטלשן רופע.

— מע האָט ניט באַדאַרפט וואַרטן, ביז דער מאַלכאַמאָוועס וועט קומען. געדאַרפט באַ־צײַטנס אַוועקגיין אין וואַלד. דאָס גאַנצע שטעטל! אַלע ביז איינעם!

— געדאַרפט! געדאַרפט! — איז מוישע־אַרן אָנגעפאַלן אָפן שערער. — איצט זײַנען אַלע כאַכאָמים, מוסערזאָגער. אַלע קומען מיט טײַנעס — פאַרוואָס, פאַר ווען? דו געפין מיר דעם מענטשן, וואָס זאָל געווען, ביז דער אומגליק האָט ניט געטראָפן, גלייבן, אַז אַזעלכעס קאָן זיך פאַרלויפן. די וועלט, באַרעכהאַשעם, האָט שוין אַלץ געזען, אַפילע ווי מע ברענט מענטשן אָף שײַטערס, נאָר דאָס, וואָס די היטלעראָוצעס יימאַך שמאָם וועזיכראָם לעדויר דוירעס האָבן אָפּגעטאָן מיט דער וועלט... דער מענטשלעכער סייכל איז ניט בעקויעך געווען עס צו באַנעמען, און דאָס האָט אָפּגעקאָסט יאַמען מיט בלוט. ווייניק מענטשן, וואָס וואָלטן געקאָנט זיך עוואַקוירן, זײַנען געבליבן זיצן אָף די ערטער? אָט איך אַליין, לעמאָשל. גרינג צו זאָגן: לויפן אין וואַלד. מיט ברעקלעך קינדער אָף די הענט וועסטו אין וואַלד ניט לויפן, נאָר מע איז געלאָפן. ווער ס׳האָט אָנגעטראָפן אָף פּאַרטיזאַנער און ווער אָף דײַטשן.

— איר האָט, דוכט מיר, געהאַט געזאָגט, — האָב איך דערמאָנט מוישע־אַרענען, — אַז איר האָט אויך איבערגעוואַנדערט אָף ערד, זיך באַזעצט אָפן קרימער סטעפּ...

מוישע־אַרן האָט ווידער פאַרזשמורעט דאָס אויג, ווי ער זאָל אַרײַנקוקן אין אַ שפּעקטיוול.

— נו, יאָ, אָפן אַכציק נײַנטן יישעוו האָב איך געוווינט, לעבן קורמאַן. מיר איז דאָרט געווען ניט שלעכט, גאָר ניט שלעכט, נאָר גיי טו עפּעס, אַז ס׳איז אין מיר אַרײַן אַ דיבעק, ס׳האָט מיך פּלוצעם אַ ציי געטאָן אַהיים, מאַמעש ביז אויסצוגיין. גאָט איז אַן איידעס, ווי איך האָב זיך געבאָרעט מיט זיך. דער סאָף איז געווען, אַז איך האָב אַלץ אויסגעפאַרקויפט און געקומען צוריק אַהער. ס׳איז געווען אַ פאָר יאָר פאַר דער מילכאָמע. וואָס איר זאָלט אײַך ניט זאָגן, נאָר אַזאַ שיין שטעטל ווי אונדזערס, מעגט איר אויספאָרן אַ וועלט, וועט איר ניט באַ־געגענען. הײַנט דער וואַלד! דער יאַראָשענקער וואַלד! — און מיטאַמאָל אַ זאָג געטאָן צום פאַסטעך: — רעב קאַלמען, איר ווילט פאַרדינען אַ מיצווע?

דער פאַסטעך האָט אופגעהויבן אָף מוישע־אַרענען זײַנע קליינע פריילעכע אויגן.

— דאָס בײַטש־שטעקל, זע איך, איז מיט אײַך, פעלט אײַך נאָר אויס אַ פערד און וואָגן, איר זאָלט מײַסע באַלעגאָלע, ווי אַמאָליקע יאָרן, זיך דורכפאָרן מיטן גאַסט דורכן יאַראָשענקער וואַלד. טוט אַ בעט דעם פּאָרזיצער פון קאָלווירט, וועט ער אײַך געבן אַ פערד. איר וועט פאַר־דינען, רעב קאַלמען, אַ מיצווע, אַ גרויסע מיצווע, ווײַל וואָס, מישטיינסגעזאָגט, קאָן מען זען דורך אַ פענצטער פון אַן אויטאָבוס, וואָס פליט דורך דעם וואַלד, אַז מע באַווײַזט זיך ניט אַרומצוקוקן?

דערהערט, אַז איך האָב דורכגעמאַכט דעם וועג פון דער סטאַנציע צופוס, איז מוישע־אַרן מיר, קענטיק, מויכל געווען, וואָס איך האָב ניט געגעבן קאַלמענען פאַרדינען די מיצווע. נאָר ווי מאַכט מען, אַז מוישע־אַרן זאָל מיר ניט זאָגן, ווער איז עס דער הויכער פאַרוואַקסענער מענטש, וואָס שטייט די גאַנצע צײַט אָן אַ זײַט אָנגעשפאַרט, ווי אַ מעשולעך, אָף אַ גראָבן דאָרפישן שטעקן און שווײַגט. וואָס זאָל באַטײַטן זײַן שווײַגן? זאָל זײַן, אַז ער האָט מיר צו דערציילן

וועגן דעם קראַסנער מיידל מיטן טיוורזאָווער באַכער אַזוינס, וואָס קיינער האָט מיר דאָ דערוויַיל נאָך ניט דערציילט, און דאָס וואָרט ער, איך זאָל זיך צו אים ווענדן? האָב איך זיך געווענדט. איך האָב ווידער פאַרפירט אַ רייד וועגן דער כאַסענע אין דער נאַכט פאַר דער טיוורזאָווער שכיטע.

— ס'איז טאַקע געווען אַ כאַסענע?

איך האָב עס איבערגעפרעגט, וויַיל אין ענלעכע געשיכטע וועגן אַ באַכער, וואָס איז געקומען פון דער דײַטשישער זאָנע צו זײַן קאַלע אין שכײנעסדיקן שטעטל, ווו ס'האָבן באַלעבאַטעוועט די רומענער, און דאָס מיידל איז נאָכדעם געגאַנגען צוזאַמען מיטן כאָסן צו דער גרוב, וויַיל די דײַטשן האָבן אים געפאָדערט צוריק, — האָב איך שוין געהערט דערציילן אין עטלעכע שטעטלעך. צי האָט די דאָזיקע געשיכטע ניט פאַרבלאָנדזשעט פונדאַנען אַהין? און עפשער פאַרקערט?

געענטפערט האָט מיר דער ייִד מיט דער רויטלעכער באָרד:

— אַ כאַסענע, פרעגט איר? אַ כאַסענע — אַ לעוויַיע איז עס געווען, מיט יעלאָלעס, הימל עפן זיך. נאָר מיט אַ כופע, און אַ פידל האָט געשפּילט. אין קלויז איז זי געווען, די כאַסענע, אין קלויז, ווו דער צאַדיק האָט אַמאָל אַרויסגעטריבן דעם דיבעק פון דעם נאָגידס טאָכטער, וואָס האָט זיך געהאַט פאַרקאָכט אין אָן אָרעמען יעשיוועבאָכער.

— אַנ־סקי איז געווען אַ קראַסנער?

— אַנסקי? וועלכער אַנסקי? רעב קאַלמען, — האָט מוישע־אַרן צוגערופן דעם פּאַסטעך, וואָס האָט פּאַנאַנדערגעשאַרט מיטן בייַטש־שטעקל דאָס גראָז, — איר דאַרפט דאָך בעסער געדענקען. באַ אונדז איז געווען אַן אַנסקי?

קאַלמען האָט זיך פאַרטראַכט:

— וואָס איז געווען זײַן טועכץ?

— אַ שרײַבער.

— אַ שרײַבער? — האָט דער שערער זיך אַ כאַפּ געטאָן, — רופט מען דאָך אים גאָר שיקע. שיקע דריז. נו, פאַרשטייט זיך, אַז ער איז אַן אונדזעריקער, אַ קראַסנער. ווער קען אים דאָ ניט. און אַרן סטרעלניק, דער קאַראַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד", אָט דער, וועלכער זעט, אַז ס'זאָלן זיך ניט אַרײַנכאַפּן קיין גרײַזן אין דעם ייִדישן זשורנאַל, איז דאָך אויך אַ קראַסנער. האָט צײַט. קאַלדוניע באַ די מאָסקווער אַרטיסטן האָט איר געזען? איז ווייסט איר, ווער סע שפּילט דאָרט האַצמאַכן? אונדזער הערשל לעווינזאָן. פאַר דער מילכאָמע, כאָטש קראַסנע איז שוין דעמאָלט ניט געווען די, וואָס אַמאָל, נאָר אַז סע פלעגט צו אונדז אַראָפּפאָרן אַ ייִדישער טעאַטער, איז דער קלוב געווען צו קליין. און איצט, אַז ס'זאָלן קומען ייִדישע אַקטיאָרן, האָבן זיי ניט פאַר וועמען דאָ צו שפּילן. אָט איז דאָך, אייגנטלעך, דער גאַנצער אוילעם אונדזערער.

— סראָליק, צו וואָס מאַכן זיך אָרעמער ווי מע איז?

— סראָליק גוויר בלײַבט סראָליק גוויר. אַ ייִד אַ קאַמצן.

— נו, איז נאָך אַ האַלבער מיניען, — האָט דער שערער זיך אונטערגעגעבן.

— אַזוי זאָגט איר, — האָט זיך אַרײַנגעמישט די עלטערע פון די צוויי פרויען, — איך אַרבעט אָף דער פּאָטשט, ווייס איך בעסער פון אײַך דעם כעזשבן. איר זײַט דאָך, אייגנטלעך, שוין מער אַ ווינעצער ווי אַ קראַסנער. אָט נעמט אָף ציקאָוועסט אַ רייַן בייגעלע פּאַפּיר, וועל איך אײַך באַלד מאַכן אַ פּינקטלעכן כעזשבן. מירן אָנהייבן פון אונדזער געסל. שרײַבט: שמועל צירולניק, קלאַרע פירמאַן, כײַקע מאַנדל, מוישע פּעטשערסקי, אוראָם שוואַרצמאַן.

— כאַפּט ניט אַזוי.

— מיך, מיך פאַרשרײַבט, סענדער קאַצמאַן.

— סראָליק, האָסט דאָך דורכגעלאָזט מײַן שאָכן, פּיניע מעדוועדן.

— פאַרגעסט ניט פאַרשרײַבן העניע „גיב מיר דירעגעלט". העניע גערוויס.

— ווער ווייסט, העניע איז עלטער צי ייִנגער פון שיִע בערנזאָן? שיִע, שמועסט מען, איז שוין אַלט הונדערט צען יאָר.

— אויב אַזוי, איז העניע ייִנגער פון אים אָף אַ יאָר.

— שימען פּאַרטיגולן פאַרשריבן?

עפּשער אַ מאָל צען האָט סראָליק דער שערער אונטערגעפירט אַ סאַכאַקל, און יעדעס מאָל האָט מען זיך דערמאָנט נאָך אַ פאַמיליע און נאָך אַ פאַמיליע. דערזען, אַז דאָס בייגעלע פּאַפּיר וועט ניט קלעקן, — ס'האָבן זיך שוין אָנגעקליבן עטלעכע און פופציק מישפּאָכעס, — האָט סראָליק אַ מאַך געטאָן:

— מישטיינסגעזאָגט, מישפּאָכעס. צוויי מענטשן הייסט באַ זיי אויך אַ מישפּאָכע!

— אפילע איין מענטש איז הײַנטיקע צײַטן אויך אַ מישפּאָכע, — האָט זיך אָפּגערופן דער

שווײַגער, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען אָן אַ זײַט אָנגעשפּאַרט, ווי אַ מעשולעך, אַף זײַן גראָבן דאָרפישן שטעקן. — איין מענטש איז אויך אַ מישפּאָכע, — האָט ער איבערגעכאַזוערט און זיך געלאָזט גיין פּאַזע די טישלעך און שטעלעכלעך פונעם אויסגעליידיקטן מערקל.

ערשט איצט איז מוישע־אַרן אָנגעפלויגן אַפן שרער:

— כ'האָב גאָר ניט געוווּסט, אַז איר זענט אַזאַ צולאָכעסניק. אײַך איז גוט צו ריידן, אַז איר זיצט אין וויניצע און האָט זיך אונטער דער האַנט אַן אינסטיטוט, מיט אַ זאַוואָד, מיט אַ טעאַטער, אַלץ, וואָס אַ יונגער מענטש דאַרף.

— און ווער לאָזט אײַך ניט אַריבערפאָרן אין שטאָט? איר זײַט, שײַנט מיר, מוישע־אַרן, שוין ניט אין די יאָרן, אַז דער קאָלווירט זאָל אײַך ניט וועלן אָפּלאָזן.

דאָ איז מוישע־אַרענען געקומען צוהילף קאַלמען, ער האָט זיך נאָך מער אַרופגעוואָרפן אַפן שרער.

— און פאַרוואָס פאָרסטו ניט איבער אינגאַנצן אין שטאָט? זיצט אַף צוויי יאַרידן. באַטאָג אַ קראָסנער און באַנאַכט אַ וויניצער. האַ?

— קראָסנע, מײַן ליבער רעב קאַלמען, און וואָראָשילאָווקע און זשמערינקע און אַפילע נעמיראָוו זײַנען הײַנט, אויב איר ווילט וויסן, אַ מין פאָרשטאָט פון וויניצע, נו, אָט ווי באָיאַרקע, אַשטייגער, מיט קיִעוו. פאַר אַ קנאַפּער שאָ צײַט בין איך מיר מיטן אווטאָבוס אין וויניצע.

— כ'פאַרשטיי אָבער ניט דעם סייכל פון דעם, — איז קאַלמען פון אים ניט אָפּגעטראָטן, — אַז אַ וואָראָשילאָווקער, לעמאָשל, שלעפּט זיך יעדן טאָג קיין וויניצע, ווײַל אין דער היים האָט ער ניט די אַרבעט, וואָס ער וויל, פאַרשטיי איך נאָך. אָבער שלעפּן זיך יעדן טאָג פון וויניצע אַהער... וואָסי, אין וויניצע זײַנען שוין פאַר דיר ניטאָ קיין פאַריקמאַכערסקעס?

— ניטאָ, רעב קאַלמען, ניטאָ. פון וואָס קען איך דאָרט מאַכן דעם פּלאַן, אַז אַ שטאָטישער מענטש לאָזט אַפילע קיין טראָפּן אָדעקאָלאָן אַף זיך ניט פאַלן, ער האָט פײַנט, זאָגט ער, ס'זאָל פון אים שמעקן בסאָמים. און דאָ מאַך איך מיר דעם פּלאַן שפּילנדיק. און כוץ אַלעם, וואָס שטערט מיר, אַז איך האָב אַ שטוב אין קראָסנע און די קינדער האָבן וווּ צו פאַרברענגען זומער די קאַניקולן? קאַרג שטאָטישע מענטשן האָבן דאַטשעס? און זאָגן אײַך דעם עמעס? איך האָב מוירע, מוישע־אַרן, אַז ס'זאָל מיט מיר ניט טרעפן דאָס זעלבע, וואָס מיט אײַך אין קרים, איך זאָל ניט קאָנען גיוועער זײַן אין זיך די בענקשאַפט. רעב קאַלמען, וווהין פליט איר? איר זײַט שוין בײַ מיר לאַנג ניט געזעסן אַפן טראָן. ביז דער ראַכניִער אווטאָבוס וועט קומען, וועל איך אײַך מאַכן ייִנגער אַף אַ צוואַנציק יאָר.

אוועקגעזעצט דעם פאַסטעך אַפן שרערישן טראָן, האָט יאָסל זיך אָנגערופן צו מיר:

— אָט דאָס צעטל נעמט מיט זיך. ס'קאָן אַמאָל צוניץ קומען. איר פאָרט דאָך, הער איך, אַרום איבער דער וועלט, איז טאָמער וועט זיך אײַך טרעפן אַ קראָסנער, זאָלט איר אים קאָנען איבערגעבן אַ גרוס פון זײַנע לאַנדסלײַט.

■

די צוויי פרויען האָבן ווירקלעך געקאָנט קלערן, דערזעענדיק, ווי איך האָב זיך ווידעראַמאָל פאַרהאַלטן בײַ דעם גרויען הויז פונעם רעסטאָראַנדל, אַז איך בין אַהער אַראָפּגעקומען זוכן מײַן לאַנג־פאַרגאַנגענע יוגנט... איך קאָן אָבער פאָרט ניט פאַרבײַגיין דאָס דאָזיקע אָרט און זיך ניט אָפּשטעלן, כאָטש די שטוב, וואָס שטייט דאָ, איז ניט די, וואָס דעמלט, און דאָס ווײַבל מיטן ווײַסן מיצל אַפן קאָפּ, וואָס דערלאַנגט צום טיש, איז מיט גאָרניט ענלעך אַף דער שלאַנקער נעכען מיט די טיפע טונקל־בלויע אויגן, געדיכטע שוואַרצע ברעמען, וואָס פלעגט ניט גיין, נאָר שוועבן... פרווו זיך ווערן, ווען דעם זיקאָרן באַפאַלט מיטאַמאָל אַ בענקעניש און עס הייבט זיך אָן איבערמישן אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל. דער זיקאָרן מײַנער האָט זיך דערפרייט, וואָס ענדלעך האָט זיך אָפּגעזוכט אַ שטעטל, וווּ ער דאַרף מיך ניט אַרומפירן און ווײַזן, וואָס איז געווען דאָ, וואָס איז געווען דאָרט, ווי ער האָט עס מיט מיר געטאָן אין די כאָרעווע שטעט און שטעטלעך פון מײַן נאַווענאַדיקער קינדהײַט און יוגנט. זאָל עס זײַן, הייסט עס, אַ שטיקל טרייסט, אויב קיין גרעסערע איז ניטאָ, פאַר דעם גרויסן טרויער, וואָס טרעט ניט אָפּ און וואָס וועט פון איין דאָר אַריבער צום צווייטן...

איך זאָל זיך געווען אײַנגאַנצן אונטערגעבן דעם אויסגעבענקטן זיקאָרן און זיך לאָזן פון אים פירן, וואָלט איך, מיסטאָמע, זיך אַראָפּגעלאָזט מיטן בערגל צום שאָסיי, וווּ יונגע פאָרלעך פלעגן אין אַזאַ אָוונטיקער שאָ שוין לאַנג אַרומשפּאַצירן, און ניט פאַרקערעוועט אַהער, אינעם שמאָלן געסל, וווּ די הײַזלעך קוקן אַרײַן איינער דעם אַנדערן אין די שײַבלעך. קימאַט אַפן

ראַג געסל האָט מיך אָפּגעשטעלט דאָס שטעפּן פון א ניי־מאַשין, באַגלייט פון א דאַרפיש־צעצויגענעם, שטעטלש־דוויקעסדיקן ניגן.

אפּאַנעם, מײַן נײַגעריקײַט האָט זיך צו שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן, ווײַל די פרוי, וועלכע האָט זיך באַוויזן אין אָפענעם פענצטער, האָט זיך צו מיר געווענדט:

— איר זוכט דאָ עמעצן?

— ניין, גלאַט אזוי זיך אָפּגעשטעלט, — און קעדיי פאַרט זיך מיט עפּעס פאַרענטפערן, וואָס איך שטיי דאָ, געפרעגט: — קאָן מען בא אײַך קריגן א קאַלטן טרונק וואַסער?

— ביטע, מיטן שענסטן פאַרגעניגן. קומט אַרײַן אין שטוב.

דאָס געזאַנג צוזאַמען מיטן שטעפּן פון דער ניי־מאַשין האָט זיך איבערגעריסן.

אויסער דעם מאַנצבל אײנעם ווײַסן אויבערהעמד מיטן שוואַרצן שניפּס און אײנעם העלן גאַרניטער, וואָס איז אָף אים געלעגן ווי אויסגעגאָסן, איז אין צימער מער קיינער ניט געווען. דאָך האָט זיך עפּעס אלץ ניט געגלייבט, אז דאָס האָט ער געשטעפּט. מעגלעך, אז ס׳איז דערפאַר, וואָס אין א שטעטל האָט מען אין א געוויינלעך וואָכעדיקן טאָג געקאָנט זען יאָמטעוודיק געקליידט בלויז א דאָקטער. דער קירשנער האָט, ווײַזט אויס, מײַן פאַרכידעשטן בליק אויסגעטײַטשט אנדערש, און ערעך אזוי: וואָס, אשטייגער, זאָל עס באַטײַטן, וואָס ער, א מענטש, בא וועמען דער טיש איז אין א וואָכעדיקן טאָג פאַרשפּרייט מיט אָן אויסגעגעניטן פּליושענעם טיש־טעך, זאָל אזוי שפּעט נאָך אַרבעטן? דאָס איז געווען געדרונגען דערפון, וואָס ער האָט זיך פאַר מיר באַלד פאַרענטפערט:

— איך האָב געגעבן איינעם א קאָלווירטניק דאָס וואָרט, אז מאָרגן גאַנצפרי וועט זײַן פאַרטיק דאָס היטל, איז מעג דונערן און בליצן. א וואָרט דאַרף זײַן א וואָרט. איך האָב אָף מײַן לעבן קיינעם ניט אונטערגעפירט.

— שוין לאַנג, ווי איר פאַרנעמט זיך מיט קירזשנערײַ?

— פון קינדווײַז אָן. אנטקעגן וואָס, אנטשולדיקט, פרעגט איר עס?

שעם איך זיך ניט און זאָג אים אין דער אָנוועזנהײַט פון זײַן פרוי, וועלכע האָט געבראַכט פאַר מיר אָף א שעלעכל א פאַרהויכטע גלאָז קאַלטע וואַסער, אז בא אים איז דאָס פּאָנעם ווי בא אן אַרטיסט און דער שטערן ווי בא א געלערנטן.

ס׳איז שווער געווען זיך פאָרשטעלן, אז דער מענטש זאָל זײַן א קירזשנער, אויך דערפאַר, ווײַל די שטעטלשע באַלמעלאָכעס האָבן מיר זיך פאַרגעדענקט ווי מענטשן מיט פאַרדײַגעטע און פאַרזאָרגטע פּענעמער. דאָס איינציקע, וואָס קאָן אים אויסגעבן, אז ער געהערט צו די עמעסדיקע שטעטלשע באַלמעלאָכעס, וועלכע זײַנען לעצטנס אזוי אַרײַן אין דער מאָדע, אז ס׳איז גאָר ניט צוצוטרעטן צו זיי, איז דאָס צוזינגען זיך בא דער אַרבעט א ניגן אָן ווערטער. דאָס זאָג איך אים אויך, און גיב דערבײַ צו, אז אין דער יוגנט האָט ער, קענטיק, פאַרמאָגט א פײַן קאָל נעגינע.

— קראַסנע, — ענטפערט ער מיר, — איז ביכלאַל געווען א שטעטל פון נעגינע.

מײַן בליק איז ווידער געפאַלן, ווי באַם אַרײַנקומען אהער, אָף די פאַרגרעסערטע פאָטאָגראַפיעס פון דרײַ באָכערים און א מיידל, וועלכע האָבן אַראָפּגעקוקט פון דער וואַנט. אלע דרײַ באָכערים זײַנען געווען אין פּילאָטקעס און מיט אָפּיצערישע פּאָגאָנעס.

— אײַערע? — האָב איך געפרעגט דעם קירזשנער.

— אָלעהאַשאָלעם, ווינד איז מיר, — און די פרוי, אָף וועלכער ס׳איז ווי צווי טראָפּן וואַסער ענלעך דאָס מיידל מיט די שטילע שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזטע אויגן, האָט פאַרבראָכן די הענט.

— סימע...

— איך בין דאָך א מאַמע, יאַנקל. דאָס האַרץ, יאַנקל...

— סימע! — דער קירזשנער האָט אויסגעצויגן די האַנט צו די בילדער אָף דער וואַנט. — איילע טוילדעס יאַנקעוו, אָט דאָס איז מיר פאַרבליבן פון מײַנע קינדער. די זין זײַנען אומגעקומען אָף דער מילכאָמע, און די טאָכטער אין ווינניצער געטאָ.

מיט וואָס קאָן מען טרייסטן א טאַטן מיט א מאַמען, וואָס האָבן געהאַט דרײַ זין און א טאָכטער און ס׳זײַנען פון זיי בלויז פאַרבליבן די בילדער — פיר בילדער אונטער גלאָז אײַנגעפאַסט אין רעמלעך? און אז איך וועל זיי דערציילן וועגן דעם באַיאַרטן קאַמענעצער יידן מיטן אָרדענבענדל אָף דער ברוסט, וואָס איז געקומען קיין פּאַגרעבישטשע זוכן אין די רעגיסטראַציע־ביכער פון זאַגס א זייכער פון זײַנע אומגעקומענע קינדער, פון וועלכע עס זײַנען אים אפילע קיין בילדער ניט פאַרבליבן, און אז דער קאַמענעצער האָט אין די ביכער ניט אָפּגעזוכט

קיין שפור, אז ער איז געווען אמאָל א טאטע, — וועט עס פארן קירזשנער מיט זײַן ווײַב דען זײַן א טרייסט? „אויב דאָס איז דאָס גרעסטע, וואָס קאָן שוין דאָ קליין זײַן?"[1]

— סימע, גרייט צום טיש. נייך, נייך, מיר וועלן אײַך אזוי פון שטוב ניט ארויסלאָזן...

ער איז ניט דער ערשטער און ניט דער איינציקער, וואָס זוכט צו פארגעסן זיך בא דער ארבעט, און ס'איז לאַכלוטן געווען איבעריק צוטראכטן אן ענטפער, פארוואָס זיצט ער אזוי שפעט בא דער מאשין. ווען איך האָב זיך אופגעהויבן פון טיש, האָב איך שוין פארשטאנען, אז יאנקל האָט גאָרניט צוגעטראכט, אז אָט דער מענטש איז פון די, וועלכע האָבן בייס דער גרעסטער צאָרע ניט פארשטערט קיין יאָמטעוו, געפינען אין זיך קויעך אף צו זאָגן: הײַנט טאָר מען ניט טרויערן!

יאנקל דער קירזשנער, דוכט מיר, טוט זיך אָן יאָמטעוודיק אינדערוואָכן, ער זאָל קאָנען זאָגן אויך אנדערע דאָס זעלבע, וואָס ער זאָגט זיך: דער מענטש דארף זיך שטארקן.

די צוויי האַלבע טירן פון דער שערערײַ זײַנען שוין געווען צוגעמאכט, ווען איך בין ווידער געקומען צום מארק־פלאַץ און פון דאָרט פארקערעוועט אין א געסל, וואָס האָט מיך געבראכט צו פירן צו אן ארומגעצאמטן הויף מיט א שילדל: „קאַלווירטישע מעכאנישע ווארשטאטן". די לענגלעכע געבײַדע אין הויף, וואָס האָט ארויסגעקוקט מיט אירע הויכע פענצטער פון צווישן די רייען טראקטאָרן און קאָמבײַנען, האָט מיר אויסגעוויזן ביז גאָר קענטלעך.

— אָט איצט טאַקע זע איך, אז מייער „וועסאָוושטשיק" האָט ניט געהאט אין אײַך קיין טאָעס, וויבאלד איר האָט דערקענט אונדזער אמאָליקן קלוב. איר געדענקט, וואָס פאר אן אוילעם עס פלעגט זיך אהער צונויפקומען?

איך האָב אים ניט גלײַך דערקענט, קאַלמענען, וועמען סראַליק דער שערער האָט געמאכט יינגער אף גאנצע צוואנציק יאָר און וואָס האָט דערצו נאָך באוויזן אראָפּוואָרפן פון זיך די פאסטעכישע בעגאָדים.

— מייער באַבירער, דער קאַלווירטישער „וועסאָוושטשיק" אונדזערער, זוכט אײַך ארום. ער האָט מיך געבעטן זאָגן, איר זאָלט צו אים קומען נעכטיקן. ער וועט אף אײַך ווארטן. ער וווינט אינעם זעלבן אײַנפאָרהויז, לעבן מארק, אין וועלכן איר זײַט אמאָל אײַנגעשטאנען. נאָר אויב איר ווילט, קאָנט איר האלטן קווארטיר בא מיר. אָט דאָ אראָפּ ווױן איך. א דירע בא מיר — א פעלד, א וויהאָן. און פרעגט, צו וואָס האָב איך געקויפט אזא נאכלע, אז בעסאכאקל זײַנען מיר זאַלבעצווייט. נאָר גיי מאַך עפּעס, אז מײַנער האָט זיך פּלוצעם פארגלוסט פּראָסטאָר. עמעס, די שטוב האָב איך געקויפט פאר האַלב אומזיסט. איצט וואָלט מען זי מיר פאר אזא מעקעך ניט אָפּגעגעבן, ווײַל פון זינט דער קאַלווירט האָט אָנגעהויבן צאָלן פאר דער ארבעט מיט מעזומאָנים, איז צוריק געוואָרן א יאקרעס אף דירעס. דער אוילעם האָט אופגעהערט ארויספאָרן.

— און ווו איז איצט בא אײַך דער שטעטלשער קלוב? — האָב איך געפרעגט קאַלמענען.

— צו וואָס דארף קראָסנע א שטעטלשן קלוב, אז ס'איז פאראן א קאַלכאָזנער? ווען איר זײַט געגאנגען פון דער סטאנציע, האָט איר אים געדארפט זען. א פײַנער קלוב, זייער א פײַנער און א פראָסטאָרנער. איר האָט, דאכט זיך, געוואָלט, מע זאָל אײַך ווײַזן די קלויז, ווו דער צאַדעק האָט ארויסגעטריבן דעם דיבעק פונעם מיידל. דאָס איז געווען שוין ניט פאר מײַנע צײַטן און ניט פאר מײַן טאטנס צײַטן. נאָר דאָס בערגל בא דער קלויז, ווו מע האָט מעקאַבער געווען, ווי מע האָט דערציילט, דעם אָרעמבאָכער מיטן מיידל, קאָן מען נאָך איצט זען. דאָרט טאַקע, בא דער קלויז, איז פאָרגעקומען די כאסענע פונעם קראָסנער מיידל מיטן טיוראָווער באָכער. איך בין יענע נאכט ניט געווען אין דער היים, איך האָב געלאָדן געהילץ אף דער סטאנציע. נאָר די, וואָס זײַנען דאָרט געווען, דערציילן...

אז איך בין ארויס פון קאַלמענס נאכלע, וואָס איז די גרייס ווי א פעלד און שמעקט מיט פעלד, פונוואנען קאַלמען מיט זײַן טומלדיקער יידענע האָבן מיך ניט אָפּגעלאָזט, ביז איך האָב זיי ניט געגעבן פארדינגען די מיצווע פון האכנאָסעס־אָרכים און ניט אויסגעהערט די בריוו פון די אייניקלעך, וועלכע לערנען זיך אין די אינסטיטוטן, — איז אין דרויסן שוין געווען נאכט — א כוישעך מיט די הענט אים מאמעש אָנצוטאפּן. קיין איין שטערנדל אין הימל. די עטלעכע בלייכע פײַערלעך אין די פענצטער האָבן צוגעהאָלפן דעם כוישעך אויסבאהאלטן דעם וועג. איך האָב עטלעכע מאָל שוין צוגעמאכט אף א רעגע די אויגן, קעדיי צוגעוווינען זיי זען אין דער פינצטער. אָט דאָ ערגעץ דארף זײַן די קלויז, וועלכע קאַלמען האָט מיך, פירנדיק צו זיך אהיים, אָנגעוויזן. איך געפין זי אָבער ניט. איך קער זיך אום א שטיקל וועג צוריק, שטעל זיך אָפּ לעבן יעדער שטוב.

---

[1] פון ד. האָפשטיינס א ליד.

אין דער פינצטערניש האָב איך דערפילט, ווי ס'האָט גענומען מאַראַקען א רעגן, א שטיל, דריבנע רעגנדל, וואָס אָט גייט עס און אָט הערט עס אויף. פּלוצעם, ווען עס האָט שוין געהאַלטן באַם אָפּשטעלן זיך, איז אַוועק א שלאַקסרעגן — דעם קאָפּ ניט אופצוהייבן. עס שמײַסט אין פּאָנעם און לאָזט ניט גיין.

ווי איך בין אַזוי געשטאַנען און געזוכט ווו צו אויסבאַהאַלטן זיך פונעם רעגן, האָט א בליץ צעשניטן דעם הימל אָפּצווייען, אַרויסגעכאַפּט פונעם כוישעך דאָס דערבײַיִקע געסל מיט דער קלויז, און בא דעם בלענדנדיקן פלאַם פונעם בליץ האָב איך דערזען א כופּע — א בלוטיק־רויטן פּאַרהאַנג אַף שטאַנגען. אונטער דער כופּע, אַנגעטאָן אין א זויבער־ווײַס קלייד — א מיידל מיט טיפע טונקל־בלויע אויגן און א באַכער, וואָס טוט איר אָן א פינגערל. אַרום זיי דרייען זיך יידן אין ווײַסע קיטלען מיט ברענענדיקע ליכט אין די הענט... דער דונער, וואָס האָט זיך דורכגעקײַקלט אינעם הימל, האָט פאַרטויבט דאָס פידעלע און דאָס שופער־בלאָזן פון די לייבן איבערן צעעפנטן אָרנקוידעש...

און ווידער האָט א בליץ צעשפּאַלטן דעם הימל און אַרויסגעכאַפּט פונעם כוישעך די קלויז. פון א הויכן פאָטערשטול האָט זיך אופגעהויבן דער מיראַפּאָלער צאַדעק און מיטן לאַנגן צויבער־שטעקן גענומען מאַכן אַרום לייען א קרײַז נאָך א קרײַז, און באַשווערן, אַז דער דיבעק זאָל פון איר אַרויס.

און נאָכדעם זײַנען בליצן באַפאַלן דעם טיוראָווער שליאַך, מיט וועלכן עס איז באַם אופגאַנג פון טאָג געגאַנגען אין זייער לעצטן וועג דאָס קראַסנער מיידל מיט איר באַשערטן...

די רוישיקע וואַסער, וואָס איז געלאָפן פון די געסלעך און פאַרפלייצט דעם מאַרק־פּלאַץ, האָט אָפּגעשניטן דעם צוטריט צו דעם אײַנפאָרהויז, ווו איך בין אַמאָל אײַנגעשטאַנען און ווו ס'האָט אַף מיר איצט געוואַרט דער פרײַערדיקער באַלעבאָס, דער קאַלווירטישער „וועסאָוואָשטשיק" מייער באַבירער. צו קאַלמענען דעם פאַסטעך וועל איך זיך איצט אויך ניט דערקלײַבן, קוים וואָס איך שלעפּ אַרויס די פיס פון דער בלאָטע. און דער רעגן הערט ניט אויף איבערקערן אַף מיר עמער וואַסער. האָב איך ניט געטראַכט און אַנגעקלאַפּט אינעם שטיבל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון א דערבײַיִקן הויף מיט א בלייך באַלויכטן פענצטערל.

די פּולבלעכע פרוי מיט די ברילן אַפן שטערן, וואָס האָט מיר געעפנט די טיר, איז צעטומלט אָפּגעטראָטן אַף צוריק און א פליעסקע געטאָן מיט די הענט:

— גאָט ליבער, פונוואַנען גייט מען עס אין אַזא מאַבל?!

— הינדע, גיב דעם מענטשן עפּעס איבערטאָן. פרעגן וועסטו נאָכדעם. נעם מײַנע שטעק־שיך, — האָט זיך געלאָזט הערן די געדיכטע שטים פונעם מאַנספּאַרשוין, וואָס איז געזעסן אויבנאָן באַם טיש, ווי אַף א העסעבעט, און ווי מוירע געהאַט זיך א הייב טאָן פון אָרט, ער זאָל, כאַלילע, ניט אַרויסשפּאַרן די סטעליע. דער יונגערמאַן, וועלכער איז געזעסן לעבן אים, איז, קענטיק, א זון. בא אים איז אויך א פּירקאַנטיק אויסגעצויגענער קאָפּ און אַקסלען פון א טרעגער. אַפן טיש איז געשטאַנען אָן אָנגעהויבענע פלאַש בראַנפן.

— איר זײַט געקומען פונקט צו דער צײַט. הינדל, גיב אונדז, אַבעט דיך, נאָך א קויסע, און מירן מאַכן קידעש. עפּשער אײַך אויך אָנגיסן אין א גלאָז, איר זאָלט זיך דערוואַרעמען? איז קידאַלטאָ וועקידאַשטאָ, מע זאָל זײַן געזונט! — ער האָט זיך נאָר צוגערירט מיט די ליפּן, איז די גלאָז שוין געווען ליידיק. — נו, און איצט לאָמיר הערן, ווער זײַט איר און וויאַזוי האָט איר פאַרבלאָנדזשעט צו מיר... הערט נאָר הערט, וואָס זשע האָט איר גלײַך ניט געזאָגט, אַז איר זײַט עס דער, וואָס איז הײַנט אַראָפּגעקומען צו אונדז אין געסט? אויב אַזוי, איז גיט אַהערצו, אַבעט אײַך, אײַער פינגערהוטל, און מירן נאָכאַמאָל מאַכן קידאַלטאָ וועקידאַשטאָ.

— אַווראָם, עפּשער וואָלט געווען גענוג קידאַלטעווען. און דו, שלוימע, לערנסט זיך שוין אויך פונעם טאַטן?

— ס'איז דאָך א פינגערהוט, מאַמע.

— דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווײַט פונעם ביימעלע.

אַווראָם האָט זיך אופגעהויבן פון טיש — א דעמב פונעם יאַראָשענקער וואַלד האָט זיך געריירט פונעם אָרט.

— און מיט וואָס, הינדעלע מײַנע, איז עס דיר פּלוצעם אַזוי ניט געפעלן דאָס ביימעלע, וואָס דו ווילסט ניט, דער זון זאָל פון אים אַראָפּנעמען א מוסטער? אויב איך האָב ניט קיין טאַעס, האָט דאָס דאָזיקע ביימעלע קיינמאָל ניט געהאַט צו טאָן מיט קיין נעגידישע סעדער. פון קלײנוווײַז אויף געווען א האָרעפּאַשניק. אײַ, כ'האָב פאַרדינט קוים וואַסער אַף קאַשע, איז די צײַט דאָך געווען אַזאַ.

און אַווראָם האָט זיך געווענדט צו מיר:

— איר קוקט אָן דאָס ביימעלע, האָט עס געהאַט צו טאָן מיט ערד, נאָך איידער ס'האָט זיך אָנגעהויבן די איבערוואַנדערונג. איך בין שוין דאַן געווען א קאָלווירטניק אין דערבײַיקן דערפל, וואָס איז שוין איצט אויך קראָסנע. נאָך דער מילכאָמע איז זיך קראָסנע צעוואַקסן, ווי אַלע קאָלווירטן.

— אײַער קראַסנע איז שוין ניט קיין שטעטל, נאָר א קאָלווירט?

— און וואָס האָט איר געמיינט? נאָר אז מע וויל, קען מען נאָך איצט אויך זאָגן, אז ס'א שטעטל, אָבער א דאָרפיש שטעטל. זאָלן אונדזערע ווײַבער טאַקע זײַן געזונט. דאָס האָט זי דאָך, מײַן הינדע, מיך דעמלט צוגערעדט, איך זאָל אופהערן קוסטאַרעווען בא די לעכערדיקע עמער מיט די קאַפּריזנע פּרימוסן און גיין אין קאָלווירט. באַשערט געווען בלײַבן לעבן. איך זאָל זי ניט געווען פאָלגן, וואָלט איך זיך דאָך געווען פארשריבן קיין כערסאָנשטשינע אָדער קיין קרים...

— אָדער קיין ביראָבידזשאַן, — האָט אונטערגעזאָגט דער זון.

— אהינצו, זעסטו, ניט. דעמלט האָט עס מיר אויסגעוויזן צו ווײַטלעך פון דער היים. נאָר גיי זײַ א נאָווי און טרעף, ווו עס וואַרט אף דיר דײַן גוירל. ווער וואָלט זיך עס געלאָזט קיין קרים און כערסאָן, כאָטש געלעבט האָט זיך דאָרט דעם אוילעם, ווי מע האָט געשריבן, אז בעסער קאָן שוין גאָר ניט געמאָלט זײַן. דער סאָף אָבער פון דעם... האַלעווײַ וואָלטן דעמלט אַלע געפאָרן קיין ביראָבידזשאַן, וואָלט מען ניט ארײַנגעפאַלן צו היטלערן אין די הענט.

— וואָס איז איצט פאראַן צו ריידן וועגן דעם? — האָט הינדע אראָפּגענומען די ברילן. — פארשטייט זיך, מע זאָל געווען וויסן...

— ע, ווען מע זאָל געווען וויסן... — אווראָם האָט אָפּגערוקט פון זיך די פלאַש, — צופוס וואָלט מען אהין געגאַנגען, איך דער ערשטער, ווײַל דאָס, וואָס מיר זײַנען פאר די דרײַ יאָר מילכאָמע דאָ אויסגעשטאַנען... און אונדז האַלט מען נאָך פאר די גליקלעכע, און מיר זײַנען דאָך טאַקע גליקלעכע, אז מיר זײַנען ארויס מיטן לעבן פון אזא פײַער...

דער רעגן איז שוין געגאַנגען שטילער, נאָר דער כווּשעך אף יענער זײַט פענצטער איז נאָך אַלץ געווען אזא, וואָס לאָזט זיך אָנטאַפּן מיט די הענט.

— פונדעסטוועגן איז קראָסנע נאָך איצט אויך א לעבעדיק שטעטל, איאָ? — האָט הינדע געפרעגט. — אָבער ניט דאָס, וואָס אמאָל. ס'פילט זיך, אז ס'איז א דאָרפיש שטעטל, איאָ?

אווראָם איז מיר פארלאָפן דעם וועג, ווי ער זאָל מוירע האָבן, אז איך קאָן ענטפערן זײַן הינדען ניט אזוי ווי מע דאַרף.

— וואָדען, סע פילט זיך ניט? כ'וויים ניט, צי ס'ווילן זיך בא אונדז איצט אָנקלײַבן א צענדליק באַלמעלאָכעס. דער איבעריקער אוילעם איז אָדער אויסגעדינטע פענסיאָנערן, אָדער קאָלווירטניקעס. דער איז א טראַקטאָריסט, יענער א מעכאַניקער, א שמיד, א שאָרניק... ארבעט קלעקט פאר יעדן, און האַלעווײַ אף ווײַטער ניט ערגער. קיין דרײַערל אף שאַבעס דאַרף מען ניט גיין אנטלײַען.

— ווי סע שרײַבט זיך בא שאָלעם־אַליכעמען, — האָט צוגעגעבן דער זון, אָנווײַזנדיק אפן דערבײַליגנדיקן אָפענעם ביכל, פון וועלכן הינדע האָט פאר מײַן ארײַנקומען, אפאָנעם, פאָרגעלייענט אף א קאָל. די ברילן, וועלכע זי האָט אויסגעטאָן און אוועקגעלייגט אפן ביכל, האָבן געגעבן א סמאַך אזוי צו קלערן.

— איין זאַך נאָר, — האָט אווראָם פאָרגעזעצט, — עס בענקט זיך נאָך די קינדער. קוים וואָס מע דערוואַרט זיך דעם זומער, די קינדער מיט די אייניקלעך זאָלן זיך צונויפאָרן. די וואָך האָב איך ארויסבאַגלייט פונדאַנען די טאָכטער מיט דרײַ קינדערלעך קיין סווערדלאָווסק. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די לימודים אין שול. און דאָס איז דער ייִנגערער זון אונדזערער. ער וווינט ניט אזוי ווײַט, אין זשיטאָמיר. אים מיטן ווײַב גיט דער זאַוואָד נאָך דערווײַל ניט קיין אורלויב. דאָס איז ער געקומען אָפּנעמען די קינדער, וואָס האָבן דעם זומער פארבראַכט בא אונדז. זומער איז דאָס שטעטל פול מיט קליינוואַרג. הערט איר, ניטאָ קיין גרעסערע פרייד און קיין גרעסערע טרייסט אף דער עלטער ווי אייניקלעך. זיי, די אייניקלעך, וועלן נאָך וויסן, וואָס איז אזוינס א ייִדיש שטעטל. נאָר צי וועלן זייערע אייניקלעך וויסן, וואָס איז אזוינס א שטעטל, — אין דעם, זעט איר, סאָפעק איך שוין.

— צו יענער צײַט, טאַטע, וועלן שוין אזעלכע שטעטלעך, ווי קראָסנע, ניט זײַן.

— און וועלכע וועלן זײַן?

— אזעלכע, ווי זשיטאָמיר.

— ווי זשיטאָמיר? — האָב איך פארוווּנדערט איבערגעפרעגט, כאָטש איך הער עס שוין ניט ס'ערשטע מאָל.

— יאָ, אזעלכע, ווי זשיטאָמיר, כמעלניצקי, וויניצע, ביכלאל די שטעט, וועלכע האָבן ארום זיך שטעטלעך. וואָס איז אזוינס זשיטאָמיר? א שטאָט, וואָס איז ווי צונויפגעשטעלט פון עטלעכע שטעטלעך. די גאַס, אשטייגער, וווּ איך וווין, באשטייט פון א שטיקל טשערניכאָוו, פון א שטיקל רוזשין, פון א שטיקל בראצלאוו... אפילע אינמיטן שטאָט קאָנט איר באגעגענען א גאַס, וווּ די הײַזער שטייען זומער, ווי אין די שטעטלעך, מיט אָפענע טירן און פענצטער, וואָס זײַנען פארהאנגען מיט א מארליע. אין יעדער שטוב איז איצט פאראן גאז, נאָר אײַנגעמאכטס פרעגלט מען סײַווי אף א טרינישקע אין הויף. קומט אָוונט, נעמען זיך צונויף רעדלעך בא די שטיבער און מע רעדט וועגן דער היים, פונוואנען מע איז. איר זאָלט הערן, מיט וואָס פאר א בענקשאפט מע דערמאָנט דאָס שטעטל.

איז אָט פארוואָס דער דעראזשנער אײַנבינדער סענדער זעווין האָט מיר געייצעט זיך אראָפּכאַפּן קיין כמעלניצקי, אויב איך וויל אפאנעמעסן אָנקוקן א הײַנטצײַטיק שטעטל? איצט אָבער, ווען איך ווייס שוין, אז דאָס עכטע הײַנטצײַטיקע שטעטל קאָן מען אויך זען אין וויניצע, אין זשיטאָמיר, קרעמענטשוק, קאמענעץ־פּאָדאָלסק און אין א סאך אנדערע שטעט, וווּ איך בין געוועזן, מעג איך דאָך שוין געוויס זאָגן, אז כ'האָב געזען דאָס הײַנטצײַטיקע שטעטל. אלנפאלס, פאר מיר איז קראסנע אויך אן עכט הײַנטצײַטיק שטעטל, כאָטש ס'איז שוין א דאָרפישס.

— דאכט מיר, דער רעגן האָט שוין אינגאנצן אופגעהערט, און מע וועט מאָרגן קאָנען הייבן דעם זיאב.

אווראָם האָט אופגעעפנט דאָס פענצטער, און צוזאמען מיט דער פרישער באנאכטיקער קילקײַט האָט זיך ארײַנגעריסן אין שטוב דער אָטעם פונעם היימישן יאראָשענקער וואלד און פונעם היימישן אופגעאקערטן פעלד...

כראָניק

געטאָ־לידער אין ס. מארשאקס ליטעראַרישער יערושע

אינעם פערטן באנד פון דער פולער זאמלונג פון סאמויִל מארשאקס ווערק, וועלכע עס גיט איצט ארויס דער מאָסקווער פארלאג „כודאָזשעס־טווענאיא ליטעראטורא“, זײַנען צום ערשטן מאָל פארעפנטלעכט צוויי געטאָ־לידער, וואָס דער דיכטער האָט איבערגעזעצט פון יידיש: די „וויג־ליד“ און „עס זײַנען אָנגעקומען טרויעריקע יאָרן“ פון אן אומבא־ווּוּסטן מעכאבער אין געטאָ פונעם שטעטעלע אָשמיאנע, לעבן ווילנע.

ביידע לידער האָבן זיך געפונען אין מארשאקס ארכיוו און זײַנען, ווי עס זעט אויס, איבערגעזעצט געוואָרן גלײַך נאָך דער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

„געשיכטע פון דער סאָוועטישער פילנאציִאָנאלער ליטעראטור“

אזא ביכער־סעריע פון זעקס בענ־דער האָט צוגעגרייט צום דרוק דער מאָסקווער אינסטיטוט פון וועלט־ליטעראטור אפן נאָמען פון א. מ. גאָרקי בא דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר.

דער ערשטער באנד פון דער אקא־דעמישער אויסגאבע איז לעצטנס דערשינען אין פארלאג „נאוקא“ („וויסנשאפט“). ער שליסט אין זיך אײַן 23 קאפּיטלען וועגן דער אנט־וויקלונג פון די ליטעראטורן פון די סאָוועטישע פעלקער, אָנהייבנדיק פון 1917 ביזן 1931. א באדײַטנדיק אָרט אין דעם בוך (בא צוויי דרוקבויגן) פארנעמט דאָס קאפּיטל וועגן דער יידישער סאָוועטישער ליטעראטור (אווטאָר — ייִסראָעל סערעבריאני).

70-טער געבורטסטאָג
פון איציק פעפער

ס'איז דאָ אַ ליד, זי איז נאָך ניט געבאָרן,
זי שטראָמט אין אונדז,
ווי ריטשקעס שטראָמען אין אַ טאָל;
די שאָ די הײַנטיקע איז ניט ווי פאַראַיאָרן,
די ליד די הײַנטיקע איז אויך ניט ווי אַמאָל.

איציק פעפער

לירישע לידער

פאַרגעסענע אויגן

ר. קאַליש

ניט קיין הימל, קיין זון, ניט קיין ווײַט
האָט מײַן טראָט אױף די וועגן געצויגן,
נאָר דײַן היטל, דײַן גראָזוס אױף דער זײַט,
און די גראָווע פאַרגעסענע אויגן.

...געבלאָנדזשעט, געזוכט און געזוכט,
ביז טאָג איז אַ ווילדער אַנטלאָפן,
און אָוונט האָט זילבערנע ליכט
געצונדן אױף פעלדער פון צאָפן...

געיאָגט און געוויכערט מיט וועג,
מיט שטויב פון צעוואָלגערטע יאָרן,
נאָר אין רויך פון צעשאָסענע טעג
דײַן פאַרגעסענעם בליק ניט פאַרלאָרן.

ניט קיין הימל, קיין ווינט, ניט קיין פעלד
האָט מײַן טראָט אױף די וועגן געצויגן,
נאָר דײַן לאַנגער, דײַן גראָווער שינעל
און די גראָווע פאַרגעסענע אויגן...

1924

פון סאָטשי קיין קאַסטע

וווהין גייען ביימער צעבליט און באַרוט
מיט היטעלעך בלויע און ווײַסע?
פון סאָטשי ביז קאַסטע איז פופציק מינוט,
מיטן באַן קאָן מען קומען פאַר דרײַסיק...

איך שטעל זיך אוועק אין אַ
ביימערשער ריי,
כ'וויל אויכעט קיין קאַסטע, כ'וויל אויכעט,
זיי ווייסן דעם וועג, וועל איך גיין איצט
מיט זיי,
מיט זיי, מיט די ביימער די הויכע...

זיי גייען פאַמעלעך, זיי רוקן זיך שטום,
מיט בלעטער און צווײַגן באַלאָדן,
איך קוק און איך זע, ווי דער גאַנצער
אַרום
לייגט זיך אין יאַם אַרײַן באָדן...

אַט טוט זיך א טוק דאָרט א באַרגיקער קאַפּ,
אַט פֿליוסקען זיך ביימעלעך נאַסע,
און בערגעלעך ווארפן די הייזלעך אראָפּ
און טאנצן אריַין אינעם וואסער.

דער וועג איז א הייסער און שפאנען
איז שווער,
מיר שלעפּן די ווערסטן פארמאטערט —
איך און א טשעך, און א מיידל פון טווער,
און ארבעטער צוויי פון סאראטאָוו.

ס'איז גאַרניט, וואָס זון איז צעשמאָלצן
און בליט,
וואָס שטראַלן, ווי שפּיזן, זיך שיטן,
מיר גייען אהין, ווו עס בליט דער סאמשיט,
ווו ס'פינקלען באנאכט סטאלאקטיטן...

מיר שפאנען, מיר גייען מיט היץ און
פאראד
די פעלדזן די וויַיסע באקוקן,
און זאָל זיך די זון, ווי א יונגער סאָלדאט,
רייַטן אַף בארגיקע רוקנס...

שיין איז דער ברעג און ס'איז שיין
אומעטום,
אי די רו, אי דער יאָג פון די כוואליעס —
און איינער פון אונדז טוט צופרידן א ברום:
— Мы сроду того не видали!

1931—1934

די נאכט-קאפעלע

גוט איז מיר אין היי אין פרישן,
גוט איז שלאָפן אָן א קישן
אַף די הויכע, פרישע סטויגן,
כ'קוק דעם הימל אין די אויגן —

הימל-אויגן, שטערן שוויַיגן,
אַלע הוילע, אַלע העלע,
און אַף אַלע שפּיל-געצייַגן
שפּילט די גרויסע נאכט-קאפּעלע.

טוט א בלאָז א ווינט א פלינקער,
טוט א רויש אין אַלע ווינקלען,
שטייען אוף פון שלאָף די קליאָנען
און צעוויגן די לעוואָנע

אַף די בלעטער אַף די ברייטע,
בלעטער דרייען זיך צעשפּרייטע,
רוישן בלעטער, צוויַיגן סקריפּען...
כאַפּט זיך אוף דער כאָר פון ליפּעס.

קאָנען דעמבעס שוין ניט שוויַיגן,
ווי די פידלען ווערן צוויַיגן,
בלעטער פאַלן, ניסלעך פאַלן,
שאָרכן הינער אין די שטאַלן,

און אין שטערן-שייַן אין העלער
זשומעט ערגעץ א פּראָפּעלער.

נאָר די הויכע שטערן שוויַיגן,
אַלע הוילע, אַלע העלע,
און אַף אַלע שפּיל-געצייַגן
שפּילט די גרויסע נאכט-קאַפּעלע.

הירזשען פערדלעך אַף די וועגן,
פליִעסקען פיש בא בלויע ברעגן,
ווערן פעלדזן ווי די טאצן,
טראָגן שטראָמען זיך און פלאצן,
בא די פעלדזן זיך צעדרויבן,
ווינטן בלאָזן אין די טרויבן,

און פון וויַיט א מאָדנע קאָל דראָט.
ס'איז דער הימל הייַנט מייַן קאָלדרע,
און דאָס היי איז הייַנט מייַן קישן,
גוט איז מיר אין היי אין פרישן...

האָב איך צוגעמאכט די אויגן,
איז א רייַטער דורכגעפלויגן,
צו דער גרענעץ זיך געטראָגן,
און דער הימל נעמט שוין טאָגן.

אין געדיכטעניש פאַרלאָרן,
זיצט נאָך אַלץ דאָס יונגע פּאָרל,
איצטער קאָן מען גייען שלאָפן,
ס'איז די נאכט שוין דורכגעלאָפן...

ס'האָט דער האָן פון לאנג
געקרייט שוין!
און דער גרויסער טאָג — ער גייט
שוין!

א גוט-מאָרגן, מייַנע סטויגן!
פאַלט דער שלאָף אַף מייַנע אויגן,
איצטער קאָן מען רויִק שלאָפן,
ס'איז די נאכט שוין דורכגעלאָפן!

1937

די מאמע פרעגלט אײַנגעמאכטס

דער גאנצער הויף גייט כאַדראַם,
דער ווינט צעבלאָזט דאָס פײַער,
דאָס בלוט אין אלע אָדערן
יאָגט פריילעכער און פרײַער...

די מאמע פרעגלט אײַנגעמאכטס,
פון מאלינעס, ווי סאמעט,
איך שטיי לעם איר אן אײַנגעדארטס,
געבויגן, ווי א לאמעד.

איך שטיי לעם איר אן אײַנגעקווארטס —
נאָר אָדערן און ביינער,
די מאמע פרעגלט אײַנגעמאכטס,
און איך בין נאָך א קליינער...

די שוועסטערלעך און ברידערלעך
באלאגערן די שיסל,
אין לאטקעלעך די פלודערלעך,
די קליידעלעך צעריסן...

אזויפיל שיינקײַט האָבן זיי,
די מאלינעס... א כײַעס!
די מאמע נעמט אראָפּ פון זיי
די גרינע שמאטעלײַעס.

און יעדע פוכקע מאלינע
מיט זאמדצוקער באשיט זי,
און נאָר אראָפּגעפאלענע
די קינדער אירע גיט זי...

מיר שטייען און באלעקן זיך,
מיר שטייען אלע אייניק,
מיר ציטערן, מיר עקן זיך,
זיי פאלן אזוי ווייניק...

זיי פאלן ניט, זיי פאלן ניט,
אָט ווארט שוין די טרינישקע,
מיר שמעקן נאָר די מאלינעס,
די זאפטן און די פרישקײַט...

מיר קוקן ווי פארגאפט אף זיי,
אזעלכע און אזוינע,
געדיכטער ווערט די זאפט אין זיי,
די בעקלעך ווערן ברוינע...

— — — — — — — — — — — — —

מיר כראָמקען די פיפאליקעס
מיט קנאָבל אלטן, שארפן,
און ערגעץ שטייען מאלינעס.
— לעווײַ, מע זאָל ניט דארפן!

1939

א שעמעוודיק מיידל

דאָס מיידל, וואָס שיילט די קארטאָפל,
געפעלט מיר ביז גאָר,
איר בליק, וואָס איז עטוואָס פארשלאָפן,
די פלאָקסענע האָר.

קאָראָמיסלעס צווי — אירע ברעמען,
די לעקלעך — ווי גלעקלעך, ווי ניס,
דאָס ווינטל, דער שעד זאָל אים נעמען,
אנטבלויזט אירע פיס.

זי שיילט די קארטאָפל מיט סייכל
און ווארפט זיי אין טאָפּ,
און ווען זי דערזעט נאָר מײַן שמייכל,
באהאלט זי איר קאָפּ.

באהאלט אים אין טיכל... פון וועמען?
פון מיר אף געוויס...
דאָס ווינטל, דער שעד זאָל אים נעמען,
אנטבלויזט אירע פיס.

וואָס שעמט זיך פאר מיר אָט דאָס מיידל
מיט פלאָקסענע האָר?
אפילו דאָס ציצענע קליידל
געפעלט מיר ביז גאָר...

זי טוט די קארטאָפל א רייניק,
די שאָלעכץ אראָפּ,
זיי טוען, ווי טײַבעלעך קליינע,
א פלי אינעם טאָפּ.

וואָס דארף זי, מײַן מיידל, זיך שעמען?
נאָר אלץ וואָלט שוין גוט געווען, ביז...
דאָס ווינטל, דער שעד זאָל אים נעמען,
אנטבלויזט אירע פיס.

איך וויס ניט, וואָס בין איך דאָ אויסן,
איך שטיי לעם דער אָפענער טיר,
זי קוקט אפן טאָפּ אפן גרויסן,
זי קוקט ניט אף מיר...

איר בליק איז שוין גאָר ניט פארשלאָפן,
איך פיל, ווי פארטײַעט ער ברענט,
וואָס פאלן אף דר'ערד די קארטאָפל
פון מיידלשע הענט?

געגנוג שוין קאטאָוועסלעך טרײַבן!
זיי פאלן אף דר'ערד אָן א שיר,
אצינד איז מיר גוט. כ'וועל זיי קלײַבן
אינײנעם מיט איר.

כ׳האָב ווידעראַמאָל ניט געטראָפֿן,
זי זאָגט: זי וועט קלײַבן אַליין,
איך האָב ניט געזען, אַז קאַרטאָפֿל
זאָלן זײַן אַזוי שיין...

זיי ווערן נאָך טויזנט מאָל ליבער,
ווען זי טוט זיי די מאַנטעלעך אויס,
איך טו זיך א הייב, ווי א גיבער,
און... רוק זיך ארויס...

— וואָס זאָל מען צום פרישטיק דיר
שטעלן? —
מע פרעגט מיך... איך הער...
— מיר זײַנען קאַרטאָפֿל געפעלן, —
קאַרטאָפֿל, ניט מער!

1939

דאָס בערעזענע געזינדל

ווען כ׳דערמאָן זיך דאָס בערעזענע געזינדל
בא דעם שפּאָלער טײַכל לעבעדין,
טוט די קינדהײַט פאַר מײַן אויג א שווינדל,
און עס ציט מיך נאָכאַמאָל אַהין...

צום בערעזענעם געזינדל צו דעם שטילן,
ווו כ׳האָב אָפּט די טעג מײַנע פאַרבראַכט,
העט אהינצו, ווײַטער פון די מילן,
שטייט זיך דאָס געזינדל טאָג און נאַכט...

טאָג און נאַכט באַזונדער און איניינעם
שטייען זיי, ווער יונג איז און ווער אַלט,
און עס לערנען זיך בא זיי די שכיינים,
ווי צו זײַן באַזונדער און איניינעם,
און מיט קינע קוקט אַף זיי דער וואַלד...

טאַטע־מאַמע שטייען איינס לעם צווייטן
און מע פלאַפּלט זיך פון גאָרניט טאָן,
אין א קאַפּעליוש א גרינעם און א ברייטן
שטייט דאָס עלטסטע זינדל אויבנאָן...

אין א גרינעם מאַנטל שטייט דער פעטער,
די פּלעמעניקעס געפעלן אים ביז גאָר,
טרייסלט ער דעם קאָפּ מיט גרינע בלעטער,
נאָכעס קלײַבנדיק פון יונגן דאָר...

און די קינדער, איינס פון צווייטן קלענער,
דינינקע בערעזקעלעך א סאַך,
ניט וויסנדיק, אַז מ׳איז ניט מער ווי שפּענער,
זיי נייגן זיך, ווי טענצערנס, צום שלאַך...

ווײַסע פאַרטעכלעך צעווייען זיך, צעווייען,
ווײַסע גאַרטעלעך פאַרגאַרטלען זיי ביז דר׳ערד,
ס׳איז דער טאַטע הויך און גראָב פאַר צווייען,
טרייסלט ער מיט זײַנע זיבן בערד...

קוקט די מאַמע אַף איר גוטס און פרייט זיך,
מיט די בלעטער טוט זי לינד א וויי,
ס׳וואָלט די מאַמע זיי געגלעט, פאַרשטייט זיך,
קאָן זי זיך ניט אָנבייגן צו זיי...

ווען כ׳דערמאָן זיך דאָס בערעזענע געזינדל
בא דעם שפּאָלער טײַכל לעבעדין,
טוט מײַן קינדהײַט נאָכאַמאָל א שווינדל,
און עס ציט מיך נאָכאַמאָל אַהין!..

1940

די זון פאַרגייט

די זון פאַרגייט אונטער די סטויגן,
די זון פאַרגייט,
איך זע שוין קלאָר אין דײַנע אויגן:
די זון פאַרגייט!

עס פאַלט אַף אונדזער סאָד א נעפל,
די זון פאַרגייט.
און ס׳ווערן טונקעלער די עפּל,
די זון פאַרגייט!

און אַלע טײַכן ווערן גרויער,
די זון פאַרגייט.
דער אָוונט קלאַפּט שוין אינעם טויער:
די זון פאַרגייט!

איז קום אין וואַלד אַרײַן אין שוואַרצן,
די זון פאַרגייט.
איז דריק זיך שטאַרקער צו מײַן האַרצן,
די זון פאַרגייט.

עס ווערט די ערד מיט פײַכטקײַט זעטער,
די זון פאַרגייט.
די לעצטע פונקען אַף די בלעטער,
די זון פאַרגייט.

זי איז פאַרגאַן אונטער די סטויגן
די זון, די זון...
ווי קומט זי איצט אין דײַנע אויגן,
די זון, די זון?

1946

אַרן ווערגעליס

טעג פון פראָסטן ווונדער

אַ יציק פעפערס ראָליע אין דער ליטעראַטור פון די 20 — 40־ער יאָרן איז באַזונדערס גרויס דערמיט, וואָס זייַענדיק אַ היפּש־מאַסשטאַביקער דיכטער, אַ נאָוואַטאָר פונעם ייִדישן וואָרט, האָט ער איינציַיטיק פאַרנומען דאָס אָרט פון אַ „זאַפּעוואַלע" — דאָס הייסט פון אַזאַ, וואָס הייבט אָן דער ערשטער אַ נייַעם מאָטיוו, — און איז אויך געווען בעלי־סאָפּעק דער סאַמע ענערגישער און אויסגעפּרוווטער אָרגאַניזאַטאָר פון דער נייַער ייִדישער ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד. ס'וועלן דורכגיין די „קאָנטראָל"־יאָרן, אין וועלכע ס'נייטיקן זיך געוויינלעך „צייַטווערק", קעדיי צו פאַרגעסן ווערן, נאָר די ווערק, וועלכע פעפער האָט געווידמעט טעמעס פון זייַן צייַט, וועלן ווערן אַלץ מער און מער סטאַביל פאַר פאַרשיידנערליי צייַטן, זייַענדיק געגליכן צו אייל־בילדער, וואָס אין זייער אָנהייב זייַנען זיי פריש און יונג און שפּעטער ווערן זיי קאַנאָניזירט — קלאַסיש.

ביז פעפערן האָט די ייִדישע דיכטונג ניט געוווּסט, לעמאָשל, פון אַזאַ פּערסאָנאַזש, ווי „יאַטן", וועלכע טראָגן „בודיאָניס היטלען אָף די קעפּ", זי האָט ניט באַזונגען דעם יונגן מענטשן, ווי ער ליגט און שיסט אָף דער „פרישער און ווייצענער ערד", זי האָט זיך ניט געשפּיגלט אין „טעג פון פראָסטן ווונדער". ביז פעפערן איז די ייִדישע דיכטונג ניט אַרויסגעטראָטן מיט אַזעלכע דעקלאַראַציעס, ווי „איך האָב ליב, ווען ווערטער זייַנען באָרוועס, איך האָב ליב, ווען לידער זייַנען פּראָסט", אָדער — „זינגט זשע, ווייַטע, פאַרכאָלעמטע ברידער אין צעריסענע רעקלעך און שיך, מייַנע גרויע פאַרויכערטע לידער וועגן זיך און אַזוינע ווי איך".

גופא אַזעלכע קינסטלערישע פאַראַלגעמיינערונגען, ווי „וועגן זיך און אַזוינע ווי איך" — ד. ה. דער „איך" אַלס אַ טייל פונעם קאָלעקטיוו, — צי אַזעלכע מעטאַפאָרן, ווי „בלי̇ענדיקע מיסטן" — דאָס בויען אַ נייַ לעבן אָף כורוועס פונעם אַלטן, — האָבן אין אַזאַ אָפן־אַרויסגעזאָגטער פאָרם ניט געקאָנט געמאָלט זייַן ביז פעפערן. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס פעפער האָט ניט געהאַט קיין פאַר־רעוואָליוציאָנערע דערפאַרונג, ער האָט זיך אין זייַנע ערשטע שאַפונגען ניט געזעגנט מיט דער פאַרגאַנגענהייַט און נאָך דעם נעכטן ניט געבענקט. אין 1918 יאָר איז ער אַלט געווען 18 יאָר, און ער, אַ רעוואָליוציאָנער־געפורעמטער יוגנטלעכער, האָט געשאַפן זייַנע ערשטע דיכטערישע שורעס, אַנטדעקנדיק פאַר זיך דעם הייַנט אָן באַדינגלעכער אָפּהענגיקייַט און פאַרבינדונג מיט דעם נעכטן, צו וועלכן ער באַציט זיך אָף אַן אויסגעשפּראָכן רויטאַרמייִשן אויפן: „נאָר מיר, נאָר אונדז, נאָר באָרוועס־גרויע קינדער דאָס נעכטיקע צעשיסן איז באַשערט".

ביז פעפערן האָבן פיל ייִדישע שרייַבער, פּונקט ווי אַנדערע שרייַבער אין דער יונגער סאָוועטן־רעפּובליק, געלייזט פאַר זיך די פּראָבלעם — אָננעמען די פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציע, אָדער ניט. פעפער ווייסט אפילע ניט פון אַזאַ אויסוואַל. זייַן דיכטונג האָט זיך אויסגעשיילט גופא פון דער רעוואָליוציע. ווען ער פאַלט אַרייַן אין דער דעניקינישער קאָנטרראַזוועדקע, — און דאָס איז מיט איםווירקלעך געשען אין 1919, — טרעט ער אַרויס אין זייַנע לידער ווי געוויינלעך אַ דיכטער־קאָמיסאַר, וואָס איז אַרייַנגעפאַלן אין די לאַפּעס פונעם סוינע.

אינטערעסאַנט איז צו פאַרגלייַכן די טורמע־לידער, וועלכע פעפער האָט אָנגעשריבן אין די טעג פון זייַן געפאַנגענשאַפט, מיט ה. לייוויקס באַרימטן סיבירער ציקל. ווי באַוווּסט, איז דער יונגער לייוויק אויך געווען אַ פּאָליט־אַרעסטאַנט. זייַענדיק אין אָנהייב פון זייַן וועג פאַרכאַפּט מיט בונדישע אידייען, האָט ער ניט אויסגעמיטן דעם וולאַדימירער טראַקט, און דאָס איז, לויט מייַן מיינונג, געווען אַ גאַנץ צופעליקער עפּיזאָד אין זייַן לעבן, וואָס האָט אָבער געבוירן איינס פון די שטאַרקסטע ווערק זייַנע.

אין לייוויקס לידער־ציקל ווערט געגעבן אַן אופטרייסלענדיקע שילדערונג פון דער טפיסע. און האַגאַם עס זיצן אין טורמע רעוואָליוציאָנערן, פעלט אָבער דאָרט דער פּראָטעסט. דער לייענער שטויסט זיך צונויף אין די לידער וועגן דער טפיסע־איזאָלירטקייַט מיט די גרוילן און איבערלעבונגען פון איין־איינציקן אַרעסטאַנט — פון

דעם דיכטער, — וועלכער איז אזוי דעזאָריִענטירט, אז ער זעט שוין ניט קיין כילעק צווישן גוטס און שלעכטס: „איז מאכטלאָז דער גוטער, אזוי אויך דער שלעכטער". איבער אלע לידער איז צעגאָסן אן אונטערטעניקע נאָכגיביקייַט: „ער ווארפט מיר אין פּאָנעם פארברעכן, וואָס איך בין קיינמאָל ניט באגאנגען, אומזיסט מייַנע טייַנעס, באווייַזן, איך ווער אונטערטעניק, געדולדיק; מיט ליפּן צוזאמענגעדריקטע איך מורמל: בין שולדיק, בין שולדיק..." פון מאָל צו מאָל באווייַזט זיך די האָפענונג: „פלוצעם איינער שטילערהייט עפענען וועט אלע טירן, וועט צערייַסן אונדזער קייט, אונדז פון טפיסע ארויספירן; וועט אונדז פירן פאר דער האנט איבער וועלדער, איבער גרויסע יאמען, צו א ווייַטן, ווייַטן לאנד — און אהיים אונדז ברענגען, צו דער מאמען..." אין דער ליד „בין מויכל" פּרוּווט לייוויק מאכן א זעלבסט־אנאליז. ווען ער איז אין אזא צושטאנד, וואָס קאָן אויסגעדריקט ווערן מיט די ווערטער: „מייַן הארץ איז קראנק, און קורץ — דער טאָג. איך הער א קאָל: בין מויכל — זאָג", — קומט צו אים מיטאמאָל די אויסלייַטערונג, און ער הייבט אָן צווייפלען, צי מע דארף „מויכל זייַן". און דאָך מייַדט ער ניט אויס אזא פאסיוון נאָכגיביקן אויספיר: „לייגט מען זיך שטיל, לייגט מען זיך שטיל אף דער ערד און מע שלאָפט". און — „טראָגט מען די קייטן, נאָר גיין דארף מען גיין..."

גאָר אן אנדערע איז איציק פעפערס טורמע־ליריק. אין „שטיינערנעם מויער" ווערט אקטיווער זייַן טרוים:

מיר טרוימען פון ווייַטע
און דולע וואָקזאלן...
. . . .
פון פערדלעך,
וואָס זייַנען ווי פייַל און ווי בויגן
אף פעלדער אף גרויע, אף ווייַטע, אף דולע
געפלויגן.

זייַענדיק אין געפענקעניש, רייַסט דער דיכטער־רויטארמייער ניט איבער די פארבינדונג מיט די שלאכטן: „מיר הערן שווערע טריט אין קאָרידאָרן טופען, און רויטע זייַנען שוין לעם באכמאטש — קאָנאָטאָפּ..." „פונווייַטן גייט מאכנאָ, און ווייַטער גייט דעניקין"...

אין צענטער פונעם לידער־ציקל שטייט א ייִדישער דיכטער:

איך זוך, און איך מיש, און פארמיש, און זוך ווידער,
אין טאש ליגן ביכלעך מיט ייִדישע לידער.
די ביכלעך געפאקט און צעפליקט, און צעריסן:
— אזוינע טשעקיסטן, ווי דו, דארף מען שיסן.

דער דיכטער איז אין געפענקעניש ענג און האָפערדיק פארבונדן מיטן קעמפנדיקן לעבן:

ווייַט זייַנען פעלדער פון טפיסע באנאכט.
טויערן, שטיינער, א היטער, וואָס וואכט.
נאכט ווערט צעגאנגען אין בלוילעכן טאָג,
מיר הערן פונווייַטן א פייַף פון א צוג.
מיר הערן פונווייַטן א ריס נאָך א ריס,
א ווינט האָט געבראכט אונדז א לויטערן גרוס.

און ס'איז קיין כידעש ניט, וואָס א פארשפארטער „אין שטיינערנעם מויער", ווו עס „זייַנען שטרענגער די הארטע מעסלעסן", רופט אויס דער דיכטער: „אף שטיינער פון שווייַגן, פון שווייַגן האָב איך הייַנט צעקלונגען מייַן גלאָק"...

אף דעם דאָזיקן אָנהייב־עפיזאָד פון איציק פעפערס לעבן און שאפן האָב איך זיך בעקיוון אָפגעשטעלט גענוי, ווייַל אין אים איז שוין צו זען דער שפעטערדיקער איציק פעפער און דאָס, וואָס איז שפעטער געוואָרן א באנאלע טעמע אין דער פאָרשונג פונעם מערקווירדיקן דיכטער — זייַן פובליציסטיש־אקטיווער כאראקטער, דער מונטערער גאנג פון די ווערק, וועלכע ער האָט געשאפן, די אָרגאנישע פארבינדונג מיט דער צייַט אדג., — דאָס איז שוין אזוי ברייט באוווּסט און אנערקענט, אז איך נעם עס אָן ווי אן אויסגאנגס־פונקט פאר דעם איצטיקן שמועס וועגן פעפערן, האלטנדיק, אז וויכטיקער פאר דער הייַנטצייַטיקער פאָרשונג איז צו געפינען דעם קוואל, די ערשטע אנטפלעקונג פון גאָר נייַע נאָרמעס אין אונדזער ליטעראטור.

און עס ווילט זיך אויך אינעם וואָרט וועגן פעפערן באטאָנען אָט וואָס.

יאָ, געוויס וועט קיינער ניט אָפלייקענען, אז ער איז געווען דער אנערקענטער מייַסטער פון דער פּאָליטישער ליד, דער שעפער פון א ריי פּאָעמעס אף מאגיסטראל־טעמעס פון דער צייַט, געוויס איז ער געווען איינער פון די, וואָס האָבן אין דער ייִדישער דיכטונג צעעפנט טיר־און־פענצטער אף ארייַנלאָזן אהין די קלאנגען און רייכעס פון דער גרויסער וועלט, פונעם ראכוועסדיקן סאָציִאליסטישן לאנד, געוויס האָבן קאָמסאָמאָלצעס געזונגען בייַס זייערע יאָמטויווים און אף דער ארבעט זייַנע לידער און קינד־און־קייט האָבן אין די 20 — 30־ער יאָרן דעקלאמירט:

סיביר, אוראל,
קאלוגע און טריפּאָליע,
מיט הייסן בלוט אין הייסן לייַב צעבליט...

אָבער ס'איז אויך עמעס, און לאכלוטן ניט איבערגעטריבן, אז איציק פעפער איז אין דער ייִדישער דיכטונג געווען איינער פון די ראפינירטע ליריקער. דאָס האָט ער אָנגעשריבן אזעלכע גרויסארטיקע „ריין־לירישע" לידער, ווי „פארגעסענע אויגן" (1924), „אין הארבסט" (1930), „פון סאָטשי קיין כאָסטע" (1931—1934), „א שעמעוודיק מיידל" (1939), „דאָס בערעזענע געזינדל" (1940), „די נעסט" (1943), „די זון פארגייט" (1946) אא. ניט מער, דאָס מיידל, וועמען פעפער זינגט זייַן ליבע־געזאנג, איז ניט קיין אויסגעטראכט פאטעקע־מיידל, נאָר זייַנע א

שלאכט־כאווערטע, און עס ציט אים צו איר, אף לעהאכעס די עסטעטן, דערפאר, ווײַל איר געשטאלט איז פאר אים דערשינען „אין רויך פון צעשאָסענע טעג“: „ניט קיין הימל, קיין ווינט, ניט קיין פעלד האָט מײַן טראָט אף די וועגן געצויגן, נאָר דײַן לאנגע, דײַן גראָווע שינעל און די גראָווע פארגעסענע אויגן“; ווען פעפער איז זיך מוידע, אז ער האָט ליב „פון הארבסט די פרייד“, איז עס ניט קיין וועלקונג־שטימונג, פארקערט: „די גראָזן אינעם פעלד, די ביימער און די שטערן און אלץ אף דר׳ערד פארוועלקט, קעדיי נאָך יִינגער ווערן“; און ווען מיר דערוויסן זיך פון דער פייזאזש־שילדערונג „פון סאָטשי קיין כאָסטע“, ווי „שיין איז דער ברעג און ס׳איז שיין אומעטום, אי די רו, אי דער יאָג פון די כוואליעס“, — איז עס נאָך ניט דער איקער, ווײַל דער דיכטער באווײַזט אונדז דעם לירישן וועג פון סאָטשי קיין כאָסטע, קעדיי אונדז זאָגן, אז אף אָט דעם לוקסוס־וועג גייען אום ניט קיין געזאלבטע פוסטעפאסניקעס, נאָר „איך און דער טשעך און א מיידל פון טווער, און ארבעטער צוויי פון סאראטאָוו“... קורץ: טאקע ריינע ליריק, נאָר ניט קיין דיסטילירטע, ניט קיין אָפגעשיידטע פונעם לעבעדיקן לעבן.

און זאָלן זיך ניט כידעשן די ליטעראטור־פאָרשער, אויב איך וועל אָפטראָגן צו פעפערס אינטים־לירישער שאפונג אויך אזעלכע זײַנע באוווּסטע לידער, ווי, אשטייגער, „איבער שטעט און דערפער גייען שווארצע וואָלקנס, פאָרן אף די פראָנטן בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס“ (1925) — א ראָמאנטיש געזאנג וועגן דעם מיידל פון דער רעוואָליוציע־צײַט, אָדער „א קראָ אפן שניי איז נאָך שווארצער פון שווארץ, מײַן הארץ האָב איך ליב, ווײַל ס׳איז רויט“ (1937); דאָ זעען מיר, ווי דאָס ענג פערזענלעכע („מײַן הארץ“... „מײַן אויג“... „מײַן וואָרט“...) באקומט ברייטע געזעלשאפטלעכע פונקציעס, און עס איז שוין שווער אונטערצושיידן צווישן אייגנס און אלגעמיינס, ווײַל די אינטימע ליד וואקסט אויס אין א דיכטערישן מאניפעסט מיט אזעלכע ווײַטגייענדיקע און פילזאָגנדיקע באהויפטונגען, ווי: „ווען א קראָ זאָל ארײַן און א שווארץ טאָן מײַן הארץ, וואָלט איך עס דער ערשטער געטויט“... און —

> מײַן אויג האָב איך ליב, ווײַל איך זע, ווײַל איך שפיר,
> אז מײַן אויג האָט ליב פארבן פון שלאכט.
> ווען מײַן אויג זאָל א צי טאָן א פרעמדער קאָליר,
> וואָלט איך עס דער ערשטער פארמאכט!

און דאָ איז טאקע דאָס אָרט צו פארצייכענען, וויִאזוי פעפער האָט פארשטאנען די אופגאבן און דעם בארוף פון דיכטונג. אין דער ליד, וועלכע מיר האָבן ערשט ציטירט, זײַנען פאראן אזעלכע שורעס: „ס׳איז גוט, ווען די ליד טוט א הילך אינעם גאנג, ווען די ליד איז דורך מאכנעס באוועגט. ווען מײַן וואָרט זאָל ניט קלינגען אין אונדזער געזאנג, וואָלט איך עס דער ערשטער פארמעקט“.

מע וואָלט געקאָנט זיך באנוגענען מיט אָט דער העכסט־פינקטלעכער ארויסזאָגונג. מיר דוכט אָבער, אז פאר אונדז, פאר די הײַנטיקע יִידישע דיכטער, פעפערס יִינגערע צײַט־כאווײרים, וועמען עס איז באשערט אין צוויי־דרײַ צענדליק יאָר ארום נאָך דעם, ווי פעפער איז ארויסגעריסן געוואָרן פון דער ריי, פאָרצוזעצן דאָס דיכטערישע געזאנג, — פאר אונדז איז ביז גאָר וויכטיק צוייגענען זיך, ווי א גרויסן אויצער, פעפערס געזעלשאפטלעכע מאָס פאר דיכטונג, פאר ליטעראטור־שאפונג.

די ליבהאָבער פון יִדישער פאָעזיע ווייסן, וויִאזוי פעפער האָט מאמעש פארגעטערט דאָס אנטשטיין גופע פון א דיכטערישער שורע („קומט אהערצו גיכער, גיכער, הימלען, זונען, לענג און ברייט! זעט, ווי ס׳ווערט דער ווײַסער וויכער איבער שורעלעך צעווייט! מײַנע ווערטער לייענט דער שטורעם, מײַנע ווערטער לייענט דער שליאך; וועמעס הערצער זײַנען אָרעם? מײַנע הערצער זײַנען רײַך!“).

ווי טײַער עס איז פעפערן געווען דאָס עצעם דיכטערישע שאפן, קאָן מען זען פון דעם ציקאוון פאקט, וואָס בעשאס זײַן דויערנדיקן און געפערלעכן פליִען קיין אמעריקע, אין סאמע אימפעט פון דער מילכאָמע, ווען דער אעראָפלאן האָט זיך אָפגעשטעלט אין אפריקע, שרײַבט ער אָן א ליד, וועלכע ער דאטירט „4 יון 1943, סוראנער מידבער“, און דאָ, אין ווײַטן־ווײַטן מידבער, דערמאָנט ער זיך, אז פונקט מיט א פערטל יאָרהונדערט צוריק, אין 1918, אויך דעם 4 יון, האָט ער אין שטעטעלע שפאָלע, „אף לעסנאיע“, אָנגעשריבן זײַן ערשטע ליד — „ניט קיין אויסיעלעך, נאָר טראָפנס פײַער האָבן אין העפט מײַנעם אין דינעם זיך צעברענט...“ אין דער יִדישער פאָעזיע איז עס, דוכט זיך, דער איינציקער פאל, ווען א דיכטער רופט אָן אין זײַנער א ליד דעם פינקטלעכן טאָג, ווען ס׳איז אראָפגעקומען צו אים דער מאלעך פאָעזיע.

ס׳איז אין דער יִדישער דיכטונג אויך ניט אָפט געזאָגט געוואָרן א וואָגיק וואָרט וועגן יִדיש, דער שפראך, אף וועלכער עס זײַנען געשאפן געוואָרן אזעלכע גרויסע אויצרעס. פעפערס ליד אף אָט דער טעמע איז באזונדערס טרעפלעך און וואָגיק, ווײַל כוץ „יִדיש איז א שפראך ווי אלע“ און „אָט די שפראך איז אונדז געגעבן ניט צו פלוידערן זשארגאָניש אין פארשטויבטע געטאָ־ערטער“, זײַנען אין איר ארויסגעזאָגט געדאנקען, וועלכע באצייכענען די צײַט — די מילכאָמע־צײַט, — ווען עס גייט די רייד וועגן יִדיש, און דאָס לאנד — דאָס סאָוועטן־לאנד, — וווּ דער

יִידישער דיכטער האָט מיט גרויס אכרײַעס אוועקגעשטעלט די פּראָבלעם פון יִידיש:

יִידיש כאַוּערט זיך מיט סלאַוויש,
יִידיש
קלינגט א ביסל אַנדערש,
און מיט אַלע האָריזאָנטן,
וואָס א שפּראַך קאָן זיך פאַרגינען,
יִידיש
קלינגט אַף אַלע פראָנטן,
יִידיש
נעמט באַזונדערס בליצן
אין דעם אָפּשײַן פון רובינען
מיט די פינף צעשײַנטע שפּיצן.

(מײַן קורסיוו. — א. וו.)

אָט די בעעמעס אויסשליסלעכע ליד, ווי אויך (אפילע אין א גרעסערער מאָס) א צווייטע ליד פון דער זעלבער מאדרייגע — „שפּראַכן“ („דער טונגוס האָט ליב טונגוסיש, און קאזאכיש — דער קאזאך, מער פון אַלץ איז ליב אונדז רוסיש, ווײַל ס'איז מערער פון א שפּראַך...“), — די דאָזיקע דיכטערישע ווערק פעפערס זײַנען אין די לעצטע יאָרן, שוין אין אונדזער צײַט, געוואָרן אַן אָנרע־גונג פאַר טיילווײַז אראָפּגעשריבענע פון דאָרטן — ליוטן נוסעך — און טיילווײַז אויסגע־זויגענע פון פינגער געגראַמטע באַנאַלקײַטן וועגן „יִידיש — סלאַוויש“. טאַקע מיט אַזא „אַנטדע־קונג“, אַז יִידיש איז א נייטיק לאָשן און אַז דער אוטאָר פון דער ליד קלײַבט זיך ניט פאַרבײַטן יִידיש מיט עפּעס אַנדערס, איז אין אַזעלכע לידער צוגעפּעפּערט פּעפערס מאָטיוו.

די דאָזיקע פאַרבײַגייענדיקע באַמערקונג דער־לויב איך זיך צו מאַכן, ווײַל עס גייט א רייד וועגן די פאָדערונגען, וואָס פעפער האָט אַרויסגע־שטעלט צו אונדזער דיכטונג. זײַענדיק אַליין א זעלטן־קלאָרע, קיינמאָל ניט צווייד־ײַטיקע שעפע־רישע נאַטור („כ'בין אומעטום א הייסער קאָמסאָ־מאָליעץ מיט יונגע זינגענדיקע טריט“...), האָט ער אָפן און ניט צווייד־ײַטיק אויסגעלאַכט „די ליד, וואָס לעבט נאָר אַף פּאַפּיר“, די פּוסטע דעקלאַ־ראַטיווע „דיכטונג“ („מע קומט, מע ברענגט א באָבעמײַסע, מע שרײַט: מײַן לאַנד! מײַן דאָר! מײַן פריידו! די קונסט בין איך, די קונסט איז הויך! און מע קוסטאַרעוועט, אַז ס'גייט א רויך“). ער האָט סאַרקאַסטיש געשטעמפּלט די ריטער פון דער „קונסט לעשעם קונסט“:

מיר איז לאַנג שוין נימעס הערן
זייער סקריפּ פון לעוואָנעס און פון נאַכט;
טויזנט יאָר האָט מען באַזונגען שטערן,
און ס'האָט קיינעם, קיינעם ניט געאַרט.

זײַן פּאָלעמיק האָט ניט געוווּסט פון קאָמפּראָ־מיסן:

— — — — — — — — — — — — — —

גאָרניט לאַנג, אַז איך באַזינג שינעלן,
זײַנען דיכטער שוין געוואָרן מיד.

קלאָגט מען זיך: ס'איז איבעריק און נימעס —
פעלדער און שינעלן אָן א צאָל,

און מיט מידע, הייזעריקע שטימעס
זינגט מען ווידער ווי אַמאָל.

אין די פריִע צוואַנציקער יאָרן, ווען עס האָבן נאָך געזשומעט אַפן ליטעראַרישן פעלד ניט ווייניק „מעשוירימלעך בא דעם פאַראיאָריקן גראָז“, איז שוין שיר ניט אויסגעקומען, אַז —

וויפל דיכטער זײַנען שוין פאַראַנען,
און קיין לידער זײַנען נאָך ניטאָ...

און האַגאַם די דאָזיקע שורעס זײַנען געווען אַן אָפּהילך פון דעם פּאָעטס פּאָלעמישן טעמפּעראַ־מענט, — אין 1923, ווען פעפער האָט אַזוי גע־שריבן, איז די יִידישע דיכטונג שוין געווען איינע פון די וואָגיקסטע אין דער פילנאַציִאָנאַלער סאָ־וועטישער ליטעראַטור, — דאָך איז פעפער געווען גערעכט, ווענדנדיק זיך צו א געוויסן טיפּ נײַגעבאַקענע „דיכטער“: „ליבער פרײַנט מײַנער, פאַרגעס זי, דײַן באַקאַנטע, די פּאָעזיע“... און אין א צווייטער ליד:

עפּעס דאַכט זיך דיר אַוואַדע,
לידער וועגט מען אַפן פוד,
כ'בין זיך מוידע־אומיסוואַדע,
אַז עס קומט מיר אָן מיט בלוט...
אָ, מײַן ברודער! ס'קאָסט מיך טײַער,
וויפל ס'קאָסט מיך, האָט די ווערט,
זײַן פאַרשטענדלעך, ווי דאָס פײַער,
רײַך, אומענדלעך, ווי די ערד!

„זײַן פאַרשטענדלעך, ווי דאָס פײַער“ — די דאָזיקע ווערטער, וועלכע פעפער האָט אָנגע־שריבן אין סאָף פון זײַן שעפערישן וועג (1947, אין דער ליד „ס'קאָסט מיך טײַער“), — זיי כאַזערן דאָך איבער, און אַף דעם זעלבן קאַטעגאָרישן אויפן, די שוין ציטירטע ווערטער, וועלכע פעפער האָט אָנגעשריבן אין אָנהייב פון זײַן וועג (1925, אין דער ליד „ליגן, ווי יעסוימים, הונגעריקע כורוועס“) — „איך האָב ליב, ווען ווערטער זײַנען באָרוועס, איך האָב ליב, ווען ווערטער זײַנען פּראָסט“...

איינער פון פעפערס וויכטיקסטע פאַרדינסטן אין ערשטן פעריִאָד פון דער סאָוועטישער יִידי־שער פּאָעזיע באַשטייט דעריך, וואָס ער איז געווען דער אוטאָר פון אָט אַזא דרייסטער, און גלײַכ־צײַטיק נאָענטער צום האַרצן פונעם לייענער, שעפערישער פּראָגראַם פאַר א גאַנצן דאָר נײַע דיכטער, פאַר דעם צווייטן דאָר און אויך פאַר דעם דריטן. ס'איז, פאַרשטייט זיך, א גרויסער טאָעס צו מיינען, אַז שרײַבן פּראָסט באַטײַט אין דעם גע־בראַכטן קאָנטעקסט — שרײַבן אויבערפלעכלעך, סכעמאַטיש. ווער עס טראַכט אַזוי, וואָלט גע־מעגט זיך ווענדן, לעמאָשל, צו פעפערס א לעצ־טער ליד — „טיפער פונעם יאַם“ (1948), — ווו ער געפינט א ווונדערלעכן אויסדרוק פאַר דער ליד פון דעם יאַם (אָן אָנדײַט אַפן דיכטערישן שאַפן), וועלכע דאַרף זײַן „טיפער נאָך מיסטאַם אַפילע פונעם יאַם“ גופע. בלויז אַזא פילזײַטיקער צוגאַנג צו דיכטונג דערלויבט דעם פּאָעט פון

דער רעוואָלוציאָנערער צײַט צו באַהויפּטן: „זײַ־
נען לידער איצט מער שוין ניט מײַנע, אַלע זינ־
גען מײַן פּראָסטן געזאַנג".

ווען פּעפּער האָט מיט פּאַטאָס אויסגערופן: „מײַן לאָזונג — ניט גערוט, ס'איז יעדער קער א טעמע", האָט ער מיט דעם געהאַט אין זינען די לײַבלעכע פאַרבינדונג פון דער ליטעראַטור מיטן לעבן. ס'איז גענוג א בלעטער טאָן אײנע נאָך די אַנדערע זײַנע גרעסערע ווערק, די פּאָעמעס, קעדיי דערזען, ווי טרײַ ער האָט נאָכגעפאָלגט אָט דעם פּרינציפּ. א דירעקטער אָפּהילך פון די לעבנס־געשעענישן איז געווען דער ציקל דורכ־געזאַפּטע מיט רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק לי־רישע פּאָעמעס וועגן בירגערקריג — „יאָסל שינ־דער" (1925), „עליאָס טויט" (1925), „יאַטן" (1925); די דאָזיקע עפּישע מיניאַטורן, ווי עס ווילט זיך זיי אָנרופן, האָבן אַרויסגע־שטראָמט פון פּעפּערס ערשטע לידער־ביכער „שפּענער" (1922) און „וועגן זיך און אַזוינע ווי איך" (1924), פּונקט ווי טײַכן נעמען זיך צונויף פון קוואַלן און ריטשקעלעך און שאַפן דערנאָך אַליין פאַר זיך סײַ אַן אײגענע וואַסער־טיף, סײַ דעם לאַנדשאַפט, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אינעם וואַסער. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, און ווי נאָר דאָס לאַנד איז אַריבער צום ווידערופבוי־פּעריאָד, האָט פּעפּער, ניט אויסהאַלטנדיק די „טראַדיציאָ־נעלע" צײַט־דיסטאַנץ, אין 1925—1928, באַוויזן, ווי אַזוי אַף די „בלײַענדיקע מיסטן", אין דעם אַלטן שטעטל, פאַרמירט זיך דער נײַער שטייגער. און גלײַך נאָך דעם כאַפּט ער אויף מיט דער גרעסטער פילבאַרקײַט די נײַע לעבנס־פּראָצעסן אין לאַנד, די נאָרמאַל־פּולסירנדיקע, פאַרפּלאַנירטע בויונגס־אַרבעט, בײַס וועלכער עס ווערט געבוירן א נײַער מענטש און עס געשטאַלטיקט זיך איבער דאָס לעבן. די מאַסשטאַבן זײַנען דאָ אַזוי גרויס, די פּראָצעסן אַזוי קאָמפּליצירט, אַז שאַפנדיק זײַ־נע דרײַ גרעסערע פאַרמילכאָמע־פּאָעמעס — „גע־פונענע פונקען" (1928), „פּלאַסטן" (1932) און „גרויסע גרענעצן" (1939), מוז ער זיי באַגלײַטן מיט אָפּעראַטיווע לידער־זאַמלונגען — קעמפע־רישע, דעקלאַרירנדיקע, פּאָלעמישע, קריטיש־פאַרשאַרפטע, — מיט „פײַלן אַף מײַלן" (1935) און „קראַפט" (1937). אין דעם פּאָעטישן ראָמאַן „גרויסע גרענעצן" פילט זיך שוין דער אומרו פונעם קומענדיקן וועלט־קריג, עס איז באַשײַמ־פּערלעך די געפאַר פונעם פאַשיזם. פּעפּערס דיכ־טונג קומט אַרײַן אין דער פּאַטערלענדישער מיל־כאָמע צוזאַמען מיטן לאַנד, אין איין צײַט. זײַן פּערזענלעכער גורל אין יענע יאָרן איז אַן אויס־שליסלעכער. ער שיסט ניט, אַזוי צו זאָגן, פון איין ביקס אין איין פאַשיסט. ער איז א פּאָליטישער טוער פון היפּשע מאַסשטאַבן, און זײַן געווער טראָגט דעם קעגנער היפּשע פאַרלוסטן. אינײנעם מיט מיכאָעלסן שאַפט ער דעם אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, צוזאַמען מיט אים לאָזט ער זיך אַוועק אין א שליכעס קיין פּשא און ענגלאַנד, קעדיי מאָ־ביליזירן די ייִדישע געזעלשאַפטלעכקײַט פון דער וועלט צוהילף דעם העראָישן רויטאַרמייער, וועל־כער האָט צו יענער צײַט (1943) שוין געהאַלטן היטלערן באַם גאַרגל. האָבנדיק שוין דאַן צווישן זײַנע גרויסע פאַרדינסטן דאָס אָנפירן מיט אַזעל־כע וויכטיקע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, ווי די לי־טעראַרישע זשורנאַלן „פּראָליט", „פּאַרמעסט", „סאָוועטישע ליטעראַטור", נעמט ער זיך מיט נײַער ענערגיע, צוזאַמען מיט שאַכנע עפּשטיינען, אַרן קושניראָוון א. אַנד. ייִדישע שרײַבער צו אָר־גאַניזירן און אַרויסגעבן די ברייטפּלאַטפאָרמיקע צײַטונג „אײניקײַט", און ער איז צווישן די, וועל־כע לעבן אויף אַפּסנײַ, אין מילכאָמע־געווירבל, דאָס ייִדישע פאַרלאַג־וועזן, נאָכן אַרויספירן דעם „עמעס"־פאַרלאַג פון דער באַדראָעטער מאָסקווע.

פּעפּערס מילכאָמע־לידער, אַזעלכע, לעמאָשל, ווי „די שוווע" (1942), „הערט מיך, ברידער" (1943), דער ציקל באַלאַדעס פונעם 1942 („באַ־לאַדע וועגן ברודער־קיוועער", „באַלאַדע וועגן אָדעסער לימאַן", „באַלאַדע וועגן א שנירל פּערל" אַא.) האָבן אין דער ערשטער העלפט פון די פער־ציקער יאָרן געשפּילט ניט קײן קלענערע ראָל, אײדער, אין זייער צײַט, זײַנע „יאַטן".

אין 1945—1946 זינגט פּעפּער אויס זײַן שוואַ־נען־ליד — די שטאַרקסטע פּאָעמע זײַנע „שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ", וועלכע האָט זיך ווי באַ־גאָסן מיטן זעלבן בלוט און זיך באַוואַשן מיט די זעלבע טרערן, ווי ביאַליקס „שכיטע־שטאָט", און וואָס טראָגט אין זיך די זעלבע בריִענדיקע טײַנע וועגן די קדושים — יאָ, די זעלבע טײַנע, אָבער שוין א פאַרענטפערטע מיט „עס שיסן די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ, וואָס שטייען ביז קני אין דעם בלוט פון די קדושים"...

אין ליטעראַטור־היסטאָרישן פּלאַן קאָן מען זאָגן, אַז מיט די „שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ" האָט פּעפּער אַראָפּגעלאָזט א הילכיקן פּאַטש די באַדכאָנישע „טעאָרעטיקער", די טומלער אַף דער „ייִדישער גאַס", וועלכע פּלאַפּלען וועגן דעם, אַז, קלוימערשט, נאַציאָנאַל־ייִדיש זײַנען זיי און ניט די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור. פּעפּער האָט געשאַפן דאָס אמערסטן נאַציאָנאַלע ווערק, און אײנצײַטיק אַן אויסגעשפּראָכן סאָוועטיש ווערק, וועגן געטאָ. ווען דער שאָטן פונעם „ייִנגל מיט אַש אין די אויגן" ברענגט אים, דעם סאָוועטישן דיכטער, אַף די כורוועס פון דער וואַרשעווער געטאָ, שרײַט דער דיכטער אויס:

ריבוינע־שעל־אוילעם! אָט דאָ האָבן ייִדן
דעם גאָלדענעם פּאָדעם פון דוירעס געצויגן?
די גאָלדענע קייט פלעגן ייִדן דאָ שמידן?
די גאָלדענע פּאַווע מיט מיידלשע אויגן
דאָ האָט זיך א נעסט אין די סעדער געשאַפן?
דער גאָלדענער טרוים האָט געהאַט דאָ א האַפן?

ס'איז פֿונקט געווען פֿייסעך, די צײַט פֿונעם ערשטן סיידער:

עס שטייען די טישן געדעקטע, געגרייטע
מיט מילך און מיט האָניק, מיט קויסעס מיט ברייטע,
מיט טעלער מיט רונדע מיט גאָלדענע צייכנס,
מיט „קאָשער לעפּייסעך" אַף זייערע ברעגן.
עס זיצט דאָ בא טישן דער רויבער און שמייכלט,
ווי אַלץ איז פֿאַרגרייט דאָ פֿונזײַנעטוועגן.

און מיט א ביאַליקישער קראַפֿט יאָמערט ארויס דער סאָוועטישער דיכטער:

זיי זיצן בא אונדזערע טישן און זויפֿן,
זיי ליגן אין אונדזערע בעטן און פּאָפֿן,
זיי קושן די זוינעס אין אונדזערע הויפֿן,
אין אונדזערע שטיוול אין קירכעס זיי לויפֿן,
די הרובע זיי הייצן מיט אונדזערע ספֿאָרים
און מייקענען שיקער אַף אונדזערע קוואָרים...

אַזוי וואָלט זיך געקאָנט ענדיקן דאָס טראַגישע געזאַנג, נאָר דאָס וואָלט געווען א געזאַנג פֿון באַזיגטע. דער סאָוועטישער דיכטער ווייסט אָבער און גלייבט, אַז „אַף אונדזערע שטריק און אַף אונדזערעביימער מיר וועלן מיט אונדזערע הענט זיי נאָך הענגען". אין וואַרשעווער געטאָ איז גרויס דער גלויבן אין זיג, ווײַל „מיט נעכט סטאַלינגראַדער האָט הייס דאָ געאָטעמט", ווײַל „געשמעקט האָט מיט מאָסקווע".

יאָ, ס'איז פֿונקט געווען פֿייסעך, די צײַט פֿונעם ערשטן סיידער...

מ'האָט לאַנג שוין פֿאַרענדיקט „אוואָדים האָיִינו",
מ'האָט לאַנג שוין פֿאַרענדיקט. מע האַלט שוין
בא „הוידו".
מע קאָן שוין איצט קיינעם אין שטוב ניט געפֿינען,
עס הילכן די ווענט, און די הימלען זיך הוידען.
און די, וועלכע האָבן געכויזעקט, געשפּעט דאָ,
פֿאַרגוואַלדיקט, געהאַרגעט — באַצאָלן דאָ טײַער.
מע שיסט אַף דער געטאָ, און ס'ענטפֿערט די געטאָ
אַף סינע מיט סינע, אַף פֿײַער מיט פֿײַער.

די הויפּט־אידיי פֿון דער פּאָעמע איז אַזאַ: די פֿאַשיסטן „האָבן געמיינט, אַז זיי לויפֿן נאָך האָזן"... אָבער — „עס שיסן די העלדן פֿון וואַרשעווער געטאָ"... און אין איינקלאַנג מימיַ קאַמפֿס־גײַסט פֿון די העלדן איז דער נאַציאָנאַל־טראַדיציאָנעלער מאָטיוו: „זיי האָבן געטראָגן אין זעקלעך פֿון טפֿילן דעם טויט פֿאַר די סאָנים" (האַגאַם, יענע באַטלאָנים, וועגן וועלכע ס'איז דאָ אויבן דערמאָנט, וואָלטן אָנגענומען פֿאַר גוט, ווען מע טייט די פֿאַשיסטן מיט לייגן טפֿילן...).

פֿון דעם שפּעטערן פּעריאָד פֿון פֿעפֿערס שאַפֿונג דאַרפֿן אויסגעטיילט ווערן — זײַן ווענדונג צו דער ביראָבידזשאַנער טעמע (לידער פֿון 1936—1937) — א ווײַטערדיקע פֿאַרטיפֿטקײַט אין נאַציאָנאַלן מאָטיוו; זײַן אַנטיפֿאַשיסטישע פּובליציסטיק בייס און נאָך דער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע, די פֿילצאָליקע רופֿנדיקע אַרטיקלען און שלאָגנדיקע פּאָליטישע פּאַמפֿלעטן, וועלכע האָבן אים אין יענע יאָרן דעראָבערט דעם בעקאָוועדיקן נאָמען פֿון דעם „ייִדישן ערענבורג"; די לעצטע לידער־ביכער זײַנע „שײַן און אָפּשײַן" (1946) און „אפּסנײַ" (1948), אין וועלכע עס פֿילט זיך א נאָך מער באַדאַכטער גאַנג, א פֿילאָסאָפֿישער סאַכאַקל־נוסעך, א פֿאַרשטאַרקונג פֿונעם נאַציאָנאַל־אַכרײַעספֿולן און ליריש־אינטימען שטראָם. די פֿאָרמולע „אפּסנײַ", וועלכע פֿעפֿער האָט געפֿונען און אַקצענטירט, איז אַרויסגעדרונגען פֿונעם ברייטן אַספּעקט פֿון לעבן און האָט איינצײַטיק גערעדט צום געמיט־צושטאַנד, צום זיקאָרן, צום העמשעך־אינסטינקט פֿון אונדזער ליטעראַטור:

עס לויכט שוין א שמייכל, און ס'קלינגט שוין א
שפּאַס,
און ס'שפּילט שוין א פֿידל אַף פּערעצעס גאַס...
נאָר ס'טאָר ניט פֿאַרשווינדן די נעכטיקע פּײַן
אין ביליקע טײַכלעך פֿון ווערטלעך און ווײַן...
אין קלייניטשקע ווונטשן פֿון לעבן מיט טאָלק —
א מענטש איז א מענטש און א פֿאָלק איז א פֿאָלק!
איז לאָמיר א וועק טאָן די קרעפֿטן אפּסנײַ,
די אַלטקײַט מיט יונגקײַט באַהעפֿטן אפּסנײַ...

אויך צו אונדזער הײַנטיקן ליטעראַרישן דאָר רעדט דאָ פֿעפֿער. ער רופֿט צו כעזשבן־האַנעפֿעשדיקע מאַסשטאַבן. ער איז גרויספּראָבלעמאַטיש. ער דענקט אין די מאָסן פֿון א פֿאָלק. ווען שלעכטע מענטשן אין די אויסלאַנדס האָבן אַמאָל, בא איציק פֿעפֿערס לעבן, געגעבן די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער א צונאָמען „די איציקס", האָבן זיי זיך ניט אָנגעשטויסן, אַז אַנדערע סאָוועטישע ייִדישע פּאָעטן, אפֿילע מער באַדײַטנדיקע לויטן שוווּנג פֿונעם טאַלאַנט, וואָלטן געוווּנטשן אויך זיך אַזאַ גרויסן קאָוועד.

ווען בא אונדז ייִדן וואָלט געווען, ווי בא אייניקע אַנדערע סאָוועטישע פֿעלקער, אײַנגעשטעלט אַן ערן־טיטל „פֿאָלקס־פּאָעט", וואָלט אָט דעם טיטל דער ערשטער מינהאַסטאַם פֿאַרדינט איציק פֿעפֿער. צוליב דעם פֿאַרמאָגט זײַן דיכטונג, און אויך זײַן מענטשלעך געשטאַלט, גענוג עכטע פֿאָלקס־שטריכן, פֿאָלקס־כאָכמע, פֿאָלקס־אָפּטימיזם. אויך אין זײַן דראַמאַטורגיע און פּובליציסטיק איז פֿעפֿער געווען אַן אויסדריקלעכער שרײַבער פֿונעם פֿאָלק. ער האָט זײַן גוטן נאָמען באַקומען באַם לעבן, און ווי יעדער גרויסער שרײַבער, האָט ער אים באַקומען נאָכאַמאָל, שוין מיט דער גאַראַנטיע פֿון צײַט־אויספּרווו — נאָכן טויט. אין „שאָטנס פֿון וואַרשעווער געטאָ" לייענען מיר: „דער נאָמען, וואָס קומט נאָכן טויט שוין, פֿאַרגייט ניט". און ווײַטער:

דער נאָמען, וואָס לעבט שוין אין פֿרעמדע כאַלוימעס,
דער נאָמען, וואָס איז שוין א פֿאָדעם געוואָרן
און ווערט ניט צעריסן אין שטורעמס פֿון יאָרן...

אווראָם גאָנטאַר

איציק פעפער צווישן פריינט און כאַווירים

ראַכיל גריגאָריעוונע פעפער וווינט אין מאָסקווע אף פּאָרטונאַטאָווסקע אינאיינעם מיט איר אויסגעגעבענער טאָכטער דאָרע. זייער וווינונג איז ניט ווייט פון מיינער — אויך אין איזמיילאָווע. זי קלינגט צו אונדז אין טעלעפאָן, כאַפּט זיך אַמאָל אַראָפּ צוגאַסט. זי וואָלט געקומען אָפטער, פאַרענטפערט זי זיך, איז זי פאַרנומען מיטן אייניקל, מיט מישקען, און די פיס טראָגן שוין ניט אַזוי גערן ווי אַמאָל.

די לעצטע צייט האָבן מיר מיט ראַכיל גריגאָריעוונען געאַרבעט איבער פעפערס אַ בוך, וואָס איז שוין איצט דערשינען אין פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" אונטערן נאָמען „לידער, באַלאַדעס, פּאָעמעס". די אַרבעט איבערן בוך האָט געדויערט גוטע עטלעכע כאָדאָשים, און ראָכל איז קימאַט אַלע טאָג געווען בא אונדז אין שטוב. מיר פלעגן זיך דערמאָנען אין די פאַרגאַנגענע יאָרן, ריידן וועגן שרייבער, וועלכע מיר האָבן גוט געקענט, און דעריקער וועגן איציק פעפערן.

ראָכל האָט געבראַכט אַ גאַנצן סטאָס פעפערס ביכער. מיר לייענען אף אַ קאָל שורע נאָך שורע און שטעלן אַ פליוס אפן זייטל פון דער ליד, וואָס מיר באַשליסן אַריינעמען אין בוך, און ווען מיר ווערן מיד, ציט עפּעס אַ שורע רופט אַרויס אַן אַסאָציאַציע, גייט אַוועק אַ סעדרע דערמאָנונישן.

...טיף אין דער נאַכט וועלן טופּען אָפּצאַסן
און סקריפּען די טירן, —
מ'עט קומען און נעמען אַ מענטשן און
ערגעץ אים פירן.
דערנאָך וועט אַ שאָס אַ געשריי טאָן,
און ווידער וועט שווייגן
די אייזערנע נאַכט אין די אייזערנע שטייגן.
וועט ליגן אין הויף פון דער טפּיסע אַ לייב
אַ פאַרגעסנס.
אין שטיינערנעם מויער זיינען שטרענגער
די האַרטע מעסלעסן.

...אין קיִעוו, אפן ראָג פון קרעשטשאַטיק און ניקאָלייעווסקע איז עטלעכע כאָדאָשים נאָכאַנאַנד געזעסן אַ באָכערל מיט געדיכטע קלייַען אף דער פרייליכער נאָז. געזעסן איז ער מיט אַ קעסטל פון אַ שוכפּוצער, מיט בערשטלעך, שוואַקס, און אַז קיינער פון די דורכגייער האָט ניט אַרופגעשטעלט דעם פוס אף דעם בענקעלע, פלעגט דאָס באָכערל אונטערוואַרפן די בערשטלעך אינדערלופטן און אויסזינגען אף אַ קאָל:

פּוצער, האַק אַריין אַ גלאַנץ!..

און עמעצער פון די פאַרבייגייענדיקע דעניקינישע אָפיצערן פלעגט זיך אומקוקן, אַ שמייכל טאָן, און אַמאָל אַנידערשטעלן דעם שטיוול אפן פּוצערס בענקעלע.

די בערשטלעך זיינען געפלויגן אין זיינע הענט, ווי די פייגעלעך, און די אָפיצערישע שטיוול האָבן גענומען אָפּשפּיגלען אין זיך דעם ריינעם קיִעווער הימל. דער הימל איז געווען ריין, די ערד אָבער האָבן באַטראָטן די פאַרבלוטיקטע אָפּצאַסן פון די דעניקינישע באַנדיטן. דער אָפיצער מיט די בלאַנקענדיקע שטיוול האָט זיך געלאָזט באַרגאַרויף, צו זיין שטאַב אף דער אַריסטאָקראַטישער לעוואַשאָווסקי־גאַס, און אפן קעסטל פונעם שוכפּוצער איז שוין געשטאַנען אַן אַנדער שטיוול, אַ שטיוול פון גראָבן יוכטאָווון לעדער. מיט אַ זייטיקן בליק האָט דאָס קלייַענדיקע באָכערל אָפּגעמאָסטן זיין נייעם קליענט, וואָס האָט אַראָפּגעלאָזט אַ פּעקעלע אף דער ערד און שטילערהייט געזאָגט עפּעס צו אים. דער פּוצער האָט זשאָנגלירט מיט די בערשטלעך, געקלאַפּט אין טאַקט איבער דעם קעסטל און אויסגעזונגען אַן ענטפער:

יעסט, קאַפּיטאַן!
פאַראַן, קאַפּיטאַן...

און אף מאָרגן, קאַיאָר, ווען די קיִעווער איינוווינער זיינען פאַרשלאָפענע אַרויס פון זייערע טירן, אף דימייעווקע, אף פּאָדאָל און אף דער אַריסטאָקראַטישער לעוואַשאָווסקי־גאַס, האָבן זיי צוערשט אף אַ קאָל, דערנאָך שטיל פאַר זיך געלייענט די פריש אופגעקלעפּטע בלעטלעך־

אופרופן: א טויט די אָקופּאַנטן! און קיינער האָט ניט געוווּסט, אַז די דאָזיקע בלעטלעך האָט דער שוכפּוצער, וואָס זינגט לידלעך אפן ראָג פון קרעשטשאַטיק און ניקאָלײַעווסקע, ערשט נעכטן באַהאַלטן אין זײַן קעסטל איינעם מיט די בערשטלעך און גוטאַלין.

אָבער אין איינעם א טאָג איז דער שוכפּוצער מיט געדיכטע קלײַען אַף דער לאַכנדיקער נאָז ניט געקומען אפן ראָג פון קרעשטשאַטיק און ניקאָלײַעווסקע...

ער איז געשטאַנען בא די גראַטעס פון דער לוקיאַנאָווקער טפיסע און געקוקט אפן רעגן.

פון יענער זײַט טפיסע
לויפן צעשראָקענע וועגן,
לעם פענצטערלעך
ציטערט א שטילער פארכאַלעמטער רעגן.
די זון איז דאָ קאַלט אף די ווענט מיט
פארזשאַווערטע פאַסן,
סע גלוסט זיך א פלי טון,
אוועק איבער גאַסן.

לאַנג האָבן זיך געצויגן די טעג הינטער די גראַטעס אין לוקיאַנאָווקער טפיסע. נאָר פּלוצעם האָט מען אין קאַמערע ארײַנגעשלײַדערט א נײַעם מענטשן, א הויכן, א דארן, מיט א לענגלעך פּאָנעם. דער נײַינקער האָט ארויסגענומען פון בוזעם א דין ביכעלע — פּושקין, און אין קאַמערע איז ליכטיקער און ווארעמער געוואָרן.

— ווער זײַט איר? — האָט דער פּוצער גע־ פרעגט.

— נוסינאָוו רופט מען מיך, — האָט יענער געענטפערט. — איסאַק נוסינאָוו.

אף טישל ליגט צעפליקט א ביכל לידער:
פושקין,
מיר האָבן עס געלייענט שוין אלע א
מאָל זעקס.

און ווידער ציִען זיך טעג און וואָכן, און ווידער פּושקין:

צו וואס האט ער דערשאָסן לענסקין
אפן שניי?

אומגעריכט האָבן אין איינעם א פאַרטאָג זיך צעפּראַלט די טויערן פון דער טפיסע. די אופּ־ שטענדלער פון „ארסענאַל" האָבן ארויסגעריסן אויך דעם שלאָס פון דער טיר, הינטער וועלכער ס׳איז געזעסן דער שוכפּוצער, און אים געמאָלדן, אַז ער איז פרײַ. זיי האָבן באַפרײַט די פּאָליט־ ארעסטירטע, באַפרײַט דעם שוכפּוצער איציק פעפער.

יאָ, אוודאי וועלן מיר די דאָזיקע לידער אײַנשליסן אין דער נײַער זאַמלונג! ראָכל שטעלט א פּליוס. און מיר לייענען ווײַטער.

מיר לייענען, נאָר די ארבעט רוקט זיך פּאַ־ מעלעכן. ניט ווילנדיק כאַפּט זיך ארויס א וואָרט און ווידער א מײַסע.

ווען עס קומט צו דער ליד „דײַן זויבער הארץ", רוק איך אָפּ אין א זײַט דעם מאַנוסקריפּט און ווענדע זיך צו ראָכלען.

— איר ווילט, — זאָג איך, — וועל איך אײַך אויסמאָלן, וויאַזוי איר האָט אויסגעזען צוריק מיט פערציק יאָר.

בא ראָכלען ציטערן די וויִעס. זי פילט געוויס ניט, ווי זי טוט א דריי אויס דאָס פּאָנעם צום שפּיגל, פארריכט מיט ביידע הענט די האָר, ציט אונטער די פיס אונטער זיך אַף דער קאַנאַפּע — זי איז גרייט צו הערן.

הארבסט איז דאָס געווען. מיט העכער פערציק יאָר איז דאָס געווען. און זי, ראָכל פעפער, איז יונג געווען, און איך און אלע זײַנען יונג געווען, און דער קיִעווער הארבסט איז גרין און גאָלדיק געווען.

כ׳בין געשטאַנען אַף ניקאָלײַעווסקע, ניט ווײַט פונעם קיִעווער צירק, לעבן הויז נומער 17, און געקוקט צום הויכן באַלויכטענעם פענצטער, ווו עס האָט געוווינט איציק פעפער.

ער איז עלטער געווען פון מיר אינגאַנצן אַף אכט יאָר, נאָר איך בין געווען נאָך א יינגל און ער — א באַוווּסטער פּאָעט. פון די לערנביכער האָב איך געוווּסט זײַן ביאָגראַפיע. כ׳האָב גע־ קענט א סאַך לידער זײַנע אַף אויסווייניק. מיר האָט זיך דעמלט אויסגעמאָלט, אַז ער מוז זײַן שוין אַלט, כאָטש כ׳האָב געוווּסט דאָס יאָר פון זײַן געבוירן, געזען זײַנע פּאָרטרעטן.

יענעם אָפּדערנאַכט, ווען איך האָב מיט א פּאַ־ ריסענעם קאָפּ געקוקט צום פענצטער און, דאַכט זיך, געזען זײַן שאָטן הינטערן פּאַרהענגל, האָב איך טאַקע ניט אײַנגעשטעלט זיך אופצוהייבן אַף די טרעפּ און אָנקלאַפּן אין זײַן טיר. איך בין אוועק אין צוזאַמענוווינונג פון עפּשטיינס קונסט־ שול, ארויסגעשלעפּט פון געלעגער מײַן כאַווער בערל ראָזנבליט און אים געצוווּנגען ביז שפּעט אין דער נאַכט ארומשפּאַצירן מיט מיר איבער די גאַסן.

— דו פארבלײַבסט אין קיִעוו, — האָב איך געהאַט טײַנעס צו אים, — און איך פאָר צוריק קיין בערדיטשעוו!

ער האָט פארשטעלט מיט די הענט דאָס מויל און געלאַכט אין זיך:

— קאָנסט אויך בלײַבן א היגער, ווער לאָזט דיך ניט! ס׳שטייט דיר ניט אָן...

איך האָב אים ניט געלאָזט ריידן.

— גיב איבער דײַן כאַווערטע פּעווזנער, — האָב איך זיך געבייזערט, — אַז שוסטערײַ איז פאַר איר אַליין אַן אָנגעמאָסטענע מלאָכע. זי וועט כאָטש פארשפּאָרן גיין מיט אויסגעדרייטע

אָפצאסן, און איך וועל זיך שוין ווי־ניט־איז באגיין מיט מײַן מוליארקע.

אים האָט זיך ניט געלייגט אפן זינען, פארוואָס כ׳האָב זיך אײַנגעשפארט און וויל נאָר גיין ארבעטן אפן „ארסענאל“.

— מיט וואָס איז שלעכט די ראטמאנסקי־שול?

ער האָט פארשטאנען, בערל, אז איבערריידן מיך איז אומעגלעך, האָט ער געשוויגן און מיר נאָכגעגאנגען. איך האָב אים פארפירט צו דעם פעטשערסקער קלויסטער, דאָרט אראָפגעקוקט פונעם הויכן ברעג, נאָר מײַן באקאנטן פישער ניט געזען. כ׳האָב צוגעלייגט ביידע הענט צום מויל, עטלעכע מאָל אויסגערופן זײַן נאָמען, נאָר קיין ענטפער ניט באקומען. אפצוריקוועגס האָבן מיר פארבלאָנדזשעט אין פארק, זיך פארקליבן אין מויערקעפל פון דער זומערדיקער עסטראדע, זיך אויסגעצויגן אף צוויי לאנגע בענק און שווײַגנדיק געלעגן מיטן פּנים צום שווארצן הימל. א פארשלאָפן ווינטל האָט זיך ארײַנגעכאפּט אין די קרוינען פון די אלטע קאשטאנביימער, געפלײַסט זיך א שטיף טאָן מיט זיי, נאָר — גאָרנישט. זיי האָבן באָרויגעז א שורשע געטאָן מיט די פינפפינגערדיקע בלעטער — „טשעפּע זיך אָפּ!“ האָט עס באטײַט, — און ווידער אײַנגעדרעמלט. מיר איז געווען אָנגעזאָליעט אפן הארצן, פונדעסטוועגן האָב איך א טראכט געטאָן, אז אף דער כאוועריטע פּעווזנער דארף איך קיין פאריבל ניט האָבן — זי האָט דאָך מיך ניט געבעטן, איך זאָל קומען קיין קיִעוו.

אינדערפרי בין איך אוועק צו דאָוויד האָפּשטיינען אָפּנעמען מײַן רענצל, זיך געזעגענען מיט אים און מיט זײַן מישפּאָכע, מיט די „וועלפּעלעך“.

דאוויד נאומאָוויטש האָט פון אָנפאנג געפּרוּווט מיך אָפּריידן פון אוועקפאָרן, ער האָט אָבער באלד, ווײַזט אויס, פארשטאנען, אז פון מײַן באשלוס וועל איך ניט אָפּטרעטן.

— און עפּשער זײַט איר גערעכט, — ער האָט מיך ווידער באטראכט, — מיר געפעלט דאפקע אײַער אקשאָנעס. אזא מענטש בין איך! — און האָט זיך צעלאכט.

איך האָב געקוקט אף אים, ניט פארשטאנען, וואָס באטײַט דאָס געלעכטער.

— איר כידעשט זיך, פארוואָס איך לאך? איך האָב זיך געכאפּט בא א פּלאגיאַט, „אזא מענטש בין איך“ — איז איציק פעפערס א ווערטל. יאָ, — האָט ער זיך א הייב געטאָן פון אָרט. — איר דארפט זיך אומבאדינגט באקענען מיט פעפערן. יאָ, יאָ, און לייגט עס ניט אָפּ אין דער לאנגער באנק. איר גייט גלײַך צו אים, און איך וועל אים אָנקלינגען וועגן אײַך. מיט פעפערן מוזט איר זיך דורכשמועסן. — ער האָט ארויסגענומען דאָס רענצל פון מײַנע הענט און קימאט מיך ארויסגעשטויסן. — צום וואָקזאל וועט איר גיין פונדאנען, ביז צום באן האָט איר נאָך גענוג צײַט.

אין א מין האלבער שאָ ארום האָב איך זיך אופגעהויבן אפן דריטן שטאָק פון פעפערס וווינונג. די טיר האָט ער מיר אליין געעפנט. אף זײַן לינקער האנט איז געזעסן א קינד, א מיידעלע, וואָס האָט מיט ביידע הענטלעך געהאלטן זיך בא זײַנע האָר. הינטער זײַן פּלייצע, אין טונקעלן פאָדערצימער, איז געשטאנען א פרוי.

— קומט ארײַן, קומט ארײַן! — האָט ער ארופגעלייגט די פרײַע האנט אף מײַן אקסל און צוגעפירט מיך צו דער טיר פון זײַן צימער. די פרוי האָט איבערגענומען פון זײַנע הענט דאָס מיידעלע און אוועק אין אן אנדער צימער.

— זייער גוט, וואָס איר זײַט גראָד איצט געקומען, — האָט פעפער זיך געלאָזט צום שרײַבטיש. — איר זעט, וואָס עס טוט זיך בא מיר? אָן אײַער הילף וועל איך זיך ניט ספּראווען, — ער האָט א הייב געטאָן אין דער הייך א דיקן מאנוסקריפּט און פאָרגעזעצט: — אָט קומט אהער נעענטער. צום אלעם ערשט דארף מען צעלייגן די זײַטלעך אין דרײַ באזונדערע עקזעמפּליארן. ראכילקע איז פארטאָן מיטן קינד, מיט אירע געשעפטן, ווען מיר זיך באגיין אָן איר.

איך האָב זיך גענומען סאָרטירן די בייגעלעך פּאפּיר.

— אָ, איר מאכט עס בעסער פון מיר, — האָט ער געכאפּט א קוק, וויִאזוי איך טו די פארגעבענע ארבעט.

מיר איז מיטאמאָל געוואָרן גרינג און גוט. איך האָב פארשטאנען, אז פעפער האָט דאָ אף אן אָרט צוגעטראכט די דאָזיקע ארבעט פאר מיר, קעדיי איך זאָל זיך דערפילן היימיש. איך האָב פאנאנדערגעלייגט די בלעטלעך און פון אונטער די ברעמען אלעמאָל געכאפּט א קוק אפן באלעבאָס. צום אלעם ערשט האָב איך באמערקט, אז די שטעקשיך טראָגט ער אף די באָרוועסע פיס, דערנאָך האָב איך זיך געכאפּט, אז זײַן אייבערשטע ליפּ איז א ביסעלע פאריסן אף ארוף און דערפאר קומט אויס, אז ער שמייכלט שטענדיק. ער איז געווען מאָגערלעך, די הויט אפן פּאָנעם א בלאסע. אזא הויט כאפּט אף זיך גרינג ארוף זומער־שפּרענקעלעך. ער האָט, ווײַזט אויס, באמערקט, אז איך טו אלעמאָל א קוק אף אים פון דער זײַט, האָט ער געשמייכלט און פּלוצעם א זאָג געטאָן, ווי צו זיך אליין:

— ניט דערקענט?

איך האָב פון אָנפאנג ניט פארשטאנען, וואָס ער מיינט, נאָר גיך זיך אָנגעשטויסן, אז דאָס מיינט ער, צי איך האָב זיך אויסגעמאָלט אים אנדערש.

— ניט נאָר איר, — האָט ער געשיקט זיך אופגעהויבן פון אָרט, — קימאט אלע, וואָס זעען מיך צום ערשטן מאָל, זײַנען זיך מוידע, אז איך האָב זיי אָפּגענארט. ווארט נאָר, — האָט ער זיך

אָפּגעשטעלט הינטער מײַנע פּלייצעס, — עפּשער זײַנען שולדיק אין דעם מײַנע לידער?

ניין, פּעפּערס לידער זײַנען געווען און געבליבן יונג. די רײַפקייט פון זײַן דיכטונג האָט אונדז אַלעמען איבערראַשט, און געדאַכט האָט זיך, אַז אַזעלכס האָט געקאָנט אָנשרײַבן אַ מענטש פון אַ גרויסער לעבנס־דערפאַרונג.

וואָס ווײַטער בין איך זיכערער געוואָרן, אַז אַף אונדז, זײַנע יינגערע פרײַנט, קוקט איסאַק סאַלאָמאָנאָוויטש ווי אַף אויסגעפּרוּווטע און רײַפע מענטשן, — עפּשער טאַקע דערפאַר האָט ער קיינעם פון די יונגע שרײַבער ניט גערופן „דו“ — ער האָט אַלעמען געיִרצט. בלויז אין פּײַוול סיטאָ, דער ספּריטנע און זייער קלוגער פּײַוועלע, האָט געהאַט די זכיה, אַז פּעפּער זאָל זײַן מיט אים אַף „דו“. פון אָנפאַנג האָט עס מיך געוווּנדערט, אַפילו פאַרדראָסן, וואָס פּײַוול דערלויבט זיך אַזוינס — זאָגן פּעפּערן „דו“, אָבער שפּעטער האָב איך זיך צוגעוווינט דערצו.

איסאַק סאַלאָמאָנאָוויטש פּעפּער איז עלטער געווען פון אונדז ניט אַף קיין סאַך — נאָטע לוריע, מאָטל טאַלאַליאַיעווסקי, יוסף קאָטליאַר, נאַטאַן זאַבאַרע, מאָטל האַרצמאַן, פּײַוול סיטאָ, הערשל פּאָליאַנקער און אויך איך זײַנען יינגער געווען פון פּעפּערן, ווער אַף אַכט, ווער אַף נײַן צי צען יאָר. אָבער ניט אין די יאָרן איז עס געגאַנגען — איך האָב אינגיכן פאַרשטאַנען, אַז פּעפּער איז עלטער פון אונדז אַלעמען ניט אַף איין צענדליק יאָר. ער איז געווען פון דער ניט גרויסער צאָל געבענטשטע און טיף־באַגאַבטע מענטשן, וואָס ווערן גאָר פרי רײַף אַלס פּערזענלעכקײַטן און ווערן אָנערקענט פון אַלעמען.

ניט אומזיסט איז צו נײַנצן יאָר פּעפּער געווען צווישן די פּאַרטיי־אָנפירער אין זײַן געבורטשטעטל שפּאָלע. צו נײַנצן יאָר געווען אַ מיטגליד פון גובקאָם פון דער פּאַרטיי, צו צוואַנציק יאָר געוואָרן אַ באַוווּסטער דיכטער...

אין קיִעוו, אַף ניקאָלײַעווער גאַס, נומער 17, האָב איך צום ערשטן מאָל באַגעגנט איציק פּעפּערן. איך בין לאַנג געזעסן מיט אים אין צימער און איבערגעלייגט די בלעטלעך פון זײַנעם אַ מאַנוסקריפּט. איך געדענק ביז איצט, אַז צווישן די לידער זײַנען געווען די פּאָעמעס „אַלי־בען“ און „עליעס טויט“. מיר האָט זיך אויך אַף שטענדיק פאַרגעדענקט די דרײַגאָרנדיקע פּאָרצעלײַענע פּיראַמידע מיט עפּל און באַרן, וואָס ראָכיל גריגאָריעוונע האָט אַרײַנגעבראַכט און אוועקגעשטעלט אַפן פענצטער. זי האָט עפּעס גערעדט צו מיר, געפרעגט מיך, צי איך האָב נאָך ברידער און שוועסטער. איך האָב זיך שטאַרק פאַרלוירן און געענטפערט בלויז מיט אַ שאָקל פונעם קאָפּ. דעמלט האָב איך, דאַכט זיך, צום ערשטן מאָל פאַרשטאַנען, אַז רויטע האָר קאָנען זײַן זייער שיין, — ראָכל פּעפּער האָט געהאַט האָר, וועלכע האָבן געלויכטן גאָלדיק־רויט פון דער שײַן, וואָס איז געפאַלן אַף זיי...

פון דעמלט אָן האָבן מײַנע לעבנס־וועגן זיך אָפּט איבערגעקרייצט מיט די וועגן פונעם גרויסן דיכטער איציק פּעפּער. די וועגן זײַנען זיך צונויפגעגאַנגען, פאַנאַנדערגעלאָפן און ווידער זיך צונויפגעקומען.

אין איינעם אַ זומער־טאָג, כ׳האָב דעמלט געאַרבעט אַף דער ציגעלניע, וואָס האָט זיך געפונען אַפן באַרימטן בערדיטשעווער גרינעם באַרג, איז געקומען צו לויפן צו מיר מײַן קליינער ברודערל שמוליקל. דעם גאַנצן וועג, אַלע פינף־זעקס ווערסט, איז ער געלאָפן, און ווען ער איז צוגעקומען צו מיר, איז ער געווען אַזוי פאַרסאָפּעט, אַז ער האָט קוים איבערגעכאַפּט דעם אָטעם.

— קום אַהיים! — האָט ער געשטאַמלט. — פּעפּער, איציק פּעפּער האָט פון כאַרקאָוו דיר צוגעשיקט עפּעס אַ באָרד.

— אַ וואָס? — די מוליערס, וואָס האָבן געאַרבעט מיט מיר באַנאַנד, האָבן אופגעהערט צו לייגן ציגל און זיך גענומען צוהערן צו אונדזער שמועס.

— וואָס פאַרשטייט איר ניט?! — האָט שמוליק זיך געכידעשט. — אַ ייִדן מיט אַ גרויסער באָרד, אַ שוואַרצער, אַ לאַנגער ביזן פּופּיק.

אַפן וועג אַהיים האָט שמוליק דערציילט, אַז דער גאַסט פון כאַרקאָוו איז עפּעס אַ מאָדנע פאַרשוין. כוץ דעם, וואָס ער טראָגט אַזאַ גרויסע באָרד, האָט ער נאָך ליב צו ריידן פאַר פּײַער און פאַר וואַסער. ער האָט אַפילו געלערנט די מאַמע, וויִאַזוי מע דאַרף קאָכן אַ זראַזע.

אין שטוב האָב איך געטראָפן אַ פרעמדן מענטשן. ער איז געלעגן אין די הויזן און אין אַ ווײַס העמדל אויסגעצויגן נאַזנדיק אַף דער קאַנאַפּע און געשלאָפן, דאָס פּאָנעם זײַנס האָב איך ניט געזען — ער האָט אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ צו דער וואַנט.

די מאַמע האָט מיך פאַרהאַלטן, ניט געלאָזט אַריבערטרעטן די שוועל פונעם צימער, ווו די „באָרד“ איז געלעגן. דער גאַסט האָט, ווײַזט אויס, אָבער געהאַט אַ גרינגן שלאָף, ער האָט זיך באַלד אופגעכאַפּט און אַרויסגעקומען צו אונדז.

— זייער, זייער אָנגענעם, — האָט ער אויסגעצויגן מיר זײַן דינע האַנט, — מיר האָבן שוין דאָ מיט אײַער מאַמע אַרײַנגעכאַפּט אַ שמועס. אָ, צום בערדיטשעווער לאָשן לוינט זיך צוהערן! — האָט ער אופגעהויבן אַ פינגער העכער פונעם קאָפּ.

ווי איך האָב זיך אָבער אינגיכן איבערצײַגט, איז מײַן ברודערל געווען גערעכט — דער גאַסט האָט ליב געהאַט אַליין צו ריידן, אַ צוהערער איז דאָס געווען ניט שטאַרק קיין געדולדיקער. צום באַדויערן, האָב איך זײַן נאָמען ניט פאַרגעדענקט. ער האָט ווירקלעך געהאַט זייער אַ גרויסע

שוואַרצע באָרד. געקומען איז ער צו מיר פון כאַרקאָוו, פונעם אוקראַיִנישן פאַרלאַג „ליט“ („ליטעראַטור און קונסט“). אים האָבן אַראָפּגעשיקט אהער איציק פעפער און הענעך קאַזאַקעוויטש, וואָס איז אין יענער צײַט געווען הויפּט־רעדאַקטאָר פון דעם דאָזיקן פאַרלאַג.

איך האָב צונויפגענומען אַלע העפטן, אין וועלכע איך פלעג פאַרשרײַבן מײַנע לידער, און זיי אָפּגעגעבן דעם ייִדן מיט דער באָרד.

ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ער געזעסן און אַרײַנגעקוקט אין די דינע העפטלעך. אויף מאָרגן אינדערפרי האָב איך אים באַגלייט צום וואָקזאַל און אײַנגיכן פאַרגעסן סײַ אין פעפערס שאַליִעך, סײַ אין די עטלעכע העפטן מיט די לידער, וועלכע איך האָב קיין באַדײַטונג ניט צוגעגעבן.

אין א צײַט אַרום האָב איך באַקומען פון פעפערן א בריוו. ער האָט געשריבן, אַז ער וואָלט זיך ניט אָפּגעזאָגט צו זײַן דער רעדאַקטאָר פון מײַן לידער־זאַמלונג, צי האָב איך ניט קעגן זײַן קאַנדידאַטור. ער האָט שוין אַפילע צוגעטראַכט א נאָמען פאַר דער זאַמלונג, — האָט ער געשריבן, — „אויף רעשטאָוואַניעס“ דאַרף הייסן דער בוך.

איך האָב געהאַט א געפיל, אַז ס'איז בלויז א שפּאַס. „ער פאַרשטייט דען ניט, ווי איך וואָלט גליקלעך געווען? צו וואָס זשע פרעגט ער, צי איך האָב ניט קעגן זײַן קאַנדידאַטור?“.

הונדערטער און הונדערטער מאָל האָב איך געהאַט א מעגלעכקײַט זיך איבערצײַגן אין פעפערס גוטוויליקײַט. ער האָט קיינמאָל זיך ניט דערוועגט אָנצורירן די ווירדע פון וועמען עס זאָל ניט זײַן, אַפילע פון זײַנעם א פּערזענלעכן סוינע. אין זײַן רעדאַקטאָרישער פּראַקטיק איז ניט געווען קיין פאַל, ער זאָל פאַריכטן עמעצנס א שורע אָן דער האַסקאָמע פונעם אווטאָר. נאָך מער — פעפער איז קיינמאָל בא זיך ניט זיכער געווען, צי זײַנע באַמערקונגען זײַנען ווערט, אַז דער שרײַבער זאָל זיי נעמען אין אַכט, זיך צוהערן צו זיי. אין א נײַ ווערק, וואָס פלעגט אָנקומען אין זשורנאַל „סאָוועטישע ליטעראַטור“, ווו איך בין געווען איינער פון די מיטאַרבעטער, פלעגט ער אין דער ערשטער ריי באַמערקן דאָס פּאָזיטיווע, דאָס געלונגענע, אויף אַלעמען פלעגט ער שטענדיק געפינען א זכוס.

„ניין, פאַרוואָס? אָט זעט, די דאָזיקע שורעס זײַנען גאָרניט שלעכט...“ — פלעג איך אָפּט הערן פון אים. „ניין, פאַרוואָס? מיר וועלן אים אָפּדרוקן, וועט עס ווערן א סטימול פאַר אים...“

איינמאָל איז קיין קיִעוו אַראָפּגעקומען א דיכטערן פון מאָסקווע. די קיִעווער שרײַבער האָבן זי באַגעגנט מיט דער טראַדיציאָנעלער גאַסטפרײַנטלעכקײַט, אײַנגעאָרדנט פאַר איר אָן אָוונט. ווען מיר זײַנען זיך צונויפגעקומען נאָכן אָוונט, האָט די דיכטערן, וויסנדיק, אַז פעפער איז די הויפּט־פיגור צווישן אונדז, אָנגעהויבן לויבן זײַנע לידער. בא איר האָט זיך באַקומען, אַז ביז פעפערן איז קיין ייִדישע דיכטונג ניט געווען און דאָס, וואָס איז געווען, האָט די ווערט געהאַט א פּיאַטאַק, אַז איצט איז ניטאָ קיין גלײַכן צו פעפערס פּאָעזיע און עס וועט אויך שפּעטער ניט זײַן.

זײַענדיק זייער א העפלעכער מענטש, באַזונדערס מיט פרויען, האָט פעפער געדולדיק אויסגעהערט די כניפע און דערנאָך זייער שטיל, ווי ער וואָלט זיך מיט עפּעס פאַרשולדיקט, געזאָגט:

— מיילע, וועגן מיר קענט איר זאָגן, וואָס עס קומט אײַך אויפן זינען, נאָר באַליידיקן מײַנע פרײַנט און קאָלעגן — דאָס קאָן איך ניט דערלויבן. מיט וואָס, וואָלט איך געוואָלט וויסן, האָבן זיך פאַר אײַך פאַרזינדיקט פּערעץ מאַרקיש, אַרן קושניראָוו, דאָוויד האָפשטיין צי שמועל האַלקין, וואָס איר מעקט זיי אויס פונעם צעטל?.. און דעריקער, — האָט ער נאָך א ווײַלע שווײַגן צוגעגעבן, — דעריקער וויל איך זיך אײַנשטעלן פאַר די ייִנגערע פון מיר. שוין איצט קוק איך מיט ליבע און קינע אויף אייניקע פון זיי...

מיט איין וואָרט, איך האָב דערנאָך געהאַט א מעגלעכקײַט צו פאַרשטיין, אַז ס'איז ניט געווען קיין פּאָזע, פעפער האָט טאַקע אַפּאַנעמעסן זיך ערנסט באַצויגן צו שרײַבער, און ער האָט געוויס געוואָלט, איך זאָל אים אָנשרײַבן, צי איך באַגיטיק זײַן קאַנדידאַטור אַלס רעדאַקטאָר פון מײַן לידער־זאַמלונג.

איך האָב אויך באַקומען א קאַרטל פון הענעך קאַזאַקעוויטשן. אין זיקאָרן איז פאַרבליבן, אַז דאָס קאַרטל איז געווען אָנגעשפּיקעוועט מיט קליינע אויסיִעלעך און אַז דאָרטן איז געווען געזאָגט: „אײַנגיכן וועט איר באַקומען א טיקן בא אונדז אין פאַרלאַג...“

מיט א ניט קלאָרן געפיל פון גליק און שרעק בין איך צו יענער צײַט אַוועקגעפאָרן קיין אָדעס האַלטן עקזאַמענעס אין ייִדישן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. דאָרט האָב איך געטראָפן פיל פון די, וואָס זײַנען שפּעטער געוואָרן דער צווייטער דאָר פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור: נאָטע לוריע, אירמע דרוקער, אײַזיק הובערמאַן, עליע שעכטמאַן, פּײַוול סיטאָ, כאָנע ווײַנערמאַן, שמועל העלמאָנד, יאַנקל יאַנקעלעוויטש. אַלע זײַנען געווען יונגע, רוישיקע, פאַרשײַטע. אין אינסטיטוט האָט מען דערציילט אין א שפּאַס, אַז פּײַוול סיטאָ האָט דעם ערשטן טאָג פון זײַן קומען קיין אָדעס גוט באַצאָלט די צײַטונגס־פאַרקויפער, זיי זאָלן שרײַען איבער די גאַסן, אַז פון כאַרקאָוו איז איבערגעפאָרן אין דער יאַם־שטאָט אָדעס „דער באַוווּסטער שרײַבער פּײַוול סיטאָ“.

כאָטש איך האָב זיך ניט געהאַלטן פאַר קיין מעלופּם־קינד, דאָך האָב איך די ערשטע צײַט זיך א ביסל פאַרלוירן און געשטאַנען אין א זײַט.

4*

איך האָב מיט קינע געקוקט אַף די יונגע שרײַ־
בער, וועמענס נעמען כ'האָב שוין געקענט לויט
זייערע ביכער.

בלויז דעם פּראָפעסאָר עליע ספּיוואַק האָב איך
בייס די עקזאַמענס געזאָגט, אַז אין „לים" וועט
אינגיכן דערשײַנען מײַנער אַ בוך לידער, איך
האָב אים אַפילו באַוויזן פּעפערס בריוו און קאַ־
זאַקעוויטשעס קאַרטל. איך ווייס ניט, פאַרוואָס
דער דאָזיקער מענטש, עליע ספּיוואַק, האָט
אַרויסגערופן בא מיר מער צוטרוי ווי אַנדערע.
עפּשער דערפאַר, וואָס ער, דער גרויסער
שפּראַכקענער, האָט גערעדט אַפן בערדיטשעווער
דיאַלעקט — „טאַטע", „מאַמע"... עפּשער דער־
פאַר, וואָס זײַן שניפּסל איז שטענדיק פאַרוקט
געווען אַף אַ זײַט און זײַן קאָפּ איז געווען גע־
שוירן אַף נאַקעט מיט אַ נול־מאַשינקע. איך האָב
אים געבעטן, ספּיוואַקן, ער זאָל קיינעם ניט זאָגן,
אַז מײַן בוך דרוקט זיך אין כאַרקאָוו, נאָר אַלע
האָבן זיך וועגן דעם דערוווּסט און מיך גערן
אַרײַנגענומען אין דער לעבנסלוסטיקער קאָמפּאַ־
ניע פון די יונגע שרײַבער.

מיט טעלעכע יאָר שפּעטער האָט דער זעלבער
עליע ספּיוואַק מיך געפרעגט אַף די אַרײַנטריט־
עקזאַמענס אין דער אַספּיראַנטור פונעם קיע־
ווער אינסטיטוט פאַר פּראָלעטאַרישער קולטור,
צי ווייס איך, אַז מײַנע לידער זײַנען באַווירקט
פון פּעפערס שאַפונג און מיט וואָס קאָן איך עס
דערקלערן.

עליע ספּיוואַק האָט געהאַלטן, אַז דאָס נעמט
זיך דערפון, וואָס סײַ פּעפער, סײַ זײַנע פּילצאַ־
ליקע נאָכפאָלגער שעפּן פון איינעם און דעם
זעלבן פאָלקס־קוואַל.

צו יענער צײַט האָב איך שוין געוואָגט אים
דערווידערן, אַרויסרוקן מײַנע אייגענע אַרגו־
מענטן... ספּיוואַק האָט פון אונטער די ברעמען
בייזלעך געקוקט אַף מיר, זיך איבערגעוווּנקען
מיט ליבערבערגן, מיט גאַראַכאָווען און מיט מיכל
לעוויטאַנען, וועלכע זײַנען דאָ בײַגעווען אַף די
עקזאַמענס, און מיך פאַרהאַלטן אַ סאַך לענגער,
ווי דאָס האָט געפאָדערט דער אָפּיציעלער פאַר־
הער.

פאַרן פאַרלאָזן די אַאודיטאָריע האָב איך זיך
אָפּגעשטעלט בא דער טיר. באַמערקט, אַז איך
וויל עפּעס פרעגן, האָט ספּיוואַק פאַרזשמורעט
די קליינע אייגעלעך און גוטמוטיק אָנגעהויבן
לאַכן.

— איר מעגט זײַן רויק, — האָט ער גע־
זאָגט, — אונדזער דיסקוסיע וועט קיין ווירקונג
אַף דער אָפּשאַצונג פון אײַערע שפּראַכקענטע־
נישן ניט האָבן.

אומגעריכט האָב איך באַקומען אַ באַנדעראָל
פון מײַן שוועסטער, וואָס האָט צו יענער צײַט
געוווינט אין כאַרקאָוו און דאָרט צוזאַמען מיט
איר מאַן געאַרבעט אַף אַן אַוויאַ־זאַוואָד. זי האָט
מיר צוגעשיקט עטלעכע עקזעמפּלאַרן פון דעם
ערשטן דערשײַנענעם ביכל „אַף רעשטאָוואַניעס".

אַף דער הילע — אַ גרויסער ביניען אין פּראָ־
צעס פון בויונג, הייבקראַנען און אַן אויפשריפט
מיט סטיליזירטע רויטע בוכשטאַבן „אַף רעש־
טאָוואַניעס". יאָ, דאָס איז געווען מײַן ערשטער
בוך, און פון אַלע 130 זײַטלעך איז מיר באַזונ־
דערס טײַער געווען דאָס ערשטע, אַף וועלכן
ס'איז געווען פאַרצייכנט: „רעדאַקטאָר — איציק
פעפער". איך האָב שוין דעמאָלט פאַרשטאַנען, אַז
די פרײַנטשאַפט מיט פעפערן וועט שפּילן אין
מײַן לעבן און אין מײַן שאַפן אַ וויכטיקע ראָליע,
און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען.

די לידער, וואָס זײַנען אײַנגעשלאָסן אינעם
בוך „אַף רעשטאָוואַניעס", זײַנען אין אָנפאַנג פון
די דרײַסיקער יאָרן געווען אַקטועל, די באַגײַס־
טערונג פאַר די נײַע פּראָצעסן, וואָס דאָס לעבן
האָט געבראַכט מיט זיך, פאַר די פּינפיאָר־פּלע־
נער, פאַר די שלאָגלער, אַפילו דער צומאָל
נאַיווער ענטוזיאַזם האָט אימפּאָנירט אַזאַ פּאָעט,
ווי איציק פעפער, וואָס האָט פיל דיכטערישע
ענערגיע און דערפינדערישקײַט אָפּגעגעבן די
„פלאַקאַטן אַף בראָנזע" — דער אַקטועלער ליד.

ביז דעמאָלט בין איך אין כאַרקאָוו, אין דער
הויפּטשטאָט פון אוקראַינע, ניט געווען, כאָטש
דאָרט זײַנען קאָנצענטרירט געווען אַלע ייִדישע
צײַטונגען, זשורנאַלן און פאַרלאַגן. אין דער
קאָמיוגישער צײַטונג „די יונגע גוואַרדיע" האָט
געאַרבעט איציק גרינזייד און דער כאַוואַר פון
מײַן קינדהײַט יוסף קאָטליאַר, מיט דער צײַ־
טונג „דער שטערן" האָט אָנגעפירט מײַן לערער
בוזי גאָלדענבערג, און מיטן זשורנאַל „פּאַר־
מעסט" — איציק פעפער. איך האָב געוווּסט, אַז
אין כאַרקאָוו וועל איך, ווי מע זאָגט עס, ניט
פאַרפאַלן ווערן, נאָר איך האָב אין מעשעך פון
די סטודענטישע יאָרן באַוויזן ליב צו קריגן די
וווּנדערלעכע יאַם־שטאָט אָדעס, און מיר האָט
זיך געדאַכט, אַז איך וועל פונדאַנען שוין אין
ערגעץ ניט אוועקפאָרן. ס'איז אָבער גענוג גע־
ווען אַ קורץ בריוול, עטלעכע שורעלעך פון
איציק פעפערן, איך זאָל אָן שום וואַקלענישן זיך
אוועקלאָזן קיין כאַרקאָוו.

אין „לים", אינעם פאַרלאַג, ווו עס איז דער־
שינען „אַף רעשטאָוואַניעס", איז געווען זייער
טומלדיק. אָן אַ שיר אויסגעפּוצטע מאַנצבלען,
פרויען האָבן זיך געשטויסן אין ענגן קאָרידאָר.
אַ לאַנגע ריי איז געשטאַנען צו דער טיר, אַף
וועלכער ס'איז געהאַנגען אַ שילדל, אַז דאָרט
געפינט זיך די בוכהאַלטעריע. איך האָב זיך אָנ־
געשפּאַרט מיט אַן אַקסל אין דער וואַנט און בין
לאַנג אַזוי געשטאַנען. אייניקע פּענעמער פון די
באַזוכער האָבן מיר אויסגעזען צו זײַן באַקענט —

דאָס זײַנען אוואדע געווען אוקראַיִנישע שרײַבער, וועמענס פּאָרטרעטן כ׳האָב אַמאָל געזען אַף פֿאָטאָגראַפֿיעס.

איינע אַ יונגע פֿרוי, וואָס איז מיט אַלעמען געווען היימיש, מיט אַלעמען זיך געגריסט, צו אַלעמען גערעדט הויך אַף אַ קאָל, האָט מיך אַ פֿרעג געטאָן:

— עפּעס שטייט איר ווי אַ יאָסעם. אַף וועמען קוקט איר אַרויס?

איך האָב אַרויסגענומען מײַן ביכל פֿון קעשענע און עס איר דערלאַנגט. זי האָט עס באַטראַכט פֿון אַלע זײַטן:

— שיין אַרויסגעגעבן. דאָס זײַט איר דער אווטאָר?

— איך.

ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז קיין האָנאָראַר האָב איך פֿאַר די לידער ניט געקראָגן, און אַז איך בין אָט ערשט געקומען צו פֿאָרן פֿון אָדעס, האָט זי מיך מיט ביטל באַטראַכט פֿונעם קאָפּ ביז די פֿיס און אַ בורטשע געטאָן:

— פֿונקט אַזאַ לעקיש, ווי מײַן מאַן!

זי האָט מיך אָנגענומען פֿאַר אַ האַנט און מאַמעש צוגעשטופּט מיך צום טיש פֿונעם הויפּט־בוכהאַלטער.

— כ׳וואָלט אַ באַלן געווען וויסן, צי איר וועט זיך נאָך לאַנג איזדיעקעווען איבער אָט דעם מענטשן?! — האָט זי אָנגעהויבן אַף אַ הויכער נאָטע.

דער בוכהאַלטער האָט אַ פֿאַרכידעשטער גע־קוקט אַף דער צעפּלאַמטער פֿרוי:

— וועגן וואָס רעדט איר, כאַווערטע סאָסיורע? דעם דאָזיקן יונגנמאַן זע איך צום ערשטן מאָל.

דער בוכהאַלטער האָט זיך פּאַשעט דערפֿרייט, וואָס איך האָב זיך געיאָוועט צו אים:

— מיר זוכן אײַך אַרום מאַמעש מיט ליכט. מיר האָבן שוין געשריבן קיין אָדעס, צו אײַערע עלטערן אין בערדיטשעוו...

פֿאַרוואָס ער האָט ניט געקענט אַ פֿרעג טאָן וועגן מיר באַ פּעפּערן צי באַ דעם הענעך קאַזאַקע־וויטשן, בין איך אַרויס ניט וויסנדיק, נאָר מיילע, קיין טײַנעס צו אים האָב איך ניט געהאַט, ער האָט מיר אויסגעשריבן פֿאַרן בוך אַ גרויסע פֿוי־טעקע — אַזאַ סומע האָב איך נאָך קיינמאָל אַפֿילע ניט געזען אין די אויגן. ווען איך האָב אין עט־לעכע טעג אַרום אַרײַנגעבראַכט דאָס געלט צו מײַן שוועסטער אין שטוב, עס אַרויסגעלייגט אַפֿן טיש, האָט זי מיט דערשראָקענע אויגן אַ קוק געטאָן אַף מיר. זי האָט מיך גאָרנישט ניט געפֿרעגט, זי איז געווען זיכער, אַז קיין גראָשן האָב איך באַ קיינעם ניט אַוועקגעגנאָוועט, זי האָט אָבער לאַנג ניט געקאָנט גלייבן, אַז פֿאַר לידער זאָל מען צאָלן אַזויפֿיל געלט.

ערשט דאָ אין כאַרקאָוו האָב איך פֿאַרשטאַנען, ווי גרויס עס איז פּעפּערס אויפֿטו. אַרום אים האָבן געקלעפּט די עלטערע און ייִנגערע שרײַ־בער, ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פֿונעם זשורנאַל „פּאַרמעסט“, געשריבן פּאָרעדעס צו ביכער, אַרטיקלען וועגן ליטעראַטור פֿאַר פֿיל ייִדישע און אוקראַיִנישע זשורנאַלן און צײַטונ־גען. ער האָט געפֿירט אַ ברייטע קאָרעספּאָנדענץ מיט פּראָגרעסיווע שרײַבער פֿון אויסלאַנד, אַרויסגעטראָטן פֿאַר אַרבעטער, לערער, סטו־דענטן, שילער און דערבײַ געשריבן זײַנע ווונ־דערלעכע לידער, וועלכע עס האָבן געלייענט און געזונגען קליין און גרויס. ווען האָט ער עס באַ־וויזן צו שרײַבן?

געוווינט האָט פּעפּער אַף סומסקאַיאַ, אין אַ הויז, וואָס איז באַוווּסט געווען אין כאַרקאָוו מיט דעם, וואָס מע האָט עס גערופֿן — איך ווייס ניט פֿאַרוואָס — „סאַלאַמאַנדרע“.

ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען אין פּעפּערס וווינונג, האָב איך דאָרט געטראָפֿן מײַנע לאַנדסלײַט — דעם ניסטער, אוורהאָם קאַהאַנען, מוישע אַראָנסקין און אַנדערע שרײַבער. קאַהאַן האָט געהאַלטן אין דערציילן וועגן אַפּאַטאָשוס קומען קיין בערדיטשעוו. ער האָט אַ ווונק געטאָן מיט די אויגן, איך זאָל צוגיין צו אים, זיך אַ רוק געטאָן און געמאַכט פֿאַר מיר אָן אָרט לעבן זיך. דערבײַ האָט ער ניט אויפֿגעהערט דערציילן, וויאַזוי ער האָט אַרום־געפֿירט דעם אווטאָר פֿון די „פּוילישע וועלדער“ איבער דער שטאָט צווישן די קאַצאָווים, בינדיו־זשניקעס און טרעגער. קאַהאַן האָט מיט אַלע פּישטשעווקעס אויסגעמאָלט, וויאַזוי דער בינ־דיוזשניק איציק אָדלער האָט זיך אויסגעטײַנעט מיטן גאַסט פֿון אַמעריקע.

דער ניסטער, וואָס איז ביז דעם לעצטן אָטעם פֿאַרליבט געווען אין זײַן היימשטאָט, איז געזעסן אין אַ פֿאַרטונקלט ווינקל פֿון צימער און אָנגע־שטרענגט געהערט, וואָס קאַהאַן דערציילט. ער, דער ניסטער, האָט גוט געקענט דעם גוואַר איציק אָדלער, און ווער האָט אין בערדיטשעוו אים ניט געקענט? אין שטאָט האָט מען געוווּסט, אַז איציק האָט אַמאָל אָפּגעטאָן אַ שפּיצל אַ זאַליאַזניק, ווײַל יענער האָט אים אָפּגענאַרט — ניט אויסגעצאָלט דאָס, וואָס איז אים געקומען פֿאַר דער פּראַצע זײַנער, — איציק אָדלער האָט אין אַ גרויסן יאַריד־טאָג צוגערוקט צו דער אײַזערנער טיר פֿון דעם זאַליאַזניקס קלייט אַ שווערן שטיין — אַ הליבע פֿון עטלעכע צענדליק פּוד. דער קלייטניק איז שיר ניט אַראָפּ פֿון זינען — אַלע קרעמער האָבן געלייזט געלט, און ער האָט ניט געקאָנט עפֿענען די טיר פֿון דער קראָם. אַפֿצולאַכעס האָבן די בינדיוזשניקעס און די טרעגער פֿאַר קיין שום געלט ניט געוואָלט אָפּוואַלגערן דעם שטיין —

מיט איציק אַדלער וועלן זיי זיך ניט גיין פאַר־טשעפּען...

ווען אַפּאַטאָשו האָט געפרעגט בא איציקן, פאַרוואָס זײַנען בא אים אַזוי שמוציק די נעגל, האָט יענער א דערשטוינטער באַטראַכט די אייגענע הענט און געענטפערט מיט גרויס טמימעס:

— האַ! באַנאַכט האָט מיך עפּעס א ביס געטאָן אין איינעם אַן אָרט...

קאַהאַן האָט זיך ניט געשעמט אַנרופן דאָס אָרט מיטן עמעסן נאָמען.

כאַשטשעוואַצקי האָט זיך אַזוי צעלאַכט, אַז די פענסנע זײַנען אים אַראָפּגעשפּרונגען פון דער נאָז.

צונויפגעקומען איז מען זיך יענעם אָוונט צו פּעפערן אין שטוב, קעדיי אויסצוהערן מוישע כאַשטשעוואַצקיס לידער, וועלכע זײַנען שפּעטער אַרײַן אין זײַן בוך „האַנט בא האַנט".

מע האָט א סאַך גערעדט וועגן דעם לידער־ציקל „אַן אומגעריכטע באַגעגעניש מיט כאַווירים אין דער שטאָט אָדעס". אין דעם אָדעסער קאַבינעט פאַר ייִדישער קולטור האָט דער דיכטער געזוכן הענגען די פּאָרטרעטן פון פּעפערן, כאַריקן, קושניראָוון און אַנדערע. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט זאָגט כאַשטשעוואַצקי:

מיר גייען נאָך אַרום, דאָס בלוט אין האַרץ
נאָך שפּילט,
דאָס לעבעדיקע אויג נאָך גאַרט און קוקט
און זעט,
און דאָ הענגט אָף דער וואַנט — אין גלאָז —
א בילד,
ניט פון קיין מענטשן שוין — פון א פּאָעט...
...ניין, ניין, מע דאַרף ניט. ניין, און אויב עס
מוז געשען,
און אויב אַזאַ מין גורל איז פאַר אונדז
פאַרגרייט,
איז זאָל איך כאָטש דאָס לעבעדיקערהייט
ניט דאַרפן זען.

ביז איצט שטייט ער מיר פאַר די אויגן, מוישע כאַשטשעוואַצקי, — א הויכוווקסיקער, א שלאַנקער, מיט פענסנע אָף די קורצזיכטיקע אויגן, וועלכע זשמורען זיך שטענדיק. אָף די פולבלעכע ליפּן ליגט אויסגעלייגט דער שמייכל. מיט גרויס און קליין רעדט ער ערנסט. ער בייגט זיך א קאַפּעלע אײַן צו אײַך, אַזוי אַז זײַנע לאַנגע הענט דערגרייכן נידעריקער פון די קני, און הערט ביזן סאָף, וואָס איר רעדט צו אים.

מיר האָט זיך שטענדיק געדאַכט, אַז כאַשטשעוואַצקי איז א טיפּישער קאַבינעט־מענטש, אַן אינטעליגענט פונעם קאָפּ ביז די שפּיץ פינגער, און כ'וואָלט זיך קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרשטעלן אים מיט א ביקס אין די הענט. ווען די צײַט איז אָבער געקומען, איז ער פון די ערשטע אַוועק אין אַפּאָלטשעניע און געפאַלן אין שלאַכט פאַרן היימלאַנד.

דעמאָלט, בא פּעפערן אין דער וווינונג, האָט ער זיך געבעטן: ניין, ניין, מע דאַרף ניט... מע דאַרף ניט אויפהענגען קיין פּאָרטרעטן פון לעבעדיקע שרײַבער אָף די ווענט און אין די וויטרינעס... דאָס איז ניט געווען קיין אָנשטעל, נאָר אַן אויסדרוק פון כאַשטשעוואַצקיס עכטער באַשיידנקײַט. אַפילע דער ניסטער איז ניט מאַסקים געווען מיט אים. איציק פּעפער האָט געזאָגט:

— אָט לאָמיר פרעגן בא אונדזער יונגן גאַסט. וויאַזוי ער וועט פּאַסקענען, אַזוי וועט עס בלײַבן. ווי קלערט איר, אַראָפּנעמען פון די ווענט די פּאָרטרעטן פון די שרײַבער, צי לאָזן זיי הענגען?

— אויפהענגען אויך כאַשטשעוואַצקיס פּאָרטרעט, — האָב איך געענטפערט.

דער פאָרשלאָג האָט אַרויסגערופן א צופרידענעם געלעכטער.

דעם גאַנצן אָוונט האָט פּעפער פונקט ווי געהאַלטן שפּעטום איבער מיר. פון צײַט צו צײַט האָט ער עפּעס צו מיר געזאָגט. ער האָט אופגעהויבן א טאָסט פאַר מײַן ערשטן בוך און אפילע אויסגעמאָלט פאַר די געסט, וויאַזוי איך וועל אויסזען אין דרײַסיק — פערציק יאָר אַרום, ווען איך וועל שוין זײַן א זיידע און פירן אַן אייניקל פאַר דער האַנט.

אַלעמאָל איז פּעפער געווען, ווי מע זאָגט, די נעשאָמע פון דער געזעלשאַפט.

ער האָט געשאָטן מיט עקספּראָמטן, שאַרפזיניקע גראַמען און ווערטלעך, דערציילט מײַסעס, קאָפּירט באַקענטע, און אַלץ אַזוי קונציק, אַז אַלע האָבן געקײַכט פון געלעכטער. בא א געדעקטן טיש איז ער שטענדיק געווען טאַמאַדאַ, און קיינער האָט עס ניט געקאָנט טאָן אַזוי פריילעך און שאַרפזיניק, ווי פּעפער. באַזונדער קאַמיש האָט ער שאַרזשירט דאָוויד בערגעלסאָנען און שלוימע מיכאָעלסן. בערגעלסאָן האָט אַמאָל אין א שפּאַס געדראָעט פּעפערן, אַז ער וועט אָנגעבן אָף אים אין געריכט, „פאַר פלאַגיאַטסטוו".

מיט פּעפערן איז געווען גרינג און פריידיק אַרויסצוטרעטן אָף ליטעראַרישע אָוונטן. שוין פון די ערשטע ווערטער פלעגט ער אײַנשטעלן א קאָנטאַקט מיטן אוילעם פון זאַל, און דער גאַנצער אָוונט איז דערנאָך געפלאָסן פרײַ, ניט געצוווּנגען און היימיש.

פּעפערס שאַרפזיניקע רעדעס, זײַנע לידער, די אומיטלבאַרקײַט האָבן מיטגעריסן דעם צוהערער.

קימאַט אָף יעדער אָוונט האָט ער געלייענט „א בריוו צו שאָלעם־אַליײכעמען", „די מאַמע פרעגלט אײַנגעמאַכטס", לירישע און ליבע־לידער.

מיר איז אָפט אויסגעפאַלן אַרויסצוטרעטן צו־זאַמען מיט פעפערן אַף באַגעגענישן מיט לייענער, אַרומפאָרן מיט אים איבער פאַרשיידענע שטעט.

אין סאָף 1939, באַלד נאָך דעם, ווי די דײַטשישע כאַיאָלעס זײַנען אַריבערגעטראָטן די גרענעץ פון פוילן און אין די באַפרײַטע שטעט פון מײַרעוו־אוקראַיִנע און מײַרעוו־ווײַסרוסלאַנד האָבן זיך באַוויזן פליטים פון טיף־פוילן, זײַנען מיר אינפירן — פעפער, אָרלאַנד, סיטאָ און איך — געקומען קיין ביאַליסטאָק אַף ליטעראַרישע אָוונטן.

אַף די באַן־סטאַנציעס פון די באַפרײַטע שטעט און שטעטלעך — סטאָלבצי, פאָגאָרעלאָיע, באַראַנאָוויטש, ווו אונדזער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָבן מיר באַגעגנט מענטשן, וואָס האָבן בא אונדז אַרויסגערופן פאַרוווּנדערונג: ייִדן אין לאַנגע קאַפּאָטעס און אין ווײַסע זאָקן ביז די קני, ייִנגלעך מיט געקרײַזלטע פייעלעך, אין טאַלעסקאָטנס מיט לאַנגע ציצעס...

אָט רײַסט זיך צו דער וואַגאָן־טיר א יונגערמאַן מיט אויסגעצויגענע הענט, אַף וועלכע עס זײַנען אָנגעהאַנגען רעדלעך ווורשט. ער שטופּט זיך צום וואַגאָן און שרײַט: „נעמט, ייִדן, ווורשט, קאָשערן ווורשט, וואָלוול און געשמאַק!" אייניקע פאַסאַזשירן הענגען זיך אַראָפּ פון די וואַגאָן־טרעפּלעך, נעמען אַראָפּ פונעם הענדלערס הענט די רעדלעך קאָלבעס און שטופּן אים אַרײַן געלט אין זײַנע אָפענע דלאָניעס, אין די קעשענעס. עפּעס א ווײַבל האָט דורך דעם וואַגאָן־פענצטער אַרײַנגערוקט איר גאַנצע קראָם — א קאַרטאָנען שאַכטל מיט שפּילקעלעך, קאָלערליי קאַרעלן, פלעשעלעך און פושקעלעך. עטלעכע פרוּוון גריבלען זיך אין דעם, קלײַבן עפּעס אויס פאַר זיך און לייגן אַרײַן געלט אינעם זעלבן שאַכטל.

אונדז זעט עס אויס קאָמיש, אַפילע א ביסל ווילד, פונקט דאָס וואָלט פאַרגעקומען ניט אין דער ווירקלעכקײַט, נאָר אַף א בינע.

— ווי געפעלט אײַך דער מענאַכעם־מענדל? — לאַכט פעפער. אים זײַנען די דאָזיקע בילדער באַקאַנט — צוריק מיט א צענדליק יאָר איז ער געווען אין פוילן און זיך אָנגעזען מיטן האַנדל־וואַנדל.

קיין ביאַליסטאָק זײַנען מיר אָנגעקומען באַטאָג. דער וואָקזאַל האָט אויסגעזען עפּעס באַקאַנט און היימיש, גלײַך איך וואָלט דאָ שוין געווען ניט איין מאָל. סײַ די געבײַדע פונעם וואָקזאַל, סײַ די איזוואָזשטשיקעס באַם אַרויסגיין אין שטאָט האָבן דערמאָנט בערדיטשעוו.

א געזונטער פאַרטשיק איז אונדז געלאָפן אַנטקעגן, אַרויסגעכאַפּט די רענצלעך פון פעפערס און אָרלאַנדס הענט (ווײַזט אויס, ווײַל זיי ביידע האָבן אויסגעזען עלטער און סאָלידער) און אַוועקגעטאַסקעט זיי צו דער בויד.

פאַרנדיק צום צענטער שטאָט, האָט דער באַלעגאָלע זיך אויסגעקערעוועט צו אונדז מיטן פּנים און גענומען אויספרעגן, ווער מיר זײַנען און פונוואַנען מיר קומען. ער האָט דערציילט, אַז די שטאָט איז פול מיט פליטים, ס'איז שוין ניטאָ ווו א נאָדל אַרײַנשטעכן... ער האָט אונדז פאַרזיכערט, אַז אין האָטעל האָבן מיר ניט וואָס צו פאָרן — דאָרט איז פול ווי אַן אויג, און אַז מיר זאָלן אַפילע צאָלן א רענדל פאַר א שאָ, וועלן מיר אויך קיין פיצל אָרט אין „גאָסטיניץ" ניט קריגן.

— נאָר אַז איר ווילט, — האָט ער זיך גענומען בייזערן, גלײַך ווי מיר וואָלטן אים דערוויידערט, — אַז איר ווילט, וועל איך אײַך פירן, עפּשער?.. איר זײַט זיך געסט פון די סאָוועטן.

אין א מין שאָ אַרום זײַנען מיר שוין געווען באַלעבאַטים פון א פּרעכטיקן צימער מיט א גרויסן באַלקאָן אַפן צווייטן שטאָק. אַזייגער זעקס האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט אין באַר, וואָס האָט זיך געפונען בישכיינעס, עפּעס איבערצוכאַפּן. דאָרט איז געווען ענג, טונקל, אָבער געמיטלעך. מיר האָבן אָפּגעזוכט א טישל נעענטער צו דער עסטראַדע, ווו עס האָט געשפּילט א דזשאַזאָרקעסטער.

ס'איז ניט שווער געווען זיך אָנשטויסן, אַז די אָרקעסטראַנטן זײַנען פליטים. דאָס מיידל, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן אָרקעסטער, האָט דיריזשירט, שטייענדיק מיט דער פּלייצע צו די קלאַזמער, און דערבײַ זייער פײַן געזונגען אַף פויליש. בלויז א פּאָר מאָל האָט זי זיך פאַרגעסן און אויסגעדרייט זיך מיטן פּנים צום דזשאַז, און דאַן האָבן מיר באַמערקט, אַז איר קליידל איז אין עטלעכע ערטער צעריסן און פאַרשפּיליעט מיט שפּילקעלעך. מיר האָבן זיך צוגעקוקט און באַמערקט, אַז די נעזלעך פון אירע טופליעס בעטן קאַשע. אויך די גאַרניטערס פון די אָרקעסטראַנטן זײַנען געווען נעבעכדיק — צעקנייטשט און ברודיק.

שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אַלע זעקס — דאָס מיידל מיט די פינף יונגעלײַט, וואָס האָבן געשפּילט אַף פאַרשיידענע אינסטרומענטן, — זײַנען ערשט יענע נאַכט איבערגעגאַנגען די גרענעץ. צוערשט האָבן זיי אָפּגעגעבן די דײַטשישע סאָלדאַטן אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר געהאַט עפּעס ווערטפולס — פינגערלעך, זייגערלעך, אויערינגלעך און געלט, — דערנאָך זײַנען זיי געלאָפן איבערן וואַלד, ביז מע האָט ניט אָנגעהויבן שיסן. דאַן האָבן די פליטים אוועקגעוואָרפן די רענצלעך און די קלומעקלעך און קוים זיך געראַטעוועט. דאָס אַלץ האָט אונדז דערציילט דאָס מיידל, וואָס האָט דיריזשירט מיטן דזשאַז.

פון אָנפאַנג, ווען זי האָט אונדז באַמערקט, האָט זי עפּעס א זאָג געגעבן צו אירע מוזיקאַנטן און אַליין גענומען זינגען. פון איר מויל האָבן מיר

דאָס ערשטע מאָל דערהערט דעם שלאָגער, וואָס איז אין א צײַט ארום ברייט באוווּסט געוואָרן: „בא מיר ביסטו שיין, בא מיר האָסטו כיין, בא מיר ביסטו איינע אין דער וועלט“. דאָס מיידל, וואָס איז געשטאנען אף דער עסטראדע אין איר איינציק צעריסן קליידל, האָט געזונגען אזוי פרייליעך, אז מע וואָלט געקאָנט מיינען: קיין זאך גייט איר ניט אָפּ, זי איז לעבעדיק און פריילעך פון ווילטיק.

וואָס ווײַטער, איז אונדזער שטימונג ערגער געוואָרן. ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט אין האָטעל, האָט געוואַרט אף אונדז א גאסט. אין וועסטיביול האָט פון א ווינקל זיך אופגעהויבן א הויכוווּקסיקער מענטש און אונדז געגאנגען אנטקעגן. ער האָט זיך געלאָזט צו פּעפּערן, אים דערלאנגט די האנט און שטיל געפרעגט:

— איציק, דו דערקענסט מיך ניט?

לויטן אויסדרוק אף פּעפּערס פּאָנעם איז קלאָר געווען, אז ער ווייסט ניט, ווער ס'איז דער מענטש.

— וואָס איז שײַעך, — האָט פּעפּער ניט זיכער געזאָגט, — דו ווייסט דאָך, אז איך האָב א שוואכע ריִע.

— איך בין ניט בארויגעז, איציק, מיך וואָלט איצט די אייגענע מאמע קוים דערקענט. איך בין ערשט נעכטן געקומען צו לויפן פון ווארשע...

איצט האָט פּעפּער אים דערקענט — לויטן קאָל, אפּאָנעם.

— מוישע! בראָדערזאָן! — האָט ער אויסגעשריִען און זיך א וואָרף געטאָן אים האלדזן און קושן. דערנאָך האָט ער א ווײַלע געקוקט אף אים, אָנגעכאפּט פאר דער האנט און גענומען אים שלעפּן צו דער ארויסגאנג־טיר:

— קום, קום! דו דארפסט עפּעס אָפּעסן.

מוישע בראָדערזאָן...

מיר האָבן אלע געוווּסט דעם נאָמען פון אָט דעם שרײַבער, געקענט אייניקע ווערק זײַנע. אף זײַן אָנגעצויגענער טונקעלער הויט איז מאמעש געלעגן די ערד. דער מענטש איז געווען הונגעריק, און פּעפּער האָט עס גלײַך באמערקט.

צוזאמען מיט טויזנטער אנדערע פּליטים האָט בראָדערזאָן די ערשטע נאכט אין ביאליסטאָק גענעכטיקט אין בעסמעדרעש. איצט איז ער אריבערגעגאנגען צו אונדז.

אף מאָרגן איז פּעפּער אוועק מיט בראָדערזאָנען אין שטאָט און ערגעץ אין א קאָמיסיאָנע קראָם אָנגעטאָן אים פון קאָפּ ביז די פיס אין נײַע קליידער — אפילע א נײַעם הוט אים ארופגעזעצט אפן קאָפּ.

מיטאמאָל איז דער מענטש ווי פארביטן געוואָרן. ער איז געוואָרן פריילעך, בראָדערזאָן, שארפזיניק. אפילע וועגן די צאָרעס, וואָס האָבן געטראָפן פוילן און בעסויכעם אויך די ייִדן, האָט ער גענומען ריידן אנדערש. ער האָט פארשטאַנען, אז די, וואָס וועלן זיך אָנשפּארן אפן ראטנלאנד, וועלן בײַשטיין.

אין עטלעכע טעג ארום איז מוישע בראָדערזאָן צוזאמען מיט אונדז, די געקומענע פון קיִעוו, ארויסגעטראָטן אף א שטאָטישן ליטערארישן אָוונט.

מיר האָבן אלע געלייענט אנטימילכאָמע־לידער, לידער, געווידמעט די באפרײַטע געביטן פון מערב־אוקראַיִנע און מערב־ווײַסרוסלאנד. דער אוילעם האָט געהערט מיט א באזונדער מין אָנשטרענגונג — דער זאל איז געפּאקט געווען מיט פּליטים, וועלכע האָבן מיט די אייגענע אויגן שוין געזען די פאשיסטישע בעסטיעס, און, קאָן זײַן, פאַרויסגעזען, אין א געוויסער מאָס, אף וואָס די פאשיסטן זײַנען פייִק. אין אונדז, אין די מענטשן, וואָס זײַנען געקומען פון סאָוועטנלאנד, האָבן זיי געוויס דערשפּירט עפּעס אומגעריכטס — ייִדישע שרײַבער, וואָס בענטשן דאָס סאָציִאליסטישע פאָטערלאנד, זײַנען פאר די פּליטים געווען א נײַס.

דעם זעלבן אפדערנאכט זײַנען צו אונדז אראָפּגעקומען די פּאָפּולערע ארטיסטן דזשיגאַן און שומאכער. זיי זײַנען אויך געלאָפן פון ווארשע און שוין באוויזן צו אָרגאניזירן דאָ אן עסטראדע־קאָלעקטיוו פון ווארשעווער און היגע אקטיאָרן.

דער קאָנצערט פון דזשיגאנס און שומאכערס קאָלעקטיוו איז פאָרגעקומען אין דרײַ טעג ארום און האָט שטארק אויסגענומען באם אוילעם. פון פּעפּערס „א כאסענע אין ביראָבידזשאן“ האָבן זיי געמאכט טאקע א „גאנצע כאסענע“.

מיר האָט זיך פארגעדענקט די אינסצענירונג פון מאנגערס ליד „ראביינו טאם“, דער סקעטש „רעלאטיוויטעט־טעאָריע“, אין וועלכן צוויי ייִדן דערקלערן איינער דעם אנדערן די טעאָריע פון אלבערט איינשטיינען.

פאר די עטלעכע טעג, וואָס מיר זײַנען געווען אין ביאליסטאָק, זײַנען זייער פיל מענטשן געקומען צו אונדז אין האָטעל און גענוי אויסגעפרעגט וועגן לעבן פון די סאָוועטישע מענטשן, און דעריקער וועגן לעבן פון די ייִדן. קאָן זײַן, אז שוין דעמלט האָבן זיי פארשטאנען, אז ביאליסטאָק איז ניט די לעצטע סטאנציע, — ס'וועט זיי אויסקומען לויפן ווײַטער...

פּעפּער האָט מיט גרויס אינטערעס אויסגעהערט די געשיכטעס פון די פּליטים. איך בין זיכער, אז אין זײַנע אנטיפאשיסטישע ווערק „שאָטנס פון ווארשעווער געטאָ“, „די זון פארגייט ניט“, אין א גאנצער ריי לידער און באלאדעס האָט ער אויסגענוצט מאטעריאלן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעלייגט אין זיקאָרן שוין דעמלט, בייס אונדזער רײַזע.

אין בארנאָוויטש האָבן מיר בעקיוון זיך אָפּגעשטעלט אין א פּריוואטער וווינונג, קעדיי האָבן

א מעגלעכקײַט זיך צוקוקן צום לעבן פון די היגע מענטשן. אין איינעם א טאָג האָבן מיר באַשלאָסן זיך פאַנאַנדערגיין יעדערער באַזונדער איבער דער שטאָט, און פאַרנאַכט, ווען מיר וועלן זיך צונויפקומען, דערציילן, וואָס מיר האָבן דעם טאָג געזען און געהערט.

ווען ס'איז געקומען מײַן ריי צו דערציילן, האָב איך צוגעפירט מײַנע צוהערער צום בעטל, ווו ס'איז געשלאָפן דעם באַלעבאָס' מיזיניק, דער נײַניאַריקער דאַנקע, און פּאַרזיכטיק אונטערגע-הויבן דאָס קאָפּ-קישעלע. דאָרט איז געלעגן א געווײַנלעכע הילצערנע סאָלדאַטסקע לעפל. דאָס ייִנגל האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן זיך אויפ-געזעצט אפן געלעגער און גענומען שאַרן מיט די הענט אונטער דער קישן. ווען ער האָט זיך איבערצײַגט, אז די לעפל איז אפן אָרט, איז ער ווידער רויק אנשלאָפן געוואָרן.

נאָך אינדערפרי האָט דאַנקע מיר באַוויזן די סאָלדאַטישע לעפל, און אַז קיינער זאָל ניט הערן, מיר דערציילט דעם סאָד זײַנעם:

ווען אין באַראַנאָוויטש האָט זיך באַוויזן די ערשטע מאַשין מיט רוסישע סאָלדאַטן, איז דאָס גאַנצע שטעטל אַרויס אָף די גאַסן באַגעגענען די באַפרײַער. די אָרטיקע באַפעלקערונג האָט באַשאָטן די רויטאַרמייער מיט בלומען. פיל אײַנ-וווינער האָבן אײַנגעאָרדנט פאַר די געגאַרטע און לאַנג-דערוואַרטע געסט גאַנצע סודעס.

אויך דאַנקעס טאַטע האָט אַראָפּגעבראַכט צו זיך אין שטוב דרײַ סאָלדאַטן און א קאָמאַנדיר — א ייִד אַן אָפיצער! מע האָט מאַמעש ניט געוווּסט ווו אוועקצוזעצן די געסט, מיט וואָס זיי מכבד זײַן. זיי זײַנען דאָך געקומען פונקט אין דער רעכטער צײַט, ווען היטלער איז שוין אַרײַנגע-טראָטן קיין פוילן.

פון דער ערשטער מינוט האָט דאַנקע זיך באַפרײַנדעט מיטן סאָלדאַט, וועלכן מע האָט גע-רופן וואַסיליאַק. פאַרוואָס עפּעס מיט אים? ווײַל אין דאַנקעס אויגן האָט וואַסיל-וואַסיליאַק אויס-געזען ווי זײַנער אַן עלטערער כאַווער. דרײַ טעג איז דער מיליטערישער טייל, ווו עס האָט געדינט דער סאָלדאַט וואַסיליאַק, געשטאַנען אין באַ-ראַנאָוויטש, און אַלע דרײַ טעג איז דאָס ייִנגל ניט אָפּגעטראָטן פון זײַן נײַעם פרײַנט — געגעסן מיט אים קאַשע פון איין סאָלדאַטסקע קעסעלע, געהאָלפן אים רייניקן די ביקס.

ווען ס'האָט געהאַלטן באַם געזעגענען זיך, האָט דאַנקע אָנגעשטופּט א פולע טאָרבע מיט היימישע קיכעלעך און אַלטגעבאַקענעם לעקעך און זי אוועקגעטאַסקעט דעם סאָלדאַט. וואַסיליאַק האָט ניט געוווּסט, מיט וואָס פאַר א מאַטאָנע אָפּצו-ענטפערן דעם ייִנגל, — וואָס פאַרמאָגט דען א סאָלדאַט? אין דער לעצטער מינוט, ווען די מאַ-שין האָט זיך שוין גערירט פון אָרט, האָט וואַסי-ליאַק זיך דערטראַכט — ער האָט אַרויסגעכאַפּט זײַן לעפל פון דער כאַליעווע און זי דערלאַנגט דאַנקען.

פון דעמלט אָן לייגט זיך דאָס יאַטל ניט שלאָפן, ביז ער איבערצײַגט זיך ניט, אז די לעפל איז אָפן אָרט — אונטער דער קישן.

ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט קיין קיִעוו, האָט פּעפער דערציילט וועגן דער הילצערנער לעפל דאָוויד האָפּשטיינען, און אין א טאָג אַרום האָט האָפּשטיין אונדז אַרײַנגערופן צו זיך און איבערגעלייענט זײַן ווונדערלעך קינדער-מײַ-סעלע „די הילצערנע לעפל". דאָס דאָזיקע מײַ-סעלע איז שפּעטער דערשינען אין א באַזונדער אויפלאַגע מיט א צושריפט פונעם אויטאָר, אַז דעם סוזשעט פונעם מײַסעלע האָט אים דערציילט איציק פעפער.

אין א טאָג אַרום נאָכן קאָנצערט פון דזשיגאַן און שומאַכער זײַנען מיר אַלע געווען אָף א כאַ-סענע. דער כאָסן מיט דער קאַלע זײַנען פאַר-זענלעך געקומען אונדז אײַנלאַדן. דאָס איז געווען די כאַסענע פון צוויי יונגע אַקטיאָרן: ער — א ביאַליסטאָקער, זי — פון א וואַרשעווער ייִדישער טרופּע.

אין דער פריִער קינדהײַט האָב איך געזען אָן ענלעכע כאַסענע — א כאַסענע מיט א כופּע, מיט אונטערפירערס, מיט א באַדכן, וואָס באַזעצט די קאַלע און באַגריסט מיט גראַמען די געסט, א כאַ-סענע מיט דראַשעגעשאַנק און קלעזמער.

די קאַלע איז צוזאַמען מיט אַנדערע אַקטיאָרן אַנטלאָפן פון היטלערן, און דער כאָסן, וואָס האָט א לאַנגע צײַט ניט געקאָנט באַ איר פויעלן, זי זאָל אַראָפּקומען אהער קיין ביאַליסטאָק אָף צו שטעלן א כופּע, האָט אויסגענוצט די געשאַפענע לאַגע און גלײַך אָפּגעשפּילט די כאַסענע.

פאַרשטייט זיך, אז דאָ זײַנען געווען אַלע אַק-טיאָרן — סײַ די היגע, סײַ די אָנגעקומענע. אַק-טיאָרן, ווי באַוווּסט, זײַנען א פריילעך פאָלק, און די כאַסענע איז געווען א פריילעכע — מע האָט געטאַנצט און געזונגען. נאָר עפּעס האָט, ווי א שווערער שטיין, געדריקט אָף דער נעשאָמע. שפּעט אין דער נאַכט איז די כאַסענע אינגאַנצן פאַרשטערט געוואָרן. גלײַך פון דער גרענעץ זײַנען געקומען אָף דער כאַסענע דרײַ פרויען, אויך אַקטריסעס, דער קאַלעס און דעם כאָסנס קרוויום. די פרויען זײַנען געווען פאַרשוואַרצט, דערשראָקן, זיי האָבן זיך קוים געהאַלטן אָף די פיס. זיי האָבן דערציילט, אז פון וואַרשע אַנט-לויפן א סאַך ייִדן, מערסטנס פון דער אינטעלי-גענץ. אָבער דער גרעסטער טייל קלײַבט זיך ניט רירן פונעם אָרט. אָף דער גרענעץ האָבן די דײַטשן פאַרהאַלטן די פרויען, מע האָט אַלע דרײַ געוואַלט איבערגעבן דער העכערער נאַטשאַל-סטווע, ווי שפּיאָנקעס. זיי האָבן זיך אָבער צו-נויפגערעדט מיט דער וואַך: קוידעמקאָל האָבן

זיי אָפּגעגעבן די סאָלדאטן אלץ, וואָס זיי האָבן געהאט מיט זיך, דערנאָך, קעדיי צו איבערצײַגן די דײַטשן, אז זיי זײַנען אקטריסעס, האָבן זיי געזונגען לידער...

איצט, ווען די דרײַ פרויען זײַנען שוין געווען געראטעוועט, איז איינע פון זיי זיך פארגאנגען אין א היסטעריקע, זי וועט גיין צוריק, און שוין! צוריק און צוריק! און זאָל זי קיינער ניט פרוּוון אָפּריידן...

ארויסגעוויזן האָט זיך, אז אין ווארשע איז פארבליבן איר פיריאָריק טעכטערל בא דער באָבען.

די יונגע מאמע האָט מיטן הארץ געפילט, אז זי איז באגאן א פעלער, אז זי האָט ניט געטאָרט איבערלאָזן איר קינד, אז דאָרט קאָן עפּעס שלעכטס געשען.

מע האָט אונדז דערציילט, אז אין א טאָג ארום האָט די דאָזיקע פרוי זיך געלאָזט צוריק איבער דער גרענעץ. וואָס איז נאָכדעם מיט איר פאָרגעקומען, איז מיר ניט באוווּסט. איך ווייס בלויז, אז לעבן געבליבן זײַנען יענע הונדערטער טויזנטער ייִדן, וואָס זײַנען באצײַטנס אוועק פון דעם אָקופּירטן פוילן אין סאָוועטנפארבאנד. די מיליאָנען ייִדן, וואָס זײַנען פארבליבן אין פוילן, האָט היטלער אומגעבראכט.

אזוי טרעפט זיך אָפט בא מיר — די געדאנקען טוען א פלי און היפּערן איבער עטלעכע יאָר נאָכאנאנד. כ'האָב אליין ניט באמערקט, ווי איך בין פון כארקאָוו, וווּהין איך בין געקומען סאָף זומער 1933, אריבערגעשפּרונגען אין הארבסטיקן ביאַליסטאָק פון 1939 יאָר. נאָר איצט איז קיין אנדער ברייגע ניטאָ — כ'וועל זיך מוזן אומקערן אף צוריק.

פארבלײַבן א לענגערע צײַט אין כארקאָוו האָב איך דעמלט ניט געקאָנט — אין יענעם יאָר האָב איך געהאלטן באם פארענדיקן דעם אינסטיטוט, און כ'האָב זיך געדארפט גרייטן צו די ארויסלאָזעקזאמענעס. איסאק סאָלאָמאָנאָוויטש פעפער האָט אויסגענומען מיט מיר, אז גלײַך ווי איך פארענדיק דאָס לערנען, קום איך אָן ארבעטן אין זשורנאל „פארמעסט". ס'איז אָבער ניט קלאָר געווען, צי וועל איך דארפן איבערפאָרן קיין כארקאָוו צי קיין קיִעוו — דעמלט האָט מען שוין געוווּסט, אז די הויפּטשטאָט פון אוקראַיִנע וועט אינגיכן ווערן קיִעוו. נאטירלעך, אז דער שרײַבער-פארבאנד, די פארלאגן, ווי אויך דער גרעסטער טייל רעדאקציעס, וועלן איבערפאָרן אין דער נײַער הויפּטשטאָט.

פון אָדעס איז טאקע אויסגעקומען פאָרן קיין קיִעוו. אין זשורנאל „פארמעסט", וואָס האָט שפּעטער מיט עטלעכע יאָר אָנגעהויבן דערשײַנען אונטערן נאָמען „סאָוועטישע ליטעראטור", איז געווען גרינג און פריידיק צו ארבעטן. טוען די סאמע קאָמפּליצירטע ארבעט צוזאמען מיט פעפערן איז געווען ניט שווער. גענומען האָט זיך עס דערפון, וואָס ער האָט זיך פולשטענדיק פארלאָזט אף דיר, געגלייבט, אז דו וועסט אלץ אויספילן.

די רעדאקציע פונעם זשורנאל האָט זיך געפונען באם „נאצמינדפארלאג", אף רויטארמייער-גאס, 43. צוזאמען מיט פעפערן האָבן געארבעט הירש אָרלאנד, באָריס מארשאק, הערשל פּאָליאנקער און איך.

אָרלאנד איז געווען א וווּנדערלעכער סטיליסט, געהאט גרויס אָפּשײַ פארן געטאָקטן און געפּרעסטן וואָרט און, נאטירלעך, געהאט פיל טײַנעס צו די ווערק, וועלכע עס פלעגן צושטעלן די שרײַבער אין רעדאקציע. זעלטן ווען פלעגט ער דערפירן די רעדאקציע פון א גרעסערן מאַנוסקריפּט ביזן סאָף. אלע שרײַבער האָבן געוואָלט, אז זייערע ווערק זאָלן ארײַנפאלן צו אָרלאנדן אין די הענט, אָבער איינצײַטיק האָט מען געציטערט פאר אים. דאקעגן, דער צווייטער רעדאקטאָר, מארשאק האָט געשלעפּט דעם גאנצן עול אף זיך — ער איז געזעסן פון אינדערפרי ביז סאָף טאָג און ניט אופגעהויבן דעם קאָפּ פונעם פּאפּיר.

צום אָנגעמערקטן טערמין — צום צוואנציקסטן טאָג פון יעדן כוידעש — איז שטענדיק פארטיק געווען דער מאנוסקריפּט פונעם אָרדנטלעכן נומער פון דעם זשורנאל. פעפער איז, נאטירלעך, באקאנט געווען מיט דעם, וואָס די רעדאקציע גרייט צום דרוק, ער האָט אָבער קיינמאָל זיך ניט ארײַנגעמישט אין דער רעדאקטאָרישער ארבעט, ביז ער פלעגט ניט באקומען דעם מאנוסקריפּט אף וויזירן.

ווען עס איז געקומען די צײַט, האָט ער אָנגעקלונגען און א פרעג געטאָן:

— וואָס הערט זיך בא אײַך, ווי גייט עס? אויב איר האָט כיישעק, כאפּט זיך הײַנט ארײַן אין אָוונט, מיר האָבן שוין טאקע לאנג ניט געמאכט קיין פינף הונדערט איינס. יאָ, נעמט מיט זיך דעם נומער, וועלן מיר מיט אײַך אים א מיש טאָן.

אין דרײַ-פיר טעג ארום האָט פעפער אומגעקערט דעם מאנוסקריפּט אָן אונטערגעשריבענעם. צו דער וואָרט-רעדאקציע האָט ער זיך ניט ארײַנגעמישט. זײַן דייע האָט ער ארויסגעזאָגט בלויז דאַן, ווען ס'האָט זיך געהאנדלט וועגן פּרינציפּיעלע פראגן.

ווען מיר פלעגן אמאָל אים אופמערקזאם מאכן, אז די לידער פון דעם אָדער יענעם דיכטער זײַנען שוואכע, האָט ער פריילעך און מיט א שפּאס געענטפערט: „מיילע, זאָל זיך אים דוכטן, דעם באָכער, אז אָפּגעדרוקטערהייט וועלן די לידער באקומען א בעסערן טאם"... אָדער: „ניין, פארוואָס? אָט האָט איר דאָך ניט קיין שלעכטע שורע..."

פּעפער האָט געוווּסט, ווי צו שעצן די מי פון יעדערן באַזונדער, און דערפאַר האָבן זיך מענטשן געצויגן צו אים.

ער האָט געטראָגן אַף זיך דעם אָל פון א באַלעבאָס פון דער ליטעראַטור — שטענדיק נאָכגעשפּירט, אַז קיין איין וויכטיקע דערשײַנונג אין דער ליטעראַטור זאָל ניט גיין לעיִבעד. באַם צונויפשטעלן די פאַרלאַג־פּלענער האָט ער אין זינען געהאַט סײַ קליין, סײַ גרויס. באַזונדערס האָט ער נאָכגעשפּירט און אונטערגעכאַפּט יעדן נײַעם נאָמען.

ווען עס זײַנען באַפרײַט געוואָרן די מײַרעוו־געביטן פון אוקראַיִנע און ווײַסרוסלאַנד, איז די מישפּאָכע פון די ייִדישע שרײַבער שטאַרק אויס־געוואַקסן. פּעפער האָט געזען, אַז פון נומער צו נומער זאָלן געדרוקט ווערן ווערק פון די נײַע קאָלעגן. אַף די שפּאַלטן פון „סאָוועטישער לי־טעראַטור" האָבן זיך באַוויזן די נעמען פון יאַנ־קעוו שודריך, נאָכעם באָמזע, ראָכל קאָרן, ייִס־ראָעל אשנדאָרף. דער „אוקרנאַצמינדפאַרלאַג" האָט צוגעגרייט באַזונדערע אויסגאַבעס פון עליִעזער שטיינבאַרגן, ראָכל קאָרן, עפראַיִם קאַ־גאַנאָווסקי, יעשוע פּערלע, ראַכמיִעל גרין און אַנדערע.

איך קאָן איצט פּינקטלעך ניט זאָגן, וועלכע ביכער פון די דאָזיקע שרײַבער האָבן באַוויזן דערשײַנען ביז דעם אָנהייב פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, נאָר איך געדענק, אַז פּעפער האָט דער ערשטער זיך מאָביליזירט, און אויך צוגעצויגן פיל כאַווירים, צו אַרויסגעבן די דאָזיקע ווערק.

הײַנט איז קאָקטעבעל א באַרימטער קוראָרט אין קרים, אָבער דעמלט, ביז דער מילכאָמע, איז דאָס געווען א ווייניק באַוווּסט דאָרף אַפן ברעג פונעם שוואַרצן יאַם, ווו עס האָט אַמאָל אויס־געבויט פאַר זיך א הויז דער רוסישער דיכטער מאַקסימיליאַן וואָלאָשין. דער דאָזיקער אָריגינע־לער פּאָעט און מאָלער האָט זיך פאַרלאָזט א באָרד, געשוירן זי אַזוי, ער זאָל ענלעך זײַן אַפן פעלדזיקן פּראָפיל, וואָס זעט דאָ אויס פונדער־ווײַטן ווי דער פּראָפיל פון א מענטש. דאָרטן, אינעם הויז אַפן סאַמע ברעג פון יאַם, האָט וואָ־לאָשין צונויפגעזאַמלט א גרויסע ביבליאָטעק, קאָלעקציעס פון פאַרשיידענע כפייצים, וועלכע ער האָט אַראָפּגעבראַכט פון זײַנע פּילצאָליקע רײַזעס איבער דער וועלט.

נאָכן טויט פון וואָלאָשינען האָט דער שרײַ־בער־פאַרבאַנד אײַנגעאָרדנט אין דעם דיכטערס וווינונג אַן אָפּרו־הויז פאַר שרײַבער.

מיר איז געפעלן געווען דער פעלדזיקער קאַנט מיט די הוילע בערג, וואָס ציִען זיך צום הימל, דער גרויסער פּליאַזש, ווו מע טרעפט זעלטן א מענטשן, און איך פלעג יאָר נאָך יאָר פאָרן אַהין אָפּרוען און אַרבעטן.

אין איינעם א לויטערן, זוניקן טאָג איז אַהער, קיין קאָקטעבעל, אָנגעקומען די איבעראַשנדיק־טרויעריקע ידיִע, אַז די היטלערישע כאַיאָלעס זײַנען אַריבערגעטראָטן די סאָוועטישע גרענעצן.

קימאַט אַלע מאַנצבלען, וואָס האָבן זיך דעמלט געפונען אינעם שרײַבער־הויז, האָבן גלײַך צו־נויפגעפּאַקט זייערע טשעמאָדאַנעס און אַוועק צום שליאַך, קעדיי אַף א צופעליקער מאַשין דערקלײַבן זיך קיין פעאָדאָסיע און פון דאָרט אַהיים.

אין א מעסלעס אַרום בין איך געווען אין קיִעוו.

די שטאָט האָט גלײַך באַקומען אַן אַנדער פּאָ־נעם. שטרענג האָבן אויסגעזען די גאַסן. די גרויסע שויפענצטער אַף קרעשטשאַטיק זײַנען געווען פאַרלייגט מיט שווערע זעק, אָנגעשאָטענע מיט זאַמד. די טאַפּליעס פון די פענצטער — באַ־קלעפּט מיט פּאַסן פּאַפּיר. אַפּדערנאַכט זײַנען די גאַסן פוסט און פינצטער געווען, בלויז אַף די דעכער פון די גרויסע מויערן זײַנען געזעסן מענטשן, גרייטע אונטערצוכאַפּן די צינד־באָמ־בעס, וואָס די דײַטשישע אַוויאַציע האָט געוואָרפן, און זיי אַראָפּשלײַדערן פון די דעכער.

אינעם הויז, ווו עס האָבן געוווינט די קיִעווער שרײַבער, איז אויך געווען פינצטער, דער גרעס־טער טייל מישפּאָכעס האָט פאַרלאָזט זייערע וווינונגען און אַוועקגעפאָרן אין הינטערלאַנד. די ערשטע וואָכן האָבן מיר אַפילע ניט געוווּסט, ווו די עשעלאָנען מיט די עוואַקויִרטע מישפּאָכעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

באַ מיר איז געווען ביז גאָר א שווערע שטי־מונג: שוין א לענגערע צײַט, ווי מײַן פרוי איז געלעגן מיט א צעשעדיקטער כוט־האַשעדרע, אין גיפּס, און זיך ניט געקאָנט רירן פון אָרט. ווען דער קריג האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן די דאָק־טוירים איר אָנגעטאָן א קאָרסעט פון גיפּס, און אין אַזאַ צושטאַנד, אַף א טראָגבעטל, איז זי עוואַקויִרט געוואָרן. דערצו איז אונדזער טעכ־טערל נאָך דאַן געווען גאָר א פּיצל — דאָס צווייטע יאָר אַלט. (די פרוי מײַנע איז מיטן קינד בעשאַלעם דערפאָרן ביז דער הויפּטשטאָט פון באַשקיריע אופאַ, וווּהין עס זײַנען עוואַקויִרט געוואָרן די שרײַבערישע מישפּאָכעס, ווי אויך דער שרײַבער־פאַרבאַנד פון אוקראַיִנע).

די דירעס פון די שרײַבער אַף דער לענין־גאַס, 68, זײַנען געשטאַנען פּוסטע. קימאַט יעדן טאָג זײַנען צו אונדז געקומען פּליִיטים פון די מײַרעוו־געגנטן. צווישן די אַנטלאָפענע פון לוואָוו זײַנען געווען די דיכטער נאָכעם באָמזע און ראָכל קאָרן מיט איר טאָכטער. זיי האָבן זיך באַ אונדז אָפּ־גערוט, זיך איבערגעטאָן אין די קליידער, וועלכע זײַנען געבליבן הענגען אין פאַרלאָזטע שרײַבע־

רישע דירעס, באַקומען אין שרײַבער־פאַרבאַנד טאַלאָנען אַף עוואַקויִרן זיך אין הינטערלאַנד.

צו יענער צײַט איז שוין באַוווּסט געווען, וואָס די פאַשיסטן טוען אָפּ מיט די ייִדן, וועלכע זײַנען אַרײַנגעפאַלן צו זיי אין די הענט. ראָכל קאָרן האָט דעמלט פאַרשטאַנען, וועמען זי וועט האָבן דאַנקבאַר צו זײַן פאַר דעם, וואָס זי מיט איר טאָכטער זײַנען לעבן געבליבן. דער מענטשישער זיקאָרן איז אָבער אַ קורצער — באַלד נאָך דער מילכאָמע האָט זי אין דעם פאַרגעסן און געפונען פאַר מעגלעך צו דערציילן „דער וועלט", אַז ביז איצט קאָן זי ניט פּאָטער ווערן פון דער „אופּימער בלאָטע", וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט צו די פּאָדעשוועס פון אירע שיך... דעם עמעס געזאָגט, האָב איך אַ לאַנגע צײַט ניט געגלייבט, אַז אַזוי ווײַט קאָן דערגיין די ניט־דאַנקבאַרקײַט...

מיט יעדן טאָג זײַנען אין הויף פון דעם שרײַבער־הויז געוואָרן אַלץ ווייניקער און ווייניקער מענטשן. איך האָב פאַרשלאָסן מײַן קוואַרטיר און זיך איבערגעקליבן צו פּעפערן, וואָס האָט געוווינט אויפן פינפטן שטאָק. געשלאָפן זײַנען מיר אין אָנטאָן אין איין בעט מיט אים. דאָס בעט איז געווען אַזוי ברייט, אַז בײַ אַ נויט וואָלטן זיך דאָרט געקאָנט אויסלייגן פיר־פינף דערוואַקסענע מענטשן. ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לופט־אַליאַרעם, פלעגן מיר דורך דעם בוידעם־פענצטערל אַרויסקריכן אויפן דאַך. דערנאָך, ווען דער אַליאַרעם האָט זיך שוין פאַרענדיקט, זײַנען מיר געזעסן לאַנגע שאָען, געקוקט אין אויסגעשטערנטן הימל און מערסטנס געשוויגן. ס'איז שוין קלאָר געווען, אַז אונדזער אַרמיי וועט מוזן פאַרלאָזן קיִעוו, נאָר אָנערקענען דאָס אַפילו פאַר זיך אַליין האָט ניט געקלעקט קיין קויעך.

אין קויבישעוו האָט דער ייִדישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן בײַ דער סאָווינפאָרמביוראָ, זיך געפונען אין אַ געסל ניט ווײַט פון דער וואָלגע. אין קליינעם ווײַסן מויערל איז געווען ענג. די מיטאַרבעטער זײַנען געזעסן איינער לעבן אַנדערן. דאָ באַנאַנד האָבן געקלאַפּט די שרײַב־מאַשינקעס. דאָוויד בערגעלסאָנס פרוי ציפּע און ראָכל פּעפער זײַנען געוואָרן פּראָפעסיִאָנעלע מאַשיניסטקעס.

איך מיט הירש אָרלאַנדן האָבן פאַרנומען בעשוטפעס איין שרײַבטיש. אין דעם זעלבן צימער זײַנען געזעסן שאַכנע עפּשטיין און איציק פעפער, וועלכער איז באַלד, ווי דער קאָמיטעט האָט זיך אָרגאַניזירט, געוואָרן איינער פון זײַנע אָנפירער.

צום אַלעם ערשטן האָט פעפער געזען צונויפזאַמלען אַרום קאָמיטעט די שרײַבער, וועלכע האָבן מיט זייער וואָרט געדאַרפט באַזינגען דעם העראָיִשן קאַמף פון די סאָוועטישע מענטשן, באַווײַזן דער וועלט דעם עמעסן פּאַרצעף פונעם דײַטשישן פאַשיזם, וואָס האָט צו יענער צײַט שוין אָנגעצונדן די קאַלך־אויוונס פון אָשווענטשים.

עס געדענקט זיך, אַז ווען פעפער מיט מיכאָעלסן זײַנען נאָכן אָרגאַניזירן דעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט געקומען מיט אַ שליכעס קיין ניו־יאָרק, האָט דער „פאָרווערטס" זיי באַגעגנט מיט אַ סורפּריז: אַף דער גאַנצער ערשטער זײַט פון דער דאָזיקער צײַטונג איז מיט גרויסע בוכשטאַבן געווען איבערגעדרוקט פעפערס ליד „אש, שאַ!", וועלכע דער דיכטער האָט געהאַט אָנגעשריבן מיט יאָרן צוריק אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס שאָלעם אש האָט בײַ זײַן באַזוך אין סאָוועטנפאַרבאַנד אָפּגעזידלט איינעם אַ סאָוועטישן שרײַבער. דער „פאָרווערטס" האָט בעדייִע געהאַט פון דעם ערשטן טראָט אָן צעקריגן פעפערן און מיכאָעלסן מיט שאָלעם אשן, וואָס האָט צו יענער צײַט שוין געהאַט אָנגעשריבן זײַן בוך „דער ברענענדיקער דאָרן", אין וועלכן ס'זײַנען געווען אײַנגעשלאָסן דערציילונגען וועגן דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג.

עמעצנס אַ געטרײַע האַנט האָט גלײַך ווי אונדזערע רײַזנדע האָבן אָוועקגעשטעלט די טשעמאָדאַנעס אין האָטעל, אַרײַנגעבראַכט דעם נומער „פאָרווערטס" מיט דער ליד „אש, שאַ!". פאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַזאַ קאַבאָלעס־פּאָנעם איז שוין אומעגלעך געווען אײַנשטעלן אַ קאָנטאַקט מיט שאָלעם אשן, האַגאַם דאָס איז געווען וויכטיק פאַרן דערפאָלג פון דער מיסיע, מיט וועלכער מיכאָעלס און פעפער זײַנען געקומען קיין אַמעריקע. אָבער אויפן אַנדערן טאָג האָט שאָלעם אש אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן. ער האָט זיך געכידעשט, וואָס פעפער האָט ביז איצט ניט געלאָזט הערן וועגן זיך. פעפער איז זיך מוידע געווען, אַז נאָך דעם, ווי דער „פאָרווערטס" האָט זיך צוגעסטאַרעט, איז שוין, דוכט זיך, איבעריק געווען צו קלינגען. שאָלעם אש האָט זיך צעלאַכט: „וואָס רעדסטו, איציק, איך האָב געציטערט פיל מער ווי דו, ווײַל וואָס וואָלט איך געטאָן, ווען זיי דרוקן איבער דאָס, וואָס איך האָב אין מעשעך פון פיל יאָרן געשריבן וועגן דיר..."

צו דער אַרבעט פונעם אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט זײַנען צוגעצויגן געוואָרן אַלע ייִדישע שרײַבער. אין דער ייִדישער פּרעסע פון גאָר דער וועלט, און ניט נאָר אין דער ייִדישער, האָבן זיך געדרוקט דערציילונגען, פאַרצייכענונגען, לידער און פּאָעמעס פון די סאָוועטישע שרײַבער — סײַ פון די, וואָס זײַנען געווען אַף די פראָנטן, סײַ פון די, וואָס האָבן געאַרבעט אין הינטערלאַנד.

אַרבעט האָט געקלעקט פאַר אַלעמען, נאָר קיינער האָט זיך ניט געקלאָגט. דער באַיאָרטער שאַכנע עפּשטיין האָט אונדז געדינט אַלס בײַשפּיל, — ער איז געזעסן באַם טיש מעסלעסנווײַז און באַאַרבעט מאַטעריאַלן פאַר דער „אייניקײַט",

פאַר דער אויסלענדישער פּרעסע און פאַר דער ראַדיאָ. דאַוויד בערגעלסאָן, וואָס האָט דעמלט געשריבן זײַן דראַמאַטיש ווערק „רעוווייני“, האָט זיך אײַנגעשפּאַנט, און ווי א רעדאַקטאָר זיך געמיט איבער די פאַרשיידנסטע מאַטעריאַלן, וואָס דער קאָמיטעט פלעגט באַקומען פון אַלע ווינקעלעך פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

געוווינט האָט דעמלט דאַוויד בערגעלסאָן אין א שמאָל צימערל אַף דער גאַס, וואָס האָט גע־טראָגן דעם זעלבן נאָמען ווי די שטאָט, אַף דער קויבישעווער גאַס. איך פלעג גערן זיך אַרײַנ־כאַפּן צו אים צוגאַסט. כ'האָב פאַרויס געוווּסט, אַז ווען איך זאָל ניט קומען, וועט בערגעלסאָן מיך מעכאַבעד זײַן מיט א קאַפּיטל פון זײַן בוך, וואָס ער האַלט איצט אין דער אַרבעט. אויס־סער דעם פאַרגעניגן, וואָס מע האָט פון זײַנע ווערק, איז געווען א גרויסע פרייד צו הערן, ווי ער לייענט. געלייענט האָט ער פּאַמעלעכן, אַזוי אַז איר זאָלט קאָנען דערפילן דעם טאַם פונעם וואָרט. באַזונדערס האָט זיך פאַרגעדענקט, ווי־אַזוי ער האָט געלייענט „רעוווייני“. די לידער, מיט וועלכע עס איז איבערגעפלאָכטן דער פּראָ־זאַישער טעקסט, האָט ער אויסגעזונגען, די מאָטיוון האָט ער אַליין צוגעטראַכט, און כאָטש ער האָט זיי ניט פאַרשריבן, האָט ער זיי קיינמאָל ניט פאַרגעסן און שטענדיק איבערגעכאַזערט פּינקטלעך אַזוי ווי ער האָט זיי פון אָנפאַנג פאַרפאַסט.

ניט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען אי־בערגעלאָדן מיט אַרבעט אין קאָמיטעט, איז ניט געווען דער טאָג, ער זאָל זיך ניט זעצן צום אייגענעם שרײַבטיש. „מע טאָר זיך ניט נאָכגעבן די שמאַד, — פלעגט ער זאָגן, — א שרײַבער דאַרף אַרבעטן אַלע טאָג, עס מעג אַפילע דונערן און בליצן“.

ווען איך קוק אַמאָל אַרײַן אין א קאָמפּלעקט „אייניקײַט“ און לייען די לידער, באַלאַדעס, אַר־טיקלען, וואָס איציק פעפער האָט פאַרעפנטלעכט בלויז אין דער דאָזיקער צײַטונג, ניט רעכענענ־דיק די אויסגאַבעס בא אונדז און אין אויסלאַנד, אין וועלכע ער פלעגט אָנטיילנעמען, — פרעג איך בא זיך אַליין ווידער און ווידער: ווו האָט ער גענומען צײַט, קויכעס און ענערגיע אַף צו שאַפן אַזא שלאָל פאַרשיידנאַרטיקסטן מאַטע־ריאַל? כויץ דער פאַרצווײַגטער געזעלשאַפטלע־כער טעטיקײַט, כויץ דער אַקטועלער ליד, וואָס ער האָט געשריבן קימאַט יעדן טאָג, האָט פעפער דעמלט באַשאַפן זײַן בעסטע פּאָעמע „שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ“, וואָס איז א ווירדיקער דענקמאָל די העלדישע אויפשטענדלער.

בא מיר אַפן שרײַבטיש ליגן איצט פיל פאָ־טאָגראַפיעס פון די, וועמען איך דערמאָן אין אָט די נאָטיצן. דער גרעסטער טייל פון זיי איז שוין מיט אונדז ניטאָ. יאָרן פליִען גיך, דערפאַר דאַרף מען זיך צווײַלן און פאַרצייכענען דאָס, וואָס איז פאַרבליבן אין זיקאָרן וועגן די, וואָס זײַנען אונדז ליב און טײַער, כאָטש גופע די ווערק זייערע, וואָס זײַנען אַרײַן אין גאָלדענעם פאָנד פון אונ־דזער ליטעראַטור, וועלן פיל דערציילן וועגן זייערע באַשעפער.

אינעם גאָרטן פון מײַן בענקשאַפט

ס'האָט צו מיר דער ווינט געזאָגט

ס'האָט צו מיר דער ווינט געזאָגט
אינעם פעלד פון קאָרן:
„מע האָט זיך אָפּ דיר געקלאָגט,
ביסט פאַרטעמפּט געוואָרן.

גייסט נאָר זעלטן־ווען ארויס
זען א קאָרנבלימל,
און אין דײַן באַשאָטנט הויז
בלויז מיט שמאָכטעס ווימלט".

גלייב ניט, ווינט! כאָטש ס'איז אזוי,
איז עס דאָך א טאָעס!
כ'שייד נאָך אונטער גרין פון גרוי,
כ'ווייס נאָך אויך, וואָס ראָז איז.

עמעס, כ'גיי ניט אָפּט אין פעלד
פאַר זײַן פראַכט זיך בוקן,
כ'שטיי אָבער ניט צו דער וועלט
מיט א שטאַרן רוקן...

פרישער, פרײַער, בראַוועער ווינט
מיטן אָטעם בלויען,
שטעקסט מיר צו אומזיסטע זינד,
קלוימערשטע כאַטאָים.

דיר, וואָס שוועבסט טאָג־אײַן,
טאָג־אויס
פוסט־און־פּאַס, אָן דײַגעס,
שײַנט, אז דאָס געדרוימסטע הויז
מער ניט ווי א שטײַג איז.

ווייל איז אומצופליִען פרײַ,
פאַלדעוווען די טײַכן.
אָבער, ניט באַרויגעז זײַ,
כ'קאָן ניט זײַן דײַן גלײַכן!

ווי דו, ווינט, ניט זײַן זאָלסט קלוג,
קאָנסטו ניט באַנעמען,
אז פאַר מיר איז ניט גענוג
ס'רײַפע פעלד צו קעמען.

איך געהער צו יענעם מין,
וואָס ער זייט די טוווע,
וואָס אָט יאָגט ער, ווי דער ווינט,
און אָט מוז ער רוען...

איך וויל ניט...

פון ערגעץ גייט אויף א פאַרלאָשענע שײַן.
ווי קאָן עס א שײַן, וואָס פאַרלאָשן איז, אופגיין?
כ'בין, ווי אין א הײַנט, אין מײַן נעכטן ארײַן,
און כ'ווייס ניט, עס איז א פאַרזען צי אָן אופטו.

געפונען איך האָב דאָרטן אַלץ, ווי געווען,
נאָר כ'ווייס ניט, פאַרוואָס עס צווינגט אויף מיר א שמייכל...
איך האָב דאָרט א מער נאָך נאַיִווע דערזען
מײַן האָפענונג, וואָס איז מיט האָס פול צום צווייפל.

ס'איז אַלץ דאָרטן זיבן מאָל נאָענט און פרעמד,
ס'איז אַלצדינג דערווײַטערט אזוי, און דאָך אייגן,

און בלאַנק איז דאָרט אַלץ, גלייַך עס וואָלט זיך געשעמט
דער שטויב אַף אַ קדושע אזא זיך צו לייגן.

דאָס סאַמעטל פרייד און דער ריבייַזן צאַר,
זיי ליגן צוזאַמענגעוואָרפן איינײנעם,
און יעדער פון זיי איז אַי ווונטש און אַי גזאַר,
וואָס אַרן בלויז מיך און ניט קימערן קיינעם.

פון ערגעץ גייט אויף אַ פאַרלאָשענע שייַן —
אַ שייַן, וועלכע שימערט פאַרגייִיק־לילאָווע.
אומזיסט בין איך הייַנט אין מייַן אָווער אַרייַן.
איך וויל ניט אַ וואָר — דעם אַמאָלס אַ נעדאָווע!

אינעם גאָרטן פון מייַן בענקשאַפט

אינעם גאָרטן פון מייַן בענקשאַפט
פליִען אום גאַניידן־פייגל,
מיט די פעדערן זיי פינקלען,
אייעלעך קאָלירטע לייגן.

אָבער ווי נאָר ס׳קומט צום בריִען,
ווערן טייקעף זיי פאַרשווונדן,
און פון האָפענונגען בונטע
בלייַבן גרוי־באַקרעצטע ווונדן...

אינעם גאָרטן פון מייַן בענקשאַפט
בליִען ליכטיקע נאַרציסן,
מיט אַ ווונדערלעכער ווייַסקייַט
איטלעך זויבער האַרץ באַגריסן.

אָבער ווי נאָר איך וויל נעמען
אָט די העלע קישעף־קרוינען,
זע איך, אַז זיי ווערן נעלעם,
ווי דער ווייַסער רויך פון קוימען...

אינעם גאָרטן פון מייַן בענקשאַפט —
אַ באַשאָטנט אָפּרו־בייַדל.
סייַ די בראַנד און סייַ דעם רעגן
קאָן מען דאָרטן גליקלעך מייַדן.

אָבער ווי נאָר איך פאַרקלייַב זיך
אין באַשירעמדיקן שאָטן,
קומט גלייַך אָן קאַנאָנען־שטורעם
און דאָס בייַדל ווערט צעשאָטן...

אינעם גאָרטן פון מייַן בענקשאַפט
ווערט ראַק עפּעס־וואָס פאַרשאָטן.

* * *

הייַנט דער כאָלעם לויפט פאָרויס,
מאָרגן ער שוין שלעפּט זיך נאָך.
קומט אויס, אַז באַם טרוים אין שויס
וואַרעמט זיך די גרויע וואָך...

ווי זשע קאָן אַזעלכעס זייַן?
ווי איז מעגלעך, ס׳זאָל די וואָר
זייַן אַן אָפּשייַן פון אַ שייַן,
וואָס איז אויך אַן אָפּשייַן נאָר?

פרעג איך אַלץ: „ווי קאָן עס זייַן?“
און באַמערק ניט, אַז עס איז.
שיקער פונעם שטאַרקן ווייַן,
ווייס איך ניט, צי ער איז זיס...

לאַמעד־וואָוו

לאַמעדוואָווניק, ווער ביסטו?
ווו איז דייַן פאַרהוילן הויז?
אין דייַן זכוס עס האַלט די וועלט זיך,
דו פון איר באַהאַלטסט זיך אויס.

לאַמעדוואָווניק — רויער אויסזען,
לאַמעדוואָווניק — גרוי געשטאַלט,
אינעם וואָכעדיקסטן כוימער
ניצעץ לויטערסטן באַהאַלטסט.

לאַמעדוואָווניק מיט מאָזאָליעס,
מיט דער זעג און מיטן שטריק,
ס׳איז דער העלער זון אַ שוטעף
דייַן אַראָפּגעלאָזטער בליק.

לאמעדוואָוניק — קוואַל אַניוועס,
איינער פון בלויז צווי מאָל „כײַ״,
גרעסטן אופלאַקער פון גייווע
דײַן באַשיידנקײַט קומט בײַ.

לאמעדוואָוניק, טראָג אָן וואַסער,
לאמעדוואָוניק, שפאַלט אָן האָלץ.

ווויל איז דיר, וואָס ביסט ניט מאַסיג,
וואָס עס הייסט מיט זיך זײַן שטאָלץ.

לאמעדוואָוניק, לאמעדוואָוניק,
ווער ביסטו און ווו ביסטו?
אַנשטאָט דיר צו זאָגן שוואַכים,
בעסער וואָלט איך זײַן ווי דו!..

מײַן שאָטן

גייט מיר נאָך אַ שטיקל נאַכט,
וואָס פאַרמאָגט מײַן אויסזען —
אין מײַן היים שטייט אף דער וואַך,
שלעפט זיך נאָך אין דרויסן.

ווו איך זאָל ניט ווענדן זיך,
פאָלגט עס נאָך מיר פוסטריט,
וואַגט אפילע שענדן מיך —
זאָגן: „כ׳בין דײַן מוסטער״...

איך, וואָס צי זיך צו דער שײַן
און מיט ליכט בלויז הויז איך,
זאָל גאָר אַ באַהעפטער זײַן
צו אַ שטיקל כוישעך?

און דער כוישעך נאָך דערצו
מײַן געשטאַלט זאָל האָבן?..
ניין, כ׳וועל ניט פאַרמאָגן רו,
ביז כ׳וועל אים פאַריאָגן!

טויזנט מאָל אַזוי כ׳באַשליס,
און מײַן שווארצער שאָטן
קלאַמערט זיך צו מײַנע פיס,
פונקט ווי צוגעזאָטן...

טראָטואַר

טראָטואַר, טראָטואַר —
וועג צו פרייד און וועג צו צאַר,
גרוי פאַרגלײַכגילטיקט געמיט,
שטופסט אָפ קאַלט די הייסטע
טריט...

טראָטואַר, טראָטואַר —
אייגן, פרעמד און גלאַט, און שטאַר,
אף דײַן האַרטקײַט וויל זיך שפאַנט,
ליב איז פילן ווידערשטאַנד...

טראָטואַר, טראָטואַר —
אויסגעפלאַסטערטע געפאַר!

* * *

איך בעט דיך: וויין ניט, וויין ניט, וויין ניט!
דער אַלטער ווײ איז מער קיין ווײ ניט.
דער נײַער גלײַכגילט איז פיל ערגער,
ער איז אַ קאַלטבלוטיקער ווערגער.

איך בעט דיך: קרעכץ ניט, קרעכץ ניט, קרעכץ ניט!
דאָס אַלטע שלעכטס איז מער קיין שלעכטס ניט.
דעם גלײַכגילטס הענט, פון אײַז און אײַזן,
זיי קאָנען ערגערס נאָך באַווײַזן...

איך בעט דיך: קלאָג ניט, קלאָג ניט, קלאָג ניט!
דײַן האַרץ מיט טרערן־האָגל שלאָג ניט.
דו בעסער שמעלץ דעם גלײַכגילטס קרירע,
צעברעך זײַן גרויע יִיעש־לירע!

כ'וויל...

כ'וויל, דאָס צאַרטע ווינטעלע זאָל בלאָזן
נאָר פאַר דיר.
איז עס דען א האָזע?
כ'וויל, עס זאָל פון שטוב דײַנער די טיר
טאָג און נאַכט פון זון־שײַן זײַן א ראָזע.
איז עס דען א האָזע?

טרוימען, זאָגסטו, מעג מען. וועלן איז א זינד —
אומפאַרשעמטע האָזע!
גוואַלד, פאַרוואָס?
איך טראַכט דאָך, ווי א קינד.
פאַסט דען וועגן קינדישקײַט צו זאָגן:
„האָזע"?..

שאגאל

זיצט באַם גרויען שטיבעלע
א פרעמדער גרינער ייִד.
דוכט זיך, עס פאַרשמעקט מיט לאַג־
באָוימער.
קילער בלוי מיט הענגלעך הייסע טרוימען
בליט,
און כאַסאַנים, ווי קוקאַוועס — אַף די
ביימער...

ציגעלעך און הענער,
קאָזשעלקעס און שוועב.
זיצט דער גרינער ייִד — זײַן אייגענער
ביטאָכן...
א שעל־יאַד און א רעצוע אַף זײַן האַנט.
דאַרף מען דאָך פאַרשטיין, ס'איז
אינדערוואָכן.
טאָ פונוואַנען אזא יאָמטעוודיק געמיט?

פליג

א פליג אַף א שטיקעלע צוקער.
צי בין עס ניט איך אַף דער פרייד?
און עפשער — ווער קאָן עס דען וויסן —
קומט זי גאָר אַצינד צום באַשייד,

אַז זי איז, ווי איך, דער מעגושעם,
וואָס מער פון אַלץ פאַטעקע שאַצט.
זי רײַבט מיט די פיסלעך דאָס פיסקל,
און איך די פאַטילניצע קראַץ...

כראָניק

אפן עקראַן פון דער מאָסקוער טעלעוויזיע — ביראָבידזשאַן

דעם 7 אווגוסט האָבן מיליאָנען צושויער געזען אַף די עקראַנען פון זייערע טעלעוויזאָרס א ריי אָנגעזעטענע מענטשן פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, וואָס איז מיט א צײַט צוריק באַלוינט געוואָרן מיטן לענין־אָרדען פאַר אירע גרויסע דערגרייכונגען.

עס האָט גערעדט דער ערשטער שעף פון דער באַן־סטאַנציע ביראָבידזשאַן הירש בלינדער, וואָס וווינט שוין 40 יאָר אין דער ייִדישער געגנט. דערנאָך זײַנען אַרויסגעטראָטן דער פאָרזיצער פון וואַלדהיימער קאָלווירט, דער העלד פון סאָציאַליסטישער מי וולאַדימיר פעלער, דער רעדאַקטאָר פון דער געגנטלעכער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן" נאָכעם קאָרטשמינסקי, דער שרײַבער בוזי מילער, — זיי האָבן דערציילט וועגן לעבן פון די ביראָבידזשאַנער טוישעווים, וועגן זייער שעפערישער מי.

די טעלעקאַמערע האָט באַוויזן די אַרבעטס־צימערן פון דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן", א פראַגמענט פונעם שאָלעם־אַליכעם־ספּעקטאַקל „מענטשן" אין דער אויספירונג פונעם ייִדישן פאָלקס־טעאַטער און קאָנצערט־נומערן פונעם יוגנטלעכן טאַנץ־אַנסאַמבל.

25 מינוט האָט די טעלעקאַמערע אונדז געפירט איבער די זאַוואָדן און קאָלווירטן, באַוויזן מענטשן פון פאַרשיידענע פּראָפעסיעס, סאָוועטישע פּאַטריאָטן, וועלכע זײַנען פאַרליבט אין זייער געגנט, וואָס שפּרייט זיך אַף די ראַכוועסן בא די ברעגן פון אַמור.

● ● ●

כאַסקל טאַבאַטשניקאָוו

באַרשעווער מאָטיוון

אין גאַס

וואָס א טאָג ווערט אין דרויסן הייסער, זוניקער.
מיר זײַנען ביז גאָר ליב די באַרשעווער אופגעלעבטע גאַסן, דער פרײלעך־זשומענדיקער טײַך, די גרין באדעקטע ערד, די ווײַסע הענגלעך אקאציע, מיט וועלכע מיר, ייִנגלעך, פרעסן זיך אָן ביז בויך־גרימעניש. יעדן פרימאָרגן לויפן מיר כאָפּטעסווײַז צו דער לאָנקע טרינקען קוואַל־וואסער, פארמעסטן זיך אין שווימען, ליגן שאָענלאנג אפן זאמד־ברעג הויל־נאקעט, ביז די זון סמאַליעט גוט אָן אונדזערע לײַבער, דאן לויפן מיר ווידעראמאָל, אָדאָם־נאקעט, צו די קילע קוואַלן שטילן דעם דאָרשט. הויך איבערן קאָפּ הענגט א ווייכער הימל, אָנגעפילט מיט בלענדיקער טאָג־שײַן, פון מאָל צו מאָל גליטשט זיך דורך א ווינטעלע, וואָס קושט און גלעט יעדער איינער. אלץ, אלץ אין דער וועלט איז מיר ליב און טײַער: סײַ די צעפּראלטע הייס־אָנגעבאקענע הויפן, סײַ די רוישיק־ווימלענדיקע מערק, סײַ די צעעפנטע טיר־און־פענצטער אין די הײַזער. זומער־לעבן, געבענטשט זאָלסטו זײַן!

ס'איז גאָר קיין כידעש ניט, וואָס דער דרויסן איז געוואָרן מײַן צווייטע היים: בעמיילע גייט די מאמע אפן גאנצן טאָג אוועק צו איר נײַער ארבעט און קערט זיך אום שפּעט, ארום סאָף טאָג. טוט א צי באם הארצן, שפּרינג איך ארײַן אין קיך, נישטער איבער אלע טעפּ, א שמעק דאָ, א שמעק דאָרט, עפּעס־וואָס געפינט זיך צום קײַען. אף איין פוס א מאלעגיירע געטאָן — און ווידער אין דרויסן. א שאָד, וואָס איך אליין קאָן זיך ניט טיילן אף עטלעכע „איכן". אין איין און דער זעלבער צײַט גלוסט זיך סײַ זײַן אפן טײַך, סײַ ארומפּויזען צווישן די מארק־וועגענער אף דער טאָרהאָוויצע, סײַ נאָכגיין דער עקסקורסיע פון קינדערהויז, וועלכע ציט זיך צו דער געוואנט־פאבריק, סײַ פירן מילכאָמע מיט ייִנגלעך פון אן אנדער גאַס.

יעדער גאַס האָט זיך איר קאָמפּאַניע ייִנגלעך, און אלע פירן צווישן זיך מילכאָמע.

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאנד", נומ. 8, 1970.

די סאַמע שטאַרקע כאַליאַסטרע, פאַר וועלכער אַלע אַנדערע קאָמפּאַניעס האָבן מורא געהאַט, איז געווען די ביליאַרדשטשיקעס־אַרטעל, אָנגעפירט פון אַן איימעס־מאָוועס, איז נאָכמענס קאָמאַנדע, נאַכמען דעם דיבינישצערס. זיַין קאָמפּאַניע באַשטייט פון דרייסטע כעוורע, גרויסע איַינשטעלער, מוירעדיקע ריזיקאַנטן. דער נאָמען אַליין פונעם אַטאַמאַן האָט אַף אונדז, יינגלעך פון מיַין גאַס, אָנגעוואָרפן אַ פּאַכעד: „דער דיבינישצער האָט געהייסן!", „ער גייט, דער דיבינישצער!". ווער איז ער, אָט דער נאַכמען? אַ כעוורעמאַן פון אַ יאָר דריַיצן, נאָר געזונט אַן איַיזן, אַן עמעסער גוואַר. נאַכמענס פאָטער איז אַ טעפּער. וועדליק מע דערציילט, איז עס אַ ברייט צעצוויַיגטע מישפּאָכע — שוועסטער, ברידער, פעטערס, מומעס, וועלכע גייען אונטער איין נאָמען: די יאַמפּאָלסקיס, נאָר רופן רופט מען זיי „די דיבינישצער", מאַכמעס זיי קומען אַרויס אַלע פון איין דאָרף — דיבינישץ.

אַנומלטן איז מיר אויסגעקומען דערקענען אַ ביסל נעענטער דעם אַטאַמאַן.

אַ היפּשע כאַליאַסטרע צעשמיַיטע יינגלעך איז געלאָפן מיט אַ פּיַיפעריַי איבערן שליאַך אַפן וועג צו דער בריק איבערן ראָס. ניט באַטראַכטערהייט האָב איך זיך איַינגעשלאָסן אינעם שטורעמדיקן געלויף. געטריבן פון עפּעס אַ מין ווילדן קויעך, בין איך, ווי אַלע איבעריקע צעפאַליעטע יינגלעך, געלאָפן צעשויבערט, צעכראַסטעט און געשריגן אַף וואָס די וועלט שטייט:

— דאַ־אַ־אַ־יאַ־אָש!

ווער האָט ציַיט פרעגן אינעם מישמאַש, וווּהין לויפט מען? נאָך וואָס לויפט מען? פאַר מיר איז געגוג, וואָס איך געפין זיך אין סאַמע רעכטן טאַרעראַם, אין דער שטורעמדיקער אָנגריף־אַטאַקע און קאָן זיך אויך פילן, גליַיך מיט די איבעריקע יינגלעך, פאַר אַ באַל־ניצאָכן:

— דאַ־אַ־אַ־יאַ־אָ־ששש!

ערשט דעמלט, ווען מיר זיַינען אַרויף אַף דער בריק, האָב איך דערזען נאַכמען דעם דיבי־ניצער. ער איז געשטאַנען אַ צערודערטער, אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אין דער פאָרענטשע, אַרומגערינגלט פון זיַינע געהילף־קאָמאַנדירן. איינעם פון זיי, פּאַליק דעם געלן, האָט ער דער־לאַנגט אַ קלינגענדיקן פּליאַסק, אַז יענער האָט זיך אַזש צוגעבויגן.

— נעמט אים אַוועק, איך וועל אים באַלד דערוואָרגן ווי אַ סוסליק!

אַזאַ רישעס פון אַ יונגאַטש האָב איך נאָך ניט געזען. פונקען פיַיער שלאָגט פון זיַינע מיט ווילדן קאַס אָופגעבליצטע אויגן. איין אַרבל פונעם העמדל איז באַם דיבינישצער אָפּגעשפּרונגען, דאָס העמדל אַליין איז פול מיט לעכער און געפּלאַצטע נאָטן. די פּראָסטלעכע ליַיוונטענע הויזן, פאַרוקט הויך אונטערן רימען, האָבן ניט קיין שענערן אויסזען: איַינגעלאָפּענע קנייטשן, בלאָטיקע פלעקן, דורכויס פאַרדריפּעט און פאַרליאַפּעט. נאַכמען לייגט דערויף קיין אַכט ניט, ער איז פאַרטראָגן מיט בילכערס, דער קאָפּ זיַינער איז שטאַרק פאַרשלאָגן מיט דער ניט־געלונגענער מילכאָמע־אָפּעראַציע.

דעם דיבינישצערס היפּשע מאַכנע איז געבליבן שטיין געהאַמעוועט אַף דער סאַמע מיט בריק. איצט האָט נאַכמען געגומען זיך צערעכענען מיט זיַינע אַדיוטאַנטן אַף זיַין אויפן:

— איינציקוויַיז וועל איך איַיך מיט אַ קאָפּ מאַכן נידעריקער!

דער אַטאַמאַן וואַרפט זיך אין אַלע זיַיטן. ווען ער רוקט אונטער אַ צונויפגעקלעמטן פויסט און ווען ער טוט אַ שטויס אָפּ פון זיך. קיינער קאָן אים אין אָט דער פאַרביטערטער מינוט מיט גאָרניט צוטרעפן.

— פון מיַינע הענט, — שרעקט ער, — דרייט מען זיך גרינג ניט אַרויס. ווען עס קומט שמיַיסן, ווייט מען שמיַיסן אָן טערוצים, און ווער עס האָט פאַרדינט, מע זאָל אים קאַטעווען, ווייט מען קאַטעווען...

וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? פון אָנהייב איז מיר שווער געווען צו פאַרשטיין. שפּעטער ווערט דער איניַין פאַר מיר קלאָרער. העכער אַ העלפט כעוורע פון דער כאָפּטע האָט געזאָלט געהיים נאָכלאָקערן בא דער הרעבליע דער קאָמפּאַניע יינגלעך פון „זאַראַס" — די, וואָס וווינען פון יענער זיַיט ראָס. מע האָט געדאַרפט הינטנאַרומער פאַרגיין די „זאַראָסיער" אין רוקן, דערנאָך אומגעריכט אופהייבן אַ געשריי, פאַרטומלען זיי די מויכעס און טריַיבן צו דער בריק. דאָ האָט אָפּגעוואַרט נאַכמען מיט אַ קלענערער מאַכנע שלעגער, דערפאַר אָבער סאַמע די פלינקסטע און שטאַרקסטע, וואָס קענען אויסהאַלטן דעם סוינעס קלעפּ, אויסשטיין געפערלעכע אַטאַקעס, דער־נאָך דערלאַנגען אַ קלאַפּ, אַז מע זאָל פאַרזאָגן אַ צענטן... אַזוי איז געווען אויסגעאַרבעט דער פלאַן פון פריִער. אָבער אַז אַלע יינגלעך ביזן לעצטן האָבן זיך געלאָזט ניט צו דער הרעבליע, נאָר צו דער בריק, האָבן די „זאַראָסיער" געהאַט אַ מעגלעכקיַיט אָפּצוטרעטן פראַנק־און־פריַי. דאָס, וואָס נאַכמען מיט זיַין קליינער קאָמפּאַניע איז אויסגעשטאַנען דאָ אַף דער בריק, איז ניט צו באַמאָלן. ניט איין שטיין האָט ער געכאַפּט אין קאָפּ, פונעם פּאָנעם איז גערונען בלוט.

דער אויסגעאַרבעטער פלאַן צו פאַרטיליקן דעם פיַינט איז צו שטאַנד ניט געקומען. און אַלץ איבער וועמען? איבערן געלן פּאַליק. אַ סוואָרע, אַז ער זאָל האָבן אָפּגעטאָן דעם אַטאַמאַן

אף טערקיש... איך מיין, אז דער געטרײַער דינער האָט פּאַשעט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דער אַטאַמאַן האָט אים באַפוילן. און ווײַטער ווער ווייסט, וואָס בא יענעם אין הארצן טוט זיך? דערווײַל האָט ער געכאַפּט דעם ערשטן פײַערדיקן פליאַסק. א פאַרדינטער צי ניט פאַרדינטער, — דאָס וועט מען שפּעטער זען. ווייסן ווייסט מען, אז ער האָט געדאַרפט פירן די כאַליאַסטרע דורך דער הרעבליע, און ער, דער געליימטער מאַלאַדיעץ, האָט, ווי א פאַרעטער, זיי געטריבן צו דער בריק.

צוריקוועגס איז מען ווי די אָפּגעשמיסענע געגאַן צעוואָרפן, טיטשקעסווײַז, די קעפּ אַראָפּ־געלאָזט. עמעס, רעכענען רעכנט זיך עס ניט פאַר קיין מאַפּאַלע, נאָר דער דיביניצער האָט ביז איצט נאָך ניט געוווּסט פון אזעלכע דורכפאַלן. די, וועלכע האָבן זיך פאַרזינדיקט, וועט ער האַרב באַשטראָפן אָדער אינגאַנצן באַזײַטיקן.

כ'האָב זיך געשלאָגן מיט דער דייע, בלײַבן צי ניט בלײַבן בא נאַכמענען אין דער קאָמ־פּאַניע. מיר געפעלט שטאַרק די דרייסטע האָפערדיקע כעוורײַע, דער דיביניצער כוואַט שוינט נישט ניט זיך און ניט אנדערע, אָבער דערפאַר האָט זיך נאָך ניט געפונען קיין צווייטער ביז איצט, וואָס זאָל אים קאָנען בײַקומען. דערווײַל, ביז עפּעס וואָס האָט זיך געפונען א ווערעמדיק יינגל, וואָס האָט געוואָרפן אף מיר אן אומכיין און פאַרמאַסערט מיך פאַר נאַכמענען, אז איך בין ניט קיין זייעריקער.

— ביסט אן אונטערגעשיקטער? — כאַפּט מיך נאַכמען בא דער האַנט און קוועטשט ארײַן דעם גראָבן פינגער אין מײַן לײַב, דאָרט, וווּ עס שלאָגט דער דויפעק. — ביסט אן אונטערגע־שיקטער? דו פאַרעד מיר ניט די ציין. זאָג: פון וועמען?

דעם כאַלעף־שאַרפן בליק האַלט איך אויס. איך קוק אים אויך גלײַך אין די אויגן ארײַן, ווײַז קיין סימען ניט, אז דער ארײַנגעקוועטשטער אין מײַן לײַב פינגער פאַרשאַפט מיר א שרעקלעכן ווייטעק. דעם דיביניצער פאַרדריסט ביז גאָר, פאַרוואָס רײַסט זיך בא מיר ניט ארויס קיין קרעכץ. ווען איך צעוויין זיך, וואָלט אים מיסטאָם געוואָרן גרינגער אף דער נעשאָמע. אָבער דאָס גראַדע וועט ער בא מיר ניט פויעלן. א מאַקע!

— זײַ זיך מוידע, — קריצט ער מיט די ציין, דערנאָך נעמט ער שפּאַנען גלײַך אף מיר. איך טרעט פּאַמעלעך אָפּ הינטערווײַלעכס, ביז ער שפּאַרט מיך צו צו א ציגל־וואַנט, ווײַזט א געזונטן אײַזערנעם פויסט.

— זעסט? דאָ אפן אָרט וועל איך דיך מיימעסן. זאָג! רעד! דערציייל! צי דו ווילסט בלײַבן א שטומער? בי־י־ינדן! אויסטאַן נאַקעט און אים בינדן!

אפן דיביניצער קאָן מען זיך אַלץ ריכטן.

אָן לאַנגע שיִעס טו איך אַליין אויס דאָס העמדל. מײַן ווידערשטאַנד, פאַרשטיי איך אַליין, איז דאָ איבעריק.

אַלע כאַלעשן ווײסן, ווער בין איך, פון וואָס פאַר א גאַס? ווער האָט מיר געהייסן ארײַנדרינ־גען אינעם דיביניצערס כאַיל? אויב ס'איז אן עמעס, אז איך בין געקומען פרײַווילִיק, אָן בייזע קאַוואָנעס, פאַרוואָס זשע האָב איך גלײַך ניט געמאָלדן, וועמען מע דאַרף מעלדן?

— לײַגסט!

— אויב מײַן וואָרט איז בא אײַך קיין וואָרט ניט, איז טוט מיט מיר, וואָס איר ווילט. ס'איז אײַער זאַך. נאָר וואַרפט מיך ניט איבערן פּלויט... — טו איך זיך לײַכט א כאַכמע.

— שווײַג! ביסט א געפאַנגענער!

הערט נאָר א פּאַטעפאַלנאַסט, טאָמער וועל איך ניט אנערקענען מײַן שולד, וועט מען מיך פירן א נאַקעטן איבער דער שטאָט.

אָט־דאָ, אויסער דער שטאָט, אינעם קליינעם אַראָפּגעלאָזטן יאַרל, געדיכט ארומגעוואַקסן מיט ביטערגראָז, הינטישער פּעטרישקע, געפינט זיך דעם דיביניצערס קאָמאַנדע, פאַנאַנדערגע־טיילט אין רינגען און אין מאַכנעס. יעטווידע פון זיי האָט זיך זײַן קאָמאַנדיר, אָבער דער העכסטער קאָמאַנדיר, וואָס האָט צו שאַפן איבער אַלעמען, איז נאַכמען אַליין. און אָט ער האָט עס ארויסגעטראָגן די האַרבע שטראָף איבער מיר.

די רעכטע האַנט באַם דיביניצער איז מאָטעלע זוויגילסקי פון דער קאַראַטשענע, א זשוואַ־ווינק נעפעשל, דורכגעטריבן ווי צען רוכעס. מיט אַלעמען איז ער א טײַערער גוטערברודער. נאָר אין די אויגן איז ער איינס, הינטער די אויגן איז עס גאָר אן אנדער מאָטעלע. דער „יאָ" מיטן „ניין" איז בא אים געשפּאַנט אין איין פּאָר.

אין דער דיביניצער קאָמאַנדע רופט מען אים „דאָס וויזעלע". אָט דאָס וויזעלע גיט עס אוף דעם אַטאַמאַן אַלע קלוגע געדאַנקען און פּלענער.

— הערסט, נאַכמען, — רופט זיך אָן מאָטעלע, — ס'א כאַרפּע אים פירן אָדאָם־נאַקעט... דערנאָך וועט מען זאָגן אף אונדז דער רועך ווייסט וואָס. נאַכמען, מיר דאַרפן עס אף קאַפּאַרעס,



זאָל ער אַרײַנטראָגן עפּעס קליינגעלט אָף זעלצערוואַסער, און פּאַטער אַן אייסעק. ניט קעדײַ אײַנשמירן די הענט.

דערוף ענטפערט נאַכמען:

— ס׳קאָן זײַן, דו ביסט גערעכט, אָבער מיר געפעלט ניט זײַן אַקשאָנעס. קיין האַלב וואָרט וועסטו בא אים ניט אַרויסציִען. א געפאַנגענעם לאָזט מען פרײַ, נאָר אן אונטערגעשיקטן דאַרף מען אָפן אָרט פלעטן דעם קאָפּ.

— פונוואַנען נעמסטו, נאַכמען, אַז ער איז אן אונטערגעשיקטער?

— אין דעם באַשטייט דאָך די גאַנצע צאָרע, וואָס איך ווייס ניט פּינקטלעך. ווען איך זאָל וויסן אַקוראַט, אַז דאָס איז א שפּיק, וואָלט דער שמינדרעק אַרויס פון מײַנע הענט בלאָוו. ווייסטו וואָס, מאָטעלע? האָב דו מיט אים צו טאָן, — וואַרפט נאַכמען אָפּ מיט דער האַנט, — מיר איז ער דערעסן געוואָרן.

קוידעמקאָל האָט „דאָס וויזעלע" פאַראָרדנט צוריק מיר אומקערן דאָס העמדל מיט די הייזלעך.

— מירן רעדן, — זאָגט ער, — אויג אָף אויג, נאָר מיט איין טנײַ, ניט געבאַרעט. ווילסט בלײַבן אין אונדזער קאָמפּאַניע?

— ניין, — ענטפער איך אים קורץ און שאַרף.

אָף אַזא ענטפער האָט „דאָס וויזעלע" זיך ניט גערעכט.

— וואָס הייסט, דו ווילסט ניט? — קוקט ער מיך אָן פאַרכידעשט.

— אָ־דאָס הייסט...

מײַן קעגנשטעלן זיך וווּנדערט מאָטעלען ביז גאָר. די פיל צעשטעקטע נעדעלעך אין זײַנע גרינע אַגרעס־אויגן ווערן נאָך שאַרפער פאַרשפּיצט.

— פאַרוואָס ווילסטו ניט בלײַבן?

— פּראָסט און פּאָשעט, איך וויל ניט, און שוין. אײַער קאָמפּאַניע געפעלט מיר ניט... זעסט, וואָס פאַר א בלויע סיניקעס מע האָט מיר געלאָזט אָפן לײַב?

— אָסטאָראָזשנע, קלער זיך אײַן, — וואָרנט ערנסט „דאָס וויזעלע", — וואָס דו רעדסט. פאַרגעס ניט, אַז דערווײַל ביסטו בא אונדז אין די הענט.

— איך מיין ניט דיך, מאָטעלע, — כאַפּ איך טייקעף צוריק, — דײַן קאָמאַנדיר, — זאָג איך, — באַגייט זיך ניט אָרנטלעך.

— גערעכט. וואָס גערעכט, איז גערעכט, — שטעלט זיך דאָס כיטרע וויזעלע אָף מײַן צאַד. — אַז מע האָט לאַנגע הענט, שטופּט מען זיי... נאָר וואָס קאָנסטו מאַכן, אַזא טעווע איז שוין בא נאַכמענען, א מיִעסע טעווע — יעדער שטיקל סכוירע פרוּוון מיטן נאָגל.

— וואָס בין איך אים — אַ שטיקל סכוירע?

— היץ זיך ניט שטאַרק. וועדליק מיט אַנדערע, איז נאַכמען זיך מיט דיר באַגאַנגען בעפּיי־רעש לײַטיש, וואָרעם האָסט געקאָנט אָפּשנײַדן אַ סאַך ערגער, אַף מײַן וואָרט — ערגער.

איך זע דען ניט, ווי „דאָס וויזעלע" דרייט זיך אָפן קאָרעק? וואָס זשע וויל ער פֿאַרט פון מיר, אָט דער כיטרער מאָטעלע זוויגילסקי. נאַכמענס רעכטע האַנט? נאַכמענען גיט ער אָפּ דאָס גערעכטס, מיר גיט ער אָפּ דאָס גערעכטס, עפּעס וויל ער זיך נייטיקס דאַביוווען פון מיר...

— פּייסי פּאַרך פונעם סאַלאָן קענסטו?

— געהערט האָב איך פון אַזאַ נאָמען, נאָר אין פּאַנעם קען איך אים ניט.

— נו גוט, זאָל דערוויַיל זײַן אַזוי, ווי דו זאָגסט. און די ייִנגלעך פון זײַן קאָמפּאַניע קענסטו?

— לעמאָשל, ווּעמען?

— לעמאָשל, דאַווידל גראַנאַט, אַרל טשאַד, פּיני זשאַבע...

— מאָטעלע, האָסט אַ טאָעס, — שלאָג איך אים איבער, — דאָס זײַנען דאָך אַלע כעוורע פון דער קאָרסונער גאַס.

— גאָר אַ קליינער כילעק. קאָרסונער גאַס, סאַלאָן, — וויל „דאָס וויזעלע" לאַנג ניט ברײַען, — ס'איז אַלצייינס ווי אַן אויוון מיט אַ פּריפּעטשעק. די ייִנגלעך האַלטן זיך דאָרט פון שטענדיק אָן אינייַנעם, באַ זיי איז איין האַנט, דאָס גראָדע ווייס איך בעסער אַ ביסל.

— די קאָרסונער גייען אַלע אין שול.

— וואָרט צו, — טוט ער זיך מאָדנע אַ קנייטש, — דאַפּקע ניט אַלע. נו גוט, וואָס זשע איז דערפון געדרונגען, אַז זיי גייען אין שול? אַ שיינער סימען... פון אונדזער קאָמפּאַניע גייען אויך אייניקע אין שול, ווער אין דער אוקראַיִנישער און ווער אין דער ייִדישער. פּירן מיר קיין מיל־כאָמע ניט?

— דער דיביניצער גייט אויך אין שול? — איז מיר זייער ציקאַווע וויסן.

— מיט נאַכמענען לערנט מען אין דער היים. אַ מעלאַמעד און אַן אוטשיטעל פּאָ ווסיעם פּרעדמעטאַם. דאָס לערנען קומט אים אָן שווערלעך, באַ אים איז אַ דיביניצער קאָפּ, — טוט „דאָס וויזעלע" אַ קורצן פּכיקע אין זשמעניע אַרײַן.

— מאָטעלע, און דו אַליין לערנסט ערגעץ?

— יאָלד מאַקאַראָווער, צו וואָס לערנען? — לאַכט ער זיך פון מיר אויס. — אינגיכן ווער איך אַ באַלעגאָלע. אָסיען־צײַט, האָט די מאַמע מײַנע אָפּגערעדט, שטעל איך זיך באַ נאַפּטאָלען פּאָר אַ שמײַסער. איך האָב ליב פּערד דאָס כײַעס. אַלע פּאַרנאָכט גיי איך אַראָפּ צום טײַך באָדן דעם גניאַדן. נאַפּטאָלע זאָגט אַליין, אַז דער גניאַדער ווערט נאָך מיר די קאָפּאָרע. מיט מיר ווערט דאָס פּערד גיין אין פֿײַער און אין וואַסער.

מיטאַמאָל האָט מען אָנגעהויבן קלינגען אין אַ שטיק רעלס, וואָס הענגט אַף אַ פּאַרטריקנטער צווײַג.

— מאָטעלע, ס'איז באַ אײַך אַ טרעוואָגע?

— לאָקש איינער, דאָס גיט מען צו וויסן די יאַטן, אַז ס'איז שאַבאַש, אָפּרו. ווער עס וויל, קאָן גיין אַהיים.

— און איך קאָן אויך גיין אַהיים?

„דאָס וויזעלע" האָט זיך גענומען דרייען אָפן קרעמפּעלעץ. עפּעס קווענקלט ער זיך צופּיל, זוכט פּוילע טערוצים.

— ווועסט גיין אַ ביסעלע שפּעטער, — קוועטשט ער זיך אויס מיט אַ צוליבטועדיקן קנייטש, — פּאַרשטייסט, ווי די מײַסע זאָל ניט זײַן, מוזסטו באַצאָלן עפּעס וואָס שטראָף. אַזאַ פּאַריאַדעק איז באַ אונדז אײַנגעפירט. עס מעג זײַן אַ קלייניקײַט, אַפּילע גאָר אַ קלייניקײַט. וואָס האָסטו באַ זיך אין די קעשענעס?

— אַן אויסגעקרימטן פּראַפּנציִער.

— וואָס נאָך?

— אַן אייגל פון אַ בריל. אַ צוויאַק מיט אַ שליסל...

— אָט־אָט, — טוט ער זיך אַ כאַפּ דערפרייט, — דאָס דאַרפן מיר. דעם צוויאַק מיטן שליסל גיב אָפּ. דאָס רעכנט זיך געווער. געוווער נעמט מען צו, אַזוי איז אײַנגעפירט אומעטום, דאָס הייסט — מע האָט דיך אַנטוואָפנט.

ניין, מאָטעלע, דאָס הייסט, פּאָשעט גערעדט, צוגענומען.

— ווײַז איצט, וואָס האָסטו נאָך דאָרט, אין דער לינקער קעשענע.

פון דער לינקער קעשענע צי איך אַרויס אַ האַלב ביינערן קעמעלע, אַ היפּשע געזונטע קנאָפּקע פון אַ בײַטעלע און אַ ניקעלירטע פּריאַזשקע. צי וויל ער יאָ, צי וויל ער ניט גלייבן, נאַכמענס פליגל־אַדיוטאַנט, דאָס איז מײַן גאַנץ פאַרמעגן.

— מער האָסטו גאָרניט? דאָס אַלץ, וואָס איך זע פאַר די אויגן, איז רעקווירירט, ניט דײַנס און ניט מײַנס... און אַצינד מאַרש אַהיים!

איך בין געלאָפן אַהיים, ווי פון אַ מאַגייפע.

ציקאַווע צו וויסן: וואָס טראַכט דער כאַווער יאַקאָוו וועגן די פיל און פיל קאַפּטעס גאַסן־ייִנגלעך, וועמען מע דאַרף שטעלן אַף די פיס און ברענגען צו אַ טאַכלעס?

דער טײַערסטער אוצר — ביכער

ב'האָב אָנגעטראָפן אַף אַ גאָלד־גרוב. אַן עמעסער אויצער — ביכער...

אָבער דורך וואָס פאַר אַ וועג קריגט מען די דאָזיקע ביכער? איך ווייס ניט, ווי פאַר וועמען, נאָר פאַר מיר איז עס געווען גאָרניט פון די לײַכטע זאַכן.

קוידעמקאָל האָב איך צו פאַרדאַנקען יאַנקעוו־יאָסל דעם סטאָליערס ווײַב (זי איז בא אים די צווייטע און עפּשער די דריטע), כ'מיין דאָ די שאַכנטע אונדזערע, גענענדל. מײַן מאַמע פירט מיט איר אַלע אַפּדערנאַכט געמיטלעכע שמועסן לעבן דעם נידעריקן אָפּצוים אונטערן ווילד צעצווײַגטן בארנבוים. דאָס איז אַ מין ווײַבערישע פאַרברענגעניש. די סטאָליאַריכע שטעלט אַוועק פון יענער זײַט אַ פוסבענקעלע, מײַן מאַמע — פון דער זײַט, און מע קאָן אַזוי אַרײַנזיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן.

די געוועזענע סאַרווערן גענענדל (הײַנט רופט מען זי שוין די סטאָליאַריכע) איז אַ ביז גאָר הייסע ליבהאָבערן צו לייענען. אין שאַמערן איז זי פאַרקאָכט סאַקאָנעס־נעפּאָשעס, צוליב שאָ־מערס אַ ליאַדע ראָמאַן־ביכל איז זי קאָפּאַבל אײַנלייגן וועלטן. כוץ דער טכינע און שאָמערס ראָמאַנען, זאָגט זי, דאַרף זי קיין שום ספאָרים ניט. מאַמעש צום שטוינען, מיט וואָס פאַר אַ ציטער אין האַרצן זי לייענט פאַר דער מאַמען די אַלטע אויסגעקראָכענע בלעטלעך. ס'נאָך ניטאָ וואָס צו וויינען, און זי, די סטאָליאַריכע, גיסט שוין הייסע טרערן.

אַנומלטן טרעפט, אַז יאַנקעוו־יאָסלען פאַלט אַרײַן אַ שטיקל אַרבעט — שטעלן נײַע הילצערנע קאָרבן בא עלכאָנען דעם מוטשניק אין דער מעל־קראָם. עלכאָנע דער מוטשניק איז אַן עלטערער מענטש, אַ פרומער ייִד, מיט באָרד־און־פּייעס, אונטערן קאַרטוז טראָגט ער אַ יאַרמלקע. בעטעווע אַ רויקער, אַ שטיל־געלאַסענער, ער וועט, כאָלילע, קיינעם ניט אָפּנאַרן אין דער וואָג, פירט פון קאַדמוינים זײַן סאָכרישן האַנדל בעדערעך יושער. מעג אָפן מאַרק זײַן אַן ענג שטיקל צײַט, וועט ער דעם מעקעך ניט העכערן. אַ וואָרט איז אַ וואָרט. רעב על־כאָנען גלייבט מען, ווי מ'גלייבט זיך אַליין. בעפּיירעש אַן אָרנטלעכער ייִד, מיט מידעס־טויוועס, אָבער, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, אַ קאַמצן. כאָלילע ניט פון די, וואָס ציילן די גרויפּן אין טאָפּ, נאָר ער גייט מיט דעם אַלטן קלאָל: פאַרשפּאָרן דעם גראָשן איז אַלציינס, ווי פאַרדינען דעם גראָשן, אָדער, ווי ער זאָגט: גוט און ווויל איז צו דעם, וואָס קאָן אַן גנייווע און גזילע מאַכן פון אַ קאָפּעקע אַ קערבל.

דער סטאָליער ווייסט ניט פון קיין כאָכמעס, ער בעט אַן אַדערוף — מע דאַרף ברעטער, צוועקעס, קלײַ און טאַקע פירן די שטוב־הויצאָע אויך. ווי דען אַנדערש?

— אַן אַדערוף... מ'צאָ... אַן אַדערוף, — קנייטשט זיך דער אַלטער קאַמצן, — נו יאָ, אַוואָדע, איך פאַרשטיי...

רעב עלכאָנע הייסט דעם סטאָליער, ער זאָל זיך מאַטריזעך זײַן אַרײַנקומען אָדער עמעצן אַרײַנשיקן צו אים אַהיים אַרום דאָנערשטיק, מירצעשעם. דאָרט, בא זיך אין שטוב, וועט ער געבן עפּשער אַ העלפט פונעם אָנגעבאָטענעם אַדערוף.

אָפּנעמען אַ כויוו, כאַפּן אַ גמילעסכעסעד, צובאָרגן אין אַ קראָם אָדער גיין לאָדן זיך צווישן מענטשן איז די סטאָליאַריכע גענענדל געווען אַ מאַזיק — אַ בעריע. זי האָט זיך קיינמאָל נישט אומגעקערט מיט ליידיקס. יאַנקעוו־יאָסל בארימט זיך, אַז דאָס ווײַב זײַנס, ווי איר קוקט זי אָן, קאָן אַפילע צוטרעטן צום העכסטן מיניסטער.

— מײַן פּלוינעסטע, זאָל לעבן און געזונט זײַן, איר שפּילט זיך מיט מײַן פּלוינעסטע! — לויבט דער סטאָליער דאָס ווײַב זײַנס אין טאָג אַרײַן. — אַן עמעסע איישעס־כאַיִל, אַ כאַכאָמע איינע אין דער וועלט, זי וועט איבערקליגן הונדערטער מאַנצבלען.

ווען די סטאָליאַריכע איז געקומען אינעם אָפּגערעדטן דאָנערשטיק צום אַלטן מוטשניק אין שטוב אַרײַן נאָכן אַדערוף, האָט זי אין הויז־קאָרידאָר געטראָפן אַ יונגנמאַן, מיט אַ הויכן שטערן

פון א יעדייע־סייפער, שטיין איבער א גרויסן קאַסטן ביכער. אַלטע און נײַע, מיט טאָוולען און אָן טאָוולען, דיניקע און גראָבע.

— ס'האָט מיך אַרומגעכאַפּט, ניט פאַר אײַך געדאַכט, א קאַדאַכעס־טרייסלעניש, — דער־ציילט גענענדל מײַן מאַמען מיט א הייסן אָטעם. — עפּשער, קלער איך, געפינט זיך אינעם קאַסטן עפּעס וואָס שאָמערס... א ראָמאַנטשיק... איך שטעל מיך אײַנעט און טו אים א פרעג, דעם יונגנ־מאַן, אײדל, שטיל: „געפינט זיך בא אײַך ניט, צום גליק, אין „נויעכס קאַסטן" דאָס, וואָס מיר איז צום הארצן?" — „דעהײַנע"; — ווארפט ער אַף מיר, דער יונגערמאַן, א ליבן, פרײַנטלעכן בליק. „דעהײַנע? ס'מעג אפילע זײַן, — זאָג איך, — פון שאָמערס ביכלעך". אָך, אַז דער יונגער־מאַן איז אַרײַן אין גרימצאָרן! איר האָט אים נאָר געמעגט אָנקוקן. מאַמע מײַנע, ווי דערנעמט זיך צו א יונגן מענטשן אַזויפיל קאַס? איך בין געבליבן טויט־דערשראָקן, א בייז באַפאַלעניש איז אַף אים אָרוף, אָט כאַפּט אים אָוועק די כאַראָבע. „שאָמערן ווילט איר? — שרײַט ער. — שאָמערן? און ס'איז אײַך גאָר קיין ביזאָיען ניט?" וואָס זאָגט איר דערוף? גלײַך ווי איך האָב אים אָפּגעגאָסן מיט זודיקן אָקרעפּ. א מעשוגענעם מעג מען אויסשרײַבן און אים אַרײַנשרײַבן. אַזוי ווי ער האָט געהאַלטן דעם פּאַק ביכער, טוט ער אים א זעץ אין דר'ערד אַרײַן: „אָט דעם שונד? איר זוכט שאָמערס א שמאַטע? פע, א כאַרפּע!" — „וואָס אַרט אײַך, — רוף איך מיך אָן, — זאָל זײַן שמאַטע, זאָל זײַן שונד, אַבי גיט נאָר אַהער..." טוט דער יונגערמאַן מיר א טיטשע אַרײַן אין האַנט א קליין דאַר ביכעלע: „נאַט, לייענט איבער „שאָמערס מישפּעט", לייענט און קוויקט זיך..." פּאַשעט א פּאַרמאַלנער צעדרייטער, זאָג איך אײַך. מיילע, אַבי כ'האָב אַרויס־געריסן בא אים דאָס ביכל פון די הענט, מער דאַרף איך ניט. איצט קאָן איך גיין נאָכן אַדערוף.

רעב עלכאָנע אַליין איז געזעסן אָפּגעזונדערט אין א שטילן זײַטיקן ציידער, פּאַרטיפט איבער א סייפער, ווי דער שטייגער זײַנער איז. ווי נאָר איך בין אַרײַן צו אים, האָט ער גלײַך דערזען, דער אַלטער לאַמדן מיט די האַלב צוגעמאַכטע אויגן, וואָס איך טראָג, טוט ער א פרעג: „האַלט איר בא זיך ניט צומאָל קיין האַגאָדע פאַרן מאַן צי עפּשער א מעגילע?" — „ניין, רעב עלכאָנע, — דערצייל איך דעם אַלטן מוטשניק, ווי דער עמעס איז, — ס'א טײַטש־ביכל". — „ע, — מאַכט ער אָוועק מיט דער האַנט. — טרייף־פּאָסל... כ'וויל דערפון ניט וויסן". — „אײַער זון, זאָל געזונט זײַן, — רעד איך אין אים אַרײַן, — האָט זיך מעראַכעם געוועזן אַף מיר, קוים געפּויעלט דאָס דאָזיקע ביכעלע אַף א פּאָר טעג... פון פּאָרנט, אין קאָרידאָרל בא אײַך, שטייט קיין אײַנהאָרע, א פולער אָנגעטאָסעוועטער קאַסטן מיט קאָלערליי ביכער". — „כ'וויל דערפון ניט הערכן, — פּאַרשטעלט ער דאָס פּאָנעם, — א הולטײַ, אַן אַפּיקוירעס. אַז ער פּאָרט אָוועק, בין איך זיך עמעס מעכײַע. זאָל ער זײַן געזונט און שטאַרק ביז הונדערט צוואַנציק יאָר, נאָר ערגעץ אַנדערש, כ'קאָן אַפילע ניט לײַדן דעם רייעך פון די ביכער זײַנע".

— וואָס וועל איך אײַך זאָגן? דער סאָף איז נאָך שענער פונעם אָנהייב, — טיילט זיך גע־נענדל מיט מײַן מאַמען אַפּן צווייטן צי אַפּן דריטן אָפּדערנאַכט, טאַקע זיצנדיק באַם נידעריקן פּלויטל אונטערן ווילדן באַרנבוים, — ווי נאָר כ'האָב א מיש געגעבן דאָס אויסגעבעטענע ביכל, איז מיר גלײַך פינצטער געוואָרן אין די אויגן. לאָזט זיך אויס, אַז ס'איז גאָר א קריטיקע אַף שאָמערן, און נאָך וואָס פאַר א קריטיקע. ער לייגט אים אַרײַן נײַן איילן אין דער ערד, אָט דער שאָלעם־אַלייכעם מיט זײַן לאַכערײַקע. אײַ, שלאָגט ער מיט אים קאַפּאָרעס, ווי אַן עמעסער ראָשע. פאַרוואָס, פרעג איך אײַך, איז ער אין אים זיך אַזוי נויקעם? מיינט איר עפּשער, שאָמער איז קלענער געוואָרן אין מײַנע אויגן? האָט איר גרײַלעך א טאָעס!

זעט אויס, אַז מײַן מאַמע האָט אויך א שטיקל אַנונג וועגן שאָמערן.

— מאַכט פון אים ניט קיין צימעס, — זאָגט זי צו גענענדלען, — גאָר א קליינע מעציע איז אײַער שאָמער. ער טראַכט אויס אַזעלכע פּוסטע מײַסעס, מאַמעש סע שלאָגט צום האַרצן. זײַנע באַסמאַלקעס, מיט די פאַרקישעפטע שלעסער האָט ער אַפילע אין כאָלעם ניט געזען.

— ריבוינעשעלוילעם! — רופט אויס די סטאָליאַריכע אויסער־זיך. — צי איך בין מעשוגע, צי איר זײַנט דול.

רעב עלכאָנעס זון מיט זײַן קאַסטן ביכער איז ניט אַף א קאַטאָוועס מיר אַרײַן אין נאָז. די גאַנצע צײַט קלער איך, וויאַזוי געפינט מען א וועג צו אים. זײַן נאָמען ווייס איך שוין: מע רופט אים אַרל סקליאַר. ניט איין מאָל גיי איך אומיסטן פאַרבײַ דעם מעל־קרעמערס פענצטער, קוק אַרײַן אין יענעם קאָרידאָרל, ווו עס שטייט דער קאַסטן. אין געוויסע שאָען זע איך, ווי ער אייסעקט זיך, אַרל, בא די ביכער. סאָרטירט זיי, קלעפּט אונטער צעריסענע בלעטלעך, שטעלט זיי צונויף אין אָן אָרדענונג, שרײַבט אַרײַן אין א קאַטאַלאָגל די, ווײַזט אויס, נײַ־צוגעקומענע ביכער (איך האָב אַמאָל געאַרבעט מיטן כאַווער יאַקאָוו אין דער שטאָט־ביבליאָטעק, ווייס איך, וויאַזוי דאָס טוט זיך). מיר איז שטאַרק ציקאַווע צו וויסן, פונוואַנען נעמט ער די דאָזיקע ספאָרים. ווײַזט זיך אַרויס, אַז די זאַך איז א גאַנץ פּאָשעטע — פון דער פּאָטשט באַקומט ער זיי, די ביכלעך.

ער שיקט פריִער ארויס געלט אין פארשיידענע גרויסע שטעט, און פון דאָרט דערהאַלט ער אָף זײַן נאָמען גאַנצע פּעק ביכער. אָבער עלכאַנע, דער פרומאַק, וועט אים דאָך קיין געלט אָף טריף־פּאָסל ניט שטעקן, שאַפט ער זיך אײַן אַליין, אַרל, די קליינע הוצאָה פאַר זיך פון דעם, וואָס ער גיט פּריוואַטע לימודים.

אַנומלטן איז דער אַרל אַרויסגעגאַנגען מיט ליידיקע עמער פון דער שטוב און זיך געלאָזט גיין צום טײַך. אָט דאָ האָב איך אים איבערגענומען דעם וועג.

— איר ווילט, — רוף איך מיך אָן, — וועל איך אײַך אַ ביסל צוהעלפן. ברענגען אַן עמער וואַסער איז פאַר מיר גאָרניט שווער, אַ שפּילעכל, אַ שפּיַי...

מײַן ווילן צולאָנטשען זיך איז אים גאָרניט געפעלן געוואָרן.

— דו, — זאָגט ער, — טראָגסט צו זיך אַהיים וואַסער, און איך טראָג צו זיך אַהיים. העלפן העלפט מען אַ קראַנקן, אַן עלטערן מענטשן אָדער אַ שוואַכער פרוי.

וויַיט ניט קיין נאַר. פונעם ערשטן אויגנבליק האָט ער זיך אָנגעשטויסן, אַז איך גיי צו אים צו מיט כיטרעקייט. איך אַליין דערפיל מײַן פאַלשקייט. נייך, מיט אַרלען, מאַך איך בא זיך אָפּ, איז ניטאָ וואָס צו דרייען אַ לירע.

— גענענדל די סטאָליאַריכע, — דערצייל איך אים אָפן אויפן וועג צום טײַך דעם ריינעם עמעס, — האָט גענומען בא אײַך אַ ביכל „שאַמערס מישפּעט“.

— יאָ, — באַשטעטיקט ער, — זי האָט גענומען אַזאַ ביכל און געבראַכט צו דער צײַט.

— און זי האָט זיך געשמיצט מיטן ביכל, זיך געוואָרפן דערמיט.

— וואַרט נאַר, וואַרט! פונוואַנען ווייסטו? — קוקט ער מיך אָן פאַרכידעשט.

— איך ווייס, — זאָג איך, — וואָרעם יאַנקעוו־יאָסל דער סטאָליער און דאָס ווײַב זײַנס געגענדל וווינען מיט אונדז בישכיינעס, אַ שטוב איבער אַ שטוב. בא זיי איז טאַקע אַ שטוב ווי אַ שטוב, און בא מײַן מאַמען איז נאָר אַ קיך, אַ שטאַרק פאַרלאָזטע קיך.

— וואָס פאַר אַ שײַכעס האָט עס מיטן ביכל „שאַמערס מישפּעט“?

— ווײַל איבער אָט דעם ביכל, — אַנטפּלעק איך פאַר אים קימאַט ווי אַ מישפּאָכע־סאָד, — האָט די סטאָליאַריכע זיך צעקריגט מיט מײַן מאַמען אָף טויט. געגענדל האָט ליב לייענען שאַמערן מיט אַלע כײַעסן.

— נו און דו, — מאַכט ער, — ווען האָסטו ליב לייענען?

אָף אַזאַ פראַגע האָב איך זיך ניט געריכט. כ'ווייס אים פּאָשעט ניט וואָס צו ענטפערן. שאַ, יאָ, פּלוצעם פאַלט מיר אײַן: „יינגל־צינגל כוואַט“. און איך שטעל מיך אַוועק אָף אַ דערבײַיִקן שטיין, רוף אויס אָף אַ קאָל, ווי די קינדער פון קינדערהויז טוען עס אין אַרבעט־פּאַלאַץ אָף דער ברייטער בינע:

י י נ ג ל ־ צ י נ ג ל כ וו א ט!

כ'האָב אַ מײַסטעלע אַ שיינע
פאַר די קינדער מײַנע קליינע.
זײַט זשע, קינדער, שטיל און שאַ,
ס'איז מײַן מײַסטעלע אַזאַ.
ערגעץ ווײַט, ווײַט־ווײַט פונדאַנען,
צוצוקומען ניט מיט באַנען,
ניט מיט שיפן, ניט מיט פערד —
ערגעץ אָף אַ ווײַטער ערד...
האָט זיך איינמאָל דאָרט געטראָפן,
אַז דער זומער איז אַנטלאָפן,
נו, איז וואָס איז דאָ די שרעק,
אַז דער זומער לויפט אַוועק?..
נאָכן זומער קומט דער ווינטער... ווי־י־ינטער...

קומט צום וואָרט „ווינטער“, שטעל איך זיך אָפּ. דאָ פאַרהאַק איך זיך שטענדיק. כ'האָב ניט ליב דעם ווינטער. אַרל באַווייליקט מײַן לייענען, וואָס הילכט אָפּ, ווי שרויט אין אַ פּײַקל.

— ביסט דאָך אַ מאָלאָדיעץ! ווייסטו כאָטש, ווער ס'איז דער מעכאַבער?

לאַנג פאַרקלער איך זיך ניט און ענטפער:

— די מומע מאַניע.

— און דער פעטער לייב, — גיט ער צו מיט א שמייכל, — דאָרט, וווּ ס'איז פאַראַן א מומע, מוז דאָך וואָדע זײַן א פעטער.

טאַקע, ריכטיק. אפֿן טעוועלע איז אָנגעשריבן אי מאַניע, אי לייב.

דאָ צעלאַכט זיך אַרל געשמאַק, ער לאַכט אַזוי, אַז זײַנע קליינע אייגעלעך ווערן אינגאַנצן פאַרשווּנדן, די וואַסער אין עמער ציטערט אַזש אָפּ.

אָר־וואָ, רעכט אַרײַנגעכאַפּט זיך, ווײַזט אויס, כ'האָב געמאַכט גאָר א גראָבן גרײַז. איך שטיי ווי א לעקיש, פּינטל מיט די אויגן און וויל זיך באַגראָבן לעבעדיקערהייט.

אָנגעלאַכט זיך, וויפֿל ס'איז אין אים אַרײַן, גיט ער מיר ענדלעך צו דערקלערן:

— מאַני לייב איז ניט קיין נאָמען פֿון א מומע צי א פעטער. מאַני לייב איז א יִדישער שרײַבער. אַזאַ ייִנגל ווי דו, וואָס קאָן אָף אויסווייניק זײַנע מײַסעלעך, מעג וויסן דעם ריכטיקן נאָמען פֿונעם מעכאַבער, און אויב ער ווייסט ניט, שאַט ניט, ער זאָל א פרעג טאָן.

זײַן ליבער רויִקער טאָן איז מיר געווען צום האַרצן. אָף אַרלס הויף פּאַריסענעם שטערן האָבן זיך געזעצט טראָפּנדלעך שווייס. דער טאָג איז א שיינער, דער הימל געלײַטערט, קיין פּיצל כמאַרעלע ניט צו זען, און אַרל איז אַזוי ווי אַרויס פֿון א נאַרוואָס דורכגעלאָפּענעם רעגן, ער איז, קאַנטיק, ניט גאָר קיין געזונטער.

— טפֿו... ווי די זון סמאַליעט עס א ביסל, — פּאָכט ער אָף זיך מיט א נאָזטיכעלע, — ס'באַקט, ווי אין א קאַלך־אויוון.

אַז מיר זײַנען געקומען פֿאַר דער שטוב צום קרומען מעשופּעדיקן בערגל, האָב איך בא אים קימאַט מיט גוואַלד איבערגענומען איין עמער וואַסער.

אַרל איז ניט צופֿרידן. ער שרײַט אָף מיר אָן:

— שטעל צוריק אַוועק דעם עמער. ס'איז ניט פֿאַר דײַנע קויכעס. וועסט זיך נאָך אונ־טערײַסן!

ביז עפּעס־וואָס בין איך שוין געשטאַנען מיטן עמער וואַסער אין דער הייך און געפּעכקעט א פֿאַרסאָפּעטער.

— איר האָט א טאָעס, איך בין גאָרניט אַזאַ שוואַכינקער, ווי איר מיינט.

אויסגעגאָסן דעם עמער וואַסער אין דער דייזשע, ניט ווײַט פֿון יענעם צויבער־קאַסטן, פֿרעג איך פֿריילעך:

— עפּשער נאָכאַמאָל?

— גענוג, — ענטפֿערט ער אָנגעבלאָזן, — איך בין ניט איינער אין שטוב.

בישטיקע, מאַמעש גנייוויש, האָט אַרל זיך אַרויסגעשלײַכט אָף די שפּיץ פֿינגער פֿון דער שטילער האַלב־טונקעלער קיך מיט א פֿײַדע ברויט, אָפּגעשניטן פֿאַר מיר א קײַלעכדיק ריפֿטל און פֿאַר זיך געלאָזט דאָס האַרטע הערביקל, אָנגעריבן מיט קנאָבל פֿון אַלע זײַטן, דערנאָך האָט ער אַרויסגעצויגן פֿון דער קעשענע, אײַנגעוויקלט אין א ריין פּאַפּירל, א היפּשן שטיק טוקענע שמאַלץ, ענלעך צו א הרודע צוקער, און עס צעטיילט אָף צוויי גלײַכע כאַלאָקים.

— און צום פֿאַרבײַסן, — רופֿט ער זיך אָן, — וועל איך דיר געבן א ביכל אָף אהיים. הײַנט איבערגעלייענט און מאָרגן געבראַכט.

— הײַנט איבערגעלייענט און הײַנט געבראַכט! — שרײַ איך א גליקלעכער אויס.

— א ביכל, — וואָרנט ער, — איז ניט קיין יאָדערן קנאַקן. אַז מע לייענט א בוך, דאַרף מען זיך גוט־גוט אַרײַנטראַכטן. דאָס דאַוונען קאָן מען נאָך איבערהיפּערן, ס'אָן אָפּקומעניש. אַלע טאָג איינס און דאָס זעלבע זאָגן ווערט דערעסן. א ביכל, זעסטו, איז גאָר עפּעס אַנדערש. דורכגעלאָזט א פּאָר זײַטלעך איז אַלציינס, ווי דו האָסט דעם בוך ניט געלייענט. אַרויסגעוואָרפֿן דײַן גאַנצע טירכע.

אַרויסגעגאַן בין איך פֿון אַרלען מיט א קליין דין ביכעלע פֿון וואַסערע זעקס־זיבן זײַטן — „נויעך און מאַרינקע".

פֿון דעמלט אָן גיי איך אַרײַן צו אַרלען אָפּטער און אָפּטער. ניט אַלעמאָל, ווען איך קום אַרײַן, גיט ער מיר ברויט מיט קנאָבל, פֿון טוקענער שמאַלץ איז שוין אָפּגערעדט, נאָר אָן א ביכל גיי איך ניט אַרויס. איך פֿיל זיך מיט עפּעס שולדיק פֿאַר דעם ליבן יונגנמאַן און וויל אים צאָלן מיט א טויווע פֿאַר א טויווע.

— איך וועל אײַך אַלע טאָג אַרײַנטראָגן וואַסער, — זאָג איך צו אים.

לעכאַטכילע האָט ער זיך געקוניטשט: „ס'איז פֿאַר דיר צו שווער, זאָגט ער, נישט פֿאַר דײַנע קינדערשע קויכעס, און כוץ דעם, האָב איך ניט ליב קיין מעשאַרסים, וואָס זאָלן מיך באַדינען... איך דאַרף עס ניט".

מיט דער צײַט איז ער אָבער געוואָרן ווייכער. איין טאָג געדונגען זיך, א צווייטן, און האָט

אָפּגעלאָזט די ווישקעס. וואָס קאָן דאָ זײַן פּאַשעטער: ער גיט מיר א בוך צום לייענען, און איך ברענג אים אין שטוב אריַין וואסער.

זינט מיר זײַנען אף שטומלאָשן דורכגעקומען, איז די דייזשע שטענדיק געשטאנען א פולע — פול ביז אן אויג.

א שטיק צײַט האָב איך ניט געוווּסט, אז עלכאַנע דער מוטשניק האָט נאָך א ייִנגל, ארלס א קלענער ברודערל. ער איז קימאט אין איינע יאָרן מיט מיר. מייערל רופט מען אים. דער מיזיניק וואקלט זיך צווישן אלטן טאטן, דעם פרומאַק, און עלטערן ברודער דעם אפּיקוירעס. מייערל איז קלוימערשט פרום, גייט אלע טאָג אין בעסמעדרעש דאווענען, אָבער נאָר דערפאַר, וואָס דער טאטע האלט איבער אים שטרענג האזשגאָכע, לאָזט פון אים קיין אויג ניט אראָפּ.

פארן עלטערן ברודער האָט מייערל גרויס יִיראַס־האקאָוועד.

— מײַן ארל, — בארימט זיך מייערל, — איז פאָטשטי א געלערנטער. מײַן ארל פארמאָגט א שארפן קאָפּ צו אלע פרעדמעטן.

אין מעשעך פון געציילטע טעג בין איך מיט מייערלען געוואָרן גוט באקאנט. אָבער קיין נאָענטע כאווערשאפט האָט זיך בא אונדז ניט געקלעפּט. עפּעס זײַנען מיר ניט קיין פּאָר...

גרויס האנאָע האָב איך, ווען ארל הייבט אוף די שווערע דעק פונעם קאסטן, ווי מע הייבט אוף דאָס דעכל פון א סוקע, שפּארט אונטער בא די זײַטן צוויי געשניצטע שטעקנס, וואָס מע מעג זיך אף זיי פארלאָזן, און נעמט איבערלייגן די ביכער. פאר די אויגן נעמען שווינדלען באקאנטע און אומבאקאנטע נעמען פון מעכאברים, ביכער און ביכעלעך: אנדערסען — „דאָס בלײַענע סאָלדאטל״; מענדעלע מויכער־ספאָרים — „מאסאָעס ביניאָמין האשלישי״, מארק טווען, דינעזאָן, יעכעזקל קאָטיק, ווײַסענבערג, קאָציובינסקי, טשעכאָוו... מע קאָן זיך דען אָנגעדענקען, וואָס סע געפינט זיך אינעם אומויסשעפּלעכן צויבער־קאסטן? ווען וועל איך דאָס אלצדינג איבערלייענען? קאָלזמאַן דער טײַך ראָס איז א טײַך און ארל סקליאר לעבט אף דער וועלט, בין איך באזאָרגט מיט ביכער אפן פולן מויל.

צום באדויערן, איז גיך געקומען א סאָף צו מײַנע פרײדן. אין איינעם א שיינעם טאָג האָט מען געכאפּט, יאַ־יאָ געכאפּט, ניטאָ וואָס זיך צו כידעשן, ארל סקליארן און מע האָט אים אוועק־געשיקט אף לערער־קורסן. דאָס איז געשען אזוי אומגעריכט, אז כ׳האָב אפילע ניט באוויזן זיך מיט אים געזעגענען.

וועדליק מייערל דערציילט, איז צו זיי אהיים געקומען דער כאוור יאקאָוו מיט א גרייטן באן־בילעט: „קלײַב זיך, ברודער־לעבן, אין וועג אריַין!״

— נו און דײַן ארל? — פרעג איך א דערשטוינטער. — דײַן ארל האָט געגעבן זײַן האסקאָמע?

— ווי דען? — ענטפערט מייערל מיט געבלאָזענער גײַווע. — וויפל קאָן מען אָנציילן אזעלכע געבילדעטע מענטשן אין שטאָט? דער פּאָליטפּראָסוועט וועט אבי צו וועמען ניט קומען מיט א גרייטן באן־בילעט. מײַן ארל, — זאָגט ער ווײַטער, — איז געוועזן אפן זיבעטן הימל. קיינער האָט אים אזוי גוט ניט צוגעטראָפן, ווי דער כאוור יאקאָוו.

דערווײַל ווארף איך א שטומען בליק צום ביכער־קאסטן. עס ווערט מיר צען לעכער אין הארצן. ער איז פארהאקט, פאריגלט, א ריזיקער שלאָס העגנגט, ווי דער סאמע גרויזאמסטער ועכטער, איבערן אויצער. ניטאָ ארל סקליאר, הייסט עס, אז ס׳איז ניטאָ קיין ביכער. ווער ווייסט, וויפל צײַט קאָן געדויערן, ביז דער באלעבאָס פונעם אויצער וועט זיך אומקערן...

זעענדיק מײַן פארלאָרנקײַט, רופט זיך אָן מייערל מיט א ראכמאָנעס־פּאָנעם:

— זײַ ניט באצאָרנט. איך זאָג דיר, זאָרג נישט. קאָנסט זיך ניצן מיט די ביכלעך, וואָס דער ברודער האָט מיר געשענקט. זיי ליגן בעסאָד־סוידעס באהאלטן אפן בוידעם. דער טאטע מײַנער טאָר דערפון ניט וויסן. כ׳האָב דאָרט אויך א צוגעשלאָסן קעסטל. — דערנאָך טוט ער גרינג א שאָקל די דייזשע, ווי איינער רעדט: אז ס׳וועט זײַן וואסער, וועט זיך געפינען א ביכל...

פאר זעקס עמער וואסער האָט מייערל ארויסגעטראָגן אונטער דער פּאָלע א ביכעלע פון וואָסערע אכצן זײַטן — „דאָס יאם־טעכטערל״.

דערפון האָב איך געמאכט מײַן אויספיר: מייערל איז גיכער ענלעך אף זײַן פאָטער, דעם מעל־קרעמער, ווי אף זײַן עלטערן ברודער, דעם שטילן אפּיקוירעס, וואָס האָט געפירט א שוויַיגנדיקע מילכאָמע אינוויניק אין דער פארפרומטער קאָמצאָנישער שטוב. מייערל וועט אויסוואקסן פון די שיינע לײַט, אף וועמען רעב עלכאָנע מעג לייגן האָפענונג, אז ער וועט מאכן פון א קאָפּעקע א קערבל...

קינדער, קינדער...
א וועלט מיט קינדער!

מווידעאָס, וואָס זײַנען פאַנאַנדערגעקלעפּט איבער דער שטאָט, אַף טעלעגראַפישע און עלעקטרישע סטויפּעס, אַף גלאַטע טויבע ווענט, אַף פראַנטאַלע טיר־און־טויער, רופן די אָרעמע קינדער זיך פאַרשרײַבן אין שול־היים. פון אזא מין סאָרט קינדער־אַנשטאַלט האָט מען אין באַרשעוו ביז איצט ניט געהערט. עפּעס מוז עס אוואַדע ליגן, אזוי דאַרף מען זיך מעשאַער זײַן, צווישן א געוויינלעכער שול און א קינדערהיים. דער נאָמען אַליין, „שול־היים", שטויסט דיך אָן אזוי צו טראַכטן. באַלאַנים, דאַנקען גאָט, אָנצו־קומען אַהין האָבן זיך געפונען מער מיט א ביסל, און איך, פאַרשטייט זיך, אויך.

— איצט איז געקומען דײַן צײַט, סאַפּקאַלסאָף האָסטו זיך דערוואַרט, — מוטיקט מיך דער כאַוער יאַקאָוו, — דו וועסט זײַן איינער פון די ערשטע קאַנדידאַטן.

דאָס פאַרשרײַבן זיך אין שול־היים איז פאָרגעקומען גאַנץ טומלדיק אין דער שטאָט־ביב־ליאָטעק „קולטור־ליגע". איך בין דאָרט געוואָרן א היימישער מענטש, א גאַנצער קאַל־וועלאָך, מיט אַלעמען געקניפּט און געבונדן. פאַרשטייט זיך, דאָס אַלץ אין זכוס פונעם כאַוער יאַקאָוו. איך בין געוואָרן זײַן פּאָסילנע. אָנרופנדיק עס מיטן עמעסן נאָמען, הייסט עס א שטיקל שאַ־לאַטן־שאַמעס. טאָג־אײַן, טאָג־אויס האָלט מען אין איין קומען זיך פאַרשרײַבן אין שול־היים. גאַנצע בינטלעך קינדער וואָלגערן אַרײַן, ווער מיט א מאַמע, ווער מיט אַן עלטערער שוועסטער צי א ברודער. קינדער — א יאַם! ייִנגלעך, מיידלעך, קלענערע און גרעסערע. מע האָט שוין אויסגעשריבן דרײַ גראָבע ביכער, און מע האַלט נאָך אין איין פאַרשרײַבן.

— קיין אײַנהאָרע... א פאַרפלייצעניש... — קלאָגט זיך דער כאַוער יאַקאָוו. — וואָס טוט מען מיט אזויפיל קינדער? ווער ווייסט, צי וועלן כאָטש צען פּראָצענט אַרײַנפאַלן. די שול־היים איז אויסגערעכנט בעסאַכאַקל אַף הונדערט צוואַנציק קינדער, און פאַרשריבענע זײַנען דאָ אַריבער טויזנט. פונוואַנען האָבן זיך אזויפיל גענומען?

וואָס איז דאָ זיך צו כידעשן? באַרשעוו איז קיינמאָל ניט געווען פון די פּאַרוואָרפענע שטעטלעך. און לעצטנס איז עס געוואָרן א שטאָט, און מע קאָן זאָגן — אַפילע א גרויסע שטאָט. אַדאַנק דער העלדישער זעלבשוץ האָט זיך באַרשעוו קוינע־שעם געוועזן אין דער אַרומיקער געגנט. מע איז געלאָפן אַהער פון אַלע עקן, קעדיי זיכערן דאָס לעבן. ווער פון דאַכקעס, ווער פון נויט, און מיינסטנס פון די באַנדיטישע פּאָגראָמען. דאָ איז צו טרעפן אי סטעפּענעצער, אי זשיווערטשער, אי קאַהאַרליקער, שפּאָלער, קאַניעווער, טאַראַשטשער, רוזשינער, און פונוואַנען איר ווילט אַליין. סראָוו אַלמאָנעס, מעטופּעלע מיט קינדער, האַלבע יעסוימים. מע קאָן אויך אָנטרעפן אַף זקיינים, זיידעס אָדער באָבעס, קראַנקע, צעבראָכענע מענטשן מיט איבערגעבלי־בענע פּאַריאָסעמטע אייניקלעך.

צווישן די אָן א שיר כעוורע, וואָס האַלטן אין איין פּילדערן, פּיל איך זיך ווי א שטיקל עלטסטער. א מין נאַכמען דיביניצער. דאָ אין דער שטאָט־ביבליאָטעק „קולטור־ליגע" האָב איך א ווערט, ווי דעם כאַוער יאַקאָווס א מין געהילף. אַלע קענען מיך. אייניקע כאַפּן מיך היימיש פאַר דער האַנט, ווילן זיך עפּעס דערוויסן בא מיר. אַנדערע לאָזן אַפילע א טרער, בעטן, איך זאָל זיך אײַנשטעלן פאַר זיי, אַרײַנשטעלן א גוט וואָרט פאַר דער קאָמיסיע, וואָס האָט צו באַשטימען דעם גוירל, ווער עס וועט אָנקומען אין היים־שול.

דעריקער לאָזט מען, פאַרשטייט זיך, ניט צורו דעם כאַוער יאַקאָוו. די דערוואַקסענע — נאָענטע און ווײַטע קרוווים, גלאַט שטאָדלאָנים, — אַז זיי דערזעען אים, ווערט גלײַך אַן אויפ־לויפעניש. מע רינגלט אים אַרום פון אַלע זײַטן און מע האַלט אים פאַרגראַטעט, ווי אין אַן אײַזערנער שטײַג. „ביזוואַנען איז דער שיר פּירן אין באָד אַרײַן?" — לאָזן זיך הערן אויסרופן. „וואָס פאַר א פּראַווע האָט ער (דער כאַוער יאַקאָוו) מוטשען קינדער?"

— מיר זײַנען שוין זאַט מיט אײַערע צוגעזאָגטע מאָרגנס...

דער כאַוער יאַקאָוו דערקלערט דעם עולעם, אַז ניט אַלץ איז אין אים געווענדט. מע דאַרף צוגרייטן א געבײַדע, לערערס, באַשטעטיקן די סמעטע, באַוואָרענען מיטן נייטיקן אינווענטאַר, קריגן לערן־מאַכשירים, אַרײַנפירן שפּײַז פאַר די קינדער, געפּעס...

— מיר טוען א סאַך מער, — זאָגט ער, — וויפל ס'איז מעגלעך אין אונדזערע באַדינגונגען.

— יאַק באַטקאָ, טאָ באַטקוי! — ביסטו א פאָטער, טאָ טו דײַן זאַך, — לאָזט זיך פּלוצעם הערן א באַסאָווע געמבע.

דאָס געלעכטער צווישן עולעם מאַכט לינדער די אָנגעצויגנקײַט. געוויס, איינער זאָל אַרויסברענגען א גלײַכוועטל, וועלן שוין די איבעריקע אונטערהאַלטן די וואַרעמע שטימונג.

יעדער איינער וועט אף זײַן אויפן עפּעס־וואָס צוגעבן וויציקס. ארום דעם כאַווער יאַקאָוו לאָזט די אָנגעשטרענגטקײַט ביסלעכווײַז נאָך. דערפון ווערט מיר אויך גרינגער אף דער נעשאָמע.

ארוף אף די טרעפּ, אראָפּ פון די טרעפּ... דאָ מוז מען לויפן מיט אַן עקסטרען גאַנג, דאָרט אָפּטראָגן א פּאַפּירל, ערגעץ אַנדערש געוווירע ווערן א שטיקל נײַס. ס׳איז דאָ, דאַנקען גאָט, ווער עס זאָל זיך מיט מיר שאַפן. אָבער אין סאַכאַקל בין איך צופרידן. בעסער ווי ארומדרייען זיך דעם גאַנצן טאָג פּוסט־און־פּאַס. אַנדערע יינגלעך זײַנען מיר פּאַשעט מעקאַנע. איך א פרײַער מינוט קאָן איך ארײַנקוקן אין די צעטלען. נאָר ווען מע וועט צונעמען אין שול־היים און וועמען ניט, קאָן אפילע דער כאַווער יאַקאָוו ניט וויסן גענוי. דערוף איז פאַראַן א קאָמיסיע פון היכגעשטעלטע פּערזאָנען, וואָס וועלן אקוראַט באַטראַכטן, דערנאָך באַשטימען דאָס ענדגילטיקע צעטל.

ווייס איך נאָר בעערעך, וועלכע לערער דער נאַראַבראַז האָט אָנגעמערקט פאַר דער קינ־פטיקער שול־היים. דער כאַווער יאַקאָוו שיקט מיך אָפּט צו זיי אהיים רופן אף א באַראַטונג אָדער מוידיע זײַן עפּעס דרינגענדיקס.

איינעם פון די נײַע לערער קען איך שוין א לענגערע צײַט גאַנץ נאָענט. דאָס איז אונדזער אַרל סקליאַר, וואָס האָט באַוויזן קומען פון די קורסן.

צופעליק האָב איך זיך אָנגעשטויסן צווישן געדרענג קינדער אף כיניע דער קעכנעס מיידעלע, פערעלע. ווײַזט זיך ארויס, אַז זי קומט אַלע טאָג אהער געוווירע ווערן די רעזולטאַטן.

— האָסט זיך דען אויך פאַרשריבן אין שול־היים? — בין איך נײַגעריק צו וויסן.

— וואָדען, פאַר מיר זײַנען דען די טירן פאַרמאַכט? — ווערט זי עטוואָס פאַרוויטלט. — צי מײַן עלטער גייט ניט צו? מײַן מאַמע האָט שוין גערעדט מיטן כאַווער יאַקאָוו.

— פאַרוואָס זשע האָב איך דיך ניט געזען די גאַנצע צײַט? — כידעש איך זיך ביז גאָר.

— און איך האָב דיך דאַפקע יאָ געזען, — טוען אירע טונקעלע שיינע אויגן אף איין ווײַ־לינקע א בלענד. — נאָר דו ביסט שטענדיק פאַרטאַרעראַמט, אָט לויפסטו אהער, אָט שפּרינגסטו אהין. א ווינט אין פעלד... — א שמייכל עפנט וויך איר געטאָקט מײַלעכל, און עס אַנטהילן זיך צוויי שורעס ווײַסע ציין.

וויאַזוי האָב איך עס ביז אהער ניט אײַנגעזען פערעלען? ניט באַמערקן זי דאַרף מען זײַן אינגאַנצן בלינד. ווייסעך וויפל מאָל געמישט די גראָבע פאַרשריבענע ביכער און... אָך, יאָ, איך ווייס דאָך ניט איר פאַמיליע־נאָמען.

— ווער־ווער, נאָר דו, פערעלע, — פאַרזיכער איך זי, — ווועסט די ערשטע ארײַנפאַלן אין שול־היים. מעגסט רעכענען, אַז דו ביסט א צוגענומענע. דער רעזולטאַט איז אַלציינס ווי בא דיר אין קעשענע.

— פונוואַנען ווייסטו? — איז זי העכסט צופרידן מיט דער בסורע, נאָר דאָך וויל זי זיך ניט אינגאַנצן פאַרלאָזן אף מיר. — עפּשער האָסטו א טאָעס?

— ווייסטו וואָס? — רוף איך אויס מיט היספּײַלעס. — לאָמיר זיך וועטן.

פערעלע צוקט מיט די שמאָלינקע אקסל, ווי איינער רעדט: „פונוואַנען קום איך צו א געוועט? פאַר אײַך, יינגלעך, איז עס עפּשער א געשעפט“. פון אירע אויגן שלאָגן אָפּ בלויילעכע פונקען. איך קאָן ניט דערקלערן פאַרוואָס, נאָר מיר האָט אָפּגענומען דאָס לאָשן. איך שווײַג, און זי שווײַגט. אינווייניק אין קאָפּ איז פּוסט.

— פערעלע! — רוף איך זיך ענדלעך אָן מיט האַרצקלאַפּעניש. — פערעלע, פאַרוואָס קומסטו קיינמאָל ניט אפן טײַך צו די שטיינער? דאָרט איז אַזוי גוט זיך באָדן... מ׳קאָן גלאַט אַזוי זיצן...

הונדערטער כיין־שטראַלכלעך שײַנען אוף אף איר פּאָנעם. זי פאַרבײַסט מיט די ציין דאָס אונטערשטע ליפעלע, פאַרקלערט זיך א ווײַלע און ענטפערט מיר אָפּ:

— פאַר אַזעלכע יינגעלעך, ווי דו, איז דאָרט באַם טײַך אף די שטיינער זיצן אויך אַן אַרבעט. איך קאָן זיך אַזא ווילטיק ניט פאַרגינען. אף מײַן קאָפּ ליגט דער אָל פון א גאַנצער שטוב.

פונוואַנען קומט צו כיניע דער קעכנע א שטוב, דערצו נאָך „א גאַנצע שטוב“?

— וועלכע שטוב? וועמעס שטוב? — הייב איך ניט אָן צו וויסן.

— וואָס איז דיר פאַר א נאַפקעמינע?

זי האָט מיר פאַרגעבן א רעטעניש. ס׳איז דאָ, וועגן וואָס א טראַכט טאָן, — פערעלע טראָגט דעם אָל פון א גאַנצער שטוב אפן קאָפּ? וואָס הייסט עס? — פּרוּוו איך נעמען אפן געדאַנק. איך, לעמאָשל, טראָג דען וועלכן־ס׳ניט־איז אָל? נײַן. קיין שום דײַגע און קיין שום אָל.

— א מיידל איז אַנדערש, — גיט מיר פערעלע צו פאַרשטיין, — און א יינגל איז ווידער

אנדערש. האָסט געזען א סאך מיידלעך, אזעלכע ווי איך, זיצן באם טײַך אף די שטיינער? סײַדן דעמלט, ווען מע גייט אראָפּ וואשן גרעט.

האלעמײַ כאַמעלע? קומט מיר גלײַך אפן געדאנק.

כאַמעלע... כאַמעלען קאָן מען אָבער צו פּערעלען ניט גלײַכן. ערשטנס, איז זי א דערוואקסן מיידל, א זעלבשטענדיקער מענטש, א מענטש, ווי מע זאָגט, פאר זיך. צווייטנס, איז דאָס אזא מאָדנע מיידל, אזא מאָדנע, אז די וועלט פארמאָגט גאָרניט אזעלכס.

דאָ איז מיטאמאָל אונטערגעקומען היפש צעטראָגן, ווי דער שטייגער זײַנער איז, דער כאווער יאקאָוו. פרײַנטלעך און היימיש טוט ער מיך א נעם אונטערן אָרעם.

— אנו, — מאכט ער צו מיר, — טו א לויף אף איין פוס צו די בלעכערס און ווער געוווירע מיקויעך דעם סאמאָוואר מיט די בלעכענע טשאשקעס, וועסט זיי זאָגן, די ברידערלעך טעפּ־ליצקי, אז איך האָב דיך געשיקט, ס'איז פאר דער שול־היים. ווארט נאָר צו א ווײַלע, גיב זיי אויך איבער אין מײַן נאָמען, אז זיי זאָלן קומען הײַנט אפדערנאכט ארום זיבן — האלב אכט אין ארבעט־פאלאץ.

— קום מיט מיר, פּערעלע, — ווינק איך צו איר.

— ווײַט?

— אָט דאָ פון פאָרנט אפן מארק, לעבן די זאליאזנע קלייטן.

— לאַנג דארף מען זיך דאָרט פאַרהאַלטן?

זע איך דען ניט, ווי פּערעלע קווענקלט זיך? זי האָט קיין קאָפּ כיישעק ניט גיין מיט מיר אפן מארק צו די בלעכערס.

— וואָסי, ביסט דען פארנומען?

— יאָ... — פארכמארעט זיך איר פּנעמל. — אפילע שטארק פארנומען.

ביידע זײַנען מיר פלינק אראָפּגעשטיגן די הילצערנע געפּארבטע טרעפּ. דאָס שמאָלע געסל, פול מיט קינדער־געפּילדער, גייט אונדז רוישיק אנטקעגן. דאָ קאָן מען מיך פארהאַלטן מיט קאָלערליי קאשעס וועגן שול־היים. כ'וויל ניט, די ייִנגלעך זאָלן מיך זען שטיין נאָענט מיט פּערעלען. זי, אפּאָנעם, וויל אויך ניט, דערפאר רוקט זי זיך אָפּ באַצײַטנס.

ענדלעך האָבן מיר זיך ארויסגעשלאָגן פון דער שפּארעניש און ארוף אף א פרײַערן וועג. דאפקע אף דער בארג־ארופיקער געפלאסטערטער הויפּט־גאס, ווו מ'איז געוווינט צום שטענדיקן טומל, האָט זיך דאָס מאָל אריבערגעקליבן די רויִקע באטאָגיקע שטילקײַט. אף דער אָנגעגליטער זוניקער זײַט זעט מען אפילע קיין לעבעדיקן הונט ניט. ווו־ניט־ווו ווארפט זיך אין די אויגן א שיטער אויסגעסארפּעט ביימל, א קליין פארוקט גערטנדל.

ביסלעכווײַז שטייט פּערעלע אָפּ.

— ווען דו ווייסט, — בלײַבט זי שטיין פארזאָרגט אינמיטן גאנג מיט אן אומעטיקן אויס־זען, — אָך, ווען דו ווייסט, אף וועמען איך האָב איבערגעלאָזט די שטוב? קוים זיך ארויסגעריסן אף צען־פופצן מינוט. אז איך וועל אָנהייבן באזוכן די שול־היים, ניט דארפן זאָרגן וועגן פּיסנע שטיקל ברויט, וועגן א פּאָר שיכלעך, דעמלט... דעמלט...

זי מוז אוודע זײַן א דינסטמיידל בא יענעם, אָדער זי ניאנטשעט בא עמעצן א קינד, שטויס איך מיך אָן. אפן זינען קומט מיר גראָד איצט די הארציקע ליד, וואָס די קינדער זינגען אין קינ־דערהויז:

גענוג שוין, כאנעלע דיר צו ארבעטן...

פונדעסטוועגן, קלער איך, מעג זי לעטויוועס דער שול־היים פארבייגן מיט די דײַגעס. הער אָבער, ווי זי בעט זיך:

— פּאָזשאלעווע מיך דאָס מאָל...

— גיי, גיי, — ווארף איך איר רויגעזלעך נאָך, — קאָנסט פארשפּעטיקן ווער ווייסט וואָס. — נאָר טייקעף דערפיל איך א כאראָטע־געפיל. „פּאָזשאלעווע מיך...“ וואָס פאר א שטיק האָלץ בין איך און וויל ניט פארשטיין, אז פּערעלע דינט עפּשער אין יענער „גאנצער שטוב“, ווו זי טראָגט דעם שווערן אָל... צי האָב איך רעכט אף איר פאריבל האָבן?

פּערעלעס סאמעטענע ברעמען ציִען זיך פארומערט צונויף, ווי זי זאָל מעכילע בעטן.

— אנטשולדיק מיר, — קנעט זי איין האנט אין דער צווייטער, — איך שטיי דאָ, מעגסטו מיר גלייבן, ווי אף גלי־קוילן. — ווײַטער פרעגט זי האכנאָעדיק שטיל: — דער כאווער יאקאָוו וועט אף מיר ניט זײַן ברוגעז?

נאָך איידער זי דערהערט מײַן ענטפער־וואָרט, לאָזט זי זיך אין אײַלעניש גיך־גיך אוועק. זי שוועבט אפגיך דורך דאָס גרינע בולוואר, גלײַך ווי עמעצער יאָגט זיך נאָך איר. פּונקט פון קאָרסונער בארג, וווהין זי האלט די ריכטונג, לויפט אָן א טרוקן שטויביק ווינטל, צעקאָש־

מעט און צעפּאַטלט אירע זײַדענע רינגעלעך האָר, צעבלאָזט אין אַלע זײַטן די טונקעלע קנײַ־
לעכלעך. פונדערווײַטנס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז פּערעלע טראָגט אַפן קאָפּ אַ צעוויגטן
קרוג מיט שוואַרצע בלומען...

די צוויי באַרימטע
ברידערלעך

די ברידערלעך טעפּליצקי האָלטן אינמיטן מאַרק אַן אייגענע בלע־
כערײַ. אָבער ניט נאָר מיט דעם, וואָס זיי זײַנען גאָלדענע באַל־
מעלאָכעס, האָבן זיי אַ גוטן שעם אין שטאָט, נאָר אויך מיט דעם, וואָס זיי שפּילן פון צײַט צו
צײַט טעאַטער. אַף זייערע פּלייצעס, קאָן מען זאָגן, האַלט זיך די ליבהאָבערישע טרופּע באַם
אַרבעט־פּאַלאַץ. וואָס פאַרא פּיעסן מע זאָל ניט שטעלן, פירן זיי די ערשטע ראָלן. איינער איז
אַ טראַגיקער, און דער צווייטער אַ קאָמיקער. „בײדע — געבענטשטע טאַלאַנטן, — האָט אַנומלטן
זיך אָנגערופן דער כאַווער יאַקאָוו וועגן די ברידערלעך. — דער עמעסער פאָלקס־קוואַל אַליין...“
געשמאַק, מיט גרויס האַסמאָדע האָבן די ברידערלעך געוואָרפן זייערע הילצערנע העמערלעך
איבערן שמאָל געבויגענעם בלעך. פון די ברעזענט־פאַרטעכער שיט זיך דער זשאַווער־שטויב. די
געברוינטע פּענעמער זײַנען אויך דורכגענומען מיט זשאַווער־שווייס. אַף איינער פון די איבערגע־
לייגטע פּאָליצעס אין דער ענגער בודקע שטייען אויבנוף, אין רייען געאָרדנט, אונדזערע נײַע
בליציקע טשאַשקעס.
— אַך, אַזוי, פונעם כאַווער יאַקאָוו? — האָבן בײדע אָפּגעשטעלט אין איין צײַט די אַרבעט,
געווישט די טונקעלע אָדערדיקע הענט אין די קויטיקע פאַרטעכער. — וואָס פאַר אַ פראַגע? צוליב
די יעסוימים פון שול־היים — אין דער ערשטער ריי.
די האַרטלעכע צעוואַקסענע ברעמען, וואָס סטאַרטשען שטעכיק, ווי בערשטעלעך פון כאַזער־
האָר, גיבן צו דעם עלטערן, באָרעכן, עפּעס אַ מין האַרבקײַט. רעדן רעדט ער מיט אַ געדיכט
קאָל, וואָגיק, דײַטלעך קלאָר. אַז דער דאָזיקער בלעכער־יונג שפּילט טעאַטער, וויינען די צושויער,
ווי קליינע קינדער. פון דער פאָרשטעלונג קומט מען אַהיים מיט אויסגעווייקטע טיכעלעך. איצט,
אין דער מינוט, שטייט באָרעך אַ פאַרהאָרעוועטער באַ דער אַרבעט, פון זײַן געזונטן נידעריקן
האַלדז רינען אַראָפּ צו דער אָפּענער האָריקער ברוסט פּליסיקע געל־ברודיקע שנירעלעך.
— ווייסט ניט, — פרעגט ער באַ מיר, — דער כאַווער יאַקאָוו נעמט דעם זומער־גאָרטן אַף
הערשעלע דובראָווענערס גאַס?
נאָך דאָס זאָל איך וויסן? פון אַזעלכע זאַכן, מעג דער בלעכער אַליין פאַרשטיין, קאָן איך
ניט וויסן. דער כאַווער יאַקאָוו וועט זיך מיט מיר ניט גיין טיילן וועגן זײַנע פּלענער, וואָס ער
האָט צו נעמען פאַר דער יידישער טרופּע און וואָס ער האָט ניט צו נעמען. זאָגט דערוף באָרעך,
אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו מאַכן זיך טאַמעוואַטע:
— אַף אַ רעפּעטיציע רופן שיקט ער דיך, און וועגן זומער־גאָרטן ווייסטו, נעבעך, ניט וואָס
צו זאָגן.
יענער, דער צווייטער, דער ייִנגערער, לייבושל, אַ מאָגערס, אַ פלינקס, מיט אַ גוטמוטיק
שמייכעלע, וואָס גייט קיינמאָל ניט אַראָפּ פון זײַן לעבעדיק פּאָנעם, האָט פון דער ערשטער
מינוט אַרויסגערופן באַ מיר אַ קיצלדיק געלעכטער. עפּעס זייער לײַכט און דאָך נאַטירלעך
ליגט דאָס לעכערלעכע און קאָמישע אַף דעם דאָזיקן באַוועגלעכן פאַרשוין. פריִער האָט ער צו
מיר געמאַכט אַ כיינדעלע הינטער דעם ברודערס פּלייצע, צונויפגעפירט די גליטשיקע אויגן
צו דער נאָז, דערנאָך האָט די נאָז זײַנע פון זיך אַליין אָנגעהויבן ציטערן. איצט איז מיר
פאַרענטפערט געוואָרן, פאַרוואָס דער עולעם נעמט אים אויף, ווי נאָר ער באַווײַזט זיך אַף דער
בינע, מיט אַזעלכע שטורמישע פליעסקערײַען.
— וואָס האָסטו בעסער ליב, — נעמט ער די הענט פּאָדבאָקאָם, — כאַלעמיטקעס צי כאַ־
לעאָנקעס? — ס'הייסט, וואָס האָב איך בעסער ליב: כאַלע מיט קעז צי כאַלע אָן קעז. — פון דער
שנעל אַרויסגעוואָרפענער סטענגע ווערטער, וואָס לייבושל שיסט אויס פונעם מויל, ווי אַ
קונצנמאַכער, און פון זײַנע האַווײַעס איז מיך באַפאַלן אַזאַ שטיקנדיק געלעכטער, אַז איך האָב
שיִר ניט קלאַפּירט.
פערעלען מעג באַנק טאָן, וואָס זי איז ניט געגאַנגען צוזאַמען מיט מיר צו די בלעכערס.
איך סטאַרע זיך קימאַט אַלע טאָג גיין דורכן מאַרק פאַרבײַ דער בלעכערישער בודקע. זיי
זײַנען מיר שטאַרק געפעלן, די ברידערלעך טעפּליצקי. אַך, ווי איך בין זיי מעקאַנע! איך וועל

אומבאדינגט זיך אָנהייבן לערנען די מעלאָכע פון בלעכערײַ. קאָן זײַן, דעמלט וועט דער כאַווער יאַקאָוו מיך אויך אײַנלאַדן אַף א רעפעטיציע אין ארבעט־פּאַלאַץ.

ווי שפּעט אין דער נאַכט דער ספּעקטאַקל זאָל זיך ניט פאַרציִען, קומט אינדערפרי, זײַנען די ברידערלעך וואַך, דאָס קליינע בלעכער־ווארשטאַטל — אָפן, און מע הערט שוין, ווי די הילצערנע העמערלעך האַלטן אין איין קלאַפּן. ווען ניט די דאָזיקע שטענדיק אופגעלעבטע האַמער־קלאַפּערײַ אין בודקע, וואָלט עפּעס זייער נייטיקס געפעלט צום מאַרק־רומל.

די אַלטע מאַמע ברענגט אַלע טאָג פאַר די זין פרישטיק אין א קױשל, דערנאָך לאָזט זי זיך אַוועק צווישן אָנגעפּאָרענע דאָרפישע וועגענער האַנדלען מעציִעס. די באָנים וואַרפן אַראָפּ פון זיך זייערע גראָבע, פאַרגעלטע פאַרטעכער און מע זעצט זיך אַוועק אין דרויסן אַף די קלעצלעך מיט גאָר גרויס אַפּעטיט צו דער אכילע: ווײַזן פאַרן מאַרק־אוילעם, אז קאָלזמאַן שעהאַנשאָמע בעקירבוי — מאַכט ראָשע: רײַב, מאָטיע. עס און בענטש און זײַ א מענטש! בייס־מײַסע לאָזן די פריילעכע בלעכערס קיין איין בען־אָדאָם נישט דורך אָן א ווערטל, אָן א שפּאַס, אָן א וויץ.

דער אוילעם בלײַבט אויך ניט שולדיק קיין וואָרט:

— אוי, מאַזיקים, מאַזיקים, א געזונט זאָל זיך צו אײַך ארײַנכאַפּן! וויפל איז דער שיר צו לעצעווען? גענוג אײַך נאָכקרימען א מאַרק מיט מענטשן.

— ארײַנפאַלן אין אײַערע מײַלער זאָל גאָט שוימער אומאַצל זײַן!

— עמעסע קאָמעדיִאַנטן!

אָט דאָ טאַקע גאָר נאָענט בא איין זײַט מאַרק מיט די בלעכערס שטייט מיט א צעלניק־טישל די מומע העניע.

זומער־צײַט, קלאָגט זיך כאָמעלעס מומע, איז זי אינגאַנצן אויס מענטש. די זון... אוי, די זון פּאַליעט און ציט ארויס דעם דאַם־האַטאַמציס. זי ווישט מיט דער אויסגעצוויטעטער פּאַ־טשײלע דאָס ערד־צעקנייטשטע פּאָנעם, די פלאַכע ברוסט און דעם מאָגערן האַלדז־און־נאַקן.

— איך באָד זיך, — זאָגט זי, — אין מײַן אייגענעם ביטל אָן א קאָפּעקע געלט.

דעריקער קימערט איר שטאַרק, וואָס פון דער גאַנצער סכוירע ווערט טיל־טעל. ס'איז דען לאָרבער־בלעטער? א צעריבן ביסל שטויב אַף א שמעק טאַבעק. די עטלעכע אײַנגעדאַרטע שטיקלעך זייף האָבן אויך קיין שענער פּאָנעם ניט — זיי טריקענען, ווי אין דער סוכאָטע. די קוינים מיינען, אז די מומע העניע נאַרט זיי אָפּ. צו וואָס א בייז מויל קאָן ברענגען... זי, די מאַרק־יִדענע, האָט אומיסטן, זאָגן זיי, די שטיקער זייף צעשניטן אַף דער העלפט. צו וואָס מענטשן קאָנען זיך דערטראַכטן. א בייזע צונג איז ערגער ווי א שלעכטע האַנט.

— אוי, ריבוינעשעלוילעם! איך זאָל שוין אזוי ריין זײַן פון שלעכטס! — רעדט די מומע

העניע אויס איר פאַרביטערט האַרץ פאַר די ברידערלעך־באַלמעלאָכעס, בייס יענע רײַבן אַרײַן מיט גרויס האַנאָע דעם געבראַכטן פרישטיק.

טרעפט אַמאָל, אַז כאַמעלע כאַפּט זיך אַניוועסדיק־שטיל אַראָפּ אַפן מאַרק צו דער מומע העניע. אָ, דעמלט ווילן די לייצים די בלעכערס ניט אײַנלאָזן די שיינע מויד! דאָס איז דאָך בעפּיירעש אַ קאָשער שטיקל אַרבעט. דאָ קאָן מען זיך אָוואַדע צעקאַטשען, ווי גאָט האָט געבאָטן.

— אַ גאַ־אַ־אַסט! — רופן ביידע אויס דערפרייט, גרייט זי אײַנצושלינגען מיט די פּאַט־רעכעס. מ'זעט גלײַך, ווי די פאַרשײַטע שיידימלעך טאַנצן אַרויס פון זייערע אויפגעפלאַמטע אויגן.

— אָט וועמען איך האָב שוין לאַנג ניט געזען, מע זאָל דערמאָנען מאָשיעכן! — טוט זיך טייקעף זשוואַווע אַ שטעל אַוועק דער קאָמיקער, לייבושל, צווישן כאַמעלען און דער מומע העניען. — אַ שאָק מיט יאָרן. וואָס מאַכן זיי, די בילדשיינהײַט? מיר ווילן איצט מיט אײַך ניט ריידן וועגן געזונט און פּאַרנאָסע... לאָזט נאָכאַמאָל רעכט אָנקוקן אײַער סימכעסטוירע־עפּעלע.

— שטיקעלעך... זע נאָר די שטיקעלעך פון אַ געבוירענער מאַלפּע, — ענטפערט כאַמעלע שאַרף מיט אַן אַפּריִער צוגעגרייט בײַסיק שמייכעלע. — איר האָט זיך נאָך מיר שטאַרק פאַר־בענקט? פאַרוואָס האָט איר זיך ניט געלאָזט הערן מיט אַ שורע־גריסל?

— אַ מויד, קיין אײַנהאָרע, האָט זיך אונטערגענומען ניט ווערן עלטער און ניט מיִעסער.

— און אויך ניט נאַרישער.

— מיט אַלע מײַלעס.

— מיט אַלע מײַלעס און מיט אַ ווײַסן בילעט...

— פונוואַנען קומט צו דער פּרעכטיקער צויבער־געשטאַלט אַזאַ לאָשן?

— איר ווייסט ניט פונוואַנען? פון אײַערע קלוגע פּיעסעס.

— אוי־וואַ, געטראָפן גלײַך אין פּינטל. דערלאַנגט אין דער זיבעטער ריפּ.

— אַנו, לאָז מיך! — רוקט באָרעך אָפּ לייבושן און שטעלט זיך אַליין אַוועק אין אַ שטאָל־צער פּאָזע אויסטײַנען ערנסט מיט כאַמעלען. — אײַך זײַנען ניט געפעלן אונדזערע דראַמען־שטיק? — שווימט אויף אַף זײַן ברייט פּאָנעם אַן אָנגעכמורעטע בייזקײַט און מאַכט נאָך טינקעלער דעם שטרענגן בליק פון אַ טראַגיקער. — איך פרעג דאָך אײַך, שלעכטע פּיעסן צי שלעכטע שוישפּילער? — ער ווײַזט אַף זיך מיט די ברייטע צעקאַרבטע פינגער. — כ'מיין אַקטיאָרן, מיין איך.

— וואָס קוקט איר אַף מיר, ווי אַן אָקס פאַר דער שכיטע? דער כאַוועր יאַקאָוו איז אַ בע־סערער מייווין, — ענטפערט זי לאַנג ניט געטראַכט, — דערפרעגט זיך באַ אים. ער וועט אַף אַלצדינג געבן אַ קלאָרע טשוווע. ער איז באַ אונדז אין שטאָט דער איינציקער אַף פּאַסקענען אַזעלכע שײַלעס.

דער קלענערער ברודער איז אין דער מינוט געוואָרן ווי אַ סטאַטעק. עפּעס איז ער מאָדנע אַרויס אָפּגעשמיסן און דורכגעפאַלן פון זײַן קאָמישער ראָל, מיט וועלכער ער איז געווינט פאַר־ווײַלן דעם מאַרק־אוילעם. עס האָט אים אויסגעפּעלט פּולווער שטעלן זיך מיט אַ שאַרפזיניק וואָרט קעגן דער צו קלוגער כאַמעלען.

— באָרעך! — רופט לייבושל דעם ברודער אַף צוריק. — באָרעך! די צײַט שטייט ניט. מיט וועמען הייבסטו זיך אָן? זעסט דען ניט, וואָס פאַר אַ פּיירע עס איז?!

די לערערן פאַרמאָגט ווינציק שליסלען...

העכער הונדערט קינדער זײַנען געקומען אין דער געוועזענער טאַלמעדטוירע אַף דער קאַראַטשענע (דאָרט איז נאָך דערווײַל געבליבן לערנען אַ קליינע צאָל טאַלמידים פון דער אַרבעט־שול, אָבער זיי קלײַבן זיך אויך אײַנגיכן אַריבער אַפן „זאַראָס").

ניט אַלע קינדער האָבן זיך אָנגעשטויסן, אַז מ'דאַרף קומען אין שול־היים ריין, ציכטיק, אַרומגעוואַשן, אַראָפּוואַרפן פון זיך אַף וויפל יעדערער האָט אַ מעגלעכקײַט די בעטלערישע קרוע־בלוע־שמאַטעס, אָפּטרייסלען דעם נעבעך, באַגראָבן דאָס וויסטע ראַכמאָנעס־פּאָנעם.

אַנדערש האָט אויסגעזען כיניע דער קעכנעס מיידעלע, פּערעלע. צווישן די קינדער האָט זי זיך אויסגעטיילט מיט איר בענימעסדיק־שטילער ציכטיקײַט. פּערעלע טראָגט אַף זיך אַ זויבער געוואַשן מאַטראָסיש בלוזקעלע, ווי ערשט אַרויסגעכאַפּט פון אונטערן פּרעס, אַרײַנגעטאָן אינעם בלוי־געפאַלדעוועטן קליידעלע, וואָס זעט אויס, ווי אַ צונויפגעלייגטע האַרמאָשקע. מאַ־

מעש זי שײַנט אינגאנצן, פערלע. א גרויס כּיעס אַרײַנצוקוקן אין איר צעשטראַלט פּנעמל. פאר מיר איז זי עפשער געווען די איינציקע, מיט וועמען עס ווילט זיך אויסריידן א ליב וואָרט, ווײַזן א גוטמוטיקע מינע.

צו איר, צו פערלען, איז די פולינקע קליינוווקסיקע לערערן, אגיוטע סוכער, די ערשטע צוגעגאנגען היימישלעך און געהייסן אונטערקלײַבן נאָך א פּאָר מיידלעך: זיי וועלן דערלאנגען פאר אלע קינדער זיסע טיי און צו ריפטלעך ברויט געשמירט מיט שמאלץ. זיי דארפן אויך, די מיידלעך, אכטונג געבן אַף דער אָרדענונג.

כעוורע יינגלעך האָבן דאָס גראדע ניט געוואָלט איבעריק לײַדן. האלעמײַ קומט די מיידלעך אָפּגעבן אזויפיל קאָוועד?

דעם ערשטן טאָג האָבן מיר ניט געלערנט. מע האָט אונדז נאָר באקאנט געמאכט מיט די לערער, פאנאנדערגעטיילט אַף דרײַ קלאסן לויטן עלטער און דערנאָך, נאָכן מיטיק, ארויסגעפירט צו פּאָרלעך אין דער ריי אַפן געבערגלטן הויף. אונטער דער געמויערטער געבײַדע־וואנט ליגט, ווי אַף א בעקן, דאָס אופגעראַמטע, ריין ארומגעקערטע שטיקל פלאך־פלאַץ. דאָ, אַף דער פרײַער לופט, האָבן מיר געשפּילט אין פארשיידענע שפּילן, געלערנט לידער מיט דער קרענק־לעך־אויסגעמאָגערטער לערערן כאוורטע פרידע. זי האָט אָבער געהאט א שלעכטע טעווע — אלעמאָל מאכן דעם אָדער יענעם אן אנדער באמערקונג: „הויקער זיך ניט ווי א זאָקן. כאַפּ ניט אזוי, רעד פּאמעלעך. ווישׂ ניט די נאָז מיטן ארבל. שטיי, ווי א מענטש דארף שטיין. רײַב ניט די אויגן מיט די שמוציקע פינגער. הער פריער אויס, דערנאָך וועסטו ענטפערן. שפּרינג ניט אין פּאָנעם אַרײַן ווי א דולער!״ זי דערקוטשעט שוין צופיל מיט אירע באמערקונגען.

— פון הײַנטיקן טאָג אָן, קינדער, — וואָרנט זי, — געדענקט, זענט איר שוין ניט קיין גאסן־קינדער. א קינד פון שול־היים דארף וויסן, וויאזוי זיך פירן, וויאזוי מע דארף זיך האלטן. ווײַזט קינדער א מוסטער פאר אלע איבעריקע אַף דער גאס, מיט וועמען איר באגעגנט זיך נאָר.

אליין דאָס אײַנגעגעסענע פריקרע וואָרט „קינדער״ און נאָכאמאָל „קינדער״ און ווידערא־מאָל „קינדער״ שלאָגט צו דער גאל. אָפּן גערעדט, איז די שול־היים, בא איר גאנצער יאָמטעוו־דיקײַט, מיר ניט געווען צום הארצן. די איינציקע מײַלע — מע גיט עסן און טרינקען (זאָל אפילע זײַן ניט צו זאט), דער כיסאָרן — וואָס מע האלט אונדז אלעמען פאר קליינווארג.

אַפן צווייטן צי אַפן דריטן טאָג איז געקומען אין שול־היים די אלטע דאָקטערן פון שפּיטאָל „העסי־פעסי״ (אונדזערס א צונעמעניש), בא וועמען דער ווײַס־גראָווער קאָפּ איז נידעריק גע־שוירן ווי בא א מאנצבל. איר לענגלעך שווער פּאָנעם בעט אויך אַף זיך א באָרד. איינציקווײַז, לויטן אופגעשריבענעם צעטל, וואָס די לערער האָבן צוגעשטעלט, רופט מען אויס די פאמי־ליעס, און מע פארבעט אונדז אין קליינינקן לערער־צימער אַף צו באטראכטן.

איך וויס ניט פארוואָס, נאָר אלע קינדער זײַנען ארומגעגאנגען אין איינע שרעק. פאראַן אזעלכע קרענק, רעדט מען צווישן זיך, וואָס זײַנען אָנשטעקנדיק. די דאָזיקע קראנקע וועט מען באזײַטיקן אָדער אַף א געוויסער צײַט לייגן אין שפּיטאָל — דאָס איז שוין א ביסל ערגער.

עמעצער האָט נאָך ארויסגעלאָזט א קלאנג, אז מע וועט בא אלע קינדער אָפּשערן די האָר ביזן קאָפּ. נו, איז וואָס זשע איז אזוינס? די מיידלעך האָבן גלײַך אופגעהויבן א גוואלד ביזן הימל:

— אונדז קאָן מען צו די יינגלעך נישט גלײַכן, זיי וואלגערן זיך אויס אין אלע מיסטן און אין אלע קויטן.

— זאָל מען שערן נאָר די מיידלעך, בא וועמען ס׳איז אומריינע קעפּ.

א קלאָג, א געיאָמער. טרערן, ביטערע טרערן שפּארן פון אלע פארשטעקטע ווינקעלעך.

— מע וויל דאָ אין שול־היים אונדז מאכן פאר מאלפּעס.

איינע פאר די אנדערע צעפלעכטן זיי די מאָגערע צעפּלעך, ציִען ארויס די סטענגעס, צעקעמען די האָר — כאָטש איין קאָלטענע געפינען!.. אפילע אין קינדערהויז שערט מען ניט די מיידלעך ביזן קאָפּ.

ביידע איבערגעגעבענע לערערנס, אגיוטע און פרידע, זיצן מיט די פארווײנטע, יאָמער־קלאָגנדיקע מיידלעך, טײַנען אַרײַן אין זיי, רעדן צו, באַרויִקן, נאָר סאָפּקאָלסאָף האָבן די אײַנ־געשפּארטע מיידלעך אויסגעפירט זייערס. בא וועמען ס׳איז ריינע קעפּ, וועט מען די האָר ניט שערן. קיין גרעסערע סימכע, דוכט מיר, האָבן זיי, די שול־מיידלעך אונדזערע, אַף זייער לעבן ניט געהאט.

פארוואָס די לערערנס האָבן נאָכגעגעבן, איז שווער צו דערקלערן. מ׳האָט דאָך גערעדט — שערן די האָר בא אלעמען אָן אויסנאַם, וואָס זשע זײַנען עס די מיידלעך מעיוכאָסים? אָבער טייקעף כאַפּ איך זיך: און אז מע וועט שוין בא פערלען אָפּשערן די שווארצע לאָקן, וועט זײַן בעסער?

דער ערשטער לימעד מיטן לערער אַרל סקליאר אין דער עלטערער גרופּע, דאָרט, ווו איך

בין אריַינגעפאלן, איז דורכגעגאנגען ווינציק־וואָס אינטערעסאנט. עפעס האָט ער דערציילט א מייַסע וועגן זייַן אמאָליקער קינדהייַט, וויִאזוי ער, דאָס אָפּגעשטאנענע פארנארישטע ייִנגל, האָט געבלאָנדזשעט צווישן צוויי וועלטן. פון איין זייַט, פרומקייַט, טיף רעליגיעז, פאנאטיש, אלטע, אָפּגעלעבטע טראדיציעס פון טאטעס און זיידעס, פארלאָזן זיך שטענדיק אפן באָרעך־האשעם, ביז ער וועט זיך אמאָל מעראכעם זייַן, גיי בלינדערהייט אין זייַנע דראָכים, גוט האָב אין זינען אף שריט און טריט, וואָס מ'מעג און וואָס מ'טאָר ניט, טאדלעניש, וואָרעניש... און פון דער צווייטער זייַט, האָט אים געצויגן צו ליכט, צו לייענען, שטודירן, פארשטיין דעם טאָך פונעם מענטשן אף דער ערד, אנטפלעקן די ארומיקע נאטור־סודעס, קלאָר מאכן און דערקלערן פאר זיך אליין אלע ארויסגעשווומענע ספייקעס...

עפעס האָבן מיר ווייניק פארשטאנען אין דעם, וואָס ער רעדט.

נאָר איין מייערל, זייַן ברודערל (ער איז אויך אריַינגעפאלן אין שול־היים), איז געזעסן און אים געקוקט גלייַך אין די אויגן מיט גוואלדיקן ייִראס־האקאָוועד.

דער לימעד האָט זיך געצויגן צו לאנג און נודנע. אפן לערערס ברייט פאריסענעם שטערן זייַנען ארויסגעטראָטן מיליאסן טראָפנדלעך שוויס. די קליינע בליציק־פארשארפטע אייגעלעך קוקן אריבער אונדזערע קעפ און רייַסן זיך נאָך העכער צו דער סטעליע. דער לערער זעט ניט זייַנע טאלמידים. עפעס גאָר ניט דער ארל, וואָס האָט מיר געגעבן ביכער צום לייענען.

קוים דערלעבט הערן:

— קינדער, איך מעלדע א האפסאָקע.

מייַנע כאווירים זייַנען איצט שלוימקע לוווו, לייווי איידלין און יאָסעלע ראָווינסקי. אלע פיר זיצן מיר פון פאָרנט אף איין פארטע.

שלוימקע, דער סאמע פלינקער און געזונטער צווישן אונדז, האָט געוויזן, וויִאזוי מע קען צונויפרוקן עטלעכע פארטעס און מיט איין גוטן טאנץ אריבערשפרינגען איבער זיי.

לייווי פרווט אויך נאָכמאכן די געפערלעכע קונץ, אָבער עס גיט זיך אים ניט איַין. ער האָט שיר ניט געבראָכן דעם קאָפ. אָן אקשן, זאָגט מען, איז ערגער פון א מעשומעד, ער וויל פרוון נאָכאמאָל.

די מיידלעך האָבן ניט געוואָלט ליַידן, וואָס מיר מאכן אין קלאס אזא הארמידער.

— אין דרויסן שטייט א געזונטער הויף, דאָרט קאָן מען אפילע ברעכן רוק־און־לענד.

נאָר ווער וויל גיין זיך מיט זיי אויסטייַנען? מיר, ייִנגלעך, זייַנען א מינדערהייַט, בעסאכאקל נייַן אף איין און צוואנציק. דערפאר טאקע פירן זיי, די מיידלעך, שטענדיק אויס דאָס, וואָס זיי ווילן און וואָס זיי דארפן. אויסער דעם, טוען זיי אונדז נאָך אָן א סאך אנדערע געברענטע ליידן, מאמעש ניט איבערצוטראָגן. זיי קריכן פון דער הויט, קעדיי אונדז טאָן אף צולאָכעס און אף צעפיקעניש. אלע טאָג קומען פאָר אמפערנישן. מיר האָבן מיט די מיידלעך בעשום־אויפן ניט גע־קאָנט לאדיען. וויפל מאָל די לערער האָבן זיך באמיט, סיַי מיט גוטנס און סיַי מיט בייזנס, מאכן צווישן אונדז שאָלעם, האָט עס זיי געהאָלפן ווי א טויטן באנקעס.

דאפקע דאָ, אין שול־היים, איז פערעלע פון מיר דערווייַטערט געוואָרן. זי האָט זיך ארומ־גערינגלט מיט א בינטל מיידלעך פלאפלערנס, און וואָס נאָר מע האָט געקאָנט אויסטראכטן אף די ייִנגלעך שלעכטס, נידעריקס, פאלט אף אונדזערע קעפ.

ווער שילט און זידלט? — די ייִנגלעך.

ווער מאכט אָן אומאָרדענונג אין קאָלעקטיוו? — די ייִנגלעך.

ווער שטערט פירן די לימודים? — די ייִנגלעך.

ווער כאפט צו צוויי פאָרציעס ברויט? — ווידער די ייִנגלעך. א גרויס אָנשיקעניש אף אונדז. און פרווט רעדן מיט די לערער, זייַנען די מיידלעך גערעכט...

אז דער כאווער יאקאָוו האָט מיך באגעגנט אף דער גאס און געפרעגט, צי עס געפעלט מיר די שול־היים, — האָב איך געמוזט אראָפלאָזן דעם קאָפ און איַינעמען שטומעניש: „פונעם כיידער טאָר מען ניט דערציילן, א ניידער..."

— די שול־היים דארף מען שאנעווען, — דערפיל איך זייַן געטרייַע האנט אף מייַן אקסל, — מיר האָבן דעם דאָזיקן קינדער־אנשטאלט אופגעהויבן מיט הוילע הענט און מיט די לעצטע קויכעס.

זייַנע הייס־אָטעמדיקע רייד האָבן אף מיר שטארק געווירקט. כ'האָב זיך באמיט מיטן גאנצן הארצן אים פאָלגן.

קעדיי זיך נאָך מער איַינקויפן אין ליבשאפט בא די לערער, האָבן די מיידלעך אין איינעם א שאבעס אויסגעפוצט די קלאָסן, ווי ערעוו א גרויסן יאָמטעוו. טאקע נאָר צו באוווּנדערן זייער טריַישאפט: אליין געבראכט פונעם וואלד יאָדלע־צווייַגן, אויסגעשניטן פארשיידנפארביקע פענ־

דלעך, איבערגעצויגן פּאַפּירענע קייטן, געוואַשן די דילן, אויפֿגעראַמט, אומעטום געמאַכט ריין, ציכטיק, א מעכײַע. די לערער מעגן טאַקע אָנקוועלן און קלײַבן טײַנעג. מיר, ייִנגלעך, האָבן זיך געפֿילט אין דעם טאָג ניט נאָר פֿאַרשעמט, נאָר טאַקע בעפּיירעש באַליידיקט. איך שטויס זיך אָן, וועמעס אויפֿטו דאָס איז...

דאָס, מיין איך, איז אויך א מין מיידלש שפּיצל, וואָס דאַרף אונדז דערגיין צום האַרצן.

אָן אנדערשמאָל האָבן דרײַ מיידלעך אומגעריכט, ניט וואָרענענדיק פֿריִער, געגומען דורכ־קוקן דעם סאַניטאַרן צושטאַנד פֿון די קינדער. דער דאָזיקער דרײַלינג בעראָש מיט דער לערערן פֿרידע רופֿט זיך „סאַנקאָם". זיי האָבן געמאָלדן, אַז הײַנט, דאָנערשטיק, איז זייער טאָג — גיי טו זיי עפּעס. אויסגעלאָזט האָט עס זיך דערמיט, וואָס די ייִנגלעך האָבן געכאַפּט א גוטן פּסאַק. וואָס עמעס, איז עמעס, קיינער וועט ניט לייקענען, אַז בא דער מערהײַט ייִנגלעך זײַנען די הענט קוי־טיק, די נעגל — ברודיק, און אַרום און אַרום מעג אויך זײַן ריינער.

שלוימקע איז אַרויס פֿון די קיילים, געוואָרפֿן זיך הין און הער, געבושעוועט. דער סאַנקאָם האָט געפֿונען פֿאַר נייטיק אַרײַנשרײַבן אין פּראָטאָקאָל, אַז בא אים, בא שלוימקען, זײַנען די אויערן מער פֿאַרלאָזט, ווי בא אַלע איבעריקע קינדער.

— מע קען דאָרט פֿאַרזעצן קאַרטאָפֿל, — כאָכמעט זיך עסטערקע די לאַנגע, זי איז אויך אין דרײַלינג, — אַנו, דערלאַנגט אהער א זאַסטעפּ.

— איך וועל דיר געבן מיט א זאַסטעפּ איבערן קאָפּ! — האָט שלוימקע זיך אַרויסגעריסן פֿון אירע הענט.

— אײַ־אײַ־אײַ, — קוקט אָף אים קרום די לערערן פֿרידע, — און דאַפֿקע פֿון דער על־טערער גרופּע!

איך בין ניט געשטאַנען אָף שלוימקעס צאַד, כאָטש ס'האָט מיך שטאַרק געקימערט זײַן כאַרפּע פֿאַרן סאַנקאָם.

— איידער קומען אין שול־היים, — זאָג איך אים, שלוימקען, — מיט אַזעלכע שוואַרצע נעגל און בלאָטיקע אויערן, איז שוין א סאַך גלײַכער זיצן אין דער היים.

— פֿון ווען אָן, — ענטפֿערט ער מיר, — ביסטו געוואָרן אַזוי קאָשער און פֿרום? זע נאָר, זע דאָס לײַטישע ייִנגל!

— שלוימקע, וואַרף אַוועק די מיִעסע שטיק פֿון דער גאַס!

— שטייסט פֿאַר די מיידלעך?

— איך שטיי ניט פֿאַר די מיידלעך און שטיי ניט פֿאַר די ייִנגלעך. איך שטיי פֿאַרן קאָלעק־טיוו. דעם קאָלעקטיוו, שלוימקע, דאַרף מען שאַנעווען.

— איז וואָס זשע האָב איך דאָ כויטע־בייגל געוועזן? כ'בין אַזאַ מיטגלידער פֿונעם קאָלעק־טיוו, ווי דו. כ'וועל ניט דערלאָזן, די מיידלעך זאָלן מיר קריכן אָפֿן קאָפּ.

— וואַרף זיך ניט ווי א קאַפּאַרע אין קאָשעק. האַלט זיך ווי א מענטש. מע האָט דיר גע־מאַכט א באַמערקונג, איז זײַ אַזוי גוט און וואַרף זיך אונטער. ניטאָ וואָס צו בונטעווען.

שלוימקעס גלײַכע אויגן, אָנגעפֿילט מיט רוגזע, האָבן מיך אַדורכגענומען אָף דורך און דורך.

— צווייפּענעמדיקער! אומזיסט האָב איך גערעכנט, אַז דו ביסט דער איינציקער כאַווער מײַנער. גרייט געווען גיין אין פֿײַער און אין וואַסער... איצט זע איך שוין, מיט וועמען איך גיי צום טיש. — די גאַל איז אים נאָך מער אַרײַן אין פּאָנעם. — גיי! — טרײַבט ער מיך פֿון זיך א שרעקלעך אויפֿגעבראַכטער. — גיי צו דײַן פֿערעלען.

פֿאַר גרויס ביזאָיען בין איך גרייט געווען זיך באַגראָבן לעבעדיקערהייט. ביז טיפֿן וויי־טעק, פֿיל איך, האָט מיר דערלאַנגט זײַן אויסוואָרפֿעניש. פֿאַרלוירן שטיי איך פֿאַר שלוימקען. דאָ איז נאָך צוגעקומען אַן אנדער געפֿיל, וואָס דערליבעט מײַן נעשאָמע, — א נאָענטער כאַווער גייט פֿון מיר אַוועק, און ס'טוט זייער און זייער באַנק... ניט אַזוי האָב איך עפּשער באַדאַרפֿט מיט אים ריידן, עגבערט מיך די כאַראָטע.

מאַליע מיט די זײַדעס האָט אונטערגעהערט אונדזער ייִנגלשן געשפּרעך. זי איז געבליבן זייער צופֿרידן, וואָס כ'האָב זיך פֿאַרקריגט מיט שלוימקען.

— הײַנט זעסטו שוין, — מאַכט זי, — ווער ס'שטערט די אָרדענונג פֿון קאָלעקטיוו? פֿאַרן עמעס איז מען גרייט אויסדראַפּען די אויגן. גיי האָב צו טאָן מיט אַזאַ שלוימקעלען.

כ'האָב כיישעק געהאַט זי א שטופּ טאָן מיטן פּוס, זי זאָל זיך איבערקערן מיטן קאָפּ אַראָפּ.

— אַוועק פֿון מיר, שליאָנדערקע! שלוימקע איז נאָך הונדערט מאָל לײַטישער פֿון דיר.

— ביסט אויך א גוטינקער. מ'האָט דיך אויך ליב, ווי פֿעפֿער אין נאָז. וואַרט, ראָשע איינער, וועסט נאָך וויינען אָף ביידע אויגן.

מיט אַזאַ מײַנעלאָשן פֿון אַן עמעסער מאַרק־סעדעכע האָט נאָך קיינער פֿון די קינדער צו מיר ניט גערעדט.

— מאַליע מיט די זײַעדעס! — האָב איך א געשריי געטאָן איבערן גאַנצן קאָרידאָר. — ניכבעניצע!

אך, אז זי האָט געכאַפּט די פּיס אַף די פּלייצעס און זיך געלאָזט לויפן ווי פון א העליש פײַער!

— וואַרט, בויאַן איינער, וועסט מיך נאָך האָבן צו געדענקען! — ווײַזט זי מיר פונדער־ווײַטנס אירע פויסטן.

דעם גאַנצן טאָג גייט מאַליע ארום א פאַרוויינטע. ניט איין מאָל פאַלן פּערעלעס פּאַראַכטנ־דיקע בליקן אין מײַן זײַט. איך האָב גוט געפּילט, ווי זיי שטעכן מיך.

שלוימקען האָט מען, אפּאָנעם, נאָכן וואַרמעס אָפּגעלאָזט אהיים.

צווישן די עלטערע קינדער האָט זיך געפילט עפּעס אַן אומרו. אין די האַפּסאָקעס און אַפילע נאָכן וואַרמעס האָט מען קיין לידער ניט געזונגען. בא קיינעם איז ניטאָ קיין כיישעק ארויסגיין אפן הויף שפּילן, ווי עס איז אײַנגעפּירט, אין א קאַראַהאָד.

— וואָס איז מיט אײַך? — שטייט צו די לערערן אַניוטע מיט א פאָדערנדיקער טײַנע. — פון נעכטן ביז הײַנט דערקען איך אײַך ניט.

די מיידלשע סוויטע שווײַגט אונטער פאַרקלעמט. אָבער מאַליע, איין פּיסקעוואַטע מאַליע, האָט ניט אויסגעהאַלטן און זיך ארויסגעכאַפּט, שלינגענדיק די טרערן:

— און אז איך וויל ניט זײַן אין סאַנקאָם, ווער קאָן מיך צווינגען! איך וויל ניט, און שוין... מאַליע וואָס די כאַווערטע פרידע האָט אָנגעמערקט מײַן קאַנדידאַטור...

אונדזער לערערן אַניוטע איז גאַרניט אזא נאַר, זי זאָל זיך גלײַך ניט אָנשטויסן, אז עפּעס איז שוין דאָ פאָרגעקומען.

— פון אַלצדינג, מיידלעך, האָט איר ליב מאַכן א וועזן. יעדע קלייניקײַט פאַרנעמט בא אײַך אַן אָרט. אַן עק, לאָמיך הערן, וואָס האָט פּאַסירט?

— איר ווייסט גאָרניט, כאַווערטע אַניוטע, וויאַזוי מע באַליידיקט מיך גראָב. איך קאָן שוין מער ניט אויסהאַלטן... — צעיאַכמערט זיך מאַליע אַף א קאָל. דאָס גרייט זי פאַר מיר א בענקעלע.

פּערעלע וויל דעם איניען פאַרווישן. דאָס זע איך ארויס פון איר פּירעכץ. זי האָט קונציק מיט א זײַט אָפּגעשטופּט מאַליען פון דער לערערן.

— לייגט ניט קיין אכט, כאַווערטע אַניוטע, זי איז פּאַשעט הײַנט אופגעשטאַנען אפן לינקן פוס. קיינער טשעפּעט זי ניט און קיינער באַליידיקט זי ניט, — מאַליען טוט זי א קנײַפּ הינטנ־ארום. — בעהיימע...

— עפּעס זע איך, מײַנע טײַערע, ווילט איר פון מיר אויסבאַהאַלטן. איך ווייס אַלצדינג. מיך, מיידלעך, וועט איר ניט אָפּנאַרן. בעקיצער, זאָגט, וואָס איז געשען?

א נידעריטשקע, א ציכטיקע, א צוגעפּוצטע מיט א ראָזעלעך געפּרעסט טיכעלע אַף דער ברוסט־קעשענקע, איז געשטאַנען די לערערן אַניוטע, ארומגערינגלט מיטן קרײַז פון די מייד־לעך, געפּאָרשט די מיידלשע פּענעמער, געוואָלט ארויסבאַקומען דעם סאָד.

— ווען וועלן אָנקומען די נײַע לערנביכער? — שפּרינגען איבער די מיידלעך אַף אַנדערע זאַכן.

— די שול־היים איז אויך אײַנגעלאַדן אַף דער עקסקורסיע קיין קאָרסון?

— כאַווערטע אַניוטע...

— מיידלעך, פאַרעדט מיר ניט די ציין, — איז די לערערן שטרענג געוואָרן. — מאַליע, ווו ביסטו ערגעץ? קום נאָר אהער!

פּערעלע בלײַבט שטיין, ווי מיט אָפּגעהאַקטע פליגל. די איבעריקע מיידלעך אין קרײַז האָבן אויך אָנגענומען וואָסער אין מויל און שווײַגן צו טאַמעוואַטע.

ערשט איצט האָט מאַליע אויסגעבראָכן מיט א געוויין.

— אויב איר וועט ניט אָנעמען קיין מיטלען... אויב זיי וועלן ניט ווערן באַשטראָפט... — ווער־ווער, נאָר מאַליע קען די שטיקעלעך פון א יאַכנע־דריידל אקוראַט. זי האָט אופגעשרויפט דאָס צעבונדענע ציגעלע ביזן לעצטן שרײַפּעלע. ווו האָבן זיך געגומען צו איר אזעלכע בייזע קלאָלעס? מיך האָט זי אָנגעשאָלטן מער מיט א ביסל. — איר ווייסט גאָרניט, כאַווערטע אַניוטע, וואָס פאַר א מאַזיק דאָס איז, א גאַזלען, א רעציייעך, איינער אין דער וועלט. ער זאָל אַף קיין גוט אָרט ניט שטיין! וואָס האָט ער צו אונדז? ער האָט מיר הײַנט געמאַכט א לאָך אין האַרצן... עפּנט אוף א פענצטער... גיט מיר א ביסעלע לופט...

האַלעמײַ זאָל איך זאָגן, זי האָט גלענצנדיק אָפּגעשפּילט איר ראָל.

פּאַרטיק. דאָס בענקעלע פאַר מיר איז צוגעשטעלט.

די קלוימערשט כאַלאָשעס־פאַלנדיקע מאַליע האָט מען אונטערגעכאַפּט אונטער די הענט

און אַרויסגעפּירט אין דרויסן אַרויס כאַפּן פרישע לופט. ווען די לערערן אַניוטע האָט זיך דערשראָקן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז באַלד וועט מען שיקן נאָך דער שפּיטאָל־דאָקטערן העסי־פּעסי.

אזא אָנשיקעניש אף מײַן קאָפּ!

די גאַנצע צײַט האָב איך געוואַרט מיט גרימעניש אין בויך: אָט באַלד וועט מען מיך אַרויסרופן אין לערער־צימער און נעמען אַפּן צימבל. וואָס זאָל איך טאָן, אַז ס'איז מיר באַשערט באַשטראָפט ווערן איבער אַ בילבול?

אַז די קינדער האָבן זיך געלאָזט גיין אַהיים, טרעף איך זיך אָן פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט דער אופגערעגטער לערערן, וועלכע איז געשטאַנען, זעט אויס, אַ צײַט ווי אף גלײַיקע קוילן באַם אַרויסגאַנג און געוואַרט אף מיר. אַרײַנגעפּאַקט זיך! — האָט אין מיר שטאַרק אַ טיאַכקע געטאָן דאָס האַרץ.

— וואַרט אַ ווײַלע, דיך דאַרף איך טאַקע האָבן, — טוט זי מיך אַ צי אין אַ זײַט.

איך האָב אויך ניט געוואָלט, אַז מײַנע קלאַס־כאַווײרים זאָלן זען, וויאַזוי די לערערן וועט זיך באַלד אף מיר אַרופוואַרפן. אַנטלויפן באַצײַטנס? ניין... אַ שולדיקער אַנטלויפט. איך בין ניט שולדיק. פונדעסטוועגן איז אונטער פיר אויגן אַ סאַך גרינגער אויסצושטיין דער לערערנס שטראָף־רייד.

— נו, ברודער־לעבן, וואָס וועסטו איצטער זאָגן? ווידעראַמאָל... נאָר מיט דיר איינעם האָט מען צו טאָן. ס'אַ מײַסע אָן אַן עק... ערגער פון אַלע ייִנגלעך! צי דען פאַרשטייסטו ניט, ווו דו געפינסט זיך? אַ גאַנצער קינדער־קאָלעקטיוו לײַדט פון דיר, — זי רעדט דאַפּקע שטיל, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז מע שינדט פון מיר די הויט. — וואָס הייסט — אַזאַ דערוואַקסן ייִנגל קאָן זיך ניט נעמען אין די הענט אַרײַן? ווילסט, מע זאָל דײַן נאָמען אַרויסשטעלן אף אַ שוואַרצער ברעט? אף דיר האָב איך זיך ניט געריכט אַזוינס... זעסט דאָך אַליין, ווי די לערערס לייגן אַוועק אַלע זייערע קויכעס, גיבן אײַך אָפּ די נעשאָמע, און באַ דיר איז דאָס אף קיין האָר ניט אָנגעלייגט, — אירע פּויסטלעך שווינדלען אַרום אינדערלופטן, — אומדערטרעגלעך... אומדערטרעגלעך...

— ערגערט זיך ניט, כאַווערטע אַניוטע. אויב איך בין אײַך שוין אַזוי שטאַרק דערעסן, איז פּאַראַן אַ ברייררע: שליסט מיך אויס, און פּאָטער אַן אייסעק. — וואָס נאָך בלײַבט מיר צו ענטפּערן?

— האַ? וואָס? דיר איז ניט ליב דער קאָלעקטיוו? — פּאַלט זי אָפּסנײַ אָן אף מיר. — אין דײַן האַרצן איז נאָך ניט אײַנגעפּלאַנצט געוואָרן דאָס סאַמע טײַערסטע, דאָס סאַמע הייליקסטע אף דער וועלט — ליבשאַפט... פרײַנטשאַפט... געטרײַשאַפט... איר ווייסט נאָר זידלען זיך, שלאָגן, שילטן...

— כאַווערטע אַניוטע, פאַרוואָס זאָגט איר עס מיר? זאָגט עס מאַליען.

— מאַליען? ווייסט כאָטש, וואָס דו האָסט געמאַכט פון דעם מיידל? צופיל דערלויבסטו זיך, מײַן טײַערער. זי קאָן נאָך ביז איצט צו־זיך ניט קומען. איבער וועמען? איבער דיר.

— איבער מיר? זי איז נאָך געערעכט?

— וואָס זשע, דו ביסט געערעכט? — טרייסלט זי מײַנע אָרעמס, גלײַך ווי זי וויל מיר פאַרשאַפן ווייטעק.

קיין אַנדער געפיל, כוץ ראַכמאָנעס, האָט די אומדערפאַרענע לערערן אַניוטע באַ מיר ניט אַרויסגערופן. ניט קעדײַ זיך נעמען אַזוי שטאַרק צום האַרצן, אף מײַן וואָרט, ניט קעדײַ. וואָס דאַרף זי מיר דאָ אײַנטײַנען, ווייס איך ניט. וואָס קומט אַרויס, אַז זי לעבט איבער, נערווירט זיך? אף מיר, דעם עמעס געערעדט, ווירקט עס ניט. איך קען איר ניט אופקלערן, אַז זי שטעלט זיך אײַן פאַר פאַלשקײַט. דאָך האָב איך פּאַרט מיט עפּעס געוואָלט גיין איר אַנטקעגן.

— איר ווילט, כאַווערטע אַניוטע, איך זאָל מאָרגן ניט קומען אין שול־היים?

— ניין, — באַפּאַלט זי אַ פּלוצעמדיקע שרעק, — דאָס וויל איך בעשום־אויפן ניט. איך וויל איין זאַך פון דיר, — זאָגט זי, — נאָר מיט אַ טנײַ, זאָלסט אויספילן מײַן באַקאָשע. דאָס, וואָס ס'איז פאָרגעקומען צווישן דיר מיט מאַליען, זאָל זיך מער ניט איבערכאַזערן.

דאָס גאָר?

ניין, ס'איז ווינציק פאַר דער לערערן, זי וויל נאָך, איך זאָל זיך אַנטשולדיקן, דאָס הייסט — בעטן באַ איר מעכילע.

— גיב דײַן ערן־וואָרט, — פּאָדערט זי פון מיר.

— דאָס וועט איר באַ מיר ניט פּויעלן... איך קאָן אײַך נאָר צוזאָגן, אַז אף ווײַטער וועל איך בעכלאַל מיט איר קיינמאָל ניט רעדן.

— כ׳האָב ביז אהער ניט געוווּסט, — מאַכט זי א קרומע מינע, — וואָס פאַר א שלאַק דו ביסט.

אין עטלעכע טעג ארום האָב איך צופעליק געהערט, ווי זי האָט זיך געקלאָגט פאַר דער קרענקלעכער לערערן פרידע:

— איך בין אוועקגעגאַן פון אים א צעבראָכענע, אינגאַנצן א צעבראָכענע. שטעלסט זיך ניט פאָר, וואָס פאַר אן אקשן דאָס איז, און דו דערציילסט מיר פּיזמוינעס, אז ער איז אן אַנט־וויקלט, א באַוווּסטזיניק קינד. נעכטיקע טעג! פּאָשעט א באַלגייַוועניק און, אויב דו ווילסט וויסן, דער ערשטער בונטאַר צווישן די ייִנגלעך.

— צו יעדער קינדערש האַרץ, — ענטפערט איר די לערערן פרידע א ביסעלע פאַר־טרוימט, — דאַרף מען האָבן א באַזונדערן שליסל.

בלויז אף א קליינער ווײַלע פאַרקלערט זיך די כאַוועריטע אַניוטע. דערנאָך צעפּירט זי האָפענונגסלאָז מיט אירע קליינע פוכקע הענטלעך:

— ווו פאַרמאָג איך אַזויפיל שליסלען?

די קראַנקע הויכע לערערן גיט א טיפן זיפץ:

— אין דעם באַשטייט דאָך טאַקע די שוועריקײַט, כאַוועריטע מײַנע, דאָס איז, צום באַ־דויערן, אונדזער כיסאָרן, וואָס מיר זײַנען אָרעם אין שליסלען...

אן אויספלוג הינטער דער שטאָט

אין שול־היים קום איך אַלע טאָג פריִער פאַר אַלעמען, קימאַט דער ערשטער. אז מע ברענגט פריש ברויט פון דער בעקערײַ, העלף איך עס אַראָפּטראָגן, אין אַנדערשמאָל קומט אויס צעזעגן מיט דער קעכנע עטלעכע גראָבע פלאַכטעס האָלץ, אָנהאַקן שפּענער, צעבלאָזן דעם ריזיקן בלעכענעם סאַמאָוואַר. שפּעטער, אין א שאָ אַנדערהאַלבן ארום, וועלן מיר עסן פרישטיק. דער פרישטיק באַשטייט (אַלע טאָג אײנער און דער זעלבער) פון א ריפטל ברויט, געשמירט דיק, ביז גאָר דיק, מאַמעש ווי באַהויכט מיט שמאַלץ, און א האַלב טעפּעלע זיסע טיי. ביז גאָט העלפט, מע דערוואַרט זיך אף דעם דאָזיקן אָנבײַסן, קערן זיך צען מאָל איבער די קישקעס אין בויך. ווער איז מיר שולדיק, אז איך אַליין בין דער שויטעץ? קײנער נייט מיך ניט אופשטיין אזוי פרי.

צי מאַכמעס מיר האָבן זיך ניט ווו אהינטאָן אין אונדזערע אָרעמע היימען, צי ווײַל דער געבענטשטער פרימאָרגן שטייט אזוי ליכטיק שיין אף דער וועלט, — קאַיאָר קומט א היפּשע צאָל קינדער אין שול־היים. ווי מע זאָל האָבן זיך צונויפגערעדט, קומען אַלע פאַרפרי. מיר, ייִנגלעך פון עלטערן קלאַס, גייען אַראָפּ נידעריקער אין הויף צו די עטלעכע פרוכטביימער, ווו דאָס גראָז וואַקסט הויך און געדיכט און אין פרימאָרגנדיקן שאָטן ליגן נאָך די טראָפּנס טוי פריש אף די גרעסטעטע שטענגלעך. מיר פאַרקלײַבן זיך דאָ אף דער נידעריקער באַנק און מיט גרויס פאַרכאַפּטקײַט הערן מיר אונדזער כאַווער מענדלס מײַסעס. כוץ דעם, וואָס ער ווייסט א סאַך וווּנדערלעכע מײַסעס, געהערטע און אַלייך צוגעטראַכטע, דערציילט ער זיי נאָך, דער גוט־יאָר זאָל אים כאַפּן, עפּעס זייער שיין. יעדער מײַסע זײַנע האָט איר רייעך און איר טאַם. מענדלען קאָן איך הערן א טאָג מיט א נאַכט און ניט ווערן מיד.

— דערצייל, מענדל, דערצייל נאָך!

ער אַליין, מענדל, גלייבט אויך ניט אינעם שעם־האַמפּוירעש, אין דעם קישעף־שטייך, אין די זעקס און דרײַסיק צאַדיקים, אף וועמען עס האַלט זיך די וועלט און מע רופט זיי „לאַמעד־וואָווניקעס". פאַר כיידער־ייִנגלעך, טאַלמעדטוירעניקעס איז עס עפּשער א געשעפט, אָבער נישט פאַר אונדז, שול־היים־קינדער, דערצויגענע און באַוווּסטזיניקע. מיר גלייבן ניט אין קיין שיידים, מיר גלייבן ניט אין קיין קישעף. דאָס איז גלאַט ציקאַווע מײַסעס, צויבער־לעגענדעס, זאָל זײַן ניט געשטויגן, ניט געפלויגן, נאָר מיר הערן זיי מיט אַלע אונדזערע כײַעסן. סוידעס־דיק שטיל ציט מענדל די מײַסע, פאַרגלאָצט אַלעמאָל די אויגן, און אין זײַן קאָל ליגט עפּעס שרעקנדיקס. כעוורע זיצט דעמלט ארום אים, ווי צוגעשמידט, מיט א פאַרהאַלטענעם אָטעם.

— אַמאָל־אַמאָל, פאַרצײַטנס, — אזוי האָט ער ליב אָנצוהייבן, מענדל, — ווען די וועלט האָט נאָך ניט געוווּסט פון קיין באַנען, פון קיין אויטאָמאָבילן און עראָפּלאַנען, האָט געוווינט אין א ווײַטן, פאַרוואָרפענעם יישעוו אײנער א מענטש...

דער נאָמען איז ניט וויכטיק — א מענטש האָט געלעבט!

וואָס פאַר א נאַפקעמינע און ווער איז עס מעכוייעוו וויסן, ווי־אזוי מע האָט גערופן דעם

מענטשן. א כּילעק א גרויסער! נאָר ווייסן מיר פּאָרויס, דער מענטש וועט דורך א נעס ביצל ווערן. ער וועט אַף זײַן לאַנגן וועג בײַשטייִן פּיל ניסיוינעס, אומדערטרעגלעכע יעסורים, פּײַן, אָבער ער וועט אויסמײַדן דעם נאָכלאָקערנדיקן טויט. דער מענטש פונעם פּאַרוואָרפענעם יִישעוו וועט דעם מאַלעך־האַמאָוועס איבערקלײַגן. גיוויס וועט ער נאָך האָבן צו טאָן מיט שרעטעלעך, מיט דעם אויג־מעלעך־האַבאָשן, מיטן סאַטן־מעקאַטרעג, מיטן אַשמעדײַ און נאָך מיט אַנדערע קאָל־האַמינים שלעק, אָבער דער מענטש מוז אַרויס מיט ניצאָכן. יאָ־יאָ, עס וועט טרעפן, דאָס מאַזל וועט זיך פון אים אָפּטאָן, נאָר העט שפּעטער, זאָל זײַן צום סאָף לעבן, וועט זיך עס צוריק אומקערן.

— וואָס טויג מיר אַצינד דאָס גליק, — וועט זיך דער מענטש קלאָגן אַף דער עלטער, — אַז עס פעלן שוין די יאָרן?

מענדל דערציילט זייער פּאַמעלעך, מיט גרויסע האַפּסאָקעס — א רענדל א וואָרט.

— ...און דער מענטש פונעם פּאַרוואָרפענעם יִישעוו איז אַף די עלטערע יאָרן בעשאָלעם געקומען אין יענעם ווײַטן לאַנד, ווו די זון און די לעוואָנע גייען אויף אין איין צײַט, קיינער ווייסט ניט, ווען ס'איז רעכטער טאָג און ווען די נאַכט פאַלט צו. אין יענע ווײַטע מעקוימעס לעבן מענטשן אין פרידן, ווייסן ניט פון קיין מילכאָמעס, פון קיין גזײלע און פון קיין רעציכע.

— דאָרט, אַפּאָנעם, מוז זײַן דער גאַניידן אַליין? — פּרוווט עמעצער פאַרלויפן מענדלען דעם וועג.

— נייִן, שימעלע, דאָס ווײַטע לאַנד רעכנט זיך בא דער שוועל פון גאַניידן. מענטשן וואַרפן קוידעמקאָל דאָ אַראָפּ די פאַלשקײַט, לײַטערן און קאַשערן די נעשאָמעס, ביז זיי קומען צום סייכל און הייבן אָן צו פאַרשטיין, ווער זיי זײַנען און צוליב וואָס מע איז באַשאַפן געוואָרן אַף דער וועלט.

דאָ ווערט נאָך מער ציקאַווע צו הערן מענדלען. עס ווילט זיך וויסן, וואָס פאַר א וווּנדער־לאַנד עס געפינט זיך הינטער די האָריִי־כוישעך בא די טויערן פון גאַניידן. אָבער ווי נאָר עס קומט דער סאַמע רעכטער מיט, ווען אונדזערע הערצער פלאַטערן, מוז אומבאַדינגט, ווי אַפּצו־לאָכעס, עפּעס איבערשלאָגן די שיינע אויסגעכאָלעמטע מײַסע: עס צעקלינגט זיך דאָס גלעקל, וואָס רופט אַפּן לימעד, אָדער עס דערהערן זיך קולעס פון אַלע זײַטן:

— אַף דער עקסקורסיע!

— אַלע קינדער גייען אַף דער עקסקורסיע!

די לערער לאָזן ניט צורו, נישטערן איבערן הויף פון עק ביז עק און שיקן אַפּ אַלע קינדער צום קליינעם שטיקל פלאַץ בא דער געמויערטער וואַנט.

מענדל רײַסט איבער אינמיטן דערציילן, הייבט זיך אויף דער ערשטער פון דער באַנק און זאָגט אונדז צו, אַז מאָרגן אין דער זעלבער צײַט, אַפּן זעלבן אָרט וועט ער די מײַסע זײַנע פאַרזעצן. מע זאָל אים נאָר דערמאָנען, בא וואָס ער האַלט.

אַלע ביז איינעם זאַמלען זיך אַפּן זוניקן פלאַץ. ביז מע וועט זיך ניט שטעלן אין די רייען פאַרלעכווײַז, אָן קריגערײַ, אָן דינגעניש, וועט די עקסקורסיע זיך ניט אָנהייבן.

דערווײַל, ביז עפּעס־וואָס, טאַנצט ווילד אַרום „דער אינדיק" און פאַרווײַלט אונדז פריילעך. א היכער, דאַר און טרוקן, ווי א באָקסער, טראָגט ער זיך אימפּעטדיק אַרום מיט א רויט־צע־קאָשמעטער פאַטלע, יאָגט, זשומעט, שפּרינגט אַף איין פוס און מאַכט מעשונע־ווילדע האַווײַעס. ער האָט האַנאָע, וואָס די קינדער קײַכן, פּראַלן אַלע ווײַלע אויס מיט א הילכיקן געלעכטער, אַפילע די לערער שמייכלען אונטער. ס'איז שווער זיך בייזערן אַף דעם יונג און נאָך שווערער באַשטראָפן. קיינער רופט אים ניט באַם עמעסן נאָמען — הענעך, נאָר באַם צונאָמען — „דער אינדיק".

— האָלדער־באָלדער! — שפּאַרט פון זײַן מויל א שווער אָנגעפּאַפּטע צונג. — האָלדער־באָלדער! — שפּרינגט ער מיט צעשפּרייטע הענט, ווי מיט צעפּאָכטע פליגל. אָט לויפט ער, „דער אינדיק", אָט טאַנצט ער שוין ווידער אַרום צעבאַלעמוטשעט, צעפּודלט און צעקודלט. צווישן די מיידלעך ווערט א גוואַלד, א קוויטשערײַ.

שווער געווען פאַרן „אינדיק" צוקלײַבן א פּאָר אין ריי, קיינער וויל זיך מיט אים ניט שטעלן, ביז די לערערן אַניוטע און דער לערער אַרל האָבן ענדלעך געפונען פאַר אים א זיווג, און דאַפּקע א שטיל מיידעלע. מיט א מיידעלע, ווייסן וויל די לערער, פירט זיך „דער אינדיק" לײַטישער.

מיסטאָם וועט מען אונדז באַלד פירן ערגעץ הינטער דער שטאָט. מיר מאַכן זייער אָפּט אַזעלכע אויספלוגן. אין שטאָט שטייען האַיאַר מעסוקענע היצן. ס'איז נאָך אַזאַ הייסער זומער, זינט באַרשעוו איז א שטאָט, ניט געווען, — זאָגן מענטשן. אַלע אָפּענע פענצטער זײַנען פאַר־האַנגען, ס'איז אַזאַ ספּעקע, אַז מע קאָן אַף די דעכער אַפילע בראָטן קאַרטאָפל. טריקענען זיך

טאקע אומעטום אין בעקנס געשניטענע בארן, עפּל, װײַנשל־קערלעך. גרױסע געזונטע בינען זשומען און טוען א כײלעק אין טויט. פּרוּװ פארטשעפּען אײנע, װעט טײקעף קומען צו פליִען א גאנצע טשאטע און דיך אופּעסן לעבעדיקערהײט.

די לערער פירן אונדז אמאָל אין װאלד ארײַן, אַן אנדערשמאָל צו דער ראָסקאָפּענעצער לאַנקע. דאָרט, פארשטײט מען, איז א סאך קילער, װי אין שטאָט, פרישער, פרײַער, עס אָטעמט זיך אנדערש. דאָס מאָל האָבן מיר גראָד געלײגט דעם װעג צו דער אלטער הרעבליע און װעלן זיך לאָזן, מיסטאמע, אהין װײַט, נאָך דער געמויערטער װאסערמיל, צום ריזיקן בארג־מאָנאסטיר. דאָרטן אין דער נידער, װי אין א פּײַכטלעכער הײל, ריזלען צװישן גראָז קאלטע װאסער־קװאלן, די שטרעמעלעך, קוים צו באמערקן מיטן אויג, ציִען זיך פון די מיט מאָך באװאקסענע שטײנער־שפּאלטן. די הויכע צעװאקסענע בײמער פארשטעלן דעם װײַס אָנגעגליטן הימל — ס'איז דאָס בעסטע און שענסטע װינקל, קײן מער מעכײַענעפּאָשעסדיק אָרט װעט מען אף דער װעלט ניט געפינען.

ערגעץ נאָענט אין די־אָ קאנטן װוינט דער אלטער מאָלער אָניסי מארקאָװיטש. כלעבן, גאָר ניט קײן נאר: צוקלײַבן א מאָקעם־מענוכע פאר זיך דארף מען אויך װיסן װו. אײַ, ער װערט פארפאלן אף גאנצענע טעג, האָט נישט קײן האנאָע פון זײַן געדונגענער נאכלע, שלעפּט זיך ארום טאָג װי נאכט מיט זײַן קלאָפּערגעצײַג, װערט פארברענט און פארסארפּעט אונטער דער הײס־צעגאָסענער זון, האלטנדיק די גאנצע צײַט אין אײן מאָלן? װער איז אים שולדיק? אַן עלטערער מענטש מעג אף זיך ראכמאָנעס האָבן און צושאנעװען דאָס ביסל געזונט. װער, װאָס? רעד צום באליק! ס'אַן אײצע, זאָגט ער, ניט פון קײן גוטנפרײַנט. פארקערט, גראדע אין די יאָרן דארף מען צוײַלן. ער מוז אָניאָגן, אָפּטאָן דאָס, װאָס ער האָט ניט דערטאָן, ער װיל ניט בלײַבן קײן באלכויװ דאָ אף דער לעבעדיקער ערד, קײנער װעט פאר אים קײן אײן שטריך אפן געמעל ניט לײגן, ניטאָ אף װעמען זיך צו פארלאָזן...

אַן עלטערער מענטש האָרעװעט איבער די קויכעס, פארדינט ניט קײן צעבראָכענעם גראָשן און האלט זיך גאָדלדיק. װער קאָן אים פארשטײן? אָניסי מארקאָװיטש איז דער הײפּעך פון אלע איבעריקע מענטשן, װאָס איך װײס אף דער װעלט. זאָגן, אז ער איז כאָלילע אינגאנצן כאָסער־דײע — זאָל גאָט אויסהיטן, אף קײן מעשוגענעם איז ער ניט ענלעך, אָבער פון א פולשטענדיק קלאָרן, זעט אויס, איז ער אויך װײַט אװעק.

פונדעסטװעגן ציט מיך שטענדיק צום אלטן מאָלער. װי נאָר דאָס װאָרט „מאָנאסטיר” איז דערמאָנט געװאָרן, האָט מיך דורכגענומען א גרינגער ציטער — אָניסי מארקאָװיטש... ס'גײט מיר אפילע ניט אָן די טײַנע, װאָס די קינדער שטעלן ארויס, פארװאָס מע פירט אונדז ניט אין אזא הײסן טאָג צום טײַך?

— צוריקװעגס, אין צװײטן האלבן טאָג, — זאָגן צו די לערער, — װען די זון װעט א ביסל אראָפּ, װעלן מיר גײן די גאנצע צײַט מיטן ברעג. דעמלט װעט איר זיך באָדן, װיפל איר אײַך װעט ארײַן.

מיט געזאנג האָבן מיר זיך געלאָזט פון דער קאראטשענע איבער דער הײס צעגליטער שטאָט. די לערערס האלטן זיך װי פּאסטעכער בא דער זײַט און גיבן אף אונדז אכטונג, מע זאָל זיך פירן לײַטיש אין די רײען, ניט ארויסװארפן קײן װילדע שטיק, ניט אויסשרײַען קײן מיִעסע צונעמענישן, ניט כאפּן די מײדלעך פאר די האָר, זיך ניט בוצקען, װי די ציגן, אײנער מיטן אנדערן.

הענט, טיכלעך, שטרויענע הוטן פאָכן אראָפּ צו אונדז פון די נידעריקע באלקאָנען. אװאדע זײַנען מיר שטאָלץ, װאָס די שטאָט װײסט פון אונדזער שול־הײם און אלע באגריסן אונדז פרײַנטלעך.

דאָ טוען מיר א שאל ארויס א נײַע ליד.

ליב, כײנעװדיק, באזונדערס בוילעט טײלט זיך אויס צװישן אזויפיל שטימען פערעלעס קאָל. כײַ װאָלטן די איבעריקע מײדלעך אזוי ניט געקװיטשעט, ניט געריסן זיך אף די גלײַכע װענט... אז פערעלע זינגט, עפּן איך ניט דאָס מויל, איך הער זיך נאָר אײַן, װי זי גיט איבער מיט איר אײדעלער שטים, װיִאזוי די העלדישע קעמפער האָבן געפאָדערט ערד פארן פאָלק, האָט מען זײ אָפּגעמאָסטן בלויז נײַן אײלן ערד, און אָט באלד װעלן די מערדער אומברענגען די העלדן — מארטירער, װאָס שטײען בא דער אָפענער גרוב...

Вы землю просили, —
Я землю вам дал. . .
Готова глубокая яма.

לײג נישט אײַן די װעלט, פערעלע! מער װעלן זיך שוין קײנמאָל ניט אומקערן די שװארצע מעכאבלים, און פאר די געפאלענע העלדן — רעװאָליוציִאָנערן װעלן מיר נאָך נעמען נעקאָמע!..

מיר האָבן איבערגעלאָזט די ליד הענגען איבער דער שטאָט, ווי א ווײַטן ווידערקאָל וועגן די געפאַלענע קאָמונאַרן.

אהין, צו דער הרעבליע, צווישן הייס־צעגליטע שטיינער און פארשטויבטע ווילדע שטעכעלקעס, בודזיקעס, פאָלין שלענגלען זיך איבערגעטריקנטע סטעזשקעס, שמעלערע און ברייטערע, אלע לויפן זיך צונויף צום אופגעהויבענעם הילצערנעם בריקל און דערנאָך גייען זיי זיך ווידער פאנאנדער. הינטער אונדזער רוקן הויכט זיך די שטאָט אונדזערע, בארשעוו, צעשויבערט, צעכראסטעטע און גליט, ווי אין א קאלך־אויוון. אָפטמאָל קערעווען מיר זיך אויס מיטן פּנים צום טײַך, פארלייגן די הענט צום שטערן און קוקן זיך אײַן אין דער בארג־שטאָט, ווי זי ווערט פארגאָסן מיט פײַערדיקע זון־שטראַלן, פײַניקט זיך אין דער מעסוקענער צעפלאַקערטער היץ.

די לערער זאָגן אונדז ניט קיין מוסער, מאכן ניט קיין באמערקונגען. מיר פילן זיך קימאט ווי אינגאנצן פרײַ. ווער עס פארלויפט דעם וועג פאָרויס, ווער עס גייט רויק, געלאסן, קלײַבט אונטער פעלד־בלימעלעך, אנדערע פלאַפלען, כאפּן אין דער שטיל א קנײַפּ, א שטופּ, א שטורכע. קיינער וואגט ניט זיך קלאָגן פאר די לערער. די ברייטע ראַכוועס שלינגט אײַן דעם קינדערישן גערוימל.

איך ווייס אליין ניט, וויאַזוי מיר איז מיטאמאָל אויסגעקומען גיין באנאנד מיט פּערעלען. דאָס גרינגע העלע קאָפּטעלע אירס מיט די געשפּיליעטע ארבל בלאָזט זיך אָן ווי א פּענכער פון א ליאדע ווינטל. ס'איז שרעקלעך הייס, די ייִנגלעך האָבן שוין פון א צײַט אראָפּגעצויגן די העמדלעך. איך שעם זיך בלײַבן האלב נאַקעט פאר פּערעלען.

— ווען מיר גייען מיטן ברעג, — רוף איך זיך דער ערשטער אָפּ, — וואָלט איך די גאנצע צײַט געשווומען מיטן וואסער, צו וואָס זיך פּרעגלען אומזיסט און אומנישט? דו וואָלסט געטראָגן מײַן אָנטאָן?

— די גאנצע צײַט?

— מײַן אָנטאָן, פּערעלע, איז גרינג ווי א פעדער. ס'קאָן אינגאנצן פארוועגן עפּשער עטלעכע לויט. איך וויקל עס שטענדיק שטײַף אײַן אין איין קניפּל און נעם עס אין די ציין, ווען איך וויל אריבערשווימען אף יענער זײַט ברעג צו די לאָזעס.

— כי־כי, ווי א הינטל, — לאכט זי שטיל, ווי אין זיך, — האלט דאָס קניפּל אין די ציין, כי־כי! אף יענער זײַט טײַך וואקסן וואסער־ליליעס, געלע און ווײַסע...

— ווילסט, וועל איך פאר דיר אָנרײַסן וואסער־ליליעס, אי געלע, אי ווײַסע?

— אָבער דאָרט, אף יענער זײַט טײַך, — ווערט זי ערנסט, — שטייען טיפע זומפּן, די בלאָטע ציט ארײַן אפילע גאָר א גוטן שווימער.

— האָב קיין יעסורים ניט, פּערעלע, מיך וועט דער זומפּ ניט ארײַנציִען. איך שווים אָפּט אריבער אף יענער זײַט טײַך, — כ'ווייס, וועלכע ערטער זײַנען געפערלעך און וויאַרום זיי אויסמײַדן. ווילסט, וועל איך דיר אפּדערנאכט ברענגען וואסער־ליליעס?

— ניין... — דערשרעקט זי זיך אזש און טוט האסטיק א שפּרונג אָפּ הינטערווײַלעכס. — איך וויל ניט, מע דארף ניט... וואסער־ליליעס זײַנען טאקע שיין, אָבער זיי שמעקן מיט פּרעש. אזוי ווײַט פארשווימען דארף מען ניט, ס'א גרויסע אײַנשטעלעניש.

אין דער זעלבער מינוט זײַנען פריילעך לאכנדיק אונטערגעלאָפן פּערעלעס כאווערטעס, מאליע, עסטער, ראָכעלע די ווײַסע, און אָנגעטאָן אף איר קאָפּ א שיין געפלאָכטן קרענצל פון בלינדע קווייטעלעך. אין דער אָנגעטאָנענער קרוין איז זי שענער פון דער שענסטער באסמאלקע. א שאָד, וואָס ס'איז ניטאָ קיין שפּיגל!

מידלעך צוגעשטאנען זײַנען מיר ארײַן אין די קורצע שאָטנס פון א יונג סאָסנאָווע וועלדל, געזעצט זיך אָפּרוען, טיף ארײַנגעאָטעמט דעם שארפן יאָדלע־רייעך, וואָס טראָגט מיט זיך עפּעס א מין זיסקײַט אפן טאם. לאנג האָבן מיר זיך דאָ אין וועלדל ניט פארהאלטן. דער טאָג שטייט ניט, אונדזער ווײַטערדיקער וועג ליגט צו די קאלטע קוואלן. דאָרט וועלן מיר זיך קאָנען לאָזן ווילגיין אפן שענסטן אויפן, דערווײַל דארף מען צווײַלן.

אָט דאָ באלד, קאָן זייער געמאָלט זײַן, איך זאָל באגעגענען אפן וועג אָניסי מארקאָוויטשן. פּערעלע איז ניט באקאנט מיטן אָנגעפאָרענעם אלטן מאָלער, נאָר אז ער וועט זיך ערגעץ־ווו יאווען פאר די אויגן, וועל איך איר אים ווײַזן. „ווייסט, ווער דאָס איז? — וועל איך זי פרעגן. — קוק זיך גוט אײַנעט אינעם גראָוון מאן, זעסט, ווי ער איז אָנגעגורט מיט מאָל־מאכשירים, פּושקעלעך, קעסטעלעך, סלאָיִקלעך, זעסט דעם אראָפּהענגענדיקן דורכגערייכערטן ציבעק, די ווײַסע סטארטשענדיקע ברעמען? דאָס איז אָניסי מארקאָוויטש, איינער פון די בארימטסטע מאָלער אינעם גאנצן לאנד. לונאטשארסקי אליין רופט אים, ער זאָל זיך אומקערן קיין פּעטראגראד. הײַנט פארשטייסטו, פּערעלע, וואָס פאר א מענטש דאָס איז? און איך בין מיט אים באקאנט. זע אומיסטן, ווי איך גיי אים באלד אָפּגעבן שאָלעם. ניין, ניין, ער וועט מיך ניט אוועקטרײַבן. דאָס איז דאָך

טאַקע די מײַלע. ער איז אַ באַרימטער מענטש, נאָר דאָס מאַכט ניט אויס, דאָס שטערט אים ניט, ער זאָל זיך פֿילן מיט אַלעמען גלײַך. מיינסטו, פֿרעדעלע, אַז איך האָב דיר שוין אַלץ דערציילט וועגן אים? זאָלסטו וויסן זײַן, אַז ס׳איז נאָך אַפֿילו קיין אָנהייב ניט...״

דער לערער אַרל סקליאַר וויל וויסן, איבער וואָס האָב איך זיך אַזוי שטאַרק פֿאַרקלערט:

— עפּעס גייסטו איינער אַליין, געפּלאָנטערט ווי אין אַ כאַלעם. זעסט אויס אומעטיק. קיינער האָט דיך ניט באַליידיקט?

שווײַג איך צו, וואָרעם אים קאָן איך דאָך ניט דערציילן דאָס, וואָס פֿרעדעלע.

— עפּשער פֿילסטו זיך ניט גוט? — נעמט ער מיך אַרום און טאַפּט מײַן שטערן. אין דרויסן שטייט אַזאַ היץ, אַזאַ ברענענדיקע היץ... איך זע, ווי פֿונעם לערער גיסט פּאַטיאָקעס, זײַן העמדל איז צוגעקלעפּט צום לײַב, אויף דער רויט געוואָרענער נאָז ליגט צוגעקלעפּט אַ בלעטל, פֿונעם פֿאַריסענעם שטערן דעמפּן די מילי־מיליאָסן אָנגעלאָפֿענע טראָפּנדלעך. — קום מיט מיר, קום! זײַ ניט באַצאָרנט.

...אונטער די הויכע שאָטנדיקעביימער, וועלכע רינגלען אַרום דעם אַלטן כאַרעווער־געוואָרענעם מאָנאַסטיר, בײַ די קאַלטע קוואַלן האָבן מיר פֿאַרבראַכט קימאַט דעם גאַנצן טאָג. אונטערן פֿרײַען הימל האָבן מיר געשפּילט און געטאַנצט, די לערער האָבן אונדז געלייענט לידער, מעשׂהלעך, מײַסעלעך. פֿון די געלייענטע לידער זײַנען מיר פֿאַרבליבן אין האַרצן די שורעס:

א שטראַל פֿון דער זון האָט אַ קוואַליע געקושט
מיט ליפּן פֿון ריינעם גינגאָלד.
אַ שפּרונג האָט די קוואַליע געטאָן, ווי צעמישט,
און לעבן שוין מער ניט געוואָלט!

מיטן געדאַנק האָב איך זיך ניט אַזוי שטאַרק באַנומען, די דאָזיקע שורעס, נאָר זעט אויס, אַז ניט יעדער זאַך מוז מען גלײַך נעמען אויפֿן סייכל...

ה י ל ף

אין דײַטשלאַנד האָט אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכער הונגער.

וואָס פֿאַר אַ שײַכעס האָט עס צו אונדזער באַרשעוו? די גרעסטע שײַכעס! מיר דאַרפֿן וויסן וועגן דעם און העלפֿן מיט וואָס מע קאָן. ס׳אַ ברידערלעכער כוויו, זאָגט דער כאַווער יאַקאָוו, העלפֿן איז אַן אומגליק דעם פּראָלעטאַריער אין אַ צווייטן לאַנד. ווי דען אַנדערש, מיר זײַנען דאָך קינדער פֿון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, קינדער פֿון אַ נײַעם דאָר, וועט דען זשע וועט אויסשטרעקן אַ פֿרײַנטלעכע האַנט, אויב ניט מיר דאָ, די באַפֿרײַטע מענטשן פֿונעם באַפֿרײַטן לאַנד? ביפֿראַט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן הונגער־לײַדנדיקן קינד. ווער־ווער, נאָר מיר ווייסן, וואָס דאָס הייסט...

אומדערוואַרט האָט זיך פֿאַר אונדז, קינדער, מיטאַמאָל געשטעלט אַ ברייטע געזעלשאַפֿטלעכע אויפֿגאַבע — נעמען אויף זיך די זאָרג צו אָרגאַניזירן הילף פֿאַרן הונגערנדיקן דײַטשישן קינד. מיר, מיט אַלע כייך־גריבעלעך פֿון קאַפּצאָנים, האַלאַפּוזניקעס, לאַפּיטוטניקעס, אָרעם וואָס אָרע־מער קאָן ניט זײַן, דאַרפֿן דערלאַנגען דעם גרענעץ־שאַכן, וועמען ס׳האָט געטראָפֿן אַן אומגליק, אונדזער ציטעריקע אָרעמאַנסקע שטיקל ברויט...

די שטאָט האָט מען געשטעלט אויף די פֿיס — הילף פֿאַרן דײַטשישן קינד! וואָס אַ טאָג קומען פֿון דאָרט אָן שווערערע און טרויעריקערע ידיעות. אויף מיטינגען איז הייס באַהאַנדלט געוואָרן, ווי אַמשנעלסטן קומען צוהילף די הײמלאָזע יעסוימים. קוידעמקאָל איז דערקלערט געוואָרן, אַז מע וועט זאַמלען געלט בײַ די אײַנוווינער. מיר, די עלטערע קינדער פֿון שול־היים, האָבן זיך אויך אײַנגעשלאָסן אין דער זאַמלונג־קאַמפּאַניע. דער קאָמיוגישער קאָמיטעט האָט אונדז פֿאַנאַנדערגעטיילט אויף גרופּקעס און אין איינעם פֿון די מאַרק־טעג צעשיקט איבער דער שטאָט. ווו נאָר אַ פּלאַץ, אַ דורכפֿאָר־וועג, אַ קרייץ־וועג, אַ בולוואַרל, אַ הינטערגעסל, ווו מענטשן גייען דורך פֿאַרבײַ, דאָרט שטייט אונדזערער אַ פּאָסטן. מיר גיבן שוין גוט אַכטונג, אַז קיין איינער זאָל ניט בלײַבן אָנעם צייכן אויף דער ברוסט „הילף די דײַטשישע קינדער״.

דער מאַרק־טאָג האָט זיך דאָס מאָל גראַדע אויסגעגעבן אויף כידושים, אַזאַ אָנגעפּאָרענער יאַריד געדענקט זיך שוין לאַנג ניט. אומעטום, ווו די שטאָט האָט עררגעץ אַ ווינקל, גריבלט און שווימלט מיט מאַרק־האַרמידער. די, וואָס שטייען מיט די פּושקעס, טראָגן אויף די אָרעמס רויטע

בענדער, ווי בא וואך־פּאטרולן. עס קלינגען די בונט־געפּארבטע בלעכענע קיילים, זיי מאָנען „ווער וויפל עס קאָן...". צאַליק פונעם קאָמיוגישן קאָמיטעט האָט מיך אראָפּגענומען פון מײַן פּאָסטן (א לעבעדיק אָרט אפן מארק־ראָג, באם שניטקראָם־קאָאָפּעראטיוו) און מיך אוועקגעשיקט מיט נאָך איינעם א מיידעלע פון דער אוקראַיִנישער שול אזש צו יִסראָליק דאלעסעס געסל.

— דאָ, ארום אזא לעבהאפטיק אָרט, — זאָגט ער, — קאָן מען שטעלן אבי־וועמען, א ליאדע יאטל, אָבער דאָרטן, וווהין איך שיק דיך, דארף מען האָבן א כוואטסקע כעוורעמאן, וואָס זאָל פארמאָגן אין זיך ניט נאָר האָזע, נאָר אויך כוצפּע... דאָרט דארף מען גוט־גוט טרייסלען פארן קאָלנער, מע זאָל ארײַנוואַרפן די מאטבייע אין פּושקע. אף דיר, מיין איך, קאָן מען זיך פארלאָזן, ביסט דערצו גענוג אקטיוו און גענוג ענערגיש.

איך בין אוואדע צופרידן, וואָס צאַליע שטעלט מײַנע גראָטענע מידעס „האָזע און כוצפּע" אין א ליכטיקער שײַן. אין דעם געגעבענעם פאל, דארף מען אים פארשטיין, איז עס אפילע א מײַלע.

איך און מאריאסיע, דאָס כיינעוודיקע מיידעלע פון דער אוקראַיִנישער שול, אינעם פּליושן שווארצן קאפּערל — אויך א גאנץ בידאָווע, האָבן זיך געשטעלט אפן קרייץ־וועג, ווו די עטלעכע דריבנע געסלעך צעקריכן זיך, ווי די ריטלעך פון אן אלטן געגוצטן דערקאטש. כוץ וועבער, שטריקלדרייער, קעמלמאכער, וווינען דאָ גלאט קאליקעס, אלמאָנעס, בעטלערס. דאָ, אין דעם טכום, געפינט זיך דער אָרעמסטער גראד פון שטאָט. די נידעריקע הײַזקעס, אײַנגעקוועטשטע, ארומגעקאלופּעטע, שפּארן צו מיט די פּיצינקע צעקרימטע פענצטער בא דער סאמע ערד, זיי זעען אויס, ווי פּויזענדיקע קינדער, וואָס קאָנען זיך נאָך ניט שטעלן אקוראט אף די אייגענע פיס.

מאריאסיע האָט שטארק געצווייפלט, צי עמעצער וועט ארײַנוואַרפן כאָטש א פּרוטע.

— אין דעם ווינקל, — זאָגט זי טרויעריק, — שטייט דער הונגער נאָך גרעסער, ווי אין דײַטשלאנד... די אָרעמקײַט ריפּעט אין אלע טירן, דערצו איז מען נאָך א ביסל סמארקאטע... — זי האָט, אפּאָנעם, געוואָלט זאָגן: שטארק אָפּגעלאָזן. ס'איז קיין כידעש ניט, די אײַנגעזונקענע הײַזקעס זײַנען אָנגעפּיקעוועט מיט שכיינים. יעדער שאָכן האלט נאָך א שאָכן אָדער אן אָנגע־פּאָרענעם קאָרעוו, כוץ דעם, וואָס אז עס מאכט זיך, פארדינגט מען א באנק אף נאכטלעגער.

איך בין מער האָזעדיק ווי מאריאסיע, כ'שפּרייט פאנאנדער די הענט און לאָז קיינעם ניט דורכגיין.

— איר וועט אין כאלאָשעס ניט פאלן. פון ווינציקער מיט א קאָפּעקע שטארבט מען ניט, — צעלאָז איך מײַן געמבע, — ס'איז פאר אונדזערע שוועסטער און ברידער! העלפט די שמאכטנ־דיקע קינדער!

— און ווער וועט מײַנע קינדער העלפן? — שטעלט זיך אוועק אנטקעגן א דארע לאנגע יִדענע מיט פארלייגטע קנאָכיקע הענט פּאָדבאָקאָם, — גיי טו א קוק, ווי זיי צאנקען, — און פונדעסטוועגן דעליבעט זי זיך אזוי לאנג, ביז זי געפינט אויס די קופּערנע מאטבייע, וואַרפט ארײַן אין פּושקע און טוט דערבײַ א שווערן זיפץ: — ניט מער זאָלן מײַנע סאָנים פארמאָגן, וויפל איך קאָן שוין געבן...

ווו־ניט־ווו זעט מען אויסגעשפּאנטע וועגענער, קופּקעלעך היי, פערד־הני. דער גרויסער אָנ־געפּאָרענער מארק־יאריד שפּארט אזש אָן אהער אין די הינטערגעסלעך. מע קאָן קריגן ביליקן פלאקס, לײַן־פּאָדעם, קנוילן וואָל, געשטריקטע רעדנעס. ווער עס גיט זיך אָנעט אינעם מארק, קריגט פּײַנע מעציִעס. מיט די פיל אָנגעפּאָרענע דאָרפישע פּויערים גייען אָן ווינציק רייד: ארײַנ־געשטעקט אין לאץ דעם צייכן, אונטערגערוקט די פּושקע:

— לאָזט זיך ניט בעטן. וואַרפט ארײַן, וויפל איר האָט בעיאד!

— פאראן דען אזא אוקאז?

— פאראן...

ארום אונדז זײַנען זיך צונויפגעלאָפן א היפש ביסל קליינוואַרג — האלב־נאקעטע, דארינקע, זוניק־אָפּגעברוינטע. ווער עס הריזעט א מערל און ווער עס זויגט א בלאָטיקן פינגער. קינדער בלײַבן שטענדיק קינדער: כאָטש א שנאָל טאָן אין דער פּושקע און גיך אנטלויפן. איינס א מיי־דעלע מיט א פּאָר טרוקענע שטארע אויגן האָט זיך צוגערוקט צו מאריאסיען, זיך אָנגעטאָן א קויעך און פּאמעלעך אופגעהויבן זיך אף די שפּיץ פינגער, די מאָגערע נאקעטע קני־שעלכלעך האָבן אזש געגומען קנאקן.

— די באָבעשי מינציע, זאָל לעבן, האָט געהייסן ארײַנוואַרפן פאר מייער־באל־נעס און בעט א גוט קוויטל.

שווערלעך רוקט זיך אנטקעגן אין א פּאָר ברייטע צערעפּעטע שקראבעס יִסראָליק דאלעס אליין, דער מעלעך־עוויון פון די דאָזיקע צעשויבערטע געסלעך. ער האָט מײַסע באלעבאָס פאר־לייגט די הענט אפן רוקן. רויִק געמאָסטן איז זײַן האמעטנער טראָט. אָט דער פּאוואָליער, געלא־

סענער גאנג מאכט אים נאָך מער מעגושעמדיק און אומגעלומפּערט. א לאנג באוואקסן פּאָנעם מיט א היפּש־אָנגעפּרַיעטער פליישיקער נאָז. אויגן, ווייכע, טרערנדיקע ליגן ווי אין אלטע קנייט־שיקע בײַטלען... זאָל גאָט שוימער־אומאצל זײַן זען זיי, די דאָזיקע אָפּגעוועלקטע, מיט נעפּל דורכגענומענע טרערנדיקע אויגן אין א בייזער מינוט, ווען די אופגערייצטע רוגזע טוט א פלאַם אוף אין אלע זײַנע אופגערודערטע אייוורים. אָ, איך האָב אים אמאָל געזען אין זײַן גרימצאָרן...

איצט האָט זיך מיר געדאכט, אז דער ביינערדיקער זאָקן טראָגט ארײַן אהער די סאָפּזומער־דיקע טעג אף זײַנע ברייטע פּלייצעס, ווי א געטרײַער פּאָטער טראָגט ארײַן דעם שווער־און־ביטער פארהאָרעוועטן פארדינסט. יִסראָליק דאלעס האָט זיך געשטעלט אָן א זײַט, טיף אָפּגעג־עטעמט, ערנסט באטראכט אונדזער שטיקל ארבעט, וואָס מיר טוען דאפקע דאָ, אין זײַן קרויך־געסל. ער קוקט זיך שטארק צו, ווי מיר, איך און מאריאסיע, לאָזן קיינעם ניט דורכגיין אָנעם ארײַנגעשפּיליעטן צייכן „הילף די דײַטשישע קינדער".

— אײַ, איז דאָס קונדייסים, — קוועלט ער לעכאטכילע גאָר אָן, — ווי איר קוקט זיי אָנעט, קאָנען זיי אויסמעלקן א יאלאָווע קו.

אָבער נאָכדעם האָט ווי עמעצער אים פארביטן, דעם אלטן, ער קוקט אף אונדז, ווי ער זאָל טײַנען:

— ווּוהין האָט אײַך דער רוועך פארטראָגן? איר זעט דען ניט, אז מיינסטנס לעבן דאָ מענטשן פון בעטל־ברויט? וועלכע קינדער ווילט איר העלפן? אונדזעריקע צי דאָרט ערגעץ זייעריקע?.. פארוואָס לייגט איר אזוי אײַן די וועלט? אומעטום, — זאָגט ער, — טרעפט מען אָן אף דער האלאָטע...

מיר איז שווער ארײַנקוקן דעם אלטן אין זײַן ערדיש צעקארבט פּאָנעם. מאריאסיע, זעט אויס, האָט געהאט דעם זעלבן געפיל.

— קום! — שלעפּט זי מיך. — קום, איך קאָן שוין דאָ מער ניט שטיין... דער אלטער בינ־דיוזשניק קוקט אף אונדז שלעכט.

— וועמען מיינסטו? אָך, יִסראָעל דאלעס, — פרעג איך נאָך שטום איר ווונק, — האָסט א טאָעס, דער ייִד איז ניט קיין קיין בינדיוזשניק.

— וואָס זשע איז ער, גלאט א בעטלער?

— קיין בעטלער אוודע ניט.

— עפּשער פון די שנאָרערס? — וויל זי טרעפן.

— יִסראָעל דאלעס, — רוים איך איר אײַן אין אויער, — איז א מין פּרעזידענט דאָ איבער אָט די געסלעך...

קוקט זי מיך אָן ווי עפּעס א כאָסערדייע.

— רעדסט ניט פון וועג?

— אָט זאָג איך דיר, ער דרייט דאָ מיטן שטעקעלע.

— אזא שמאטניק, אזא שלעפּער?

— שטילער א ביסל, — ווײַז איך איר א צייכן, פארבײַסנדיק א ליפּ, — ווייסט ניט, טאָ שווײַג.

— הילף די דײַטשישע קינדער! — שרײַ איך אלעמאָל אויס. מײַן הילכיק קאָל צעטראָגט זיך איבער אלע צונויפגעוואקסענע דאלעס־געסלעך.

— שרײַ ניט אזוי, קאָלבויניק, — טוט יִסראָעל לײַכט א טרייסל מיט די ברייטביינערדיקע אקסל. — צו וועמען שרײַסטו? — דריבנע קארבן־שמייכלען ווײַזן זיך אף זײַן געדיכט באוואקסן פּאָנעם. — ווען איך האָב א פּיטאקל, וואָלט איך עפּשער אויך ארײַנגעוואָרפן אין דער פּושקע, — דערבײַ ציט ער אויס א מעגושעמדיקע האנט צו מאריאסיעס בלעכענער קיילע. — אָ, אָ, סע קלינגט... — שאָקלט ער פריידיק באם דנאָ פון דער פּושקע. — די ארײַנגעוואָרפענע נעדאָוועַ־מאטבייע, זאָלט איר וויסן, פּינדיוריקעס, איז דאָ צען מאָל טײַערער, ווי ערגעץ אנדערש.

מאריאסיע שטורכעט מיך אונטער: האָדיע! זאָל שוין זײַן גענוג!

— ווארט א ווײַלע, אָט גייט אהער נאָך א ווײַבל.

— ווייסטו כאָטש, ווער דאָס ווײַבל איז?

— וואָס איז מיר דער כילעק, איך דארף, זי זאָל ארײַנוואַרפן א מאטבייע...

איך בין געגאנגען אנטקעגן דעם ווײַבל מיט פאנאנדערגענומענע הענט, ווי מע שפּילט בלינד אין „קוצי־באבע". צוויי קליינע פארמורזעטע פּיסקליאטלעך האָבן זיך פעסט געהאלטן אין דער מאמעס זאק־קליידל, און נאָך א קלענערס, גאָר א ברעקל, ליגט מאלכעסדיק צעשפּרייט בא איר אָפענער ברוסט.

— מומעניו, לאָזט, וועל איך אײַך צושפּיליען דאָס רויטינקע צייכן־בענדל. ווארפט ארײַן,

מומעניו, וויפל איר האָט בעיאד. לעטוויוועס די דײַטשישע קינדער, — און כ'שטופּ צו מאַריאַסיען נעענטער, זי זאָל אונטערשטעלן די פּושקע.

— זיי זײַנען אויך אַזעלכע נעשטשאַסנע?

— נאָך ערגער, מומעניו.

— צו וועמען קלעפּן זיך צאָרעס? צום אָרעמאַן. וווהין קריכט דער שלימאַזל? ווידער צום אָרעמאַן... דעם אָרעמאַן איז טאָמיד דער ווינט אין די אויגן, — דאָס ווײַבל האָט אַרויסגעצויגן אַ שווייסיק קניפּל פונעם בוזעם, דעליבעט זיך אינעם ביסל מינץ און אַרײַנגעוואָרפן צו מאַריאַסיען אין פּושקע אַ היפּשע מאַטבייע, — נאָר אַ מאַמע, — זאָגט זי, — קאָן פילן דעם צאַר פון אַ הונגעריק קינד. קיינער זאָל צו דעם ניט געפּרוווט ווערן... ס'איז נאָך אַלץ דאָרט, אַף דער וואָלגע? — כ'האָב שווײַגנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. — ווער־ווער, נאָר מיר ווייסן, וואָס הייסט פעכנען אַפן פּיסק. דער הונגער איז אומעטום אונדזער מאַלעכהאַמאָוועס. שײַקעלע, — ווענדט זי זיך צו איר קליינטשקן ייִנגל, — נאַ, זונעניו מײַנער, וואַרף אויך אַרײַן אַ שטיקל קופּער־געלט.

מאַריאַסיע שעפּטשעט מיר גיך־גיך אין אויער אַרײַן:

— זי גייט, נעבעך, אַליין אַרום מיט די קינדער קלײַבן נעדאָוועס...

...וועדליק אַנדערע, וועלכע זײַנען אויך געשטאַנען מיט די געפּוצטע פּושקעס אַף געקרייצטע וועגן און ראָגן, שליאַכן און געסלעך, זײַנען מיר מיט מאַריאַסיען אַרויס מיטן פּידיען אַף זייער אַ בעקאָוועדיק אָרט.

צאַליק האָט אונדז געלויבט אין טאָג אַרײַן.

— איך האָב זיך ניט געריכט, — זאָגט ער, — אַז פון דער סאַמע געדיכטער אָרעמקײַט זאָלט איר קומען מיט אַזאַ פײַנעם צושטײַער.

אונדזער באַרשעוו איז פאַר די הונגעריקע קינדער קיין באַלכויוו ניט געבליבן. די געגנו־מענע אַף זיך סומע איז מיט אַ סמיטשעק דערלאַנגט געוואָרן נאָך פאַר דער צײַט. לאַנג נאָך האָט אין שטאָט אָפּגעקלונגען דער רוף „העלף די הונגעריקע קינדער“.

כראָניק

קונסט־ווערק אַף ייִדישער טעמאַטיק

„די ייִדישע מוטער“ — אַ טיף רירנדיק בילד, געמאָלט פונעם קינ־סטלער הערמאַן נוימאַן; אַ גראַוויור־סעריע „טערעזין“ פון לעאָ האַס; „דײַטשלאַנד — אַ בלייכע מוטער“ — אַ ווערק פון פריץ קרעמער וועגן די דערמאָרדעטע אין מאַטהאַוזען — אָט די און נאָך אַנדערע בילדער, געווידמעט דער ייִדישער מאַרטיראָ־לאָגיע, זײַנען אויסגעשטעלט אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין בערלין.

אַ פילם וועגן דער רעטונג פון ייִדן

אין דענעמאַרק איז געשאַפן גע־וואָרן אַ פילם וועגן דער פרײַנט־שאַפט, וואָס די דאָרטיקע באַפעלקע־רונג האָט אַרויסבאַוויזן צו די ייִדן אין די יאָרן פון דער היטלעריסטי־שער אָקופּאַציע. עס ווערט געשיל־דערט די רעטונגס־אַקציע אין אָק־טיאַבער 1943, ווען די דענישע באַ־פעלקערונג האָט אין איין נאַכט אַריבערגעפירט אַף שיפלעך אַ גרוי־סע צאָל ייִדן קיין שוועדן, קעדיי צו ראַטעווען זיי פון דער פאַרניכטונגס־אַקציע, וועלכע די היטלעריסטן האָבן געזאָלט דורכפירן. דער הויפּט־העלד אינעם פילם איז דער ייִד שטיין — אַ פידל־מײַסטער, וועלכער ווײַזט אַרויס, צוזאַמען מיט די דענער, העלדנטאַט באַם דורכפירן די דאָזיקע אַקציע.

● ● ●

גייט אין שטאָט א זייגער

טיכעלעך

וועבערן, וואָס וועבסטו?
דײַנע אויגן שוין קאַליע.
— א סאָלדאַטיש העמדל וועב איך,
וווּנד־שנירן פון מאַרליע.

וועבערן, וואָס וועבסטו,
דו קענסט מיר ניט דערקלערן?
— א טיכעלע וועב איך
אָף אויסווישן די טרערן.

קווייטן

פאַר די, וואָס פאָרן שוין אוועק,
פאַר די, וואָס דאַרפן ערשט קומען,
האָט די מאַמע־ערד אויסגעכאַוועט
ווײַסע, בלויע און רויטע בלומען.

מיט פערל־טוי באַפּערלט זיי,
מיט כיין־פינטעלעך באַפינטלט,

מיט רעגנדלעך באַרעגנט זיי,
מיט ווינטעלעך באַווינטלט.

איינעם געפעלן די בלומען,
א צווייטן — די שטעכלקעס גראָד.
טאָקע דער צווייטער, אפּאָנעם,
דערפונדן האָט שטעכל־דראָט.

דערמאָנונג

ווו ביסטו, שטיבעלע,
האַלב צעבראָכענער קוימען?
ווו זײַט איר, פענצטערלעך —
אויגן פון יעסוימים?

ווו ביסטו, ביין־האַשמאַשעסדיקער
ערשט געפאַלענער שניי?

ווו זײַנען די טײַבעלעך, וואָס וואָרקען,
ווי מײַן מאַמעס „ווײַ ז׳מיר ווײַ״.

שפּילט אײַך, קינדער,
שפּילט אײַך אין רעשקע,
שטערט ניט אײַער זיידן
קושן די האַלעוועשקע.

קאָן זײַן

ווועסט זאָגן, עס קלעפּט זיך נישט
איינס מיטן צווייטן —
איך שטאַרב דיך אַרומנעמען,
ווי דײַן וואָזע די קווייטן.

ווועסט זאָגן, עס קלעפּט זיך נישט
דאָס, וואָס איך ברײַע, —

איך כאַלעש דיר דינען
ווי א הונט א געטרײַער.

קאָן זײַן, אַז מײַן מאַמע
וואָלט זאָגן עס בעסער:
— דאָרט, ווו דאָס ברויט,
דאָרט איז דאָס מעסער.

קנופּן

זינט כ'האָב צום ערשטן מאָל
מײַנע שטיוועלעך אָנגעמאָסטן,
מאַך איך קנופּן אַף די בענדלעך —
קנופּן, ווי די קנאָספּן.

כ'האָב זיך אײַנגערעדט,
כ'האָב זיך פֿירגענומען,
אַז אָט־אָט פֿון די קנופּן
וועלן אויספּיקן זיך בלומען.

יאָגן די יאָרן — ווער מיר בלומען!
די שטיוועלעך צעשינדן...
ניין, כ'וויל שוין גאָרניט —
די קנופּן כאָטש צעבינדן.

גיי טרעף

גיי און טרעף,
וואָס מאָרגן וועט זײַן —
פֿול צי ליידיק
דער בעכער מיט ווײַן.

גיי און טרעף,
וואָס מאָרגן קאָן געשען:
אַ שטומער קאָן אָנהייבן רעדן,
אַ בלינדער — אָנהייבן זען.

נאָר זאָל די וועלט
שטעלן זיך קאַפּויר,
וועט די לייבעכע קיינמאָל
ניט געבוירן קיין טכויר.

טיק־טאַק

כ'האָב געלעבט
אין אַ פּאָר ליכטיקע אויגן —
זײַנען זיי טונקל געוואָרן.

כ'האָב געלעבט אין אַ וואַרעם האַרץ —
איז עס קאַלט געוואָרן.

כ'האָב געהאַט
אַ זאַק מיט יאָרן —
איז ער ליידיק געוואָרן.

גייט אין גאַס אַ זייגער —
טיק־טאַק!
טיק־טאַק!
גיי איך אים אַנטקעגן —
טיף־טאָף!
טיף־טאָף!

קלינגט ער מיר אויס
אַ געשענקטן גוטמאָרגן,
אַ געשענקטן גוט־העלף,
אַ געשענקטן גוט־אָוונט —
אַ געשענקטן טאָג.
טיק־טאַק!
טיק־טאַק!

מײַן ירושה

מײַן זיידע אָלעווהאשאָלעם האָט פֿאַרן טויט,
כ'זאָל אַף אים כאָלילע ניט האָבן קיין פֿאַריבל,
פֿאַרזאָגט און געכאַסמעט פֿאַר מיר בעירושע
זײַן טײַערן, זײַן אַלטמאָדישן זייגער־ציבל.

דאַרף אָבער פּרײַטיק זיך טרעפֿן אַן אומגליק,
מײַן צעטראָגענע, מײַן קורצזיכטיקע סאַרע־סאָסל
כאַפּט אַלפּי־טאָעס מײַן זיידנס זייגער־ציבל
און פֿאַרברוינט מיט אים דעם ראָסל.

פֿון דעמלט אָן זוך איך אַ מײַסטער
מיט גאָלדענע הענט און מיט אַ לויטערן קאָפּ.
עפּעס איז אין מיר קאַליע געוואָרן —
אָדער איך לויף, אָדער איך שטיי אָפּ.

סײַ קליין, סײַ גרויס

הענעק־בענעק האָט זיך דערוווסט —
די קינדער אפן הויף
קלײַבן פארשיידן
אלטווארג צונויף:
א שטייסל,
א פּרעסל,
א גאָפּל,
א שער,
א טשײַניק,
וואָס קיינער
באדארף אים ניט מער.

געהערט האָט ער זאָגן:
דאָס אלטווארג ווערט געבראַכט,
געשמאָלצן,
געשמידט,
געשלײַפט
און געטאָקט,
און ס׳ווערט פון דעם אלטווארג
אפּסנײַ געמאכט —
א שטייסל, וואָס שטייסלט,
א פּרעסל, וואָס פּרעסט,
א צוועגל, וואָס צוועגלט
ניס פאר געסט.
א שערל,
וואָס אויסשערן מענטשעלעך קאָן,
א טשײַניק א צאצקע,
כאָטש שפּיגל זיך אָן.
שטעלט אײַך פאָר
און מאָלט אײַך אויס!
אזוי זאָגן אלע —
סײַ קליין און סײַ גרויס.

קידער־ווידער

ער האָט געטײַנעט: די וואנט איז ווײַס!
זי האָט געטײַנעט: די וואנט איז שווארץ!
ער האָט אָפּגערוקט דאָס בענקל,
זי האָט אָפּגערוקט דאָס הארץ.

בראַניק

ייִדישע קאָנצערטן אין די קוראָרט־שטעט פון ליטע

קיין מאָסקווע האָבן פון א גאסט־ראָל־רײַזע איבער די קוראָרט־שטעט פּאלאנגע און דרוסקעניקײַ זיך אומגעקערט די ארטיסטן יויסף און לייע קאָלין, מארינע גאָרדאָן און מיכאיל גינזבורג, וועלכע זײַנען ארויסגעטראָטן מיט דער ליטערא־ריש־מוזיקאלישער קאָמפּאָזיציע „סאָוועטישע ייִדישע דיכטונג“, וואָס איז ביז אהער מיט דערפאָלג באוויזן געוואָרן אין מאָסקווע, ווילנע און אנדערע שטעט.

די קאָנצערטן זײַנען דורכגעפירט געוואָרן אין די גרעסטע זאלן פון די שטעט.

●

■ ■ ■

זאלמען קאהאן

באַגײַסטערט פון דער רעוואָליוציע

מיט פינף און זעכציק יאָר צוריק זײַנען שוין געווען באַוווּסט זײַנע פּעטערבורגער ווינטערדיקע פּייזאַזשן. מיט העכער פופציק יאָר צוריק איז ער, דאַן שוין אַ קינסטלער מיט אַ וועלט־נאָמען, געשטאַנען אויף די הילצערנע רישטעוואניעס באַם ווינטער־פּאַלאַץ אין פּעטראָגראַד און באַפּוצט די מעכטיקע קאָלאָנאַדעס צום ערשטן יאָרטאָג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. ער האָט דער ערשטער געשאַפן לענינס סקולפּטור אין 1920, געאַרבעט צוזאַמען מיט לונאַטשאַרסקין אין פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג. אין זײַן קינסטלערישער שאַפונג האָבן זיך טיף אָפּגעשפּיגלט די בוילעטע שטריכן פון אונדזער סאָוועטישער עפּאָכע. זײַנע זוכענישן, די קאָלערלײַ קינסטלערישע עקספּערימענטן זײַנען כאַראַקטעריסטיש פאַרן נײַעם סאָציאַליסטישן וועלט־באַנעם, פאַרן הומאַניסטישן יעסאָד פון אונדזער סאָוועטישער הײַנטצײַטיקײַט.

פאַרשיידנאַרטיק זײַנען די קונסט־זשאַנרען, צו וועלכע ס'האָט זיך צוגערירט די האַנט פונעם גרויסן קינסטלער. נאַטאַן אַלטמאַן איז טעטיק אין מאָלערײַ, אין גראַפיק און סקולפּטור, ער איז אַ טעאַטער־קינסטלער, אַ קינסטלער פון קינאָ. און אומעטום איז ער אַ פּילבאַרער און קלוגער שעפער, וועלכער דרינגט טיף אַרײַן אין דער עצם נאַטור פון זײַנע שאַפונג־אָביעקטן.

פאַראַיאָרן זײַנען פופציק טויזנט לענינגראַדער און געסט פון אַנדערע שטעט און פון אויסלאַנד בײַגעווען אויף דער יובילײַ־אויסשטעלונג פונעם קינסטלער. איינמוטיק זײַנען געווען די פילצאָליקע אָפּרופן, די באַגײַסטערטע מיינונגען.

אַ שלאַנקער, אַ באַוועגלעכער, פול מיט ענערגיע, קומט ער אַלע טאָג, פאַרפרי, אין זײַן אַטעליע, וועלכע די מעלוכע האָט פאַר אים ספּעציעל אויסגעבויט אויפן מורינער פּראָספּעקט אין לענינגראַד. אין אַטעליע איז גראַם און ליכטיק. דאָ קומען צום אויסדרוק דעם מײַסטערס קינסטלערישע טרוימען, דאָ ווערן זיי פאַרווירקלעכט און פאַרקערפּערט אין פולקומע געשטאַלטן.

סײַ אין לעבן, סײַ אין דער שאַפונג איז נאַטאַן אַלטמאַן שטענדיק איבערפולט מיט יונגן אימפּעט, מיט פליסנדיקער פרייד, מיטן גײַסט פון דער גרויסער רעאַלער ווירקלעכקײַט. זײַן רײַך לעבן אין דער קונסט האָט ער דורכגעמאַכט מיט פעסטע און מונטערע טריט, מיט אַ פעסטן גלויבן אינעם מענטשן — דעם שעפער פון אַלע ווערטן אויף דער וועלט.

אַזאַ איז ביז הײַנט דער טראָט פונעם קינסטלער.

— ביטע, קומט אַרײַן, — פאַרבעט ער יעדערן, ווער עס וויל אים זען אַ שפּאַנענדיקן אין די יאָרן פון זײַן נײַנטן צענדליק.

דאָס ערשטע, וואָס עס וואַרפט זיך אין די אויגן אין נאַטאַן אַלטמאַנס קינסטלערישער לאַבאָראַטאָריע, איז לענינס סקולפּטור אין בראָנזע. ביז הײַנט אַרבעט נאָך דער קינסטלער אויף דער לענין־טעמע. אָט ליגט אַן אַלבאָם — פאַרשיידענע וואַריאַנטן און צייכענונגען פון וולאַדימיר איליטשס פּאָרטרעט.

נאַטאַן אַלטמאַן האָט שוין אַ סך דערציילט און געשריבן, וויאַזוי ער האָט זעקס וואָכן נאָכאַנאַנד, פון פרי ביז שפּעט, געאַרבעט אין לענינס קאַבינעט אין קרעמל. יעדערן אָבער ווילט זיך אַפּסנײַ הערן פון אַ לעבעדיקן איידעס, וויאַזוי עס איז פאָרגעקומען.

און דער קינסטלער ווערט ניט מיד איבערצוכאַזערן זײַן וווּנדערלעכע דערציילונג.

...יעדן טאָג פלעגט ער צען אַזייגער אינדערפרי קומען אין לענינס קאַבינעט. באַלד פלעגט אַרײַנקומען וולאַדימיר איליטש, באַגריסן זיך מיט אים זייער הערלעך און זיך זעצן צום טיש. אַ גאַנצן אַרבעטסטאָג פלעגט דער קינסטלער זײַן בישכיינעס מיט לענינען, בײַזײַן בײַ אַלע זײַנע געשפּרעכן, צוהערן זיך צו אַלע זײַנע אָנווײַזונגען, זען לענינען אַ שמייכלענדיקן, אַ לאַכנדיקן, אַ צעקאָכטן, אַ גוטמוטיקן, אַ שטרענגן, אַ פּילבאַרן... לענין האָט ניט פּאָזירט, ער האָט, ווי געוויינלעך, ווי שטענדיק, געאַרבעט, און דער קינסטלער האָט שוין אַליין געזוכט, אַרויסגעכאַפּט די פּאַסיקע באַוועגונג, דעם געוווּנטשענעם ראַקורס.

מענטשן פלעגן קומען, אַוועקגיין. לענין פלעגט ריידן מיט זײַנע באַזוכער זיצנדיק, שטייענדיק, אַרומגייענדיק איבערן קאַבינעט. דער קינסטלער האָט זײַן אויג ניט אַראָפּגעלאָזט פונעם פירער, נאָכגעשפּירט, געזוכט, געמאָלט אויף פּאַפּיר, געקלעפּט ליים, געשאַפן מיט באַגײַסטערונג און פרייד.

אָט זײַנען זיי — נאַטאַן אַלטמאַנס עסקיזן:

— לענין באַם שרײַבטיש.

— לענין באַם טעלעפאָן.

— לענין שמועסט מיט דײַטשישע אַרבעטער.

— לענין נעמט אויף פאָרשטייער פון די ענגלישע פּראָפאַריינען.

— באַם פענצטער אין לענינס קאבינעט.

וויפֿל עכטע לענינישע אינערלעכע שטריכן עס זײַנען פֿאַרבאָרגן, פֿאַרקערפּערט אין אַלטמאַנס צייכענונגען, וויפֿל עמעסדיקײַט און לענינישע אומיטלבאַרקײַט דער קינסטלער אַנטפּלעקט! אַלטמאַנס לענין־אַלבאָם איז ניט נאָר אַ זאַמלונג פֿון לענינישע פּאָרטרעטן, אין יעדער צייכענונג איז פֿאַרבאָרגן, אײַנגעגלידערט די כאַראַקטעריסטיק פֿון לענינען — דעם גרויסן הומאַניסט און פֿירער, דעם פֿאַשעטן מענטשן און אײַנצײַטיק דעם גרויסן העלד פֿון דער רעוואָלוציע. אַף אַלטמאַנס פֿאַרצייכענונגען זעען מיר, ווי לענין רעדט, ווי לענין הערט, ווי לענין באַציט זיך צו מענטשן, ווי לענין איז אויפֿמערקזאַם, ווי ער וווּנדערט זיך, ווי ער שמייכלט, ווי ער איבערצײַגט, ווי ער וואָרנט. מיר פֿילן און זעען לענינס באַוועגלעכקײַט, מיר שפּירן נאָך זײַן שטענדיקן אינערלעכן אויפֿרו — אָט האָט ער זיך פֿאַרטראַכט, עטוואָס זיך אָנגעבויגן, גענומען גיך שרײַבן. אָט האָט ער עטוואָס אָנגענייגט אין אַ זײַט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך פֿאַרוווּנדערט מיט עפּעס, און אָט האָט ער זיך פּלוצלינג אויפֿגעהויבן מיט אַ שטרענגן בליק... אין אַלטמאַנס פֿאַרצייכענונגען איז צו זען לענינס ווילן, זײַן ענערגיע, זײַן מוט, זײַן טעמפּעראַמענט, זײַן אויסערגעוויינלעכע צוטריטלעכקײַט און אויפֿמערקזאַמע באַציִונג צו מענטשן.

די רעאַליסטישע פּינקטלעכקײַט און פּולבלוטיקײַט פֿון די דאָזיקע פֿאַרצייכענונגען גיבן דאָס רעכט צו באַהויפּטן, אַז אַלטמאַנס לענין־סקולפּטור און דער לענין־אַלבאָם שטעלן מיט זיך פֿאַר אַ ווערטפֿולן צושטײַער צו דער אַלגעמיינער לענינִיאַנע אין דער קונסט.

די אָריגינאַלן פֿון אַלע אַלטמאַנס לענין־פֿאַרצייכענונגען זײַנען פֿאַרהיט אין דער לענין־ביבליאָטעק אין קרעמל.

וואָס איז שײַך דעם פֿולן קאַטאַלאָג פֿון אַלע אַלטמאַנס קונסט־ווערק, איז נאָך אַזאַ קאַטאַלאָג ניט אויפֿגעשטעלט געוואָרן. וועגן אַ סך בילדער און עסקיזן איז אַפֿילו ניט פֿעסטגעשטעלט, וווּ זיי געפֿינען זיך.

אַ ריי באַדײַטנדיקע ווערק אַלטמאַנס ווערן אָפּגעהיט אין דער טרעטיאַקאָווער גאַלעריי און אין ליטעראַרישן מעלוכע־מוזיי, אינעם לענין־מוזיי און צענטראַלן טעאַטראַלן מוזיי אָפּן נאָמען פֿון א. באַכרושין (מאָסקווע), אין מעלוכישן רוסישן מוזיי, אין טעאַטראַלן מוזיי און אין אינסטיטוט פֿון דער רוסישער ליטעראַטור באַ דער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע (לענינגראַד).

ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, איז פֿילאַרטיק אַלטמאַנס קינסטלערישע שאַפֿונג. זײַן מאָלערײַ איז באַצייכנט מיט העכסטער באַגאַבטקײַט. ס׳איז באַזונדערס צו מערקן אין זײַן פּאָרטרעטן־גאַלעריי די שאַרפֿע אייגנשאַפֿט אויסצודריקן דורך פֿאַרשיידענע דעטאַלן דעם פּסיכאָלאָגישן טאָך פֿון כאַראַקטער. אַזוי, לעמאָשל, זעען מיר אינעם מיכאָעלס־פּאָרטרעט דעם דענקער, זײַן שאַרפֿזיניק־אָנגעצילטן בליק, דעם טעמפּעראַמענטפֿולן אַרטיסטיזם. אַנאַ אַכמאַטאָוועס פֿילפֿאַרביקן, רײַך־דעקאָרירטן און גראַנדיעזן באַפּוצטן, נאָר אין גרונט רעאַליסטישן פּאָרטרעט האָט אַלטמאַן געשאַפֿן אין 1914 יאָר. אים האָט זיך אײַנגעגעבן מיט שפּיל פֿון פֿאַרב און ריכטיק געפֿונענע שטריכן אויסצודריקן דעם אינהאַלט און די פֿאַרבאָרגענע וועלט פֿון דער פּאָרטרעטירטער פּאָעטישער נעשאָמע.

אַזאַ אַרײַנדרינגונג אין דער אינערלעכער וועלט פֿונעם געשטאַלט איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די פּאָרטרעטן פֿון אי. ערענבורג, אי. באַבעל און אַנדערע.

אין זײַנע פּאַריזשער פּייזאַזשן און בערדיטשעווער אָדער וויניצער פּייזאַזשן גיט אַלטמאַן די קאָנטראַסטן פֿון דער גרויסער שטאָט און די קלײנשטעטלדיקע באַגרענעצטקײַט. מיט עכטער פּאָעזיע זײַנען דורכגעדרונגען זײַנע רוסישע נאַטור־פּייזאַזשן און פֿילפֿאַרביקע פֿאַרשיידנאַרטיקע נאַטיורמאָרטן.

אַלטמאַן האָט זײַן גרויס לעבן אין דער קונסט אָנגעהויבן אין די ענגע, שמאָלע און בלאָטיקע געסלעך פֿון דער פּראָווינציעלער אוקראַיִנישער שטאָט וויניצע, וועלכע איז אָפֿן שוועל פֿון אונדזער יאָרהונדערט געווען מער ענלעך אַף אַ גרויס שטעטל. דאָ האָט ער אין די קינדעריאָרן געזאַמלט זײַנע אײַנדרוקן, דאָ האָט ער זיך געלערנט פֿאַרשטיין אַלץ, וואָס אַרום קומט פֿאָר, דאָ האָט ער געשאַרפֿט זײַן אויג, טרענירט זײַנע הענט. אַ סך אַלטמאַנס בילדער שילדערן זײַן היימשטאָט: צעבראָכענע געסלעך, אײַנגעפֿאַלענע פּלויטן, נידעריקע, צעלעכערטע דעכער. אַזאַ מין וויניצער פּייזאַזש איז צו זען אָפֿן בילד „פֿרילינג". דעם קינסטלערס קינדהײַט־דערינערונגען זײַנען אויסגעדריקט אָפֿן בילד „די דאַמע אַף דער וועראַנדע". אין אָן אויסגעשפּראָכענער רעאַליסטישער פֿאָרם איז געגעבן די באַלעבאָסטע פֿונעם הויז, וווּ די אַלטמאַנס האָבן געלעבט. זי, די באַלעבאָסטע, זיצט פֿעסט און זעלבסטצופֿרידן אַף איר וועראַנדע, ווי אַ מין קייסערינטע. אין קעגנזאַץ צו דער באַלעבאָסטע, האָט אַלטמאַן געמאָלט זײַן אַלטיטשקע באָבע. אָנגעבויגן, פֿאַרבונדן מיט אַ טיכל דעם קאָפּ, מיט אָן אַ שיר קנייטשן אָפֿן פֿאַרעלטערטן פּנים און מיט עטוואָס פֿאַרזשמורעטע אויגן, שטעלט זי מיט זיך פֿאָר אַ טיפּיש פֿרויען־געשטאַלט פֿונעם פֿאַררעוואָלוציאָנערן שטעטל.

צו דער דאָזיקער סעריע קלײנשטעטלדיקע בילדער געהערט אַלטמאַנס „אַ ייִדישע לעווײַע". דאָ קומען צום אויסדרוק די אַלטע שטייגער־זיטן. איר זעט אַן אָרעמע, פּוסטע שטוב. אָפֿן דיל ליגט דער מעס, איבערגעצויגן מיט שוואַרצן; באַ זײַן צוקאָפּנס שטייען לײַכטער מיט צאַנקענדיקע ליכט, אַרום זיצן פֿאַרטרויערטע מענטשן מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, מיט פֿאַרבאַהאַלטענע פּנימער — און וויינען.

פֿונעם זעלבן קוואַל האָט דער קינסטלער געשעפּט, ווען ער האָט געמאָלט זײַן „אַלטן ייִדן" אָדער „אַ ייִדישן באָכער".

ביכער־גראַפֿיק איז אַ געביט אין נאַטאַן אַלטמאַנס קינסטלערישער ביאָגראַפֿיע, וואָס וואָלט אַליין געקענט דינען אַלס מאַטעריאַל פֿאַר אַ רײַכער אויסשטעלונג. ווי קען מען דאָ פֿריִער פֿון אַלץ ניט דערמאָנען אַלטמאַנס זוכונגען פֿון נײַע פֿאָרמען פֿאַר דער ייִדישער גראַפֿיק. זײַנע פֿילצאָליקע אָרנאַמענטן, שאַרבלעטער, וועלכע זײַנען אויפֿגעזאַמלט אינעם אַלבאָם „ייִדישע גראַפֿיק", גיבן אַ ברייטע מעגלעכקײַט פֿאַר קאָלירלײַ אילויסטראַציעס צו ליטעראַרישע ווערק. דאָס אַלץ האָט דער קינסטלער אַף פֿאַרשיידענע אויפֿנים אויסגענוצט באַם אילויסטרירן שאָלעם־אַלייכעמס „פֿונעם יאַריד", שאָלעם אַשס „מאָטקע גאַנעוו", די ווערק פֿון ד. האָפֿשטיין, א. קושניראָוו און אויך פּעריִאָדישע אויסגאַבן אין ייִדיש.

נאַטאַן אַלטמאַן האָט אילויסטרירט וו. שעקספּירס „קיניג ליר", נ. גאָגאָלס „פּעטערבורגער דערציילונגען", די ווערק פֿון וו. מאַיאַקאָווסקי, א. בלאָק, אי. ערענבורג, אי. באַבעל, ג. מאָפּאַסאַן און אַנדערע.

צו די זעלטענע גראַפֿישע אַרבעטן פֿונעם קינסטלער

געהערן די פּאָרטרעטן פונעם ארטיסט ב. זוסקין אין פאַרשיידענע ראָלן, די פּאָרטרעטן פון די שרײַבער א. טאָלסטאָי, ס. יעסענין, אי. ערענבורג, א. קושניראָוו.

א גרויסן אַלבאָם „וויניצער שאַרזשן" האָט אַלטמאַן געשאַפן אין 1912. דאָס איז געווען אַן אייגנאַרטיקע קינסטלערישע קריטיק פונעם קליינשטעטלדיקן שטייגער. דער דאָזיקער אַלבאָם איז געווען שטאַרק פּאָפּולער אין זײַן צײַט.

א סאַך גראַפישע צייכענונגען האָט אַלטמאַן געווידמעט פראַנקרײַך. זײַנע ארבעטן „אָפּן דאָרעם פון פראַנקרײַך" און „הינטערגעסלעך פון פּאַריזש" זײַנען דורכגעדרונגען מיט דעם נאַציִאָנאַלן פראַנצויזישן קאָלאָריט, עס פילט זיך די שטרעבונג פונעם קינסטלער צו שילדערן ניט דאָס לוקסוס־לעבן, נאָר די נויט און האָרעוואַניע פונעם פּראָסטן מענטשן.

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע איז נאַטאַן אַלטמאַן אַקטיוו אין געביט פון סקולפּטור. באַזונדערס איז געווען פאַרן קינסטלער פרוכטבאַר דאָס 1920, ווען ער האָט געשאַפן די לענין־סקולפּטור און דעם סקולפּטור־פּאָרטרעט פון סטעפּאַן כאַלטורין, וועלכן ער האָט געשענקט לענינען, ווען דער קינסטלער האָט באַמערקט, אַז איליטשן איז די סקולפּטור זייער געפעלן. לענין האָט דעם כאַלטורין־פּאָרטרעט אַוועקגעשטעלט אָפן ווענטל פון דיוואַן אין זײַן קאַבינעט אין קרעמל, וווּ ער שטייט ביז הײַנט.

אַן אויסגעשפּראָכן רעאַליסטישע מאַניר איז אויך צו באַמערקן אין דער אויספירונג פונעם סקולפּטור־פּאָרטרעט פון א. לונאַטשאַרסקין. נאַטאַן אַלטמאַן איז געווען גוט באַקאַנט מיטן פאָלקסקאָמיסאַר פאַר בילדונג נאָך פון פאַר דער רעוואָלוציע, ער האָט געוווּסט, ווי קלוג און געבילדעט עס איז לונאַטשאַרסקי, ווי שאַרף ס'איז זײַן בליק און ווי הייס — זײַן רעוואָלוציאָנערער טעמפּעראַמענט. און דאָס אַלץ איז אָרגאַניש אײַנגעפלאָכטן אינעם געלונגענעם סקולפּטור־פּאָרטרעט.

נאַטאַן אַלטמאַן נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער שאַפונג פון דער נײַער סאָוועטישער מאָנומענטאַלער סקולפּטור — א געביט, אויף וועלכן לענין האָט געלייגט גרויס אַכט. דער קינסטלער ארבעט אויף פאַרשיידענע עסקיזן, און ענדלעך ווערט פאַרטיק זײַן פּראָיעקט פאַר א דענקמאָל רענטגענען אין פּעטראָגראַד. דער דאָזיקער דענקמאָל איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין 1920, נאָר ליידער, איז ער ביז הײַנט ניט פאַרהיט געוואָרן.

א באַזונדערן אינטערעס שטעלט מיט זיך פאָר גאָר א נײַער געביט אין דער קונסט פון סקולפּטור, מיט וועלכן נאַטאַן אַלטמאַן פאַרנעמט זיך די לעצטע יאָרן. געוויס דאַרף מען האָבן אַן אויסערגעוויינלעכן כוש, א העכסט שאַרפן און דורכדרינגלעכן בליק, קעדיי צו דערזען אין דער נאַטור דאָס, וואָס ס'האָט זיך צעעפנט פאַרן קינסטלער. פון צווײַגלעך און וואָרצלען שאַפט ער פאַרשיידנאַרטיקע קאָמפּליצירטע סקולפּטור־גרופּעס און סקולפּטור־סוזשעטן. דאָס קאָן מען זיך גוט פאָרשטעלן בלויז דאַן, ווען מע גיט אויף דעם א קוק, ווען מע באַנעמט דעם סאָד, וואָס דער קינסטלער האָט פאַרטרויט.

אָט שטייען זיי ווי לעבעדיקע, די הילצערנע סקולפּטור־קאָמפּאָזיציעס. געוויינלעכע צווײַגלעך, וועלכע ווערן אין די הענט פונעם קינסטלער פאַרוואַנדלט אין גוטע און בייזע פויגלען, אין טאַנצנדיקע מענטשן, אין פיש, אין הינט, אין ווילדע פאַנטאַסטישע נעפּאַשעס, אין פאַרוווּנדעטע כײַעס... און אַלע האָבן זיי זייער כאַראַקטער, זייערע פאַרגאַנצטע פאָרמען, אַפילע זייער פּסיכאָלאָגיע... לאָמיר זיך מיט דעם נעענטער באַקאַנען.

עס שטייט „די פאַרוווּנדעטע כײַע" — א גרויזאַמע, דעם קאָפּ פאַרהויבן, ווי זי וואָלט שרײַען פון ווייטעק, עטוואָס אויסגעבויגן. איר פילט, איר גלייבט, איר זעט קלאָר און דײַטלעך, אַז די כײַע איז פאַרוווּנדעט, און בעסאַכאַקל איז עס גאָר א וואָרצל, וועלכן דער קינסטלער האָט צופעליק דערזען, אַוועקגעשטעלט אים „אויף די פיס", צוגעגעבן אים שטריכן פון לײַדנשאַפט — און אַנטפּלעקט פאַר אונדז א סאָד פון דער נאַטור.

אַן אַנדער סקולפּטור־בילד הייסט „אַנטימענטש" — א צווײַגל אויף צוויי פאַרגליווערטע פיס, א מין ווילדע כײַע בעצוראַס מענטש, וואָס איז גרייט אַלץ און אַלעמען פאַרניכטן און פאַרטיליקן.

די סקולפּטור־גרופּע „קאַמף" (פון וואָרצלען) שילדערט א פּאָר אין גרויזאַמען געשלעג. א שרעק, ווי זיי האָבן עס א נעם געטאָן איינער דעם אַנדערן, איר שפּירט אָנגעשטרענגט נאָך, אײַך דוכט זיך, אַז אָט באַלד וועט איינער א וואַלגער טאָן דעם צווייטן.

און אָט איז דאָן־קיכאָט, א קענטלעכע פיגור, א הויכער, א דאַרער, מיט א באַזונדער געוואַגטקײַט, פּונקט אַזאַ, ווי מיר קענען אים.

וואָס פאַרא קינסטלערישן כוש און שאַרף אויג דאַרף מען פאַרמאָגן, קעדיי צו דערזען די אַלע געשטאַלטן צווישן פּילצאָליקע צווײַגלעך, צווישן פאַרטריקנטע וואָרצלען אין וואַלד. פאַלט עס אַרײַן אין די הענט פונעם קינסטלער, רייניקט עס זיך אָפּ, און עטוואָס געשניצט, עטוואָס אויסגעגלײַכט, עטוואָס צעעפנט און עטוואָס באַהאַלטן — ווערט עס אַן עכט קונסט־ווערק, וואָס וווּנדערט אײַך, אַנציקט און דערפרייט איינצײַטיק.

אין 1918, צום ערשטן יאָרטאָג פון דער רעוואָלוציע, האָט נאַטאַן אַלטמאַן, לויטן אויפטראָג פון דער רעגירונג, קינסטלעריש באַפּוצט דעם צענטראַלן פּלאַץ פון פּעטראָגראַד — דעם פּלאַץ פונעם אָקטיאַבער־שטורעם. אין לענינגראַדער טעאַטראַלן מוזיי זײַנען פאַרהיט די עסקיזן, דער אַלגעמיינער מאַקעט און באַזונדערע דעטאַלן פון דער יאָמטעווודיקער באַפּוצונג פונעם פּאַלאַץ־פּלאַץ. אויף אַלטמאַנס מאַקעט איז ניט צו דערקענען דעם ווינטער־פּאַלאַץ — דעם קייסערס רעזידענץ. דער קינסטלער האָט דאָס מאָנומענטאַלע געבײַ פאַרוויקלט אין רויטע פּלאַטערנדיקע פאָנען, באַהאַנגען עס מיט רעוואָלוציאָנערע רופן, וועלכע ער האָט גענומען פון לענינס דעקרעטן:

— די זאַוואָדן פאַר די ארבעטנדיקע!

— די ערד פאַר די ארבעטנדיקע!

— קונסט פאַר די ארבעטנדיקע!

און דאָרט, וווּ ס'איז דער צענטראַלער אַרײַנגאַנג אין פּאַלאַץ, איז צווישן די מעכטיקע קאָלאָנעס געווען פלאַמפײַערדיק מיט גאָלד אויף רויט פאַרשריבן:

— Кто был ничем, тот станет всем!

וועגן נאַטאַן אַלטמאַנס קינסטלערישער אויספּאַרמירונג פונעם ווינטער־פּאַלאַץ האָט וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי געשריבן: „די גאַסן זײַנען אונדזערע פּענדזלעך, די פּלעצער — אונדזערע פּאַליטרעס!"

די גרויסע אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט ברייט צעעפנט פאַר נאַטאַן אַלטמאַנען די טירן פונעם קונסט־טעמפּל. האַגאַם דער אָנהייב פון זײַן קינסטלערישן וועג געהערט צו די פאַררעוואָלוציאָנערע יאָרן, האָט דאָך דער אָקטיאַבער

באשטימט דעם גורל און דעם עכטן וועג זיינעם. אין זיין יוגנט־פעריאָד האָט אלטמאן געזוכט, געפּרוּווט פארשיידענע סטילן. נאָר דער אָקטיאבער האָט אין אים טיף פאר־וואָרצלט דעם רעאליזם, וועלכער ווערט דער יעסאָד־סטיל פון זיין קינסטלערישער שאפונג.

באזונדערס איז אָנשוילעך דעם קינסטלערס זיגזאגן־וועג און זיין ענדלעכע אָריענטאציע אף די רעאליסטישע פּרינציפּן, ווען מיר באטראכטן די טעאטראלע און קינאָ־טעטיקייט זיינע.

דעקאָראציעס צו פארשיידענע ספּעקטאקלען, מאקעטן, עסקיזן פון קאָסטיומען — דאָס אלץ באווייזט נאטאן אלט־מאנען — דעם טעאטראלן קינסטלער.

אף א פּילפארביקן קינאָ־פּלאקאט זעען מיר דעם באַ־קאנטן אופשריפט: „יידישע גליקן". אף אָט דעם פילם האָט אלטמאן געארבעט צוזאמען מיט מיכאָעלסן און גראנאָווסקין, און ער האָט דעם פילם אויסגעפורעמט קינ־סטלעריש אינעם באשטימטן שאָלעם־אליכעם־גייסט. דער־ביי דארף גלייך באמערקט ווערן, אז אלטמאן איז געווען שטארק פארליבט אין שאָלעם־אליכעם־מאטעריאל. זיינע קינסטלערישע קאָמפּאָזיציעס צום „פארקישעפטן שניידער" שילדערן אלזייטיק דעם לופטמענטש, די אומענדלעכע פוסטקייט, די פארכאָלעמטע טרוימען פונעם שאָלעם־אליי־כעם־טיפּאזש.

צו דעם איז דער קינסטלער געקומען בעהאדראָגעדיק, דורכגייענדיק דורך א ריי שאפונגס־עטאפּן, איינער פון וועלכע ס'איז געווען די שטעלונג פון אַנ־סקיס „האדיבוק" אין טעאטער „האבימאָ" אונטער דער אָנפירונג פונעם גרויסן רעזשיסער וואכטאנגאָוון (1920), ווי אויך די גראנ־דיעזע שטעלונג פון וו. מאיאקאָווסקיס „מיסטעריע בוף" אין 1921 אפן מאניעזש פונעם לענינגראדער צירק. אלט־מאנס קינסטלערישע אויספאָרמירונג פון דעם דאָזיקן ספּעקטאקל איז דאן אופגענומען געוואָרן פון דער יוגנט, ווי א דעקלאראציע פונעם רעוואָליוציאָנערן טעאטער.

אין מאָסקווער יידישן מעלוכע־טעאטער איז נאטאן אלט־מאן געווען דער הויפּט־קינסטלער, אָנהייבנדיק פונעם ערשטן טאָג פון זיין גרינדונג און ביזן 1928 יאָר. אין צענטראלן טעאטראלן מוזיי זיינען פארהיט זיינע דעקאָרא־ציעס, מאקעטן און קאָסטיומען צו די שטעלונגען „אוריעל אקאָסטא", „דאָס צענטע געבאָט" און „טרואדעק". פארן קיעווער יידישן טעאטער האָט אלטמאן קינסטלעריש אויס־געפורעמט די ספּעקטאקלען „ארן פרידמאן" און „שווע־סטער". די קאָסטיומען־עסקיזן און ראָלן־פארצייכענונגען צו די דאָזיקע שטעלונגען זאָגן איידעס וועגן דער דער־פארנקייט פונעם קינסטלער אין שילדערן שטייגער־בילדער פון דער הינטצייטיקייט און פון דער פארגאנגענהייט.

נאטאן אלטמאן איז באוווּסט ווי א טעאטראלער קינסט־לער פון א ברייטן דיאפּאזאָן. ביז גאָר אינטערעסאנט זיי־נען זיינע מאקעטן צו „האמלעט" אין לענינגראדער פּושקין־טעאטער און צו „קיניג ליר" אין לענינגראדער גרויסן דראמאטישן טעאטער. צוזאמען מיטן רעזשיסער ג. קאָזינ־צעוו האָט אלטמאן אין 1955 יאָר אף דער סטודיע „לענ־פילם" געשאפן דעם קינאָ־פילם „דאָן קיכאָט". דער קינסט־לער האָט זיך ניט באנוגנט מיט מאָלן קאָסטיומען־עסקיזן, ער האָט געמאָלט אלע העלדן פונעם פילם און אָנגעטאָן זיי אין די קליידער, אין וועלכע ס'האָט זיי, לויט זיין פאר־שטאנד, געזען סערוואנטעס. די שפּאנישע צושויער פונעם סאָוועטישן פילם „דאָן קיכאָט" האָבן דערקענט זייערע אלטע פּאָפּולערע העלדן לויט די טיף־פּסיכאָלאָגישע, טרעפלעך־געפונענע שטריכן פונעם קינסטלער.

אזא איז נאטאן אלטמאנס ברויזיק לעבן אין דער קונסט, אזא איז זיין ברייט־צעצווייגטע שאפונג. ניט אלץ איז נאָך ווי געהעריק אָפּגעשאצט, ניט אלץ איז גרינטלעך אנאלי־זירט. איינס איז קלאָר: היינט קען דער קינסטלער מיט רעכט זאָגן, אז ער איז געווען באגייסטערט פון אונדזער רעוואָליוציע און איז ערלעך געווען איר דינער. אָן קיינע וואקלונגען איז ער נאָכן אָקטיאבער געוואָרן אן אקטיווער בויער פון דער נייער סאָוועטישער קולטור. ער האָט זיך געשטעלט אין איין ריי מיט מאקסים גאָרקין, וו. מאיא־קאָווסקין, געארבעט אונטער דער דירעקטער אָנפירונג פון א. לונאטשארסקין, אָנטיילגענומען אין דער שאפונג פון די ערשטע קינסטלערישע ווערטן פאר דער יונגער סאָוועטישער רעפּובליק. אין פארשיידנערליי וויכטיקע אָנהייבן איז ער געווען טעטיק: אין שאפן דעם ערשטן סאָוועטישן דענקמאָל, אין מאָלן דעם עסקיז פאר דער סאָוועטישער פאָן, אין מאָלן די ערשטע סאָוועטישע פּאָטשט־מארקע, אינעם ארויסגעבן איינעם פון די ערשטע קינסטלערישע סאָוועטישע זשורנאלן. צו יעדן נייעם אָנהייב, צו יעדער איניציאטיוו האָט ער צוגעלייגט זיין גרויסן טאלאנט, זיין מייסטערשאפט.

יענע ערשטע רעוואָליוציע־יאָרן האָבן איינגעגלידערט אינעם קינסטלערס שאפונג די שטרעבונג צו טיפער רעא־ליסטישער אָפּשפּיגלונג פון אונדזער היינט, צום קאמף פאר אזא קונסט, וואָס זאָל דינען די ברייטסטע מאסן און זיין דער מיטבויער פון דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט.

אין זיין נייינטן צענדליק יאָר איז נאָך נאטאן אלטמאן פול מיט שעפערישער ענערגיע, ער איז גרייט צו נייע און נייע קינסטלערישע אנטפּלעקונגען.

7–2568

קינסטלער נאַטאַן אַלטמאַן

אווטאָפּאָרטרעט

מאַקעטן צו דער אויספּאָרמירונג
פונעם אוריצקי־פּלאַץ אין לענינגראַד. אָנהייב 20־ער יאָרן

שלוימע מיכאָעלס

אנא אכמאטאָווא

דער מאנצבל מיט דער הוט (סקולפטור)



אילוסטראציע
צו שאָלעם־אַליכעמס
„דער פּאַרקישעפּטער שנײַדער“

דער זשיראַף (האָלץ־סקולפּטור)

מ'יט צען יאָר צוריק איז געשטאָרבן שמועל האַלקין.

ער האָט ליב געהאַט ביכער — אייגענע און פרעמדע. אַ נאָרוואָס דערשינענעם בוך פלעגט ער פריִער פאַר אַלץ אַפּווענן אָף דער דלאָניע, דערנאָך אַ גלעט טאָן דעם איינבונד, דאָס טאָוועלע, און דאַן שוין, נאָך דער ער־שטער באַקאַנטשאַפט, ווען דאָס בוך האָט שוין פאַרשעפּט די וואַרעמקייט פון זיין האַנט, פלעגט ער זיך פאַרטיפן אין דעם ווונדערלעכן אָנגעלאָף פון שורעס. אים האָט, ווייזט אויס, באַנק געטאָן, וואָס אין בוך זיינען דאָ ניט פאַרפולטע — ווייסע — זייטעלעך. עפּשער טאַקע דערפאַר פלעגט ער זיך זעצן צום טיש און אָנשטאָט אַ כאַוורישער ווידמונג אָנשרייבן אָפן שאַרבלאַט אַ ליד.

מיטן גרעסטן פאַרגעניגן פלעגט ער שענקען ביכער זיינע פריינט, באַקאַנטע, קרוויוויס און סטאַם לייענער.

אַדאַנק שמועל האַלקינס פרוי מאַרי און זיינע גוטע־פריינט יאַשקע קלעניצקי און יוסעף־לייב צפאַסמאַן האָט זיך פאַרהיט אַ טייל (צום באַדויערן, ניט דער גרעסטער) פון די אופשריפטן אָף ביכער.

דאָ פאַרעפנטלעכן מיר אַ בינטל לידער, וואָס האַלקין האָט אָנגעשריבן אין פאַרשיידענע יאָרן אָף שאַרבלעטער פון ביכער.

א. באַרוכאָוויטש

שמועל האַלקין

אופשריפטן און ווידמונגען

אָפן בוך „וויי און מוט" (1929)

איזי כאַריקן

כאַריק, איך בלייב אַ באַלכויוו דיר,
ביכער שוין צוויי האָסט געשענקט מיר;
נאָך ערשטן, נאָך בלוטיקן אופּטו —
נאָך צווייטן איך האָב שוין פאַרבענקט זיך.

איז אויב עס וועט מיר נאָך געלינגען
דעם ברונעם דעם נייעם דערגראָבן, —
ניט קוועליקן וואַסער כ'וועל טרינקען,
נאָר ברויזיקן ווייַן וועל איך האָבן.

דאָוויד האָפשטיינען

דאָוויד, טייערער, ליבער,
דער העכסטער פון אַלע טרוימען:
באַ שויבן פון טונקעלע שטיבער
לידער פאַרזייען ווי זוימען.

פּערעץ מאַרקישן

פאַרקניפּט זיין אונדז ביידן באַשערט איז
מיט גרויזאַמע יאָרן און ערטער,
איז לאָמיר פאַרבונדן זיין וויַטער
מיט פריידן, דורך יאָרן געלייטערט.

זעליק אַקסעלראָדן

דאָס דריטע, דאָס צענטע, דאָס הונדערטסטע מאָל
איך לייען און לייען דעם וואַכיקן הימן:
ס'איז מיינס, ס'איז מיינס, ס'איז מיינס, אָט דאָס קאָל,
ער זיצט אין דער טיף און דערגרייכט ביזן הימל.

י. נוסינאָוו

פון בעסטער אָפּשאצונג ווערט דאָס ווערק ניט בעסער,
פון ערגסטן זידלוואָרט ווערט דער מענטש ניט קלענער,
און איר זײַט איינער פון אָט יענע,
וואָס האָבן אָט דעם עמעס ניט פארגעסן.

י. דאָברושינען

ס'איז דאָ א ליכטיקײַט א ווארעמע בא אײַך אין הארץ,
וואָס דולד'ט קיין ראָסט אף זיך, וואָס ווערט ניט שווארץ,
וואָס טראָגט זיך דורך דורך ווינט און פראָסט,
אין הארבסטן הארבסט אײַך ניט פארלאָזט.
איך האָב עס צוגעזען און זיך געזאָגט:
א ליכטיקײַט אזא ניט יעדערער פארמאָגט.

מוישע ליטוואַקאָוון

איז אָט פארוואָס איר זײַט מיר טײַער,
און אײַער וואָרט פאר מיר — א מאָס,
ווײַל אַלץ, וואָס עכט, עס ווערט אײַך טײַער,
פון אַלץ, וואָס שלעכט, איר האָט פארדראָס.

ווו ס'איז דער קוואַל ניט טיף, נאָר לויטער,
די דעק פארטיפערן איר פרווט,
און ווו מע דארף —
א דאמבע בויט איר,
דער פלייץ זאָל שטײַגן נאָר ארוף.

אפן בוך „ערדישע וועגן“ (1945)

לייב קוויטקאָ

וואָס האָבן מיר מער אף די ערדישע וועגן
כוץ ווייטעק, כוץ בראָך און כוץ אומגליק אקעגן,
און פריידן — אהינטער, אין נעכטיקע טעג,
ווי קווייטן אום ווינטער,
ווי וואסער אין וועג.

דאָוויד האָפשטיינען

נאָך אַלע קריגן,
נאָך אַלע זיגן
פאָרויס וועט זי גיין,
זי —
די פּאָעזי,
די איינציקע און איינע,
וואָס ניט זי אופרײַסן,
ניט בײַקומען
און ניט פארשטיינען,
זי און אויך די ליבע מײַנע
צו האָפשטיינען.
איך שענק דאָס בוך
מיט אַלע קאָוועדן
מײַן דאָווידן.

ארן קושניראָוון

מײַן ארקען

פון די געציילטע ביסט געוועזן,
פון די געבליבענע — געבליבן...

איז ווי זאָל מען דיך איצט ניט ליבן,
ניט וועלן אין דיר נאכעס זען?
און כ'מיין, אז דיר איז ניט קיין וווּנדער,
אז מיר ביסט טײַער גאָר באזונדער.

דעם ניסטער

דעם ליבן פיניען —
דאָס בוך זאָל אין די אויגן כיין געפינען.

שלוימע מיכאָעלסן

ס'איז גוט דעם פאָלק, וואָס איז נאָך יונג, —
אז גוט איז אים און ווויל אים:
פאראן אין אים — פון העכסטן שווונג,
נאָר עפּעס אויך פון גוילעם.
און אונדז זאָל זײַן אין דעם די טרייסט,
וואָס אונדזער פאָלק „דער זאַקן“ הייסט
און אַלץ פארשטייט עס אפן ווונק,
און דאָר מיט דאָר זיך ריידן דורך
מיט בליק, וואָס טרעפט אף דורך און דורך,
און איך בין גליקלעך, אויב אין בוך
איז דאָ פון דעם א פונק.

לייב סטראָנגינען (דירעקטאָר פונעם פארלאג „דער עמעס“)

א קונץ אין פריידן נאָר? נאָר פרווון — פרווו דערצייל,
אז ס'האָט דײַן נאָ'נטער פרײַנט זיך ניט געטאָן קיין וואקל.

דערפאַר איך זאָג: ס'וועט ניט פאַרגעסן ווערן
אײַער טייל
אין ערשטן מײַנעם פרײדיקן סאַכאַקל.

וועלי האָפּשטײנען[1]

וואָס זײַנען גראַמען און וואָס זײַנען לידער?..
עפּעס איז פאַראַן אַזוינס צווישן ברידער —
ניט אײַנצולייגן עס אין פּערז:
הערנדיק דעם ברודער,
זיך אַליין דו הערסט.

[1] דער איבערזעצער וועלי האָפּשטיין איז דאָוויד האָפּשטיינס ברודער.

שמועל גאָרדאָנען

דעם ליבן שמועל גאָרדאָנען
דאָס ביכל איך שענק אַ מאַטאָנע,
אַז קומען זי זאָל אײַך אַנטקעגן,
די פרייד, אַף די ערדישע וועגן.

אַפן בוך „דער בוים פון לעבן" (1948)

י. דאָברושינען

און ווײַל ס'איז שטערבלעך אַלץ, וואָס לעבט נאָר
אַף דער וועלט,
מיר טרייסטן זיך און זײַנען גרייט דעם בוים
פאַרגעבן
זײַן גרוילנדיקע הויל, זײַן גינגאָלדענעם וועלק
און זאָגן:
אייביק יונג איז ער, דער בוים פון לעבן.

מענדל ליפשיצן

און נאָך אַ טאָעס — ס'איז דאָס לעבן ניט קיין
קרײַז.
און אויב איך וויל —
איך האָב אַפילע אַ באַווײַז.
ווי זאָגט דאָס פאָלק?
„קימאַט אַ לעבן שוין אַוועק,
און אַלץ זיך נאָך ניט צוגעשלאָגן צו קיין ברעג".

אוראַם פרומקינען

(רעדאַקטאָר פונעם „עמעס"-פאַרלאַג)

דו ביסט אַ ברודער דאָך — דו מעגסט עס וויסן.
אַמאָל עס טרעפט, מיך פּלאָגט נאָך מײַן געוויסן,
וואָס כ'האָב געוואָגט אַפּריִער צו געניסן
פון לעבנס-בוים, דערנאָך פון בוים פון וויסן.
מײַן טרייסט איז נאָר אין דעם, וואָס אָפט מיר
דוכט,
אַז עמעצער פאַרביטן האָט די פרוכט.

דעם זשורנאַליסט ניסן זיוון

זיוו? זיוו איז שײַן — אַף אונדזער שפּראַך דער
אַלטער.
אַ קורצער קלאַנג, נאָר וויפל ליכט אין זיך
באַהאַלט ער!
און אונדזער מוטער-שפּראַך קעדיי נאָך שענער
מאַכן,
עס דאַרף אונדז ליכטיק זײַן אַף אַלע שפּראַכן.

איטשע באָרוכאָוויטשן

און ווו איר זאָלט ניט זײַן און ווו איר זאָלט ניט
קומען,
זאָל אָט דער קורצער ווונטש אײַך אומעטום
באַגלייטן:
דער שווערער אָל, וואָס איר האָט אויך אַף זיך
גענומען,
זאָל גרינג און ליב אײַך זײַן, און זאָל אײַך ווײַל
באַקומען.
ווײַל קיינמאָל קומט דעם דיכטערס האַרץ ניט אַף
קיין גרייטן,
און קיינער טוט פאַר אים קיין טעפּיכער ניט
שפּרייטן;
נאָר קיינמאָל זאָל קיין שווערס ניט שטרויכלען
אײַער טראָט,
און —
„ווי דער מענטש, ער נעמט זיך, אַזוי העלפט אים
גאָט".

מאָטל גרוביאַנען

איך זאָג: מיר קאָנען האַרטער זײַן פון שטאָל,
דערבײַ אָבער אַ וווּנדער מיר באַווײַזן —
זײַן צאַרטער פונעם ווײַנשל-בלי דעם ווײַסן
און ברייט זײַן ווי די וועלט,
נאָר אויב אַמאָל
מע פרוווט אין האַרץ זיך אונדז אַרײַנצורײַסן,
מיר ווערן, ווי אַ נאָדל-לעכל, שמאָל...
און אונדזו, אַזעלכע, ווי מיר זײַנען, — זײַן
איז ליב, ווי יעדן קריגער זײַן קלייזײַ'ן.

ארן ווערגעליסן

כוץ אלעמען, איר זײַט נאָך יונג. ווי רײַך
איר זײַט, מײַן טײַערער, נו זאָגט, איר ווייסט?
פאר מיר וואָלט דאָס געווען די גרעסטע טרייסט,
ווען זײַן וואָלט איך געקאָנט באגלײַך מיט אײַך
אין יענער אייביקײַט, וואָס יוגנט הייסט.

ארן קושניראָוו

אַט יענע מאזלבראָכעדיקע גאָב,
וואָס מאכט אונדז שיקערלעך און גרויזאם־
ניכטער
און קרוינט אונדז מיטן גרויסן נאָמען
דיכטער, —
זאָל קיינמאָל זיך ניט אָפּטאָן פון דײַן קאָפּ
און פון דײַן הארץ — ביז שפּעטסטן זון־
פארגאנג —
ניט אָפּטאָן זיך דאָס ברויזיקע געזאנג.

איציק פעפערן

מיט יעדן נײַעם בוך — די ערד,
זי טוט זיך אונטער מיר א וואקל:
צי איז דער טײלווײַזער סאכאקל
די גרויסע צײַט,
מײַן לעבן ווערט?
און איצט, ווען איין קרײַז איז פארגאנצט,
איך מאטער מיך אָן ענטפער געבן:
צי איז ער ווערט, מײַן בוים פון לעבן,
די ערד, ווו ער איז אײַנגעפלאנצט...

לייזער קאצאָוויטשן

דאָס לעבן איז א מאָשל — זאָגט דאָס פאָלק.
געפינען זיך אזעלכע, וועלכע זאָגן:
דאָס מיינט א רעטעניש, אף ניט דערגיין קיין
טאָלק.
בעעמעס אָבער האָט עס גאָר אָן אנדער מיין,
אָן אנדער ציל די ווערטער זיי פארמאָגן:
דאָס פאָלק, וואָס נאָר צום מענטשנס גליק טוט
שטרעבן,
אונדז זאָגט: א מאָשל זײַ, א בײַשפּיל זײַ אין
לעבן.

סאמויל מארשאק

און ווינטשן וויל איך אײַך אף יִדיש: זײַט געזונט!
ס'זאָל לאנגע, לאנגע יאָר ניט טריקענען דער
גרונט
פאר אײַער פּרוכטבארן און ברייט־פארצווײַגטן
שאפן.
און אויב פארגלײַכן אײַך מיט זוכנדיקער שיף
אין שטורעמדיקן יאם —
געבענטשט זאָל זײַן די טיף,
וואָס רײַסט אלץ אָפּ די שיף פון רו־געבענטשטן
האפן.

אף אנדערע ביכער

נויעד לוריע

איך זע באם בוך אײַך רוגזעדיק און שמייכלענ־
דיק־צופרידן,
אמאָל פארוווּנדערט זע איך אײַך, אמאָל —
פארטיפט,
אמאָל — אין אויג בא אײַך דער יעיצערהאָרע
שטיפט,
אמאָל — א גלײַכגילט־שמייכעלע איך זע א מידן.
און יעדע אײַער אופרעגונג און יעדער ריר
מיט פרייד און ווייטעק רופט זיך אָפּ אין מיר.

סאמויל האלקינען

די זעלבע פאמיליע, די זעלביקע נעמען,
דער יִכעס דער זעלבער בא ביידן.
די טאטעס — מיר זאָלן כאָטש זיי ניט
פארשעמען,
א קאָוועד — דערמאָנען דעם זיידן.
מיר זײַנען שוין ביידע — אי טאטעס, אי זיידעס,
איז לאָמיר דעם אָל אף זיך נעמען,
אז אונדזערע קינדער, די אייניקלעך ביידנס
זיי זאָלן מיט אונדז זיך ניט שעמען.

יאנקעוו שטערנבערגן

דעם דיכטער שטערנבערגן — לזכרון
אָן יענע גרויזאמיקע יאָרן,
אָן וואָלקנדיקע טעג און וואכן,
ווען ס'האָט געדאכט: ס'איז אלץ פארלאָרן,
נאָר מיר האָבן ניט אָנגעוואָרן
דעם גלויבן אונדזערן און דעם בטחון,
אז מיר דערלעבן וועלן דעם נצחון, —
דערפאר האָט אונדז דער בראָך ניט אײַנגעבראָכן.

מוישע טייפן

צו וואָס זאָל איך דעם מויעך שלייפן
באם שענקען ס'ביכל מוישע טייפן?
איך וועל דערמאָנען אים די ליד,

וואָס זיכער האָט זיך ניט פאַרהיט
באַ אים,
און ניט זײַן שולד צוליב.
און זאָל זי זײַן אַפּסנײַ אים ליב...
נאָך אַלע הײַעמס ווילט זיך זאָגן
פון ריינעם האַרצן מוישע טייפן,
אַז ניט געקוקט, וואָס מיר פאַרמאָגן
דאָס ביסל זילבער אין די שלייפן,
דערקלערן מיר אי דרייסט, אי אָפן:
מיר זײַנען יונג! — און לאָמיר האָפן,
ס'וועט זײַן געזאָגט אין אַ מינוט,
ווען אַלץ מעקוייעם ווערט צו גוט.

אווראָם גאָנטאַרן

קאָן זײַן, ס'וועט עמעץ האָבן אויסצוזעצן,
מיר פאַרוואַרפן, אַז כ'זינדיק מיט די רייד:
דעם מענטשנס שאַפן טו איך טאָמיד שעצן,
און אים אַליין — כ'וועל זאָגן שטילערהייט —
ניט אַלעמאָל...
דעריבער אין דעם פאַל
איז גוט — איר זײַט אַ יוצא מן הכלל[1].
דאָס הייסט — איר זײַט אַן אויסנאַם פון געזעץ:
אי אײַך, אי אײַער שאַפן כ'שעץ.

מישע לעוון און זײַן פרוי ליוסיע

געוויס וואָלט מיר ניט זייער שווער זײַן
אײַך געבן ס'בוך אָן קיינע פערזן.
נאָר איר זײַט גראָד אַ פּאָר אַזאַ מין,
וואָס איז אַזוי געעראַמט צוזאַמען,
אַז ס'וואָלט, מיר דאַכט, געווען אַ פּגאַם
אײַך ווינטשן גוטס און אָן אַ גראַם.

לייב פּולוווערן

אָט הײַנט, ווען פינף און זיבעציק וועט פול ווערן
מײַן טײַערן, מײַן האַרציק-ליבן פּולוווערן,

איך שענק דאָס בוך, פון רעכטס אַף לינקס
געשריבענעם,
פון לינקס אַף רעכטס — אַ העלפט-
פאַרבליבענעם.
וואָס זאָל איך זאָגן דיר, מײַן שיינער מענטש?
ס'האָט אונדזער פאָלק זיך לאַנג מיט דיר
געבענטשט,
און נאָך ביז הײַנט די בראָכע פון דײַן קאָפּ,
די בראָכע פונעם פאָלק זיך טוט ניט אָפּ.

מאַרי האַלקין

אַמאָל פלעג איך דיר ווידמען לידער,
געשריבענע אַף ביכער,
ניט ווײַל ס'איז פּראָזע מיר דערווידער, —
ווײַל שרײַבן לידער איז מיר ניכער.

דו זעסט, אַפילע הײַנט אַ סיבע כ'זוך
זעקס שורעלעך נאָך צוגעבן צום בוך.

בלומע קאַטיק

בלומען וועלקן, ס'בליִען בלומען.
וואָס זשע זאָל איך ווינטשן בליומען?
ס'זאָל איר בליִען לאַנג נאָך ציִען?
אַז זי הערט ניט אויף צו בליִען...

כאָטש איעדער איינער קנאָספּ
זייער טײַער — לעבן קאָסט.

סידי טאַל

אין יִדיש פעלט דער וויכונגס-צייכן,
וועל איך זיך פּרוּוון צייכ'נען סידיש,
ס'זאָל זײַן אי האַרב, אי צאַרט, אי יִדיש,
און ווו אַ האַרטקײַט, כ'וועל פאַרווייכן;
ס'זאָל זײַן אי רייצנד, אי מאַראַליש, —
האַקלאַל — ס'זאָל קלינגען סידי-טאַליש.

[1] יויצע מין האַקלאָל.

אַן אויפשריפט אַף זעליק אַקסעלראָדס בוך „לידער" (1932) אָן אַן אײַנבונד

פאַרענדיקט לייענען דאָס בוך דאָס ניט
פאַרגאַנצטע —
אָן טאַוועלעך און אָן אַ בונד און מיט אַ גרויען
שאַרבלאַט,
און פאַר די אויגן מײַנע האָבן באַלד גענומען
גלאַנצן
הונדערט פיר און דרײַסיק כיינעוודיקע פאַרבן.

יעדעס בלעטעלע באַזונדער — אַ הויפן
פאַלנדיקער שניי,
און צוזאַמען אַלע — רײַפער ווינטער;
די, וואָס האָבן ווען אַמאָל מיטן קאָפּ געוואָרנט
„ניין",
וועלן זײַן געצוווּנגען זאָגן „יאָ" אַצינדער.

לידער. ליריק — ווייניק, קנאָפּ איז.
זעליקל, בעעמעס דאַך — אַ געראַכטע טײַנע,
נאָר ניט אַלץ, וואָס גיסט זיך פון אַ צאַפּן —
ווײַן איז.

קעגן דער מילכאָמע,
פאר פריַינטשאפט צווישן די פעלקער
פונעם נאָענטן מיזרעך

צו די ייִדישע שרײַבער פון דער וועלט

די ייִדישע שרײַבער פונעם סאָוועטנפארבאנד דריקן אויס זייער צופרידנקײַט אין צוזאַמענהאנג מיט דעם, וואָס אדאנק דעם קאמף און די באמיִונגען פון די פרידנסליבנדיקע קויכעס זײַנען צײַטווײַליק אָפּגעשטעלט געוואָרן די קריגס־אָפּעראציעס אפן נאָענטן מיזרעך. די באדײַטונג פון אָט דעם אקט באשטייט דעריך, וואָס עס איז געעפנט געוואָרן א וועג צום גערעכטיקן שאָלעם צווישן די אראבישע לענדער און ייִסראָעל אפן סמאך פון דער רעזאָליוציע פונעם זיכערהײַטס־ראט פון דער אָרגאניזאציע פון די פארייניקטע נאציעס פארן 22 נאָיאבער 1967.

אָפּשאצנדיק הויך די ראָליע פון דער ליטעראטור און פון דער פרעסע אין אָט דעם מאָמענט, ווענדן מיר זיך צו די ייִדישע שרײַבער פון דער וועלט מיט א רוף מיטצווווירקן, עס זאָל געשאפן ווערן אן אטמאָספער פון פארשטענדיקונג און פרײַנטשאפט צווישן די פעלקער פון ייִסראָעל און די אראבישע לענדער.

די לעבנס־אינטערעסן פון די פעלקער פונעם נאָענטן מיזרעך פאָדערן, ס'זאָל אײַנגעשטעלט ווערן א פרידלעכער וועטער, און צוליב דעם איז נייטיק אומקערן ווידער די רו און דאָס פרידלעכע לעבן פאר מיליאָנען און מיליאָנען פרויען, מאנצבלען און קינדער — ייִדן און אראבער.

הילעל אלעקסאנדראָוו, ריווע באליאסנע, איטשע באָרוכאָוויטש, סאלוואדאָר באָרזשעס, הירש בלאָשטיין, יויסעף בוכבינדער, יויסעף בורג, כאִיםביידער, דאָוויד בראָמבערג, איציק בראָנפמאן, מוישע גאָלדבלאט, אווראָם גאָנטאר, שירע גאָרשמאן, שמועל גאָרדאָן, טעוויע גען, אלעקסאנדער גובניצקי, מאָטל גרוביאן, שיקע דריז, אירמע דרוקער, בער האלפערן, ליובע וואסערמאן, כאָנע ווײַנערמאן, ז. וועדנדראָף, ארן ווערגעלים, נאטאן זאבארע, כאִים זילבערמאן, מאָטל טאלאלאיעווסקי, יעכיִעל טשיטשעלניצקי, שלוימע טשערניאווסקי, יאנקל יאקיר, מייער יעלין, דאָרע כײַקינע, שיפרע כאָלאָדענקאָ, דווירע כאָראָל, נאָטע לוריע, מענדל ליפשיץ, יעשוע ליובאָמירסקי, מישע לעוו, כאִים מאלטינסקי, בוזי מילער, כאִים מעלאמוד, מאָטל סאקציִער, ייִסראָעל סערעבריאני, לייזער פּאָדריאטשיק, הערשל פּאָליאנקער, יעכיִעל פאליקמאן, נאָכעם פרידמאן, סאָניע פרײַ, פּיניע קיריטשאנסקי, העשל ראבינקאָוו, ארן ראסקין, מארק ראזומני, ריווקע רובין, שלוימע רויטמאן, מאקס רייִאנט, הירש רעלעס, מ. שאך־אניך, מאָטל שטורמאן, יעכיִעל שרײַבמאן.

■ ■ ■

פובליציסטיק

איגאָר קאָן

דאָקטאָר פון פילאָסאָפישע וויסנשאַפטן

די לעניניסטישע טעאָריע פון נאַציעס און דער היינטצייטיקער קאַפּיטאַליזם

נאַציאָנאַלע און ראַסעווע דיסקרימינאַציע — וועמעס אינטערעסן דינט זי?

דער זיך אַנטוויקלענדיקער קאַפּיטאַליזם ווייסט פון צוויי היסטאָרישע טענדענצן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. די ערשטע: אויפוואַכונג פונעם נאַציאָנאַלן לעבן און פון די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, קאַמף קעגן יעטווידן מין נאַציאָנאַלן דרוק, אויפקום פון נאַציאָנאַלע מעלוכעס. די צווייטע: עס אַנטוויקלען זיך און ווערן אַלץ אָפטער די קאָלערליי באַציונגען צווישן די נאַציעס, עס ווערן געבראָכן די נאַציאָנאַלע מעכיצעס, עס קומט אויף די אינטערנאַציאָנאַלע איינהייט פונעם קאַפּיטאַל, פונעם עקאָנאָמישן לעבן ביכלאַל, פון דער פּאָליטיק, וויסנשאַפט אאַז.

ו. אי. לענין.

װען מע בלעטערט די צייטונגס־אַרכיוון פון די לעצטע יאָרן, באַקומט זיך שיר ניט דער איינדרוק, אַז די וועלט־צענטערס פון די וויכטיקסטע נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן האָבן געענדערט זייער געאָגראַפיע. דער שטורמישער וווּקס פון נאַציאָנאַליזם, די אויפרייסן פון נאַציאָנאַלע געפילן, דער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטעטיקונג — דאָס אַלץ איז נאָך ערשט ניט לאַנג פאָרגעקומען ערגעץ הינטער די האָרע־כוישעך, אין אַזיע, אין אַפריקע, קורץ — אין די געגנטן, וועלכע ליגן ווייט פון די לענדער פונעם אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם. און פּלוצעם זיינען פאַר אונדזערע אויגן געוואָרן אַן אָרענע פון שטורמישע געראַנגלען, וועלכע דערגייען ביז באַריקאַדן־שלאַכטן, די שטעט פון צאָפן־אירלאַנד. קאַנאַדע ווערט בוכשטעבלעך צעריסן פון די ווידערשפּרוכן צווישן די פאַרשיידענע שיכטן פון דער באַפעלקערונג — צווישן די פראַנצויזיש־רײדנדיקע און ענגליש־רײדנדיקע. פון קאַדמוינים אָן וווינען אין בעלגיע זײַט־בײַ־זײַט די פלאַמאַנדן און וואַלאָנען, און איצט שטייט אונטער אַ געפאַר די איינהייט פון לאַנד צוליב דעם אויסברוך פון די נאַציאָנאַלע געפילן פון אָט די צוויי נאַציעס. אין ענגלאַנד ווערט אַלץ שטאַרקער די סינע צו די „קאָלירטע אימיגראַנטן“.

צי דאַרף מען אָט דעם אויפרייס פון נאַציאָנאַלע געפילן אין די אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער האַלטן אַלס אַ רעצידיוו פון דער אָפּשטאַרבנדיקער פאַרגאַנגענהייט, אָדער אַלס עכאָ פון דער נאָך שטאַרקערער נאַציאָנאַל־באַפרייערישער באַוועגונג אין די לענדער, וועלכע אַנטוויקלען זיך, צי עפשער איז דאָס אַ באַווייז, אַז אַ טאָעס האָבן יענע, וואָס מיינען, אַז די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע שוואַכט אָפּ די נאַציאָנאַלע אונטערשיידן?

אויפן ערשטן בליק זעט אויס, אַז דער אויפשטייג פון די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען און פון די נאַציאָנאַלע געפילן, וועלכער קומט פאָר אין די אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, געפינט זיך אין אַ ווידערשפּרוך מיט דער לענינישער טעאָריע וועגן נאַציעס: לענין האָט דאָך די דאָזיקע

טענדענץ פארבונדן מיט דער אָנפאנג־פאזע פון דער אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם, אין דער צײַט, ווען, פארקערט, דער „...רײַפער קאפיטאליזם, וואָס גייט צו פארוואנדלט ווערן אין א סאָציִאַליסטישער געזעלשאפט“[1], פארשטארקט די אסימיליאציע פון די נאציעס. נאָר אזא „ווידערשפרוך“ קומט אוף בלויז דעמלט, ווען מע רײַסט ארויס דעם לענינישן געדאנק פונעם אלגעמיינעם קאָנטעקסט, ווען מע נעמט אים אָפּגעזונדערט פון דער אידיי וועגן דער ניט גלײַכמעסיקײַט פון דער אנטוויקלונג פונעם קאפיטאליזם. די ניט גלײַכמעסיקײַט פון דער אנטוויקלונג, וועלכע מערקט זיך ניט בלויז אין די קאָלאָניעס, נאָר אויך אין די מעטראָפּאָליעס, רירט אָן אויך די אויספורעמונג פון נאציעס.

לאָמיר דאָס באטראכטן אפן בײַשפּיל פון בעלגיע, ווו עס האָבן זיך צוזאמענגעשטויסן צוויי נאציעס, קימאט גלײַכע לויט דער צאָל, — די פראנצויזיש־ריידנדיקע וואלאָנען און די האָלענדיש־ריידנדיקע פלאמאנדן.

די באפעלקערונג פון דער הײַנטיקער בעלגיע איז עטניש קיינמאָל ניט געווען קיין איינארטיקע. אין מיטלאלטער האָבן די צעשפּליטערטע פעאָדאלע גראפנטומס (פלאנדריע, נאמיר, בראבאנט און אנד.) זיך פארייניקט אונטער דער מאכט פון די בורגונדער הערצאָגן און דערנאָך אריבער צו דער האבסבורגער מאָנארכיע. אין רעזולטאט פון אן אופשטאנד קעגן דער שפּאנישער מעמשאָלע האָבן די צאָפנדיקע פּראָווינצן פון לאנד באקומען אין סאָף XVI יאָרהונדערט אומאָפּהענגיקײַט און האָבן זיך אָנגעהויבן רופן פארייניקטע פּראָווינצן (שפּעטער האָלאנד), אין דער צײַט, ווען די דאָרעמדיקע פּראָווינצן זײַנען געבליבן אונטער דער מאכט פון די האבסבורגן און זײַנען געווען אן אָביעקט פון קעסיידערדיקן פראנצויזיש־שפּאניש־עסטרײַכישן קאמף. נאָך דער רעוואָליוציע פון 1830 איז בעלגיע געוואָרן א זעלבשטענדיק קיניגרײַך.

אין דער נײַער מעלוכע איז אן איבערוועגנדיקע קראפט געוואָרן די וואלאָנישע בורזשואזיע און ערד־אריסטאָקראטיע. האגאם פלאמאנדן איז אין בעלגיע געווען מער, איידער וואלאָנען, איז די מעלוכע־שפּראך געוואָרן פראנצויזיש, מיט וועלכער עס האָט זיך גענוצט דער גאנצער הערשנדיקער קלאס. די פלאמאנדישע שפּראך פון דער ארבעטנדיקער באפעלקערונג פון פלאנדריע איז געווען פארעכנט אלס שפּראך פון מוזשיקעס און איז ניט געברויכט געוואָרן אין אָפיציִעלע דאָקומענטן.

אָבער באנאנד מיט דער סאָציִאַל־עקאָנאָמישער אנטוויקלונג פון פלאנדריע איז געוואקסן דער פלאמאנדישער נאציִאָנאליזם. אין 1898 (אין אכט און זעכציק יאָר ארום נאָכן באקומען אומאָפּהענגיקײַט) איז די פלאמאנדישע שפּראך געוואָרן אָפיציִעל די צווייטע שפּראך פון בעלגיע. אין 1910 האָבן די פלאמאנדן באקומען דאָס רעכט צו עפענען אייגענע מיטלשולן, נאָר ערשט אין 1932 איז די פלאמאנדישע שפּראך געוואָרן אָבליגאטאָריש אין די אָנפאנג־שולן פון צאָפן־בעלגיע.

צי איז נייטיק צו דערווײַזן, אז אזא לאנגזאמער פּראָגרעס האָט ארויסגערופן די וואקסנדיקע אומצופרידנקײַט פון דער פלאמאנדישער באפעלקערונג? מע דארף נאָך צוגעבן, אז אין די לעצטע יאָרצענדליקער איז פאָרגעקומען אן ערנסטע איבערפארטיילונג פון די עקאָנאָמישע קרעפטן. פריִער איז וואלאָניע געווען איינער פון די רײַכסטע אינדוסטריִעלע ראיאָנען פון אייראָפּע און איז געגאנגען ווײַט פאָרויס פון פלאנדריע. איצט אָבער גייט שנעלער די אינדוסטריִאליזאציע פון פלאנדריע. נאָך אין 1955 איז אין וואלאָניע די האכנאָסע אף איין מענטשן פון דער באפעלקערונג געווען העכער, איידער אין פלאנדריע; הײַנט איז די לאגע פונקט קאפויער. עס פאלט קעסיידער אויך דאָס ספּעציפישע געוויכט פון דער וואלאָנישער באפעלקערונג. עס איז קענטיק קלענער געוואָרן די קולטור־לינגוויסטישע אומגלײַכהײַט, האגאם אין דעם פּראט איז דער פּאָרצוג נאָך אלץ אף דער זײַט פון די וואלאָנען.

גראָד אָבער אָט די אויסגלײַכונג פון די קרעפטן רופט ארויס א פארשטארקונג פון דער קאָנקורענץ און פון די כשאָדים בא ביידע צדאָדים. די פלאמאנדן קלאָגן זיך, אז זייער קאָמעסדיקער פּאָרצוג האָט נאָך אלץ ניט באקומען די געהעריקע אנערקענונג און זיי ווערן, ווי פריִער, דיסקרימינירט אין פּראט פון שפּראך און קולטור. די וואלאָנען קלאָגן זיך אף דער אגרעסיוויקײַט פון די פלאמאנדן. די קאָנפליקטן און שטרײַטן דערגייען ביז גאסן־באטאליעס, זיי כאפּן ארום בוכשטעבלעך אלע ראיאָנען פון לאנד און אלע ספערן פונעם געזעלשאפטלעכן און פערזענלעכן לעבן.

מיר וועלן ברענגען בלויז איין בײַשפּיל. צוליב דער אויסערגעוויינלעכער פארשארפונג פון די באציִונגען איז אָנגענומען געוואָרן דער פּרינציפּ: אלץ, וואָס איז פלאמאנדיש, דארף זײַן קאָנצענטרירט אין פלאנדריע, אלץ, וואָס איז וואלאָניש, — אין וואלאָניע. אָבער אף דער טע־

[1] В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 24, стр. 124.

ריטאָריע פֿון פֿלאַנדריע געפֿינט זיך דער בארימטער קאַטוילישער לֿווענער אוניווערסיטעט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1426 און ווו עס האָבן בעשײַטע געלֿייענט לֿעקציעס עראַזם דער ראָטערדאַמער, דער אַנאַטאָמיקער וועזאַלי, קאָרנעלֿי יאַנסען און אַנד. צוויי סעקציעס פֿון אָט דעם אוניווערסיטעט — די פֿראַנצויזישע און פֿלֿאַמאַנדישע — ציילֿן מער סטודענטן איידער די דרײַ אַנדערע בעלֿגישע אוניווערסיטעטן צוזאַמען גענומען. נאָר לֿיאָיווען (אַזוי הייסט לֿווען אין פֿלֿאַמאַנדיש) איז אַ פֿלֿאַמאַנדישע געמיינדע, איז דאָ, הייסט עס, ניטאָ קיין אָרט פֿאַר אַן אוניווערסיטעט, וואָס זײַן הויפּט־שפּראַך איז פֿראַנצויזיש. עטלֿעכע יאָר צײַט האָבן די פֿלֿאַ־מאַנדישע נאַציאָנאַלֿיסטן געפֿירט אַ קאַמף אונטער די לֿאָזונגען: „לֿיאָיווען געהערט די פֿלֿאַ־מאַנדן!‟, „אַרויס פֿונדאַנען די וואַלֿאָנען!‟. אין פֿעוורואַל 1968 האָט די אָנשטרענגונג דערגרייכט צו איר אַפּאָגיי. עס האָבן זיך צעשפּאָלטן לֿויטן נאַציאָנאַלֿ־לֿינגוויסטישן סימען ביידע בורזשואַזע הויפּט־פּאַרטייען און די סאָציאַלֿיסטישע פּאַרטיי פֿון בעלֿגיע, די רעגירונג איז אַוועק אין דעמי־סיע, אַפֿילֿע די קאַטוילֿישע בישאָפֿן (דער אוניווערסיטעט איז דאָך אַ קאַטוילֿישער) האָבן ניט געקאָנט קומען צו אַ העסקעם צווישן זיך.

עס קומט אויך אָן ניט לֿײַכט די קלֿיינע געמיינדעס מיט אַ געמישטער באַפֿעלֿקערונג צו צעטיילֿן זיך לֿויטן שפּראַך־פּרינציפּ. נאָך שווערער קומט אָן צו לֿייזן אַזאַ פּראָבלֿעם אין דער הויפּטשטאָט — אין בריסעלֿ. פֿאָרמעלֿ איז בריסעלֿ אַ צווייִשפּראַכיקע שטאָט. די שפּראַך־גלֿײַכ־הײַט דערגייט דאָ ביז קאָמיזם: אויפֿן צאָפֿנדיקן וואָקזאַלֿ גיט די ראַדיאָ איבער די אינפֿאָרמאַציע צוערשט אויף פֿלֿאַמאַנדיש, דערנאָך אויף פֿראַנצויזיש; אויפֿן דאָרעמדיקן וואָקזאַלֿ — פֿאַרקערט, צוערשט אין פֿראַנצויזיש, דערנאָך אין פֿלֿאַמאַנדיש. פֿאַקטיש אָבער איז די שטאָט אַ פֿראַנצויזיש־ריידנדיקע, די פֿאַרשפּרייטונג פֿון דער פֿראַנצויזישער שפּראַך ווערט אַלֿץ שטאַרקער. פֿלֿאַ־מאַנדן, וואָס קומען קיין בריסעלֿ, פֿילֿן זיך דאָ אָפֿט ווי אויסלֿענדער.

סײַ צווישן די פֿלֿאַמאַנדן, סײַ צווישן די וואַלֿאָנען וואַקסן די רעאַקציאָנערע עקסטרעמיס־טישע אָרגאַניזאַציעס. אין שאָטען (ניט ווײַט פֿון אַנטווערפּען) האָט אַן אייגנטימער פֿון אַ רעס־טאָראַן אויסגעהאַנגען אויף די ווענט אַ בילֿדלֿ, וואָס מאָלֿט, ווי אַ פֿלֿאַמאַנדישער לֿייב און אַ וואַלֿאָנישער האָן דריקן איינער דעם אַנדערן די הענט. שוין דאָס בילֿדלֿ אַלֿיין איז געווען גענוג, אַז אַ האַמוין שאָוויניסטן זאָלֿ באַפֿאַלֿן דעם רעסטאָראַן און מאַכן דאָרט אַ פּאָגראָם.

פֿאַרשיידענע לֿענדער — פֿאַרשיידענע פּראָבלֿעמען. אין בעלֿגיע און אין קאַנאַדע איז דער צענטראַלֿער אידעאָלֿאָגישער סימבאָלֿ די שפּראַך, אין צאָפֿן־אירלֿאַנד — די רעלֿיגיע. די שפּראַכ־לֿעכע, רעלֿיגיִעזע, קולֿטורעלֿע אונטערשיידן אָבער, ווי וויכטיק זיי זאָלֿן ניט זײַן אַלֿיין פֿאַר זיך, וועלֿן קיינמאָלֿ ניט אַרויסרופֿן קיין נאַציאָנאַלֿע מאַסן־באַוועגונג, אויב זיי זאָלֿן ניט האָבן הינטער זיך טיפֿערע סאָציאַלֿ־עקאָנאָמישע ווידערשפּרוכן, וועלֿכע רירן אָן די גרונט־אינטערעסן פֿון דער באַפֿעלֿקערונג. אין צאָפֿן־אירלֿאַנד, ווי וו. אי. לֿענין האָט דאָס באַוויזן אויפֿן בײַשפּילֿ פֿון די פֿריִלֿינג־געשעענישן אין 1914, שטייט הינטער דער רעלֿיגיִעזער טיילֿונג (די קאַטוילֿישע מינ־דערהײַט, ווו עס פּרעוואַלֿירן די אירלֿענדער, און די פּראָטעסטאַנטישע מערהײַט, אין וועלֿכער עס גייען אַרײַן די אָפּשטאַמיקע פֿון ענגלֿאַנד) אַ טיפֿע סאָציאַלֿע פּראָבלֿעם: די קאַטוילֿישע מינדערהײַט ווערט אונטערדריקט מיצאַד די פּראָטעסטאַנטישע גוטבאַזיצער און דער בורזשואַזיע. דער שפּראַך־באַריער אין קאַנאַדע שפּיגלֿט אָפּ די היסטאָרישע אָפּגעשטאַנענקײַט פֿון דער פֿראַנצויזיש־ריידנדיקער פּראָווינץ קוועבעק און די טיף אײַנגעוואָרצלֿטע אומגלֿײַכהײַט אין געביט פֿון דער עקאָנאָמיק, פֿון די סאָציאַלֿע פֿאַרהעלֿטענישן און קולֿטור צווישן די ענגלֿיש־ און פֿראַנצויזיש־ריידנדיקע קאַנאַדער.

דאָרט, ווו אַזעלֿכע פּראָבלֿעמען זײַנען ניטאָ, קאָנען די פּריוואַטע קולֿטור־לֿינגוויסטישע רײַבונגען ניט פֿאַרוואַנדלֿט ווערן אין אַן ערנסטן קאָנפֿלֿיקט.

אַלֿס כאַראַקטעריסטישער בײַשפּילֿ קאָן דינען די שווייץ. לֿענין האָט געהאַלֿטן, אַז די דאָזיקע מעלֿוכע דינט אַלֿס מוסטער פֿון לֿייזן אויף אַ מאַקסימאַלֿ דעמאָקראַטישן אופֿן די נאַציאָנאַלֿע פֿראַגע, אויף וויפֿלֿ אַזאַ לֿייזונג איז בִּיכלֿאַלֿ מעגלֿעך באַם קאַפּיטאַלֿיזם.

ערשטנס, איז די שווייץ שטענדיק געווען אַ פֿילֿנאַציאָנאַלֿע מעלֿוכע. די פֿילֿשפּראַכיקײַט איז דאָ פֿאַרגעזעצלֿעכט געוואָרן אַ לֿאַנגע צײַט פֿאַר דעם, ווי די שפּראַך איז געוואָרן דער אידעאָלֿאָגישער סימבאָלֿ פֿון דער נאַציע. שוין אין דער מיטלֿאַלֿטערלֿעכער שווייצערישער לֿיגע, ווו די אָפֿיציעלֿע שפּראַך איז געווען דײַטש, האָבן געהאַט אַ פֿרײַען אומגאַנג אויך פֿראַנצויזיש און איטאַלֿיעניש. די קאָנסטיטוציע פֿון 1848, וועלֿכע האָט פֿאַרוואַנדלֿט די קאָנפֿעדעראַציע פֿון סוּווערענע מעלֿוכעס אין אַ הײַנטצײַטיקער פֿעדעראַלֿער מעלֿוכע, האָט פֿאָרמעלֿ אײַנגעפֿירט די גלֿײַכהײַט פֿון דײַטש, פֿראַנצויזיש, איטאַלֿיעניש, און שפּעטער צוגעגעבן אויך רעטאָראָמאַניש.

צווייטנס, — און דאָס איז ניט ווייניקער וויכטיק, — אין דער שווייץ פֿאַלֿן די שפּראַך־באַריערן ניט צונויף מיט די גרענעצן אין געביט פֿון קולֿטור, רעלֿיגיע און אַדמיניסטראַציע.

די שווייצערישע קאַנטאָנען זײַנען זייער פֿאַרשיידנאַרטיק לויט די באַדינגונגען, און דאָס געפֿיל פֿון רעגיאָנעלער אָנגעהעריקייט („אָרטיקער פּאַטריאָטיזם“) איז בײַ דער באַפֿעלקערונג פֿון דער שווייץ אַנטוויקלט אַ סך שטאַרקער, איידער בײַ די פֿראַנצויזן אָדער דײַטשן. אָבער אויף וויפֿל אַלע פֿראַגן, וועלכע האָבן אַ שײַכות צו דער שול, רעליגיע און קולטור, זײַנען אונטערגעוואָרפֿן די קאַנטאָנאַלע געזעצגעבונגען, ניט דער פֿעדעראַלער, איז די מעגלעכקייט פֿון קולטור־לינגוויסטישע קאָנפֿליקטן אַ סך וויניקער וואַרשײַנלעך. נאָך וויכטיקער איז דער אומשטאַנד, וואָס די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פֿאַלט אויך ניט צונויף מיט די לינגוויסטישע גרענעצן. צווישן די פֿינף גרעסטע שווייצערישע שטעט, וואָס יעדע פֿון זיי פֿאַרמאָגט אַ באַפֿעלקערונג פֿון העכער הונדערט טויזנט מענטשן, זײַנען צוויי (זשענעוו און לאָזאַן) — פֿראַנצויזיש־ריידנדיקע, דרײַ (ציריך, באַזל און בערן) — דײַטש־ריידנדיקע. די טיילונג אויף אַגראַרע און אינדוסטריעלע ראַיאָנען איז אויך ניט פֿאַרבונדן מיט דער שפּראַכלעכער און רעליגיעזער טיילונג.

זאָלן זיך נאָר די דאָזיקע באַדינגונגען ענדערן — וועט גלײַך דאָס בילד ווערן אַן אַנדערס. די „צירלעכע־מאַנירלעכע“ שווייץ איז „באַרימט“ מיט דער דיסקרימינאַציע פֿון אויסלענדישע אַרבעטער. אָט די אַרבעטער־מאַסע, וועלכע בילדעט קימאַט אַ דריטל־טייל פֿון דער גאַנצער אַרבעטס־קראַפֿט אין לאַנד, האָט ניט קיין שום בירגער־רעכט; די לעצטע יאָרן וואַקסט שטאַרק אין לאַנד דער שאָוויניזם און די פֿײַנטלעכע באַציִונג צו אויסלענדישע אַרבעטער, באַזונדערס צו יענע, וועלכע שטאַמען פֿון איטאַליע.

אין דער נאַציאָנאַלער הינזיכט זײַנען די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען שטענדיק איבערגעפֿלאָכטן מיט פּסיכאָלאָגישע און האָבן פֿיל באַהאַלטענע ניואַנסן. אָבער די עטנישע אָבערגלויבענישן און סטערעאָטיפּן זײַנען ניט קיין אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישער, נאָר אַ סאָציאַל־היסטאָרישער פֿאַקט. דער שאָוויניזם, אין דער פֿאָרם פֿון נעפּלהאַפֿטע געזעלשאַפֿטלעכע שטימונגען, און ווער רעדט נאָך אין דער פֿאָרם פֿון פֿאַנאַנדערגעאַרבעטע אידעאָלאָגישע סיסטעמען, ווערט פֿאַרשפּרייט ניט דורך אַ רועך־האַקודעש, ניט דורך דער אָפּגעשטאַנענקייט פֿונעם מאַסן־באַוווסטזײַן. דעם שאָוויניזם פֿלאַנצן בעקיוון אײַן די רעאַקציאָנערע קלאַסן, וועלכע נוצן אויס דערצו די גאַנצע מעכטיקע סיסטעם פֿון מאַסן־אינפֿאָרמאַציע.

און געוויס טאָר מען ניט האַלטן בלויז פֿאַר אַ פּסיכאָלאָגישן פֿענאָמען די ראַסעווע און נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציע, וועלכע עקזיסטירט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. די סאָציאַלע אויפֿירונג פֿון די מענטשן ווערט באַשטימט ניט אַזוי דורך זייערע אייגענע מיינונגען, ווי דורך די פֿאָדערונגען און האָפֿענונגען פֿון די אַרומיקע מענטשן. אַ מענטש, וואָס פֿירט אָן מיטן אַמט פֿון צוקלײַבן קאַדרען אין אַ קאַפּיטאַליסטישער קאָרפּאָראַציע, קאָן זיך זײַן גאַנץ פֿרײַ פֿון נאַציאָנאַלע און ראַסעווע פֿאָרורטיילן, ער קאָן אַפֿילע באַציִען זיך מיט מיטגעפֿיל צו די אונטערדריקטע. אויב אָבער ער ווייסט, אַז זײַן קאָרפּאָראַציע, דאָס הייסט די אָנפֿירונג פֿון דער קאָרפּאָראַציע, וווּ ער אַרבעט, באַציט זיך פֿײַנטלעך צו דער אָדער יענער עטנישער גרופּע, וועט ער קיינעם פֿון דער דאָזיקער גרופּע אויף דער אַרבעט ניט נעמען.

די דיסקרימינאַציע כאַפּט אַרום פֿאַרשיידענע זײַטן פֿונעם לעבן און זי דערלאָזט ניט די אונטערדריקטע מינדערהײַטן וועזנטלעך צו פֿאַרבעסערן זייער לאַגע. די קאָנצענטראַציע פֿון דער „קאָלירטער“ באַפֿעלקערונג פֿון פּשאַ אין די געטאָס ברענגט דערצו, אַז מענטשן לעבן דאָרט אין ענגשאַפֿט, דער שוואַרצער אַמעריקאַנער איז דעריבער געצוווּנגען צו צאָלן פֿאַר זײַן פֿיל ערגערער דירה אַ סך טײַערער, איידער דער ווײַסער. דער שוואַרצער אַמעריקאַנער האָט ניט קיין מעגלעכקייט צו שיקן זײַנע קינדער לערנען אין אַ גוטער שול, און דערפֿון שטאַמט די מיינונג, אַז די נעגערס זײַנען טעמפּע מענטשן, ניט פֿעיִק צו בילדונג.

וועמען לוינט אַזאַ סיסטעם?

די געטאָס פֿאַר נעגערס לוינען בלויז אַן אומבאַדײַטנדיקער מינדערהײַט פֿון די ווײַסע אַמעריקאַנער — די הויז־אייגנטימער, די מענטשן, וואָס האַלטן אין זייערע הענט דעם האַנדל אין געטאָ, די אייגנטימער פֿון ערד־כאַלאָקים אין ראַיאָן פֿון געטאָ אַאַוו. דאָס איז אָבער ניט אַלץ. קערנערס קאָמיסיע, וואָס האָט לויטן אויפֿטראָג פֿונעם פּרעזידענט דזשאָנסאָן שטודירט די לאַגע פֿון די אַמעריקאַנער נעגערס, האָט קאָנסטאַטירט, אַז קעדיי צו ליקווידירן די ראַסן־אומגלײַכהײַט אין דער אַרבעט, דאַרף אומגעפֿער 1 מיליאָן 300 טויזנט „קאָלירטע“ באַקומען אַ העכער באַלוינטע און מער בעקאָוועדיקע אַרבעט, איידער איצט. און דאָס באַטײַט, אַז אַן אַנטשפּרעכיקע צאָל ווײַסע אַרבעטער דאַרף פֿאַרלירן די איצטיקע פּריווילעגיעס און טיילן זיך מיט די נעגערס אינעם אויספֿילן די „שמוציקע“ אַרבעטן. וואָס וועלן דעמלט טאָן די פּילצאָליקע ווײַסע ספּעציאַליסטן, וועלכע הערן ניט אויף צו זאָרגן וועגן די נעגערס און צו שטודירן זייער לאַגע? און דאָס זעען מיר ניט בלויז אין פּשאַ און ניט בלויז בײַ די נעגערס. אין אַ געזעלשאַפֿט, וואָס האַלט זיך אויף קאָנקורענץ, ברענגט די דיסקרימינאַציע קעגן יעטווידער מינדערהײַט וועמען

דירעקטע, וועמען אומדירעקטע נוצן (מע ווערט פּאַטער פון פּאָטענציעלע קאָנקורענטן, מע באקומט געוויסע פּריווילעגיעס, און וויפל זאָגט שוין בלויז דאָס געפיל, אז דו שטייסט העכער פון אנדערע, דו ביסט איבער זיי דער הערשער!). דאָס ברענגט דערצו, אז אין די אקטן פון דיסקרימינאציע ווערן אַרײַנגעצויגן אויך אזעלכע סאָציאַלע שיכטן, וועלכע האָבן, ווי עס דוכט זיך, קיין שום דירעקטע שײַכעס ניט צו דעם.

קעדיי די פראגע זאָל ווערן קלאָרער, ווען מיר דאָ דורכפירן א דירעקטן קלאַסן־אנאליז. וו. אי. לענין האָט אָנגעוויזן, אז די ארבעטער־אריסטאָקראטיע געניסט אין א געוויסער מאָס מאטעריעל פון עקספּלואטירן די קאָלאָניעס, און באלד אפן אָרט האָט ער באטאָנט, אז פאר דעם ארבעטער־קלאַס אינגאנצן גענומען ברענגען אָט די פּריוואטע געווינסן צו אן ערנסטן פּאָליטישן פארלוסט, ווײַל זיי צעשפּאלטן די ארבעטער, טעמפּן אָפּ זייער זעלבסטבאוווסטזײַן אלס קלאַס, שטערן זיי אינעם קאמף פאר זייער ענדגילטיקער באפרײַונג. דאָס איז ריכטיק אויך בענוגייע דעם אינערלעכן קאָלאָניאַליזם.

לענין פלעגט אָפט איבערכאזערן ענגעלסעס ווערטער, אז עס קאָן ניט זײַן פרײַ א פאָלק, וואָס אונטערדריקט אנדערע פעלקער. יעדער איינער, וואָס געניסט פון אָט דער לאגע, פאלט אליין ארײַן „...אין א לאגע, וואָס איז ערגער איידער די לאגע פון א קנעכט, ער ווערט א כאם, וואָס העלפט צו האלטן אנדערע אין א שקלאַפן־צושטאנד“[1]. די דיסקרימינאציע פון נאציאָנאלע מינדערהײַטן קאָן לויט איר עצעם טאָך ניט זײַן קיין איזאָלירטער פאקט. ניט אומזיסט טרעטן שטענדיק ארויס די פאשיסטישע פארטייען אונטער שאָוויניסטישע לאָזונגען. עס האנדלט זיך ניט נאָר וועגן דעם, וואָס אין אזא פאל ווענדט מען דעם ייִעש און דעם צאָרן פון די ארבעטנדיקע מאסן קעגן די לאכלוטן אומשולדיקע מינדערהײַטן. נאָך שרעקלעכער איז די געווינהײַט, דער גלײַכגילט צו דער נאציאָנאלער אונטערדריקונג.

די מײַרעוודיקע סאָציאָלאָגן, וועלכע פאָרשן די פראגע, אָף וויפל די עטנישע אָבערגלויבנס זײַנען פארשפּרייט צווישן פארשיידענע שיכטן פון דער געזעלשאפט, קומען אָפט צו אן אויספיר, אז די „אונטערשיכטן“ זײַנען אָנגעשטעקט מיט שאָוויניזם אין א גרעסערער מאָס, איידער די „אויבערשיכטן“, אז די גאנצע זאך באשטייט נאָר אין דעם ניוואָ פון בילדונג. מע טאָר אָבער ניט צונויפמישן צוויי פארשיידענע פראגן: ווו זײַנען מער ווי אומעטום פארשפּרייט די אָדער אנדערע סטערעאָטיפּן און ווער איז פארינטערעסירט אין זייער פארשפּרייטונג. עס איז באוווסט, אז דער דײַטשישער פאשיזם איז געקומען צו דער מאכט מיט דער הילף פון דער מאסן־שטיצע פונעם קליינבירגערטום און אז די פאשיסטישע אידעאָלאָגיע איז ספּעציעל צוגעפּאסט צום געדאנקענגאנג פון אָט דעם קלאַס. אָביעקטיוו אָבער האָט דער פאשיזם אויסגעדריקט און פארטיידיקט די אינטערעסן פונעם מאָנאָפּאָליסטישן גרויס־קאפּיטאל. אזוי איז אויך אין דעם פאל. די טרעגער פון די שאָוויניסטישע שטימונגען קאָנען זײַן (אָפּהענגיק פון די קאָנקרעטע היסטאָרישע באדינגונגען) פארשיידענע סאָציאַלע שיכטן. אָבער מיט דער פארשפּרייטונג פון אזעלכע שטימונגען דיריזשירט, און האָט פון זיי נוצן, דער הערשנדיקער קלאַס, וועלכער שטרעבט, ריידנדיק מיט לענינס ווערטער, „...צו שיטן זאמד אין די אויגן פונעם ארבעטער, קעדיי ער זאָל ניט זען דעם עמעסן סוינע פון די ארבעטנדיקע — דעם קאפּיטאל“[2].

אין די לעצטע יאָרן, ווען מע רעדט וועגן דער אונטערדריקונג פון די נאציאָנאלע מינ־דערהײַטן אין די אנטוויקלטע קאפּיטאליסטישע לענדער, נוצט מען אָלץ אָפטער דעם טערמין „אינערלעכער קאָלאָניאַליזם“. דאָס איז עפּעס מער, איידער א פּאָשעטע אנאלאָגיע. די לאגע פון א סאך אונטערדריקטע מינדערהײַטן שיידט זיך ווירקלעך וויניק אונטער פון דער לאגע פון די אײַנוווינער פון די קאָלאָניעס, און זייער פּראָטעסט גייט לויט דער ליניע פונעם אלגעמיינעם קאמף קעגן אימפּעריאַליזם. קאָלזמאַן די מינדערהײַטן זײַנען געווען סאָציאַל און עקאָנאָמיש שוואך, האָבן זיי ווילנדיק ניט ווילנדיק געמוזט דולדן דעם סטאטוס פון אָפּהענגיקײַט. די לעצטע יאָרן אָבער קומט פאָר אין א סאך (פארשטייט זיך, ניט אין אלע) ראיאָנען א לעפּיערעך שנעלער וווקס פון דער עקאָנאָמיק און קולטור (קוועבעק, שאָטלאנד, פלאנדריע). אָבער די טעמפּן פון דעם דאָזיקן פּראָגרעס, וועלכע רירן שיר ביז טרערן די ליבעראלן פון די הערשנדיקע נאציעס, זײַנען, לאָזט זיך אויס, גאָר קנאפּע אין פארגלײַך מיט די פאָדערונגען פון די מינדערהײַטן גופע. פריִער פלעגט די מינדערהײַטן גאָר אפן געדאנק ניט קומען צו פארגלײַכן זייער לאגע מיט דער לאגע פון די הערשנדיקע נאציעס, זיי פלעגן זײַן צופרידן מיט די פּריוואטע האנאָכעס. איצט אָבער קאָנען זיי ניט פארטראָגן קיינע פאָרמען פון דיסקרימינאציע, אפילע „אומבאדײַטנדיקע“ (פון שטאנדפּונקט פון הערשנדיקן נאציאָנאליזם). פונדאנען שטאמט די פארשארפונג פונעם

---

[1] В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 27, стр. 248.
[2] В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 38, стр. 242.

קאמף פאר בירגער־רעכט און די פארבונדענע דערמיט איבערגרופירונג פון די קלאסן־קרעפטן. פון איין זײַט, וואַקסט דער אַנגריף פון די אונטערשיכטן. פון דער צווייטער זײַט, קומט פאַר די קאָנסאָלידאַציע פונעם גרויסמעכטישן שאָוויניזם, וואָס איז איבערגעשראָקן פון דעם דאָזיקן אַנגריף.

א באַזונדער ראָליע שפּילט דערבײַ די צענטראַלע מאַכט.

די דעמאָקראַטישע אינסטיטוטן זײַנען א נייטיקע, אָבער ווײַט ניט קיין גענוגע פּאַראַנאַכע צום באַזײַטיקן דעם נאַציאָנאַלן דרוק. עס טרעפן אפילו פאַלן, ווען די דעמאָקראַטישע אינסטיטוטן צעבינדן די הענט די שאָוויניסטישע אָרגאַניזאַציעס, דערלויבנדיק זיי אויסצונוצן אַלס שירעם דעם „ווילן־אויסדרוק" פון דער „מערהייט", וואָס איז לעכאַטכילע דורכגעגאַנגען א געוויסע באַאַרבעטונג איין דעם זין.

די בורזשואַזע מעלוכע, וועלכע דריקט אויס די אַלגעמיינע אינטערעסן פונעם הערשנדיקן קלאַס, פּרוּווט, אַלס קלאַל, לאַווירן צווישן די עקזיסטירנדיקע פּאָליוסן און מאַכן צווישן זיי „שאַלעם" דורך טיילווײַזע רעפאָרמעס. די בורזשואַזע מעלוכע איז אָבער לויט איר עצעם טאָך גרויסמעכטיש. די „נאַציאָנאַלע אינטערעסן", די „נאַציאָנאַלע פּאָליטיק" זײַנען פאַר איר אידענטיש מיט די אינטערעסן פונעם הערשנדיקן קלאַס. די לאַווירונג פון די מאַכט־אָרגאַנען דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס זיי פירן דורך אומבאַדײַטנדיקע ליבעראַלע רעפאָרמען און „רופן צו אָר־דענונג" די גרויסמעכטישע עקסטרעמיסטן. די דאָזיקע פּאָליטיק אָבער איז ניט קאָנסעקווענט און העכסט צווייִעסדיק.

דער פּרינציפּ פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם

דער פּרינציפּ פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם איז די אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַליטעט ביכלאַל, פונדאַנען שטאַמט די אויסנעמלעכקייט פונעם בור־זשואַזן נאַציאָנאַליזם, די אויסוועגלאָזע נאַציאָנאַלע רײַסערײַ.

ו. אי. לענין.

דער נאַציאָנאַליזם איז א קאָמפּליצירטע אידעאָלאָגישע סיסטעם, וואָס אַנטהאַלט אָן א שיר שאַטירונגען און וואַריאַנטן. די האַנדלס־אינדוסטריעלע בורזשואַזיע זאָרגט קודעמקאָל וועגן פאַרהיטן אָדער געווינען נײַע עקאָנאָמישע פּריווילעגיעס אין איר קאָנקורענטן־קאַמף. דאָס פּויער־טום מיט זײַן שטאַנדהאַפטיקן און לעפּיערדיקן קאָנסערוואַטיזם לעבנס־סיידער איז דער הויפּט־טרעגער פון די פּאַטריאַרכאַלע מינהאָגים און טראַדיציעס. די אינטעליגענץ, ווידער, באַזונדערס די קינסטלערישע אינטעליגענץ, טרעט אַרויס, אויב מע קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, אַלס טרעגער פונעם נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוווסטזײַן. פאַראַן אָבער פאַרשיידענע אינטעליגענץ.

לויטן כאַראַקטער פון זייער טעטיקייט און לויט דער באַקומענער בילדונג זײַנען די אינ־טעליגענטן ווייניקער פאַר אַלץ געניייגט צו פּאַטריאַרכאַלישקייט, זייער לעבנשטייגער איז העכסט אינטערנאַציאָנאַל. די בילדונג, וואָס הייבט אויף דעם סאָציאַלן פּרעסטיזש פונעם מענטשן, באַ־פרײַט אים (אויב ער געהערט צו דער אונטערדריקטער מינדערהייט) פון פיל דײַגעס און שוועריקייטן. האָבנדיק א ברייטע און פרײַע פאַרבינדונג מיט די פאַרשטייער פון אַנדערע נאַציאָנאַ־ליטעטן, זײַנען פיל אינטעליגענטן געניייגט צו אונטערשאַצן די שאַרפקייט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע און איבערטרײַבן דעם גראַד פון דער דערגרייכטער דערנעענטערונג צווישן די קולטורן. אַזעלכע פאַקטן, ווי די אינטערנאַציאָנאַליזירונג פון דער קולטור (דאָס איז באַזונדערס קענטיק אין דער וויסנשאַפט־ספער) און די אָפּגעריסנקייט פונעם לעבן מיצאַד די אַנדערע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, רופן אַרויס בא אייניקע פאַרשטייער פון דער בורזשואַזער אינטעליגענץ א גײַוועדיקע ביטל־באַציִונג צו די נאַציאָנאַלע טראַדיציעס, וועלכע זיי באַטראַכטן אַלס „פּראָ־ווינציעלע באַגרענעצטקייט".

אין דער זעלבער צײַט אָבער העכערט די בילדונג דעם ניוואָ פון די סאָציאַלע פאָדערונגען. דער מענטש ווערט פּילבאַרער צו פאַרשיידענע פאָרמען פון דיסקרימינאַציע. אין די הויכע ספערן פון דער געזעלשאַפט עקזיסטירן „פּאַרמאַכטע" קרײַזלעך, קלובן אאַוו., וווהין עס ווערן צוגעלאָזט בלויז מענטשן פון א „פּײַנעם ייִכעס". דאָס געפיל, אַז ניט די פּראָפעסיאָנעלע דער־גרייכונגען, ניט דער רום, ניט די רײַכקייט קאָנען ניט אַראָפּנעמען פון דיר דעם שטעמפּל „מענטש פון צווייטן סאָרט", ברענגט אָפט צו אָן אופרײַס פון עקסטרעמען נאַציאָנאַליזם.

וויכטיקער פון אַלץ איז אָבער דער גײַסטיקער קלימאַט פונעם הײַנטיקן מײַרעוו. די טרוקנקײַט און הארצלאָזיקײַט פון דער קאַפּיטאַליסטישער שטאָט, די סטאַנדאַרטיזירונג פונעם גײַסטיקן לעבן, די אומזיכערקײַט אינעם מאָרגן, די אומבאַהאָלפנקײַט פון דעם אינדיווידועלן לעגאַבע די ריזיקע ביוראָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, — דאָס אַלץ רופט אַרויס בײַ פיל מענטשן אַ שטימונג פון ווייטעק און בענקשאַפט נאָך דער פּאַטריאַרכאַלער פאַרגאַנגענהײַט, וועלכע מאָלט זיך זיי גאַנץ אָפט אין אַ העכסט אידעאַלן אויסזען. אַזאַ ראָמאַנטיזם און טראַדיציאָנאַליזם זײַנען באַזונדערס פאַרשפּרייט צווישן דער הומאַניטאַרער אינטעליגענץ. די שרײַבער, קינסטלער, פילאָסאָפן זײַנען פּראָפעסיאָנעל פאַרנומען מיט באַזיניקן די היסטאָרישע סיטואַציע, און אויב די קעגנוואַרט זעט זיי אויס צו זײַן פּערספּעקטיוולאָז (איר וועט געפינען אַ סך מענטשן, וואָס זאָלן זײַן באַגײַסטערט פונעם הײַנטיקן קאַפּיטאַליזם?), פאַרבלײַבט זיי בלויז צו שעפּן באַגײַסטערונג אינעם אָוואַר.

עס איז קיין כידעש ניט, וואָס בײַ פיל פאָרשטייער פון דער מײַרעוו־אינטעליגענץ, באַזונדערס בײַ יענע, וואָס שטאַמען פון אַ פּאַטריאַרכאַלער סוויווע, רופט דאָס אַרויס אַ געהעכערטן אינטערעס און סימפּאַטיע צום אָוואַר.

די דאָזיקע טענדענץ, וואָס איז שטאַרק פאַרשפּרייט אין דער מײַרעווודיקער ליטעראַטור, פילאָסאָפיע און סאָציאָלאָגיע (די גרויסע צאָל טעאָריעס וועגן אַ „מאַסן־געזעלשאַפט“, „מאַסן־קולטור“, וועגן גלאָבאַלער אָפּגעפרעמדטקײַט אאַז״וו.), פאַרמאָגט אָפט אין זיך אַ שאַרפע קריטיק קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. נאָר אַזאַ מין קריטיק, ווי ריכטיק זי זאָל ניט זײַן אין די פּראָטים, פאַרבלײַבט אָביעקטיוו אַ קריטיק פון רעכטס. דאָ איז ביז גאָר אַמפּלאַץ צו דערמאָנען לענינס אָפּשאַצונג פונעם פאָלקיזם: „פאַרכאַפּט פונעם פאַרלאַנג צו פאַרהאַלטן און אָפּשטעלן דאָס ברעכן די דורעסדיקע זײַלן פונעם קאַפּיטאַליזם, פאַלט דער פאָלקיסט אַרײַן אין אַן איבעראַשנדיקער היסטאָרישער טאַקטלאָזיקײַט, ער פאַרגעסט, אַז הינטער דעם דאָזיקן קאַפּיטאַליזם איז ניטאָ קיין אַנדער זאַך, אויסער פּונקט אַזאַ עקספּלואַטאַציע, פאַרייניקט מיט די ענדלאָזע פאָרמען פון שקלאַפערײַ און פערזענלעכער אָפּהענגיקײַט, וועלכע מאַכט נאָך שווערער די לאַגע פונעם אַרבעטנדיקן מענטשן, קיין שום אַנדער זאַך, אויסער רוטינע און פאַרגליווערונג אין דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע, און דאָס הייסט אויך אין אַלע ספערן פונעם סאָציאַלן לעבן. קעמפנדיק פון זײַן ראָמאַנטישן, קליינבירגערלעכן שטאַנדפּונקט קעגן דעם קאַפּיטאַליזם, וואַרפט דער פאָלקיסט אַרויס דורכן פענצטער יעטווידן היסטאָרישן רעאַליזם און פאַרגלײַכט שטענדיק די ווירקלעכקײַט פונעם קאַפּיטאַליזם מיט די פאַנטאַזיעס וועגן דער פאָרקאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג“[1].

די אידעאָלאָגן פונעם נאַציאָנאַל־ראָמאַנטיזם האָבן אָפט אַליין אַ גאַנץ נעפּלהאַפטע פאָרשטעלונג וועגן די „אומגעקומענע און געלעסטערטע ווערטן“, וועלכע זיי באַזינגען. ווען זיי וואָלטן געהאַט די מעגלעכקײַט אומצוקערן זיך צוריק צו אָט דעם „פּרעכטיקן אָוואַר“, — וואָלטן זיי מיט שוידער אַנטלאָפן פון אים, ווי דאָס האָט פּאַסירט מיטן העלד פון אַנדערסענס מײַסעלע „פאָרקישעפטע קאַלאָשן“, וועלכער איז אַרײַנגעפאַלן אין אויסגעבענקטן מיטלאַלטער. די דאָזיקע שטימונגען זײַנען ניט קיין דיאַגנאָז, נאָר בלויז אַ סימפּטאָם פון אַ סאָציאַלער און אידעאָלאָגישער קרענק.

די „ראָמאַנטישע“ קריטיק פון דער הײַנטיקער געזעלשאַפט, האַגאַם איר ריכטונג איז אַן „אַנטיבורזשואַזע“, ווערט ניט צופעליק מיט גרייטקײַט אָנגענומען, איבערגעניצעוועט און אויסגענוצט — מיט פיל מער עקספּרעסיע! — דורך די אידעאָלאָגן פונעם פאַשיזם. דערבײַ ווערט די קריטיק פונעם „פלאַכן ראַציאָנאַליזם“ פאַרוואַנדלט אין אַן איראַציאָנעלן קולט; די שטרעבונג צו אופשטעלן די גײַסטיקע פאַרבינדונג מיט די אָוועס ווערט די „שטים פון בלוט“ און די „מיסטישע אייניקײַט פונעם פאָלקס־גײַסט“; די ליבשאַפט צום אייגענעם פאָלק, וועלכע פאַרמאָגט ניט אין זיך קיין סימען פון שאָוויניזם, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ ברענענדיקן האַס צו די „פרעמדע“. דאָרט אָבער, וווּ דער ראָמאַנטיקער פון דער הערשנדיקער נאַציע זעט, ווי דאָס דאָרף ווערט אָפּ דורך און דורך אײַנגעשלונגען דורך דער שטאָט, די נאַטור ווערט פאַרניכטעט, די באַציונגען צווישן די מענטשן ביכלאַל ווערן דעהומאַניזירט, דאָרט זעט, אויסער דעם, דער פאָרשטייער פון דער אונטערדריקטער נאַציע, ווי ער פאַרלירט זײַן נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקײַט. דער וווּקס פון די שטעט, די מיגראַציע פון דער באַפעלקערונג, די רויִנירונג פון די פּאַטריאַרכאַלע פאַרבינדונגען, די אויסגלײַכונג פון די לעבנשטייגער־באַדינגונגען — אָט די אַלע אָביעקטיווע און אינטערנאַציאָנאַלע לויטן טאָך פּראָצעסן זעען אים אויס, ווי זיי וואָלטן זײַן געצילט אין דער ערשטער ריי קעגן זײַן אייגענער עטנישער גרופּע. פאַרוואָס ווערט גראָד אונדזער נאַ־

---

[1] В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 2, стр. 523.

ציִאָנאַלע קולטור שוואַכער, פאַרוואָס פאַרלירט אונדזער שפּראַך איר פריִערדיקע באַדײַטונג, פאַרוואָס טרעטן אונדזערע טראַדיציעס אָפּ דאָס אָרט פאַר פרעמדע? אַזעלכע און ענלעכע פראַגן שטעלן פאַר זיך די פאָרשטייער פון אַלע נאַציִאָנאַלע מינדערהײַטן, וועלכע ווערן אָנגערירט דורכן פּראָצעס פון אַסימיליאַציע. און וואָס העכער עס הייבט זיך אויף די גרויסמעכטישע כוואַליע, אַלץ שטאַרקער ווערט דער „אָרטיקער" נאַציִאָנאַליזם.

פון אַ ליד קאָן מען קיין וואָרט ניט אַרויסוואַרפן, די נאַציִאָנאַלע טראַדיציעס קאָן מען ניט אַרויסרײַסן פון זייער היסטאָרישן קאָנטעקסט. די פאַרגאַנגענהײַט פון יעטווידער גרויסער בורזשואַזער נאַציע אַנטהאַלט אין זיך אַלס אָרגאַנישן טייל די געשיכטע פון דעראָבערן און באַצווינגען די איצטיקע נאַציִאָנאַלע מינדערהײַטן. צי איז דען אַ כידעש, וואָס די אַפּאָלאָגיע פון אָט דער פאַרגאַנגענהײַט, וועלכע קוואַנעס זי זאָל ניט האָבן, ווערט קרענקלעך אויפגענומען דורך די מינדערהײַטן, וועלכע לעבן דאָס איבער אַזוי, גלײַך די אַפּאָלאָגיע זאָל זײַן געווענדט קעגן זיי?

דערמיט איז צו דערקלערן דעם וווּקס פון די עקסטרעמע פאָרמען פון נאַציִאָנאַליזם בא די נאַציִאָנאַלע מינדערהײַטן. אַרויסטרעטנדיק קעגן יעטווידער דערנענטערונג צווישן די נאַציעס, פּרוּוון פאַקטיש אָט די עקסטרעמיסטן פאַרוואַנדלען די גאַנצע וועלט אין אַ סיסטעם פון איזאָלירטע געטאָס, זיי אַרט ניט דער שטעכדראָט, זיי ווילן נאָר, אַז די שטעכלקעס זאָלן זײַן אויסגעבויגן אין אַ צווייטער זײַט! עס איז קיין כידעש ניט, וואָס אין פיל היניזיכטן גייען זיי זיך פּראַקטיש צונויף מיט די גרויסמעכטישע שוואַרצמייעניקעס און וואָס צווישן זיי זײַנען אויך שטאַרק די פאַשיסטישע שטימונגען.

די נאַציִאָנאַלע באַוועגונג אין די אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער שפּיגלט אָפּ, ווי אין אַ פאָקוס, אַלע ווידערשפּרוכן פון דער הײַנטיקער וועלט: דעם קריזיס פונעם אינערלעכן קאָלאָניאַליזם, דעם פּראָטעסט קעגן דער פריִערדיקער סאָציִאַלער אומגלײַכהײַט, די עקאָנאָמישע קאָנקורענץ, די פּרוּוון צו פאַרפולן מיט עפּעס דעם אידייִשן וואַקוום, וואָס האָט זיך געשאַפן אין רעזולטאַט פונעם קריזיס פון דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע, און פיל אַנדערע ווידערשפּרוכן. די קאָנקרעטע רעזולטאַטן פון דער נאַציִאָנאַלער באַוועגונג זײַנען אָפּהענגיק פון דער רעאַלער פאַרהעלטעניש פון די קלאַסן־קרעפטן, פון דעם, וועלכער קלאַס עס ווערט דער העגעמאָן פון אָט דער באַוועגונג.

„אַסימיליאַציע פון די נאַציעס" — וואָס באַטײַט עס?

> פונקט ווי די מענטשהײַט קאָן קומען צו דער פאַרניכטונג פון קלאַסן בלויז דורכן איבערגאַנגס־פּעריִאָד פון דער דיקטאַטור פונעם אונטערדריקטן קלאַס, פונקט אַזוי קאָן די מענטשהײַט קומען אויך צו דער אומפאַרמײַדלעכער צונויפגיסונג פון די די נאַציעס בלויז דורך דעם איבערגאַנגס־פּעריִאָד פון דער פולער באַפרײַונג פון אַלע אונטערדריקטע נאַציעס, דה. פון זייער פרײַהײַט צו אָפּטיילן זיך.
>
> וו. אי. לענין.

אויב די נאַציִאָנאַלע פראַגע ווערט אַלץ שאַרפער, צי קאָן מען בכלל ריידן וועגן ברעכן די נאַציִאָנאַלע מעכיצעס, און וואָס באַטײַט אַזוינס דער עצעם טערמין „אַסימיליאַציע פון די נאַציעס"?

די בורזשואַזע אידעאָלאָגן שטעלן די פראַגע אַזוי: אָדער פולע אַסימיליאַציע פון די נאַציעס, אַ סאָף צו יעטווידער נאַציִאָנאַלער אייגנאַרטיקײַט (אַזאַ פּערספּעקטיוו רופט אַרויס פּראָטעסט און צאָרן בא די מינדערהײַטן, וועמען דאָס דראָעט אין דער ערשטער ריי), אָדער פאַרהיטן און פאַרטיפערן אַלע און יעטווידע נאַציִאָנאַלע באַזונדערהײַטן (און דאָס בינדט זיך בעפּיירעש ניט מיט דער וואַקסנדיקער אינטערנאַציִאָנאַליזירונג פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן).

צי איז אָבער געזעצמעסיק אַזאַ שטעלונג פון דער פראַגע?

לאָמיר אָנהייבן פון אַן אַנאַליז פון אייניקע אַמעריקאַנער פאַקטן. די פאַרייניקטע שטאַטן האָבן פון סאַמע אָנהייב זיך אויסגעפורעמט אַלס פילראַסעווע, פילנאַציִאָנאַלע און פילרעליגיִעזע געזעלשאַפט. די דאָזיקע געזעלשאַפט אָבער איז נאָך אין איר עמבריִאָנעלן צושטאַנד געווען אָנגעשטעקט מיט ראַסיזם און מיט קאָלערליי עטנישע פאָרורטיילן.

אַווראַאַם לינקאָלן האָט מיט עטלעכע יאָר פריִער, איידער ער איז געוואָרן פּרעזידענט, געשריבן צו זײַנעם אַן אַלטן פרײַנט: „דער פּראָגרעס פון אונדזער דעגענעראַציע גייט צו, ווי

מיר דוכט, ווּנדערלעך גיך. אַלס נאַציע האָבן מיר אָנגעהויבן פון דער דעקלאַראַציע, אַז „אַלע מענטשן זײַנען געשאַפן געוואָרן גלײַכע“. איצט לייענען מיר דאָס פּראַקטיש אַזוי: „אַלע מענטשן זײַנען געשאַפן געוואָרן גלײַכע, אויסער די נעגערס“. ווען אַמעראַצים וועלן פאַרכאַפּן דעם קאָנטראָל, וועט עס קלינגען אַזוי: „אַלע מענטשן זײַנען געשאַפן געוואָרן גלײַכע, אויסער די נעגערס, אויסלענדער און קאַטאָליקן“. ווען עס וועט דערגיין דערצו, וואָלט איך האַלטן פאַר בעסער צו עמיגרירן אין אַ וואָסער־ניט־איז אַנדער לאַנד, ווּ מע מאַכט כאָטש ניט דעם אָנשטעל פון פרײַהײַטליבנדיקע, אַשטייגער אין רוסלאַנד, ווּ דער דעספּאָטיזם עקזיסטירט אין אַ ריינער פאָרם, אָן אַ נידעריקן צומיש פון צוויִעס“.

מיר וועלן אָפּלייגן אין אַ זײַט די רייד וועגן די נעגערס און פילצאָליקע „קאָלירטע“ אימיגראַנטן, ווּ די עטנישע אונטערשיידן זײַנען פאַרקאָמפּליצירט צוליב דעם צומיש פון ראַסעווע אונטערשיידן. ווי זעט אויס דער גורל פון די ווײַסע אימיגראַנטן פון אייראָפּע? די אַמעריקאַנער סאָציאָלאָגן טיילן דאָ אויס דרײַ וועגן.

דער ערשטער וועג — פולע און ענדגילטיקע אופלייזונג פון די מינדערהײַטן, די אַזוי־גערופענע „אַמעריקאַניזירונג“. זײַן אַן אַמעריקאַנער באַטײַט — זײַן אַן אַנגלאָזאַקס, פאַרגעסן דעם אייגענעם אָפּשטאַם. די טעאָריע פון „אַמעריקאַניזירונג“ איז אַן אויסגעשפּראָכן גרויסמעכטישע און באַזירט זיך אָף דער איבערצײַגונג, אַז די אַנגלאָ־אַמעריקאַנער זײַנען די הערשער איבער אַלע אַנדערע. איר פּראָגראַם: זאָלן די אַנדערע ווערן אַזעלכע, ווי מיר!

דער צווייטער וועג — די ספּעציפיש אַמעריקאַנישע טעאָריע, די אַזוי־גערופענע „טעאָריע פון אַ שמעלץ־טאָפּ“. לויט אָט דער טעאָריע ווערן די מינדערהײַטן ניט פּאָשעט אופגעלייזט אין דער אַנגלאָזאַקסישער מערהײַט, נאָר זיי גיסן זיך מיט איר צונויף אַלס אַ קוואַליטאַטיוו נײַער איינס, וווּהין יעדע איינע פון די אָנפאַנגלעכע גרופּעס און קולטורן טראָגט אַרײַן עפּעס אייגנס.

צום אונטערשייד פון דער טעאָריע פון אַמעריקאַניזירונג האָט די אידיי פון אַ שמעלץ־טאָפּ ניט געהאַט קיין שאָוויניסטישן בײַגעשמאַק, דערפאַר איז זי אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך פיל דענקער פון XIX יאָרהונדערט. דער שטאַט ניו־יאָרק, — האָט וו. אי. לענין געשריבן, „...איז ענלעך אָף אַ מיל, וואָס מאָלט איבער נאַציאָנאַלע אונטערשיידן. און דאָס, וואָס אין ניו־יאָרק קומט פאָר אין אַ גרויסן, אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, קומט פאָר אויך אין יעדער גרויסער שטאָט און פאַבריק־יִישעוו“[1]. די געמיינזאַמקײַט פון די אַרבעט־ און שטייגער־באַדינגונגען ברעכט די נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקײַט, פאַרקלענערט די גרופּן־סאָלידאַריטעט און גלײַכט אויס אייניקע טראַדיציאָנעלע באַזונדערקײַטן פון די מינדערהײַטן. דער סאָציאָלאָג בוגעלסקי האָט, שטודירנדיק די דינאַמיק פון געמישטע כאַסענעס צווישן די פּאָליאַקן און איטאַליענער אין דער שטאָט בופאַלאָ (שטאַט ניו־יאָרק), פעסטגעשטעלט, אַז אויב אין 1930 זײַנען מער ווי צוויי דריטל כאַסענעס געווען צווישן מענטשן פון איין נאַציאָנאַליטעט, איז אין 1960 די פאַרהעלטעניש געוואָרן פונקט אַ פאַרקערטע: מער ווי צוויי דריטל פון אַלע כאַסענעס זײַנען פאָרגעקומען צווישן מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. לויט די אָנגאַבן פון עריך ראָזענטאַל, וועלכער האָט געפאָרשט די יִידישע באַפעלקערונג פון וואַשינגטאָן, האָבן די געמישטע כאַסענעס צווישן די אַמעריקאַנער פון יִידישער אָפּשטאַמונג (אינעם ערשטן דאָר נאָך זייער אײַנוואַנדערונג) באַטראָפן 1,4 פּראָצ., אין צווייטן דאָר — 10,2 פּראָצ., אין דריטן — 17,9 פּראָצ. דערבײַ איז צו מערקן, אַז דער פּראָצענט געמישטע כאַסענעס וואַקסט צוזאַמען מיטן בילדונגס־ניוואָ. אַזוי, לעמאָשל, האָט ע. ראָזענטאַל פעסטגעשטעלט, אַז צווישן די פאָרשטייער פונעם דריטן דאָר אַמעריקאַנער פון יִידישער אָפּשטאַמונג, וועלכע האָבן באַקומען אוניווערסיטעט־בילדונג, איז די צאָל געמישטע כאַסענעס אין צוויי מאָל גרעסער. נאָך בולטער זײַנען די קולטור־ און שפּראַך־ענדערונגען.

מע דאַרף אָבער זאָגן פּאָלגנדיקס: די פּראָגנאָזן פון די אָנהענגער פון דער טעאָריע פון אַ שמעלץ־טאָפּ, אַז אין מעשעך פון די עטלעכע נאָענטסטע דורות וועלן די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אונטערשיידן ביכלאַל פאַרשווינדן, האָבן זיך ניט באַרעכטיקט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז האַגאַם אייניקע אונטערשיידן פאַרשווינדן יאָ, פאַרהיטן אָבער די אַנדערע זייער פריִערדיקע באַדײַטונג.

זייער אינטערעסאַנט זײַנען די אַנטשפּרעכיקע יעדיִעס, וועלכע עס ברענגען נ. גלייזער און ד. מאָיניגאַן אינעם בוך „הינטער דעם שמעלץ־טאָפּ“, ווּ עס ווערט באַשריבן די לאַגע פון די נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן אין ניו־יאָרק.

דרײַ דורות זײַנען אַוועק פון יענער צײַט, ווען אין ניו־יאָרק איז אופגעקומען דער גרויסער איטאַליענישער סעטלמענט. פאַר דער דאָזיקער צײַט האָבן די איטאַליענישע אימיגראַנטן זיך נאַ־

[1] В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 24, стр. 126.

טוראַליזירט, צוגעפּאַסט זיך צו דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט, באַהערשט נײַע פאַכן, באַקומען א באַשטימטע סאָציאַלע און פּאָליטישע לאַגע. אָבער ביז הײַנט־צו־טאָג האָבן זיך צווישן זיי פאַרהיט א סאַך טראַדיציאָנעלע שטריכן און פאַרבינדונגען, מיט וועלכע זיי שיידן זיך אונטער פון אַלע אַנדערע אַמעריקאַנער. אין די ראַיאָנען, וועלכע זײַנען אין 1920 געווען איטאַליעניש, וווינען אויך איצט דעריקער איטאַליענער. בא די איטאַליענער, באַזונדערס בא יענע, וועלכע שטאַמען פון די דאָרעמדיקע פּויערשע פאַמיליעס, זײַנען די שכייניש באַציִונגען ענגער און פעסטער. ביז איצט איז פאַרהיט די ספּעציפישע איטאַליענישע מישפּאָכע־סטרוקטור. געטן, און ביכלאַל די צעפּאַלונג פון א געזינד, טרעפן זיך דאָ א סאַך זעלטענער, איידער צווישן די אַנדערע עטנישע גרופּעס, אַפילע צווישן די קאַטוילישע. זייער זעלטן טרעפט מען דאָ אַלטע באָכערים און פאַרזעסענע מוידן (באַזונדערס אין פאַרגלײַך מיט די אירלענדער). עס האָבן זיך אויפגעהיט די ספּעציפישע מעטאָדן פון מישפּאָכע־דערציִונג, אויך די באַוווּסטע פּאַטריאַרכאַלישקײַט אין די באַציִונגען צווישן די עלטערן און קינדער, וועלכע איז פרעמד די אַנגלאָ־אַמעריקאַנער.

עס געדענקען גוט זייער נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקײַט אויך די אַמעריקאַנער יידן.

נאַטירלעך, עס האַנדלט זיך ניט בלויז אין דעם, וואָס צוויי־דרײַ דוירעס איז א קנאַפּער טערמין פאַר דער פולער אַסימיליאַציע. ניט ווייניקער וויכטיק זײַנען די סאָציאַלע ווידערשפּרוכן. מע טאָר אויך ניט פאַרגעסן וועגן דער סעגרעגאַציע און דיסקרימינאַציע בענעגייע אייניקע מינדערהײַטן. אויב די פּראָטעסטאַנטן, וועלכע שטאַמען פון דײַטשן און סקאַנדינאַוון, קאָנען, ווען זיי ווילן, לעפּיערעך לײַכט ארײַנגיסן זיך אין דער ווײַסער פּראָטעסטאַנטישער געזעלשאַפט, איז דאָס די יידן, אירלענדער, איטאַליענער און די פּוילישע קאַטאָליקן שוין שווער צו טאָן, ווײַל זיי מוזן בײַטן זייערע רעליגיעס און צופּאַסן זיך ספּעציעל צו דער מערהײַט. וועגן די „קאָלירטע“ איז פּאָשעט גאָר איבעריק צו ריידן!

די באַמיִונגען צו פאַרשטיין די דאָזיקע שוועריקײַטן האָט די לעצטע צײַט ארויסגערופן צום לעבן די טעאָריע פון „קולטור־פּיוראַליזם“, וואָס פּראָפּאַגאַנדירט די נייטיקײַט צו אָפּהיטן די פּילאַרטיקײַט פון דער קולטור אין באַדינגונגען פון קעגנזײַטיקער אַכטונג און מיטאַרבעט פון די עטנישע גרופּעס. מע דאַרף שטרעבן ניט דערצו, אַז „אַלע יעוואָנים זאָלן האָבן איין פּאָנעם“, — מע דאַרף לערנען די מענטשן, זיי זאָלן אַכטן איינער דעם צווייטן ניט בלויז טראָץ די עקזיסטירנדיקע אונטערשיידן, נאָר אַדאַנק זיי, ווײַל גראָד אָט די אונטערשיידן דערלויבן יעדער גרופּע צו ארײַנטראָגן עפּעס אייגנס אין דער געמיינזאַמער קולטור. דער פּרינציפּ פון גלײַכהײַט, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין דער דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקײַט, — האָט געשריבן איינער פון די פאַרטיידיקער פון דער טעאָריע פון קולטור־פּיוראַליזם, — באַטײַט באַזונדערס דאָס רעכט צו זײַן ניט ענלעך אויף אַנדערע. דעריבער דאַרף מען ניט אויסגלײַכן די נאַציאָנאַלע אונטערשיידן, נאָר מיטהעלפן זיי צו אַנטוויקלען זיך.

די אידיי פון קולטור־פּיוראַליזם, וואָס איז ארויסגעטראָטן קעגן נאַציאָנאַלער און ראַסעווער דיסקרימינאַציע, האָט אָן שום סאָפעק פאַרמאָגט אין זיך א פּראָגרעסיוון, הומאַנישן פּרינציפּ. צי קאָן אָבער אין אַן אַנטאַגאָניסטישער קלאַסן־געזעלשאַפט דערגרייכט ווערן אַזא ציל?

פאָרמולירנדיק די פּראָלעטאַרישע באַציִונג צו דער נאַציאָנאַלער קולטור, האָט וו. אי. לענין באַטאָנט די נייטיקײַט פון א דיפערענצירטער באַציִונג צו אירע פאַרשיידענע עלעמענטן. „קאַמף קעגן יעטווידן נאַציאָנאַלן דרוק — געוויס יאָ. קאַמף פאַר יעטווידער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג, פאַר „נאַציאָנאַלער קולטור“ ביכלאַל — געוויס ניט“[1]. די טעאָריע פון קולטור־פּיוראַליזם פירט ניט דורך אַזא גרענעץ. די פאַרטיידיקער פון דער דאָזיקער טעאָריע זאָגן ניט קלאָר, צי עס האַנדלט זיך וועגן דער פּליכט פון דער מעלוכע און פון דער געזעלשאַפט צו אַכטן די היסטאָריש געשאַפענע עטנישע אונטערשיידן אָדער וועגן פאַרהיטן און פאַרייביקן זיי. דאָ איז ניטאָ אַפילע קיין פּרווו צו מאַכן א גרענעץ צווישן די פּראָגרעסיווע און רעאַקציאָנערע טענדענצן, וועלכע געפינען זיך אין דער קולטור פון יעטווידער בורזשואַזער נאַציע. די אַבסטראַקטע פאַרטיידיקונג פון דער „מינדערהײַט“ און פון דער „נאַציאָנאַלער קולטור“ אַלס אַזעלכע, אָן א דיסקאָנט פון זייער סאָציאַל־קלאַסעווער פאַנאַנדערשיכטונג, ווערט אָבער לײַכט פאַרוואַנדלט אין אַן אידיי פון אונטעראָרדענען די אַרבעטער צו „זייער“ בורזשואַזיע.

אויב די הויפּט־אויפגאַבע באַשטייט אין פאַרהיטן אַלע און קאָלערליי קולטור־נאַציאָנאַלע אונטערשיידן, וועלן די אינדיאַנישע רעזערוואַציעס, די נעגערשע געטאָס, דער מיטלאַלטערלעכער יידישער ווילימסבורג אין ניו־יאָרק זײַן די ריינסטע פאָרם פון „פּיוראַליזם“.

די פאַרטיידיקער פון דער סעגרעגאַציע פון ראַסן און נאַציעס טרעטן זייער אָפט ארויס גראָד

[1] В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 24, стр. 132.

פון „פיוראליסטישע“ פאָזיציעס: מיר האָבן גאָרנישט ניט קעגן די אפריקאנער, אינדיאנער און אנד., אָבער אונדזערע קולטורן זײַנען פארשיידענע, אן אינטענסיווער פארקער וועט ביידן ברענגען שאָדן, און אוואדע שוין דער מינדערהײַט. לאָמיר בעסער זײַן גוטעפרײַנט פונווײַטן, לאָמיר ליב האָבן און אכטן איינער דעם צווייטן דורכן שטעכדראָט (ס׳איז ניט קיין מוז, אז דער שטעכדראָט זאָל זײַן פון אײַזן, ער מעג זײַן אויך א סימבאָלישער).

איך וויל ביכלאל ניט שטעלן קיין גלײַכצייכן צווישן דער טעאָריע פון „קולטור-פיוראליזם“ און אפארטעיד און אויך ניט פארקלענערן די קאָמפליצירטקײַט פון דער פראָבלעם. אין אייניקע פאלן, ווען עס רעדט זיך וועגן גאָר אָפגעשטאנענע און איזאָלירטע שוואָטים (לעמאָשל, די אינדיאנער, וואָס לעבן אין די דזשונגליעס פון אמאזאָנקע), איז דאָס שאפן אייגנארטיקע רעזערוואציעס, ווי, אשטייגער, דער נאציאָנאלער פארק שינגו, אין די דאָרטיקע באדינגונגען פראקטיש דאָס איינציקע מיטל צו ראטעווען זיי. די פראגע שטייט אָבער דערבײַ ניט אזוי וועגן אופהיטן זייער קולטור, — עס רעדט זיך וועגן אויסהיטן די דאָזיקע מענטשן פון אינפעקציעס, צו וועלכע זיי האָבן ניט קיין אימוניטעט, ניט ברעכן זייער טראדיציאָנעלן לעבנס-אויפן פריער, איידער זיי וועלן קאָנען אויסארבעטן — טאקע אויסארבעטן, און ניט נעמען פאָשעט א פארטיקן מוסטער — עפעס נײַס. ווײַל דער אומיטלבארער אריבערגאנג פון דער שטיין-טקופע צו דער הײַנטצײַטיקײַט איז אומעגלעך. ווען אלבערט שווייצער האָט אין זײַן שפיטאָל אין אפריקע אוועקגעלייגט די כאלאָיִם ניט אין די פאלאטעס, נאָר אין די אָרטיקע הײַזקעס, האָט ער געזאָרגט ניט וועגן דער עקזאָטיק, נאָר וועגן די מענטשן, וועמען עס איז שווער געווען צוגעוווינען זיך צו די אייראָפעיִשע לעבנס-באדינגונגען און נאָך שווערער — אומקערן זיך אין אייגענעם דאָרף. אָבער סײַ שווייצער, סײַ די ברידער ווילאס-באָאס האָבן אויסגעצייכנט פארשטאנען, אז דאָס איז נאָר א פאליאטיוו. עס וואָלט געווען א רעאקציאָנערע אוטאָפיע צו פארשפרייטן אָט דעם פרינציפ אף די צווישן-נאציאָנאלע באציִונגען ביכלאל.

די שוועריקײַטן און ווידערשפרוכן, וועלכע זײַנען פארבונדן מיט די עטנישע מינדערהײַטן אין פשא און וועלכע שפיגלען אָפ די ספעציפישע באדינגונגען פון אָט דעם לאנד, באשטעטיקן דעם לענינישן טעזיס, אז: „פארניכטן דעם נאציאָנאלן (און פאָליטישן ביכלאל) דרוק באם קאפיטאליזם קאָן מען ניט. דערצו איז נייטיק צו פארניכטן די קלאסן, ד.ה. אײַנפירן דעם סאָציאליזם“[1]. אָבער דאָס ברעכן די נאציאָנאלע מעכיצעס קומט פונדעסטוועגן יאָ פאָר. לויט דער דעפיניציע פונעם סאָוועטישן עטנאָגראף ו. אי. קאָזלאָוו באשטייט דער טאָך פונעם אסימיליאציע-פראָצעס דערין, וואָס באזונדערע גרופעס מענטשן און אינדיווידוומען, וועלכע געהערן צו איין פאָלק, קומען אין באריר מיט א צווייט פאָלק, און אין רעזולטאט פון פארקער פארלירן זיי די אייגענע באזונדערקײַטן אין געביט פון קולטור און שטייגער, הערן סאָפעקאָלסאָף אוף צו קוקן אף זיך ווי אף אזעלכע, וואָס געהערן צו דער פריערדיקער עטנישער געמיינזאמקײַט.

ריידנדיק וועגן דעם ברעכן די נאציאָנאלע מעכיצעס און וועגן דער אסימיליאציע פון די נאציעס, האָט ו. אי. לענין פארבונדן דאָס דערמיט, וואָס „...דאָס גאנצע ווירטשאפטלעכע, פאָליטישע און גײַסטיקע לעבן פון דער מענטשהײַט ווערט אלץ מער אינטערנאציאָנאליזירט שוין באם קאפיטאליזם. דער סאָציאליזם וועט עס אינגאנצן אינטערנאציאָנאליזירן“[2]. ער האָט אָבער קלאָר ניט געהאלטן אָט דעם פראָצעס פאר אזא, וואָס אלע זײַנע מאָמענטן האָבן איין באדײַטונג.

יעדע נאציע פארנעמט א באשטימטע טעריטאָריע. די מיגראציעס פון דער באפעלקערונג, וואָס ווערן ארויסגערופן דורך דער אינדוסטריאליזאציע, רײַסן אונטער די פריערדיקע טעריטאָריעלע אָפגעזונדערטקײַט, פארברייטערן דעם פארקער און דעם קעגנזײַטיקן אײַנפלוס פון די עטנישע גרופעס. אָפגעריסן פונעם היימישן באָדן, אסימילירן זיך די אימיגראנטן א סאך לײַכטער (באזונדערס, ווען זיי זײַנען ניט פיל אין צאָל און זײַנען צעוואָרפן איבער א גרויסער טעריטאָריע), איידער די קאָמפאקטע עטנישע געמיינשאפטן, וועלכע לעבן יאָרהונדערטער אף איין און דער זעלבער ערד.

צי ווערן דערפון באזײַטיקט די נאציאָנאלע אונטערשיידן? ניין. די וואלאָנען און פלאמאנדן לעבן אָפט אין איינע און די זעלבע שטעט און דערפער. קעדיי צו פארהיטן און איבערגעבן בעיערושע אייניקע נאציאָנאלע שטריכן און טראדיציעס, איז גענוג בלויז די היימישע דערציִונג און דער אײַנפלוס פון דער מוטער.

די עקזיסטענץ פון א נאציע, אלס גאנצעס, איז אומעגלעך אָן דער געמיינזאמקײַט פונעם עקאָנאָמישן לעבן. די הײַנטצײַטיקע פראָדוקציע רײַסט אונטער די דאָזיקע פאָרם פון אָפגעזונדערטקײַט. די געמיינזאמקײַט פון די לעבנס-באדינגונגען פון פארשיידענע פעלקער רויִנירט

---

[1] В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 30, стр. 22.
[2] Там же, т. 23, стр. 318.

צוביסלעכווײַז די איזאָלירטקײַט פון די נאציִאָנאלע מינדערהײַטן, זי באהעפט זיי צו דער קולטור פון דער ארומיקער באפעלקערונג, סטימולירט געמישטע כאסענעס, רוקט אָפּ אין הינטערגרונט אָדער צווינגט אײַנגאנצן צו פארגעסן דעם אייגענעם אָפּשטאם.

אָבער די קולטורעלע און פסיכאָלאָגישע אייגנשאפטן פון דער נאציע ווערן בלויז אין לעצטן סאכאקל באשטימט דורך איר עקאָנאָמישער אָרדענונג און זיי פארהיטן זייער באדײַטונג אפילע נאָך דעם, ווי די אָרדענונג ענדערט זיך.

אַן אויסערסט וויכטיקער און שטאנדהאפטיקער סימען פון א נאציִאָנאלער געמיינשאפט איז — די שפראך. אין א סאך פאלן (קאנאדע, בעלגיע) באווײַזט גראָד די שפראך די נאציִאָנאלע אָנגעהעריקײַט. די פארברייטערונג פון די פארבינדונגען צווישן די נאציעס צעשטערט פיל אלטע שפראך־באריערן, באשטעטיקנדיק לענינס געדאנק, אז אין א פילנאציִאָנאלער מעלוכע איז ניט נייטיק קיין אָבליגאטאָרישע אלמעלוכישע שפראך, אף וויפל גופע די באדערפענישן פונעם געזעלשאפטלעכן לעבן וועלן צווינגען די נאציִאָנאליטעטן, וועלכע וווינען אין איין מעלוכע, צו דערלערנען די שפראך פון דער מערהײַט. און בעעמעס, אין די אנטוויקלטע לענדער האלטן זיך די נאציִאָנאלע מינדערהײַטן, אלס קלאל, בא צוויי שפראכן (בילינגוואליזם) און אייניקע גייען אײַנגאנצן אריבער אף דער שפראך פון דער מערהײַט.

דאָס איז אָבער זייער א קאָמפּליצירטער פּראָצעס.

קוידעמקאל, דארף מען אָפּמערקן, אז ניט יעדע שפראך־אסימיליאציע איז א פרײַוויליקע. עס פּאסירט אויך אזוי, אז די מינדערהײַט האָט פּאָשעט קיין מעגלעכקײַט ניט צו אנטוויקלען איר שפראך, ווײַל זי ווערט ניט געלערנט אין די שולן און ניט גענוצט אינעם קולטור־לעבן (לעמאָשל, די ברעטאָנישע שפראך, אף וועלכער עס ריידן א מיליאָן אײַנוווינער אין ברעטאני, איז ערשט אין 1951 דערלויבט געוואָרן אלס פאקולטאטיווע שול־דיסציפּלין). אזא פּראקטיק רירט שטארק אָן די נאציִאָנאלע געפילן.

אזא ביז גאר „פּאָשעטע" פראגע, ווי „אײַער מוטערשפראך?", קאָן באטײַטן סײַ די שפראך, אף וועלכער עס האָבן גערעדט די עלטערן פונעם מענטשן, וואָס ענטפערט אף דער פראגע, סײַ די שפראך, וועלכע ער גופע באנוצט אין טעגלעכן אומגאנג, סײַ די שפראך, אף וועלכער ער דענקט.

א מענטש, וואָס באהערשט פרײַ צוויי שפראכן, נוצט זיי, אלס קלאל, אין א באשטימטער אָרדענונג. אָפט ווערט איין שפראך גענוצט אלס א „העכערע", אַן אָפיציעלע, די צווייטע שפראך ווערט גענוצט אין דער היים און רעכנט זיך אלס א צווייטראנגיקע. (צום אונטערשייד פון בילינגוואליזם הייסט אזא דערשײַנונג דיגלאָסיע.) אין אייניקע לענדער, ווו עס עקזיסטירט נאָר איין אָפיציעלע שפראך, באמיט מען זיך אָדער אײַנגאנצן ארויסשטויסן די אָרטיקע שפראכן, אָדער דערנידעריקן זיי, פארוואנדלען אין דיאלעקטן פון דער הערשנדיקער שפראך, באגרענעצן זייער באנוץ, אָפּנעמענדיק דערמיט גופע בא די נאציִאָנאלע מינדערהײַטן די מעגלעכקײַט צו שאפן א ליטעראטור און פירן די אָפיציעלע באציִונגען אף דער מוטערשפראך.

אלס וויכטיקער צײַגער, אין וואָס פאר א ריכטונג עס גייט די לינגוויסטישע אסימיליאציע, קאָן דינען די שפראך, אף וועלכער עס ריידן די קינדער, וועלכע זײַנען געבוירן געוואָרן פון געמישטע כאסענעס.

אָבער אפילע די פולשטענדיקע לינגוויסטישע אסימיליאציע, ווען עס גייט פארלאָרן די מוטערשפראך אָדער זי ווערט פארוואנדלט אין א דיאלעקט, באטײַט נאָך ניט, אז עס ווערן אָפּגעווישט די אנדערע נאציִאָנאלע אונטערשיידן. עס פּאסירט, אז א מענטש רעדט אף דער שפראך פון דער מערהײַט, און דאָך האלט ער, אז ער געהערט צו דער נאציִאָנאלער מינדערהײַט. ניט אומזיסט ווערט אין אונדזערע פאָלקס־ציילונגען פון דער באפעלקערונג די פראגע וועגן דער מוטערשפראך אָפּגעטיילט פון דער פראגע וועגן דער נאציִאָנאלער אָנגעהעריקײַט.

עפּשער ליגט די נאציִאָנאלע ספּעציפיק אין געביט פון קולטור, ביפראט, אז דער עצעם באגריף קולטור איז זייער ברייט, ער שליסט אײַן אין זיך סײַ די מינהאָגים, סײַ די זיטן, סײַ די רעליגיע, סײַ די קינסטלערישע שאפונג? דער פאקט, אז עס גייט פארלוירן די נאציִאָנאלע קולטור, וואָלט אָן שום ספק באטײַט, אז עס איז פארלוירן געגאנגען דאָס נאציִאָנאלע לעבן ביכלאל. נאָר ווו איז דער קריטערי פון דער „נאציִאָנאלקײַט" פון דער קולטור?

די בורזשואַז־נאציִאָנאליסטישע אידעאָלאָגיע באטראכט דעם באגריף „נאציִאָנאלע" אלס עטוואָס אויסשליסלעכס. אף יעטווידן קולטור־קאָנטאקט קוקט זי ווי אף א קאָנפליקט, וואָס פירט דערצו, אז איין צאד פארלירט, דער צווייטער געווינט. די מענטשלעכע קולטור האָט זיך אָבער אנטוויקלט ניט דורך דעם, וואָס איין צאד האָט „אײַנגעשלונגען" דעם צווייטן, נאָר דורך דעם, וואָס ביידע צדאָדים האָבן קעגנזײַטיק באַרײַכערט איינער דעם צווייטן מיט אלגעמיינע עלעמענטן, פארהיטנדיק דערבײַ די נאציִאָנאלע באזונדערקײַטן. יעטווידע נאציִאָנאלע קולטור

פאַרמאָגט אין זיך ניט בלויז דאָס, וואָס עס האָט געשאַפן איר פאָלק דער שעפער, זי פאַרמאָגט אויך דאָס, וואָס זי האָט אַנטליִען בא אַנדערע פעלקער. דער רוסישער באַראָקאָ־סטיל אָדער קלאַסיציזם, וואָס איבעראַשט יעדן איינעם, וועלכער איז געווען אין לענינגראַד, איז אַ טיף רוסישע דערשייַנונג. אָבער דער באַראָקאָ־סטיל און דער קלאַסיציזם וואָלטן געווען אומעגלעך אָן דער שעפערישער מייַרעוו־אייראָפּעיִשער דערפאַרונג.

די הייַנטצייַטיקע נאַציעס גופא האָבן זיך אויסגעבילדעט דורך דער צונויפגיסונג פון פיל שוואָטים און פעלקערשאַפטן, וועלכע האָבן זיי איבערגעגעבן זייער היסטאָרישע קולטור, דערביי איז דער אַסימילירטער (און דערפאַר אומבאַמערקבאַרער) טייל אירער אַ סאַך וויכטיקער פון יענע אָרטיקע דיִאַלעקטן און מינהאָגים, וועלכע די געלערנטע שטודירן הייַנט.

קעדיי צו פאַרשטיין די דאָזיקע פּראָבלעם, איז באַזונדערס וויכטיק צו דערמאָנען לענינס קריטיק קעגן דער בונדישער פּראָגראַם פון „קולטור־נאַציִאָנאַלער אויטאָנאָמיע״. די סאָנים פונעם לעניניזם אָפּערירן מיט ציטאַטעס, וועלכע זייַנען אַרויסגעריסן פונעם קאָנטעקסט, און פּרוּוון אַף אַזאַ אויפן דערווייַזן, אַז לענין האָט קלוימערשט ניט דערשאַצט די באַדייַטונג פון דער נאַציִאָנאַלער קולטור, שפּראַך אאַז״וו.

לענין איז ווירקלעך אַרויסגעטראָטן קעגן יעטווידן מין פעטישיזירן די נאַציִאָנאַלע פּרינציפּן, ער האָט געקעמפט פאַר די סאַמע ברייטע קולטור־קאָנטאַקטן צווישן די נאַציעס. דערביי האָט ער אָפּגעוואָרפן ניט דעם באַגריף נאַציִאָנאַלע קולטור און נאַציִאָנאַלע טראַדיציעס בּיכלאַל, נאָר בלויז זייער ספּעציפיש־בורזשואַזע טראַקטירונג, ווו דער באַגריף „נאַציִאָנאַלע״ פלעגט קעגנגע־שטעלט ווערן די באַגריפן „קלאַסעווע״ און „אינטערנאַציִאָנאַלע״. אין יעדער בורזשואַזער נאַציע זייַנען אָבער פאַראַן צוויי נאַציעס און אין יעדער נאַציִאָנאַלער קולטור — צוויי קולטורן. אויסער דעם, — ווען מע שטעלט דעם טראָפּ אַף די נאַציִאָנאַלע טראַדיציעס און זיי ווערן טראַקטירט אַזוי, ווי זיי וואָלטן זיך געפינען אויסער דער געשיכטע און וואָלטן זייַן אוניקאַל, — רופט עס אומפאַרמייַדלעך אַרויס אַ קייט־רעאַקציע, ווייַל עס ווערן באַטאָנט די אונטערשיידן צווישן די פעלקער, און שוין דערפאַר אַליין פאַדערט זיך די גרעסטע פאָרזיכטיקייַט. ענדלעך, האָט לענין געהאַלטן די אידיי פון קולטור־נאַציִאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר אַ פולשטענדיק אוטאָפּישער פון שטאַנדפּונקט פון די צילן, וועלכע זי פּראָקלאַמירט, און ער האָט דאָס קאָנקרעט באַוויזן אַפן בייַשפּיל פון דער פאָדערונג, אַז דאָס שול־וועזן זאָל אַרויסגענומען ווערן פונעם רעשוס פון דער מעלוכע און ס׳זאָל געעפנט ווערן אַ גרויסע צאָל נאַציִאָנאַלע שולן. אין 1911 האָבן אין די אָנפאַנג־שולן פון פעטערבורג זיך געלערנט 48 076 שילער, צווישן זיי צוויי רומענער, איין גרוזינער, דריי אַרמענער אאַוו. צי קאָן מען אַפן סמאַך פון גלייַכבאַרעכטיקונג זיכערן די אינטערעסן פון איין גרוזינישן קינד צווישן די 48 076 שול־קינדער פון פעטערבורג? — פרעגט לענין. „מיר ענטפערן דערויף: שאַפן אַ ספּעציעלע גרוזינישע שול אין פעטערבורג אַף די יעסוי־דעס פון דער גרוזינישער „נאַציִאָנאַלער קולטור״ איז אומעגלעך, און פּריידיקן אַזאַ פּלאַן באַטייַט פאַרשפּרייטן שעדלעכע אידייען צווישן דער פאָלקסמאַסע״[1].

לענין האָט אָבער געהאַלטן פאַר פולשטענדיק מעגלעך און ווינטשנסווערט צו שאַפן אַזעלכע באַדינגונגען, בא וועלכע די נאַציִאָנאַלע מינדערהייַטן זאָלן קאָנען פריי דערלערנען זייער מוטערשפּראַך און נוצן זי אין לעבנשטייגער און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אַלס וויכטיקער צייַגער פונעם ניוואָ פון דער אַסימיליאַציע קאָן דינען דער פּראָצענט פון געמישטע כאַסענעס. וויכטיק איז ניט בלויז די צאָל פון אַזעלכע כאַסענעס, נאָר אויך די סטרוקטור פון דער נייַער מישפּאָכע, דער גראַד פון איר שטאַנדהאַפטיקייַט, וויִאַזוי ווערט באַשטימט די נאַציִאָנאַליטעט פון די קינדער, זייער שפּראַך, און פון וואָס איז אָפּהענגיק דער באַשלוס (וואָס ווירקט שטאַרקער: דער טראַדיציִאָנעלער פּרעסטיזש פונעם פאָטער און פון דער מוטער, אָדער זייער בילדונגס־ניוואָ; זייער נאַציִאָנאַלע אָנגעהעריקייַט, אָדער די באַזונדערקייַטן פון דער נאַ־ציִאָנאַלער סוויווע, אין וועלכער דאָס געזינד לעבט?). ווי מיר זעען, שטעלט מיט זיך פאָר די כאַסענע־אַסימיליאַציע אויך אַ גאַנץ קאָמפּליצירטע דערשייַנונג.

וואָס נעענטער מיר קומען צום באַזונדערן אינדיוויד, אַלץ פילאַרטיקער און קאָמפּליצירטער ווערט די אויפגאַבע פונעם פאָרשער, וואָס איז מעכויעוו צו דיסקאָנטירן ניט בלויז די אָביעקטיווע, נאָר אויך די סוביעקטיוו־פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן. אַלס אַ וויכטיקן צייַגער וועגן דער דערנעענ־טערונג, אַסימיליאַציע פון די נאַציעס דאַרף מען האַלטן דעם כאַראַקטער פון דעם ניט פאָרמעלן, פערזענלעכן פאַרקער פון די מענטשן — דעם אָפּקלייַב פון שכיינים, כאַווירים, פרייַנט (אייניקע אַוטאָרן רופן דאָס אָן סטרוקטור־אַסימיליאַציע). די אַמטלעכע, געשעפטלעכע קעגנזייַטיקע באַ־

---

[1] В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 24, стр. 221.

ציִונגען (מיט ווּעמען ארבעט דער מענטש, ווּ קויפט ער אײַן פּראָדוקטן אדג.) ווערן באשטימט אין גרונט דורך אָביעקטיווע באדינגונגען, אָבער פּרײַנט קלײַבט זיך דער מענטש אויס אַלײן.

לעסאָף, עקזיסטירט אזא סוביעקטיווע, אָבער זײער וויכטיקע דערשײַנונג, ווי דאָס נאציאָנאַלע זעלבסטבאוווּסטזײַן: צו וועלכער נאציע אָדער פעלקערשאפט פארעכנט זיך דער מענטש אַלײן און וואָס שפּירט ער דערבײַ. יענע, וואָס זײַנען שוין אין א געוויסער מאָס אסימילירט (לעמאָשל, קינדער פון געמישטע כאסענעס אָדער מענטשן, וועלכע זײַנען געוואקסן אין א סוויווע פון אן אנדער נאציאָנאַליטעט), איז ניט אזוי לײַכט צו ענטפערן אף דער פראגע „ווער בין איך".

דאָס איז קלאָר צו זען אפן בײַשפּיל פון די אמעריקאנער אימיגראנטן. אינעם ערשטן דאָר פילן זיך די אימיגראנטן, אַלס קלאַל, ניט אַלס אמעריקאנער, זײ האַלטן זיך, ווי פריִער, אַלס אירלענדער, איטאַליענער, ייִדן אאוו. אין צווייטן דאָר ענדערט זיך שוין די לאגע. די קינדער פון די אימיגראנטן פילן אף זיך א צווייענדיקן אײַנפלוס. די שול, די גאס (אויב דאָס איז ניט קײן געטאָ), די מיטלען פון מאסן־אינפאָרמאציע באהעפטן זײ אינטענסיוו צו דער הערשנדיקער קולטור; לויט דער שפּראך, קלײדונג, בילדונג זײַנען זײ שוין אמעריקאניזירט. אין דער הײם אָבער פארבלײַבן נאָך די פריִערדיקע טראדיציעס און אײַנשטעלונגען. וואָס שטארקער די דאָזיקע אײַנפלוסן צעגײען זיך אײנער מיטן אנדערן, אַלץ קאָמפּליצירטער איז די לאגע פון דער פּערזענלעכקײַט, וואָס האַלט זיך אין אויספורעמען, אַלץ שארפער ווערן אירע אינערלעכע קאָנפליקטן, אַלץ שווערער איז איר צו ענטפערן קלאָר אף דער פראגע וועגן איר נאציאָנאַלער (שפּראך, קולטור, רעליגיע) אָנגעהעריקײַט. „איך פיל זיך אַלס מענטש אָן א הײמלאַנד, אין דער הײם פיל איך זיך ניט אמבעסטן, און אין שול — שלעכט". דאָס זײַנען ווערטער פון אן אינדיאַנישן סטודענט, זײ גיבן איבער דאָס זעלבסטגעפיל פון אזא „מארגינאַלער פּערזענלעכקײַט", וועלכע שטײט אפן שײדוועג פון צווײ גרופּעס אָדער קולטורן, צווישן וועלכע עס הערשט א קאָנפליקט.

אומגעפער דאָס זעלבע איז צו מערקן אין פראנקרײַך, ווּ דער אנטיסעמיטיזם איז פיל שוואכער, אײדער אין פּשאַ. ווי עס איז צו זען פון די סאָציאָלאָגישע פאָרשונגען, האָבן די פראנצויזישע ייִדן ניט פארלאָרן זײער עטנישן באוווּסטזײַן. אף דער פראגע: „צי האַלט איר זיך אַלס א ייִד?" האָבן 88 פּראָצ. געענטפערט: „יאָ". צווישן זײ אזעלכע מענטשן, וואָס האָבן קײן שום פארבינדונג ניט מיט דער רעליגיעזער קעהילע. מע דארף אָבער זאָגן, אז דאָס דאָזיקע ספּעציפישע זעלבסטבאוווּסטזײַן ווערט ניט באגלײט מיטן געפיל פון אָפּגעפרעמדטקײַט פון דער איבעריקער באפעלקערונג. אף דער פראגע: „ווען איר געפינט זיך צווישן ייִדן, צי פילט איר זיך, אז איר זײַט מיט עפּעס אנדערש פון זײ?", האָבן 33 פּראָצ. פון די זעלבע מענטשן געענטפערט: „קײנמאָל", 19,17 — „זעלטן", 24,13 — „זײער אָפט" אָדער „שטענדיק", 0,17 — „איך ווײס ניט" אאוו.

די דאָזיקע וואריאַציעס זײַנען אָפּהענגיק פון א גאנצער רײ סאָציאַל־עקאָנאָמישע און קולטור־פּסיכאָלאָגישע באזונדערקײַטן פון די מענטשן.

אין אײנער אָן אויספאָרשונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן ניט לאנג צוריק, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אז בלויז 15 פּראָצ. פון דער ניט־ייִדישער באפעלקערונג פון פראנקרײַך קוקט סטיכײיִש אף די ייִדן, ווי אף א מינדערהײַט אין די ראמען פון דער געזעלשאפט, און בלויז 11 פּראָצ. האַלט זיך באם סטערעאָטיפּ, אז ייִדן זײַנען אָן „איזאָלירטע" גרופּע. עס איז דעריבער קײן כידעש ניט, אז אין אזעלכע באדינגונגען קאָנען די אײניקע אונטערשײדן צווישן די ייִדן און ניט־ייִדן אין געביט פון קולטור און רעליגיע ניט אריבערוואקסן אין א קאָנפליקט־פּראָבלעם.

דער אויבן אָנגעוויזענער קאָנפליקט ווערט געלײזט אף פארשײדענע אויפנים.

אײנע גיסן זיך אינגאנצן צונויף מיט דער מערהײַט, זײ ענדערן זײערע נעמען און פאַמיליעס, מײַדן אויס אַלץ, וואָס דערמאָנט זײ וועגן דעם, אז זײ שטאמען פון אן אנדער נאציאָנאַליטעט, זײ שטעקן זיך אָן אפילע מיט גרויסמעכטישע אָבערגלויבענישן און איבערצײַגונגען. טאקע דאָס איז אויסן געווען לענין אין זײַן איראָנישער באמערקונג, אז „...די רוסיפיצירטע אינאָראָדצעס זאַלצן שטענדיק איבער אין פראט פון דער עכט רוסישער שטימונג"[1]. אנדערע, פארקערט, ווארפן אָפּ, אף וויפל דאָס איז מעגלעך, די הערשנדיקע קולטור, זײ אפּעלירן צו די טראדיציעס און מינהאָגים (אָפט שוין ניט עקזיסטירנדיקע) פון זײערע אָוועס. די דריטע פּרוּוון זיך, מערסטנטײל אָן דערפאָלג, אויסדרײען זיך פון לײזן אָט די פראגע. און בלויז א קלײנער צאָל גיט זיך אײַן אײַנצולעבן זיך מיט די בײדע טראדיציעס.

[1] В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 45, стр. 358.

כאַראַקטעריסטיש זײַנען די פּראָטעסט־אַרויסטרעטונגען קעגן אַסימיליאַציע, וועלכע די סאָציִאַלאָגן האָבן פעסטגעשטעלט צווישן אייניקע פאָרשטייער פונעם דריטן אָדער פערטן דאָר פון די אַמעריקאַנער אימיגראַנטן. יונגעלײַט, וועלכע זײַנען דערצויגן געוואָרן אַלס הונדערטפּראָצענטיקע אַמעריקאַנער און וואָס זייערע טאַטעס האָבן געטאָן אַלץ, אַז זיי זאָלן פאַרגעסן וועגן זייער נאַציִאָנאַלער אָפּשטאַמונג, הייבן פּלוצעם אָן דערלערנען די שפּראַך פון זייערע זיידעס און אורזיידעס, אינטערעסירן זיך מיט דער געשיכטע פון זייער פאָלק אאַוו. טיילווײַז איז דאָס אַ רעאַקציע אויף די פאַקטן פון דיסקרימינאַציע, טיילווײַז אַ רעזולטאַט פון די אויבן אָנגעוויזענע איבערלעבונגען.

פונדעסטוועגן אָבער, בײַ די אַלע ווידערשפּרוכן, וועלכע עס לעבן איבער די אַמעריקאַנער, וואָס זײַנען לויט זייער אָפּשטאַמונג איטאַליענער, אירלענדער אאַוו., פאַרבלײַבן זיי אַמעריקאַנער. דאָס איז ריכטיק אויך בענעגייע ייִדן. האַגאַם אין פּשאַ הערשט אַ גאַנץ שטאַרקער אַנטיסעמיטיזם און דאָס העלפט ערנסט מיט דער ציִעניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, האָבן אָבער בלויז אַרום צען טויזנט אַמעריקאַנער ייִדן (0,18 פּראָצענט) עמיגרירט קיין ייִסראָעל, דערבײַ דאַרף מען אָפּמערקן די שטאַרקע עמיגראַציע פון ייִסראָעל. די איליוזיע וועגן אַן „איינהײַטלעך ייִדיש פאָלק“, וואָס ווייסט קלוימערשט נישט ניט פון קיין קלאַסן־אונטערשיידן, ניט פון קיין נאַציִאָנאַל־מעלוכישע גרענעצן, — אָט די איליוזיע, קעגן וועלכער עס זײַנען אין דער פאַרגאַנגענהײַט אַרויסגעטראָטן אַ סאַך אָנגעזעענסטע דענקער, איז צעגאַנגען ווי אַ זייפנבלאָז, ווי נאָר זי איז געקומען אין באַריר מיט דער רעאַלער ווירקלעכקײַט. די בעסטע פאָרשטייער פון די אַמעריקאַנער ייִדן האַלטן פאַר וויכטיקער צו קעמפן פאַר זייערע רעכט אין פּשאַ, זיי פאַרשטייען, אַז דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, ווי אויך דעם קאַמף קעגן ציִעניזם, איז ניט אָפּצוטיילן פונעם קאַמף פאַר פרײַהײַט, דעמאָקראַטיע און סאָציִאַלן יושער.

ווי מיר זעען, שטעלן מיט זיך פאָר די דערשײַנונגען, וועלכע מיר האָבן דאָ באַצייכנט אונטער די נעמען „ברעכן די נאַציִאָנאַלע מעכיצעס“, „אַסימיליאַציע פון די נאַציעס“, — אַ סכום פון טעריטאָריעל־דעמאָגראַפישע, ווירטשאַפטלעך־עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, קולטור־לינגוויסטישע, שטייגערישע און סאָציִאַל־פּסיכאָלאָגישע טענדענצן, וועלכע געפינען זיך אָפט אין אַ ווידערשפּרוך איינע צו דער אַנדערער און קאָנען אין קיין פאַל ניט רעאַליזירט ווערן פולשטענדיק אין די באַדינגונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג.

ווען מע באַטראַכט די נאַציִאָנאַלע פראַגע ניט פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, קומט מען אומפאַרמײַדלעך צו דער קעגנשטעלונג פון „גרייטע“ נאַציִאָנאַלע פאָרמען, וועלכע האָבן זיך שוין לאַנג אויסגעבילדעט. נאָר ווי זאָגט דער שרײַבער טשינגיז אײַטמאַטאָוו[1], מיטן אויסדרוק „נאַציִאָנאַל“ מיינט מען ניט די צײַטן פון שיישעס־יעמיי־בערײַשיס, דעם גרײַזן אוראַלט, נאָר אויך דאָס, וואָס האָט זיך באַוויזן נעכטן און וואָס עס ווערט געבוירן הײַנט. ווען מע באַגרענעצט דעם באַגריף נאַציִאָנאַלע מיטן באַגריף טראַדיציִאָנעלע, לייגט מען דערמיט גופע דורך אַ וועג צו דער קאָסמאָפּאָליטישער קאָנצעפּציע, וועלכע טרעטירט די נאַציִאָנאַלע פאַרבינדונגען אַלס אַ פּאַשעטע איבערבלײַבעכץ פונעם אָוואַר.

אינטערנאַציִאָנאַליזם — דאָס איז די איינציקע אידעאָלאָגיע פונעם אַרבעטער־קלאַס

בורזשואַזער נאַציִאָנאַליזם און פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציִאָנאַליזם — דאָס זײַנען די צוויי אומבעשאָלעמדיק־פײַנטלעכע לאָזונגען, וועלכע אַנטשפּרעכן די צוויי גרויסע קלאַסן־לאַגערס פון דער גאָרער קאַפּיטאַליסטישער וועלט און וועלכע דריקן אויס צוויי פּאָליטיקעס (נאָך מער: צוויי וועלט־אַנשויונגען) אין דער נאַציִאָנאַלער פראַגע.

וו. אי. לענין

קאָמפּליצירט און ווידערשפּרעכיק איז די דיִאַלעקטיק פון דער אַנטוויקלונג פון נאַציעס. די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט שטעלט פּראָבלעמען, וועלכע זי קאָן ניט לייזן. דאָ איז, ווי אין קיין שום אַנדער פראַגע, נייטיק אידעאָלאָגישע פּרינציפּיעלקײַט און דער שטרענגסטער דיסקאָנט פון אַלע באַוווּסטע פאַקטן.

[1] זע „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“ נומ. 51 פון 1969.

קריטיקירנדיק די פאָלקיסטן, וואָס בא זיי „פעלט דער סאָציאָלאָגישער רעאַליזם“, האָט לענין אָפּגעמערקט: די פאָרשטעלונג, אַז, קלוימערשט, בלויז „מיר“ קלײַבן אויס די אַנטוויקלונג־וועגן פון דער געזעלשאַפט, „...דער פולער אומצוטרוי און ביטל פונעם פאָלקיסט צו די זעלבשטענדיקע טענדענצן פון באַזונדערע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, וועלכע שאַפן די געשיכטע אין הסכּם מיט זייערע אינטערעסן“[1], די שטרעבונג אַ דריי צו טאָן די ראָד פון דער געשיכטע אויף צוריק אָדער אַריבערשפּרינגען די נייטיקע אַנטוויקלונג־סטאַדיעס, — דאָס נעמט נעקאָמע פאַר זיך, ברענגענדיק צו גרויזאַמע פּאָליטישע טאָעסן און אַנטוישונגען.

ניט בעסער איז אָבער אויך דער פּרינציפּלאָזער אָפּאָרטוניזם, וואָס שלעפּט זיך נאָך אין עק פון די מאַסן־שטימונגען. „...מיר זײַנען די פּאַרטיי, וואָס פירט די מאַסן צום סאָציאַליזם, און קלאָל ניט די פּאַרטיי, וואָס גייט נאָך פּוסטריט יעדן קער אין דער שטימונג אָדער דעגראַדאַציע פון דער שטימונג פון די מאַסן. אַלע ס.־ד. פּאַרטייען האָבן איבערגעלעבט צײַטן, ווען אין די מאַסן האָט געהערשט אַן אַפּאַטיע אָדער זיי זײַנען מיטגעריסן געוואָרן דורך אַוועלכן־ניט־איז פעלער, דורך אַוועלכער־ניט־איז מאָדע (שאָוויניזם, אַנטיסעמיטיזם, אַנאַרכיזם, בולאַנזשיזם אַדג.). אָבער אויסגעהאַלטענע רעוואָלוציאָנערע ס.־ד. גיבן זיך קיינמאָל ניט אונטער אַ באַליביקן קער אין דער שטימונג פון די מאַסן“[2].

רעאַליזם און די פייִקייט אויפצוהייבן זיך העכער פון דעם ניוואָ פון דער לויפנדיקער פּאָליטישער קאָניונקטור — די ביידע מאָמענטן זײַנען אויף איין אופן וויכטיק פאַר די מאַרקסיסטיש־לענינישע פּאַרטייען, דערבײַ לערנען זיי אָט די ביידע זאַכן בא לענינען.

„אין יעדן בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם פון אַן אונטערדריקטער נאַציע איז פאַראַן אַן אַלגעמיין־דעמאָקראַטישער אינהאַלט קעגן אונטערדריקונג“[3], — האָט געשריבן לענין. די קאָמוניסטישע פּאַרטייען נעמען דאָס אין אַכט און שטיצן קאָנסעקווענט דאָס רעכט פון די נאַציעס אויף זעלבסטבאַשטימונג און די גערעכטע פאָדערונגען פון די אונטערדריקטע מינדערהײַטן. די קאָמפּאַרטיי פון קאַנאַדע פאָדערט זעלבסטפאַרוואַלטונג פאַר קוועבעק אין די ראַמען פון דער פעדעראַלער קאַנאַדער מעלוכע. דער איין־און־דרײַסיקסטער צוזאַמענפאָר פון דער קאָמפּאַרטיי פון גרויס־בריטאַניע האָט געשטיצט די קעמפער פאַר בירגער־רעכט אין צפון־אירלאַנד און די פאָדערונגען צו שאַפן זעלבשטענדיקע פּאַרלאַמענטן אין שאָטלאַנד און וועלס. די קאָמפּאַרטיי פון בעלגיע טרעט אַרויס פאַר דער פעדעראַליזאַציע פונעם לאַנד און פאַר דער פאַרברייטערונג פון דער צווייִשפּראַכיקייט אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. דער פּרינציפּ „רעכט פון די נאַציעס אויף זעלבסטבאַשטימונג“ איז נאָכאַמאָל באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער צווישנפאָלקערלעכער באַראַטונג פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען און אַרבעטער־פּאַרטייען אין מאָסקווע.

פאַרטיידיקנדיק אָבער די רעכט און נאַציאָנאַלע ווירדע פון די אונטערדריקטע, פאַרשטייען גלײַכצײַטיק די מאַרקסיסטן־לענינצעס די באַגרענעצטקייט און די פּאָטענציעלע געפאַר פון יעטווידן מין נאַציאָנאַליזם. די אידעאָלאָגיע פונעם אַרבעטער־קלאַס קאָן זײַן בלויז אינטערנאַציאָנאַליזם. בלויז די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, ווו, ריידנדיק מיט די ווערטער פון דער פּראָגראַם פון קפּסס, „די אַנטוויקלונג פון נאַציעס ווערט פאַרווירקלעכט ניט מיטן וועג פון פאַרשטאַרקן די נאַציאָנאַלע רײַסערײַ, די נאַציאָנאַלע באַגרענעצטקייט און עגאָיזם, ווי דאָס קומט פאָר באַם קאַפּיטאַליזם, נאָר מיטן וועג פון זייער דערנעענטערונג, פון ברידערלעכער קעגנזײַטיקער הילף און פרײַנטשאַפט“, — בלויז די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט קאָן צוגרייטן אַ באָדן פאַר דער ענדגילטיקער צונויפגיסונג פון די נאַציעס.

ייִדיש — מ. איטקאָוויטש

---

[1] В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 2, стр. 539;
[2] Там же, т. 17, стр. 299; [3] Там же, т. 25, стр. 275—276.

צו דער פּאַרשע „ווער איז א ייִד?"

מיט א קורצער צײַט צוריק האָט דער ייִשׂראלדיקער פּאַרלאַמענט באַשטעטיקט א געזעץ בעשײַכעס דער אָנגעהעריקײַט צום ייִדישן פֿאָלק. די רעדאַקציע פון „סאַוועטיש היימלאַנד" האָט באַקומען בריוו פון לייענער, וועלכע בעטן, עס זאָל אויפגעקלערט ווערן דער טאָך פון אָט דעם אַקט פון דער קנעסעט.

מיר ברענגען צוויי אַרויסזאָגונגען, געווידמעט דער דאָזיקער פראַגע.

די מיינונג פון א ייִשׂראלדיקן יוריסט

צי די פראַגע „ווער איז א ייִד?" מוז ווערן געלייזט לויט די ייִשׂראלדיקע-געזעצן אָדער ניט, איז א זײַטיקע פּראָבלעם, וואָס איז אונטערגעאָרדנט אין דעך ערשטער ריי דער פּאָליטישער קאָנ־יונקטור פון אונדזער צײַט: פאַר אָדער קעגן געזעלשאַפטלעכן פּראָגרעס, פאַר אָדער קעגן דער דעמאָקראַטיע און פרײַהײַט פון געוויסן, פאַר אָדער קעגן דער וועלט פון מאָרגן. דאָס איז א קלאַסן-פראַגע, זי איז נעגייע דעם שאַרפן קאַמף צווישן די קויכעס פון עקספּלואַטאַטאָרן און עקספּלואַטירטע. עס איז איבעריק צו דערווײַזן, אַז די רעליגיע און אַלע דערשײַנונגען, וועלכע זײַנען מיט איר פאַרבונדן, דינען דעם עקספּלואַ־טאַטאָרישן קלאַס, זײַן שטרעבן צו הערשן און עקספּלואַטירן. די נײַע ווינטן, וואָס בלאָזן אין דער גאַנצער וועלט, מײַדן אויך ניט אויס ייִשׂ־ראל און ברעכן זיך דורך א וועג צו דער באַ־נײַונג פון דער געזעלשאַפט. אין ייִשׂראל, פּונקט ווי אין א סאַך אַנדערע לענדער, קומט פאָר א קאַמף פאַר אַן אויפגעקלערטער געזעלשאַפט, א פאַרמעסטונג פאַר אָדער קעגן אָפּטיילן די רע־ליגיע פון דער נאַציאָנאַליטעט און פון דער מעדינע, פאַר דער הערשונג פון דער רעליגיעזער געזעצגעבונג אָדער קעגן איר.

די פאַקטן, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיטן פאַל פונעם מאַיאָר פון דער ייִשׂראל-אַרמיי מייער שאַליט, זײַנען שוין באַקאַנט: אָנפאַנג 1968 האָט ער זיך געווענדט צום באַאַמטן פון אינערן־מי־ניסטעריום אין כײַפע צו רעגיסטרירן זײַנע קינדער ווי ייִדן. ווען דער באַאַמטער איז ניט אַנטקעגנגעקומען זײַן באַקאַשע, האָט ער זיך געווענדט צום העכסטן געריכט אַרויסצוגעבן א פאַראָרדענונג וועגן דעם. פאַרשטענדלעך, מאַיאָר שאַליט האָט ניט געמיינט און ניט פּרעטענדירט צו זײַן אַן איניציאַטאָר פון גורלדיקע באַשלוסן.

ווי באַקאַנט, האָבן פינף ריכטער פון העכסטן געריכט איבערגעוועגט די מיינונג פון די פיר איבעריקע ריכטער און באַפוילן דעם באַאַמטן פון אינערן-מיניסטעריום אין כײַפע צו רע־גיסטרירן שאַליטס קינדער ווי ייִדן. אַף אַזאַ אויפן האָט זיך צום ערשטן מאָל געשאַפן א סיטואַציע, ווען דער אַנשטאַלט, וועמען דאָס איז נעגייע, דאָס הייסט דאָס אינערן-מיניסטעריום אין שפּיץ מיט א רעליגיעזן מיניסטער, איז פאַרפליכטעט געוואָרן צו רעגיסטרירן די קינדער פון א געמישטער פּאָר ווי אָנגעהעריקע צום ייִדישן פֿאָלק.

עמעס, דאָס העכסטע געריכט איז געווען באַ־גרענעצט מיט דער דאָזיקער באַקאָשע אַליין, וועלכע האָט געבעטן בלויז אַן אָנווײַזונג פאַרן באַאַמטן צו רעגיסטרירן שאַליטס קינדער ווי ייִדן. אָבער די ריכטער האָבן ניט געקאָנט קומען צום באַשלוס וועגן אָדער ניט געבן די דאָזיקע אָנווײַזונג, ניט באַרירנדיק די פּרינצי־פּיעלע זײַט פון דער פראַגע „ווער איז א ייִד?". אַזוי־אַרום, האָט זיך די באַהאַנדלונג אַראָפּגע־גליטשט פון דער פראַגע פון דער קאָמפּעטענץ פון באַאַמטע אין אינערן-מיניסטעריום צו דער פראַגע „ווער איז א ייִד?". אַף אַן אומפאַרמײַד־לעכן אויפן האָבן זיך דאָס מאָל דערוועקט שאַרפע יורידישע פראַגעס. די געזעצן פון ייִשׂראל האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט די פאַרעלטערטע רע־ליגיעזע געזעצן.

אין דער געזעצגעבונג איז קיין דעפיניציע פאַרן באַגריף „ייִד" ניטאָ, אָבער אייניקע געזעצן באַ־נוצן זיך מיטן דאָזיקן טערמין, ווי דאָס רעפּאַט־ריאַציע-געזעץ פון 1950, דאָס געזעץ וועגן דער יוריסדיקציע פון ראַבאָנישע געריכטן (כאַסענעס און געטן) פון 1953, די פאַראָרדענונג וועגן דער רעגיסטראַציע פון די אײַנוווינער פון 1949 אאַ.

אַלע דערמאָנטע געזעצן זײַנען אַרויסגעגעבן צו רעגולירן פאַרשיידענע באַדערפענישן פון די בירגער. אין אַ סך פאַלן איז פאָרגעקומען אַן ערנסטער צוזאַמענשטויס צווישן רעליגיעזן דין און דער וועלטלעכער אויפפאַסונג — בנוגע דעם קריטערי, לויט וועלכן מע דאַרף פעסטשטעלן די „ייִדישקייט“ פון די פאַרינטערעסירטע פערזאָנען.

דאָס פעלן פון אַ דעפיניציע פאַרן באַגריף „ייִד“ אין געזעץ האָט אָפט געבראַכט צו שווערע קאַמפן אַרום דער קאָמפעטענץ פון ראַבאָנישן געריכט אָדער אַרום דער אויסטײַטשונג פונעם באַגריף לויטן רעפּאַטריאַציע־געזעץ. קעדיי אויפצוקלערן די טעאָרעטישע זײַט פונעם איניען, מוז מען דערמאָנען — כאָטש קורץ — אייניקע בולטע פאַלן, וואָס האָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט אויפגעבראַזט די עפנטלעכקייט ניט ווייניקער ווי דער לעצטער פאַל.

1. אין יאָר 1962 איז געקומען קיין ייִסראָעל אַ מענטש, וואָס האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר אָסוואַלד רופײַזן, און רופט זיך ברודער דאַניעל, און געטײַנעט, אַז ער איז אַ געשמאַדטער ייִד. ער איז געבוירן געוואָרן אין פוילן אין יאָר 1922 בײַ ייִדישע עלטערן און דערצויגן געוואָרן אין ייִדישקייט. אין דער יוגנט איז ער געווען אַקטיוו אין דער ציוניסטישער יוגנט־באַוועגונג און איז געווען אַ פאָר יאָר אין כאָלוצישער האַכשאַראַ, ווי אַ צוגרייטונג אוילע צו זײַן אין לאַנד. מיטן אויסברוך פונעם קריג אין 1939 האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו באַקומען אַ שײַן, אַז ער איז אַ דײַטש, אַ קריסט, ער איז געוואָרן אַ סעקרעטאַר און איבערזעצער אין דער דײַטשישער פאָליציי פון דער שטאָט מיר. דאָרטן פלעגט ער געבן צו וויסן די ייִדן וועגן די בייזע פאַשיסטישע קאַוואָנעס קעגן זיי. ער האָט זיי געגעבן צו וויסן וועגן דעם פלאַן צו ליקווידירן מירער געטאָ און אַפילע צוגעשטעלט זיי געווער. ווען מע האָט אים געמאַסערט, איז ער אַנטלאָפן און געפונען אַ באַהעלטעניש אין אַ קלויסטער. אין 1942 האָט ער אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, און אין 1945 האָט ער אָנגעטאָן די קליידער פון אַ גאַלעך. אין יאָר 1958 האָט ער אוילע געווען קיין ייִסראָעל. זײַן באַקאָשע זיך צו פאַרשרײַבן ווי אַ ייִד אין דער רעגיסטער־קאַרטע איז אָפגעוואָרפן געוואָרן פונעם אינערן־מיניסטער פון ייִסראָעל. דאָס העכסטע געריכט האָט זײַן באַקאָשע אויך אָפגעוואָרפן.

2. דאָס העכסטע געריכט האָט באַהאַנדלט אַ באַקאָשע פון איינעם בינייאָמין גיטײַאָ, פון די פאַלאַשער ייִדן, אַ ייִסראָעל־בירגער, וועלכער האָט זיך באַקענט מיט אַ פרוי ראָכל אָוווּד, אַ ייִדישקע, אַ ייִסראָעל־בירגערן, און געוואָלט מיט איר כאַסענע האָבן. באַם לייטער פון דער אָפטיילונג פאַר רעגיסטרירן כאַסענעס פון רעליגיעזן ראַט האָט זיך געשאַפן אַ צווייפל וועגן זײַן ייִדישקייט. דער ראַבינאַט האָט פעסטגעשטעלט, אַז לויט דער רעליגיעזער האַלאָכע מוז ער דורכמאַכן די צערעמאָניע פון מעגײַער זײַן זיך, ווי אַ באַדינג דורכצופירן זײַן כאַסענע. ער האָט זיך דאָס אָפגעזאָגט צו טאָן, זאָגנדיק, אַז ער באַטראַכט זיך פאַר אַ ייִדן.

די פאָלעמיק צווישן די ריכטער האָט זיך געפירט אַרום דעם, צי איז דאָס העכסטע געריכט קאָמפעטענט צו קריטיקירן די באַשטימונג פונעם ראַבאָנישן געריכט, וואָס באַזירט זיך אַף דער האַלאָכע אין איניען פון ייִדישקייט, ווײַל די אויפגאַבע פון ראַבאָנישן געריכט, לויטן פונקט 1 פונעם געזעץ, איז צו מישפעטן אין כאַסענע־איניאָנים פון מענטשן, וואָס זייער ספּעציפישקייט איז דאָס, וואָס זיי זײַנען ייִדן.

3. מע קאָן דאָ נאָך דערמאָנען דעם פאַל פון פרוי אייטאָני פון נאַצערעס, און, לעצטנס, דעם פאַל פון מאַיאָר שאַליט.

אין אַלע דערמאָנטע פאַלן איז דער אַלגעמיינער צײַגער — דאָס פעסטשטעלן די ייִדישקייט פונעם בירגער פון פאַרשיידענע שטאַנדפונקטן און פאַר פאַרשיידענע צילן. אין יעדן פאַל פון די אויבנדערמאָנטע זײַנען פאַראַן לעבנסוויכטיקע זײַטן, פון וועלכע מע קאָן זיך ניט אויסבאַהאַלטן און וועלכע רירן אָפט אָן דעם עצעם גוירל פונעם בירגער און זײַן לעבן.

דער ווײַטערדיקער אויפקלערונג פון דער באַהאַנדלטער פראָבלעם העלפן די מאָטיווירונגען פונעם פסאַק־דין אין אָסוואַלד רופײַזנס איניען אין העכסטן געריכט. ברודער דאַניעל, וואָס באַטראַכט זיך פאַר אַ ייִדן, האָט געבעטן, אַז אין דער רעגיסטריר־קאַרטע זאָל מען אין פונקט „נאַציאָנאַליטעט“ אַרײַנשרײַבן „ייִד“. די טײַנעס פונעם בעטער זײַנען געווען: אַ) דער באַגריף „נאַציאָנאַליטעט“ איז ניט אידענטיש מיטן באַגריף „רעליגיע“ און אַז אַ ייִד לויט זײַן נאַציאָנאַליטעט דאַרף ניט זײַן אויך אַ ייִד לויט דער רעליגיע; ב) ער איז אַ ייִד לויטן דין, ווײַל ער איז אַ זון פון ייִדישע עלטערן; ג) דער אָפּזאָג פון אינערן־מיניסטער אים צוצוטיילן די רעכט איז ווילקירלעך, נעמט זיך פון באַטראַכטונגען, וואָס זײַנען אויסער דער ראַם פון געזעץ און אַנטהאַלט אַן אָנגריף אין געזעץ און רעכט פון בעטער און שטעלט מיט זיך פאָר אַ דיסקרימינאַציע לעגאַבע אים.

ברודער דאַניעל איז גערעכט, ווען ער טײַנעט, אַז דער אינערן־מיניסטער האָט גלײַכצײַטיק אויוועך געווען דעם געזעץ און דעם דין. קיינער שטרײַט ניט, אַז זײַנע עלטערן זײַנען געווען ייִדן. אָבער דאָ קומט דאָס העכסטע געריכט און העלפט מיט דער רעגירונג און דעם אינערן־מיניסטער. ווידער דעקט זיך אויף די ראָליע פונעם בורזשואַזן געריכט ווי אַן עפעקטיוו געצײַג

צו שטאַרקן דעם הערשנדיקן קלאַס. דעריבער איז קיין וווּנדער ניט, אַז דאָס געריכט קאָן זיך דערלויבן — אָן קיין שום לאָגיק — אַזאַ אַנאָמאַליע, ווי דערקלערן דעם ברודער דאַניִעל אַלס אַ מענטשן אָן אַ נאַציִאָנאַליטעט, ער געהערט ניט צום ייִדישן פאָלק און ניט צום פּוילישן פאָלק, פונוואַנען ער קומט, און וועט פאַרשריבן ווערן אין דער רעגיסטריר־קאַרטע ווי אַ מענטש אָן אַ נאַציִאָנאַליטעט, דאָס הייסט, אַז דאָס אָרט, וווּ מע פאַרשרײַבט „נאַציִאָנאַליטעט", וועט בלײַבן פּוסט.

דאָס „קעסטעלע" פון „נאַציִאָנאַליטעט" פון מאיר שאליטס קינדער איז געווען ליידיק ביזן 23 יאַנואַר 1970, ווען דאָס העכסטע געריכט האָט באַשלאָסן אַנדערש. דאָס מאָל האָט מען אַראָפּגענומען דעם רעליגיעזן אינהאַלט פונעם באַגריף „נאַציִאָנאַליטעט". „דער באַגריף „נאַציע", — האָט דער ריכטער בערנזאָן פעסטגעשטעלט אין זײַן פּסאַק־דין, — דאַרף באַקומען אַ געוויינלעכע באַדײַטונג, וואָס פּאַסט פאַרן גײַסט פון דער צײַט און שפּיגלט אָפּ די אָנגענומענע מיינונג באַם אויפגעקלערטן טייל פון די אײַנוווינער פון לאַנד". און ווײַטער: „זאָל די ייִדישע האַלאַכע זאָגן, וואָס זי וויל, די רעגיסטראַציע פון די אײַנוווינער איז ניט קיין רעגיסטראַציע פון דער ייִדישער רעליגיע, נאָר אַן אַלגעמיינע רעגיסטראַציע פון די אײַנוווינער פון דער מעדינע, לויט זייערע פאַרשיידענע רעליגיעס און נאַציִאָנאַליטעטן, און דעם טערמין נאַציע דאַרף מען אויסטײַטשן לויט די באַגריפן פון מענטשן אין אונדזער אָרט און צײַט".

אָבער די שוואַרצע קויכעס אין ייִסראָעל האָבן זיך צוגעײַלט און געמאַכט — אָף אַ געזעצגעבערישן וועג — זייער קאָנטער־פּסאַקדין. דער שאַנטאַזש, וועלכן זיי האָבן באַנוצט שוין אין פאַרלויף פון קימאַט אַ גאַנצן דאָר, זינט דעם אויפקום פון ייִסראָעל, האָט געבראַכט דערצו, אַז ס׳איז געגעבן געוואָרן די קראַפט פון אַ מעלוכע־געזעץ דעם רעליגיעזן דין.

אַדוואָקאַט אַווראָם מעלאַמעד

די מיינונג פון אַ סאָוועטישן יוריסט

נאָך דעם, ווי איך האָב זיך באַקאַנט מיטן אײַנהאַלט פונעם ייִסראָעלדיקן געזעץ פון 10 מאַרץ, מוז איך קוידעמקאָל באַמערקן, אַז עס ווערט אָנגערירט דער פּרינציפּ פון גלײַכהײַט צווישן נאַציעס. דאָס אָנשפּאַרן זיך אָף רעליגיעזע קלאָלים פון פאַר טויזנטער יאָרן איז מער ניט ווי אַ קאַמופלאַזש. פון יורידישן שטאַנדפּונקט קומט עס אויס, אַז מעדינאַס ייִסראָעל וואַרפט אָפּ דעם פּרינציפּ פון גלײַכהײַט צווישן נאַציעס און ראַסן, און ברייטע גרופּעס בירגער ווערן דאָרט גערעכנט פאַר רעכטלאָזע.

אָבער דער פּרינציפּ פון נאַציִאָנאַלער גלײַכהײַט האָט זיך אויסקריסטאַליזירט ווי אַ רעזולטאַט פון אַ לאַנגדויערנדיקן און אַקשאָנעסדיקן קאַמף פון פעלקער פאַר זייערע מענטשלעכע רעכט, פאַר זייער ווירדע. אַלע פּראָגרעסיווע מענטשן אין דער וועלט האָבן אונטערגעשטיצט און שטיצן אונטער דעם דאָזיקן קאַמף.

דעריבער קאָן מען אָט דעם געזעץ קוואַליפיצירן ניט אַנדערש ווי אַ רעאַקציִאָנערן און ראַסיסטישן. לויט מײַן מיינונג, איז אַזאַ געזעץ, וועמענס מעהוס עס איז אַ ראַסיסטישער, די ווערט אָן אַבסאָליוטע טאַדלונג ניט ווייניקער, ווי דאָס איז ווערט דער אַנטיסעמיטיזם מיט אַלע זײַנע אויסדרוקן.

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אין ייִסראָעל גופע פירט אַ באַדײַטנדיקער טייל פון פאָלק אַ שאַרפן קאַמף קעגן דעם דאָזיקן געזעץ, און די רעאַקציִאָנערע רעגירונג האָט געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען אים דורכצופירן אין קנעסעט. דאָס איז, לויט מײַן מיינונג, נאָך אַ באַווײַז, אַז מע דאַרף ניט אידענטיפיצירן די איצטיקע ייִסראָעלדיקע אָנפירער מיטן ייִסראָעל־פאָלק.

מיכאַיִל סטראָגאָוויטש,
פּראָפעסאָר פון יוסטיץ, ווירקלעכער מיטגליד
פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון סאָוועטנפאַרבאַנד

מויִשע שאַפּיראָ

א פּאָר באַמערקונגען צו איינעם א שטרייַט

איך בין אומגעריכט פאַר זיך געוואָרן אן איידעס פון א שטרייַט, וואָס גייט איצט אָן צווישן צוויי טוישווים פון דעם ווייַטן קאַנט סאַכאַלין. איינער פון די שטרייַטנדיקע איז א פּראָפעסאָר, דער אַנדערער א פּאָשטער אַרבעטער. לאָמיר זאָגן גלייַך: איין צאַד אינעם שטרייַט איז הינטערשטעליק, און בעפֿיירעש דער פּראָפעסאָר.

אָנגעהויבן האָט זיך עס דערפֿון, וואָס אין דער צייַטונג „סאָוועטסקי סאַכאַלין" איז פאַרעפֿנטלעכט געוואָרן דעם פּראָפּ. אי. שמידטס אַן אַרטיקל אונטערן קעפּל „דער ציִעניזם איז יאַדאַכעס מיטן פֿאַשיזם".

דער אַרבעטער יאַ. גרינשטיין האָט זיך געווענדט צו דער רעדאַקציע פון „סאָוועטסקי סאַכאַלין" מיט א בריוו, וווּ ער שרייַבט: „אַלץ איז דאָרט (אין אי. שמידטס אַרטיקל. — מ. ש.) וווּנדערלעך אָנגעשריבן, און איך בין זיכער, אַז מיר אַלע — ייִדן פונעם ראַטנפאַרבאַנד — זייַנען אייַנשטימיק מיט דעם אַלעם, וואָס דער כ׳ שמידט זאָגט. מיך קימערט אָבער בלויז איינע, א ווייַט ניט קיין נישטיקע דעטאַל. דער פּראָפעסאָר שמידט שרייַבט: „...די מוטערשפּראַך פון די רוסישע ייִדן איז דאָך רוסיש. אָף רוסיש זייַנען דערצויגן, האָבן גערעדט און געאַרבעט אונדזערע עלטערן, מיר, אונדזערע קינדער און אייניקלעך". „איך דענק, — זעצט פאָר יאַ. גרינשטיין, — אַז איר, כ׳ שמידט, האָט אָנגעמאָלט א ניט־פּינקטלעך בילד פון דערווירקלעכער זאַכלאַגע, און דאָס קאָן ברענגען שאָדן אונדז אַלעמען, די בירגער פון פססר".

און ער מאָטיווירט:

1) בייס דער פאָלקסציילונג אין 1959 יאָר האָבן אָנגעגעבן ייִדיש אַלס מוטערשפּראַך 20% ייִדן, און אויב אפילו רעכענען, אַז אָט דער פּראָצענט האָט זיך פאַרקלענערט זינט יענער צייַט אין צוויי מאָל, בלייַבן בא אונדז נאָך אַלץ אַוועלכע 250—300 טויזנט ייִדיש־ריידער.

2) ווי קאָן מען באַהויפּטן, אַז אונדזערע עלטערן „זייַנען דערצויגן, האָבן גערעדט און געאַרבעט אין רוסיש"? „איך, — שרייַבט יאַ. גרינשטיין, — און ווער שמועסט מייַנע עלטערן, און צענדליקער טויזנטער אַזעלכע, ווי איך, זייַנען דערצויגן און רעדן בא זיך אין דער היים אין ייִדיש". און ווייַטער: „וואָלט געלעבט מייַן מוטער, וועלכע ס׳האָבן אומגעבראַכט די פֿאַשיסטן, וואָלט איך מיט איר געוויס גערעדט אָף ייִדיש, און געוויס זייַנען דערצויגן, רעדן און אַרבעטן אין ייִדיש סייַ די סאָוועטישע ייִדישע שרייַבער און סייַ די פילצאָליקע לייענער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן אין אונדזער לאַנד".

פּראָפעסאָר שמידט האָט אין א שטיק צייַט אַרום אָנגעשריבן דעם כ׳ גרינשטיין אַן ענטפער־בריוו. בלייַבנדיק ניט צופרידן, האָט גרינשטיין איבערגעשיקט דעם בריוו אין רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד". איך לייען אים און שטויך: שוין זשע האָט אַזוינס אָנגעשריבן א געלערנטער?

לאָמיר, אַדעראַבע, אים נאָכפאָלגן טראָט בא טראָט:

„אויב, — שרייַבט פּראָפּ. שמידט, — איר וועט באַטראַכטן ערנסט און אָפן סאַמע אָביעקטיוון אויפן די פראַגע, וואָס איר האָט אופגעהויבן, וועט איר זיך איבערצייַגן, אַז די מוטערשפּראַך פון די רוסישע ייִדן איז רוסיש, פון די אוקראַיִנישע — אוקראַיִניש, פון די פראַנצויזישע און ענגלישע — אַנטשפּרעכיק פראַנצויזיש און ענגליש".

ווי איר זעט — אַזוי פּראָסט, אַז פּראָסטער קאָן שוין גאָר ניט זייַן. צו וואָס דאַרף מען פאָרשן, צו וואָס דאַרף מען פאָלקסציילונגען? אין וועלכן לאַנד צי אין וועלכער סאָוועטישער רעפּובליק א ייִד לעבט, — אַזאַ איז זייַן מוטערשפּראַך...

פּראָפעסאָר שמידט האַלט אין איין אייַנטייַנען אין זייַן בריוו מיט יאַ. גרינשטיינען, ער זאָל זיך אַרויסשלאָגן פונעם קאָפּ אַזאַ נאַרישע אייַנבילדונג, אַז ערגעץ־וווּ אין דער וועלט איז בעעמעס פאַראַן עפּעס א ייִדישע שפּראַך. קומט אויס, ניטאָ איז קיין ייִדישע קלאַסישע ליטעראַטור, ניט געשריבן האָט זייַנע ווערק אין ייִדיש שאָלעם־אַלייכעם, ס׳איז ניט איבערגעזעצט און עס קלינגט ניט אָף ייִדיש דער פּראָלעטאַרישער הימן „אינטערנאַציִאָנאַל", ניט געמוטיקט האָט דאָס ייִדישע וואָרט די קעמפער אין וואַרשעווער געטאָ און אין קאָווגער נייַנטן פאָרט, ניטאָ אויך בא הייַנטיקן טאָג קיין סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור, ניטאָ קיין פּראָגרעסיווע ייִדישע פּרעסע אין פראַנקרייַך, פשא, ייִסראָעל, קאַנאַדע, אורוגווייַ, אַרגענטינע

אַא. און געוויס האָט פּראָפעסאָר שמידט קיינמאָל ניט געזען קיין שום שפּראַכוויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור אין ייִדיש און וועגן ייִדיש.

ער קנעלט ווײַטער אײַן מיט יאַ. גרינשטיינען:

„אַזאַ באָקי אין דער דאָזיקער פראַגע, ווי רענאַן — אַ מיטגליד פון דער פראַנצויזישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, דער אויטאָר פון אַ פינפבענדיקער „געשיכטע פונעם איזראַעליטישן פאָלק" — רעדט וועגן דער ייִדישער שפּראַך ווי וועגן אַ געטאָ־שפּראַך, דה. ווי וועגן אַ שפּראַך, וואָס איז פאַקטיש ניט קיין ייִדישע".

איז ערשטנס. ווילט איר עפּעס וויסן וועגן ייִדיש — לייענט רענאַנען... דערבײַ פאַרגעסט דער פּראָפעסאָר שמידט, אַז רענאַן האָט זיך אינטערעסירט מיט ייִדן בלויז אין דער מאָס, אין וועלכער ס'איז אים נייטיק געווען צוליב געפינען אַן ענטפער אַף די פראַגן וועגן דער אַנטשטייונג פונעם קריסטלעכן גלויבן אין פּאַלעסטינע, און אַז דאָס דערמאָנטע ווערק זײַנס האָט רענאַן געשריבן אין די 80־ער יאָרן פון XIX יאָרהונדערט, ווען ס'האָט ערשט אָנגעהויבן אויפצוקומען די קלאַסישע ייִדישע ליטעראַטור, און וועגן דעם הײַנטצײַטיקן ייִדיש האָט ער געהאַט ניט קיין מער קלאָרן באַגריף, איידער אונדזער געשעצטער פּראָפעסאָר.

און צווייטנס. אַ מין ביטל פילט זיך אין פּראָפעסאָר שמידטס באַציִונג צו דער שפּראַך פון אַ פאָלק אין געטאָ־באַדינגונגען, און אַ מין לאָגיק שטעקט אינעם „דה.": אויב אַ געטאָ־שפּראַך, איז שוין ניט ייִדיש... ווער זשע דען האָט אין די געטאָס פון מיטלאַלטער גערעדט אַף דער דאָזיקער שפּראַך — ניט קיין ייִדן? און אין אונדזער צײַט זײַנען אויך געווען געטאָס, פיל מער שוידערלעכע. צי ווייסט דער פּראָפעסאָר שמידט, אַז אין יענע אומענטשלעכע לײַדן, אין טאָגטעגלעכער טויט־שרעק, האָבן ייִדישע און ניט־ייִדישע מאַרטירער ניט אויפגעהערט צו דענקען און שאַפן — יעדערער אַף זײַן מוטערשפּראַך? הירש גליק, דער אויטאָר פונעם באַרימטן פּאַרטיזאַנישן געטאָ־הימן, דער ייִדישער פילאָלאָג זאַלמען קאַלמאַנאָוויטש, דער שרײַבער ייִצחאָק קאַצענעלסאָן, דער היסטאָריקער עמאַנועל רינגעלבלום און וויפל אומבאַוווּסטע מאַרטירער, וואָס זייערע שאַפונגען זײַנען צו אונדז ניט דערגאַנגען — זיי האָבן געשריבן, געדיכטעט אין ייִדיש, דערצו אָפט אין אַ געלײַטערטן ליטעראַרישן ייִדיש, אַפן ניוואָ פון די הויך־אַנטוויקלטע אייראָפּעיִשע שפּראַכן. נאָר וואָס ווייסט דערפון דער פּראָפעסאָר שמידט?

און עפשער? עפשער האָבן מיר דאָ גאָר צו טאָן מיט אַ געלערנטן, וואָס האָט זײַנע אייגענע, גאַנץ אָריגינעלע לינגוויסטישע אָנשויונגען? ווײַל מיטאַמאָל כאַפּט ער זיך אַרויף אַף לינגוויסטישע שטאָלצן און לייגט אַוועק אַ מעמרע, וואָס מע מוז זי דאָ איבערגעבן וואָרט בײַ וואָרט:

„איר ווײַזט אָן דערויף, — שרײַבט ער, — אַז מיט אײַער מוטער וואָלט איר געמוזט רעדן אַף ייִדיש? אָבער דאָס איז [דאָך] אַ מיספאַרשטייעניש, וואָרעם די ייִדישע שפּראַך איז פאַרשוווּנדן געוואָרן נאָך ביז אונדזער ערע. אַלע פאָרשער ווײַזן אָן, און ס'איז ניט אָפּצולייקענען, אַז שוין צום ערשטן יאָרהונדערט [פון אונדזער ערע] האָט קיינער פון די ייִדן ניט געוווּסט און ניט פאַרשטאַנען די אייגנטלעך ייִדישע שפּראַך. און מײַנע אַנאַלפאַבעטישע עלטערן האָבן, זעט אויס, פּונקט ווי אײַער מוטער, שלעכט געקענט רוסיש און האָבן אין גרונט גערעדט אַף זשאַרגאָן, כאָטש זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז זשאַרגאָן איז ניט די ייִדישע שפּראַך, נאָר די שפּראַך „ייִדיש" — אַ זשאַרגאָן פון דײַטש, וואָס איז אַנטשטאַנען אין 10־טן — 12־טן יאָרהונדערט בײַ דער ייִדישער באַפעלקערונג פון דײַטשלאַנד ווי אַ רעזולטאַט פון צונויפקרייצונג צווישן פאַרשיידענע דײַטשדיאַלעקטן. דער גאַנצער וואָרטפאָנד (לעקסיק פון „ייִדיש" און אויך די פאָנעטיק (דער קלאַנגען־באַשטאַנד) פון דער דאָזיקער שפּראַך, פּונקט ווי די פאָרמעס פון זײַנע ווערטער (זײַן מאָרפאָלאָגיע) זײַנען דײַטשישע. דאָס איז אַלגעמיין אָנערקענט (?! — מ. ש.). ניט מער, אין שריפטיעסאָד פון ייִדיש ליגט דער אַלפאַבעט פון העברעיִש. פּרוּווט אַנאַליזירן אַוועלכס איר ווילט וואָרט אין דער אַזויגערופענער ייִדישער שפּראַך (אין „ייִדיש"), און איר וועט זיך איבערצײַגן, אַז אַלע ווערטער פון „ייִדיש" זײַנען פולשטענדיק איבערגענומען פון דײַטש און זײַנען פולשטענדיק ענלעך צו אים. דער גאַנצער הײַנטצײַטיקער ייִדיש איז אַ זשאַרגאָן פון דײַטש, דערצו נאָך פונעם ווייניק אַנטוויקלטן [דײַטש], נאָך פון די צײַטן פונעם 10־טן — 12־טן יאָרהונדערט".

קאָמענטאַרן וואָלט דאָ געווען גאַנץ איבעריק, נאָר ווער קאָן עס וויסן? ס'קאָן זיך מאַכן, אַז דעם פּראָפעסאָרס „לינגוויסטישע" פּלאַפּלערײַ זאָל עמעצן פאַרבלענדן די אויגן. אַזוי אָדער אַנדערש, מירן זיך דערלויבן צו בעטן דעם כ' שמידט, ער זאָל ענטפערן אַף אייניקע פראַגעס:

1. צי האָט ער געזען אַמאָל מיט די אייגענע אויגן טעקסטן פון דײַטש־דיאַלעקטן, וואָס געהערן צום 10־טן — 12־טן יאָרהונדערט? צי האָט ער זיי פאַרשטאַנען? אויב ניין, ווי קען ער אַזוי קאַטעגאָריש באַהויפּטן, אַז דער הײַנטצײַטיקער ייִדיש „איז אַ זשאַרגאָן פון דײַטש... פון די צײַטן פונעם 10־טן — 12־טן יאָרהונדערט"?

2. צי קענט איר לייענען אַף ייִדיש? אויב ניין, ווי קענט איר אורטיילן וועגן דער לעקסיק, פאָנעטיק און מאָרפאָלאָגיע פונעם ליטעראַרישן ייִדיש?

3. צי ווייסט איר שוין אַף זיכער, אַז אַלע יִדיש־ווערטער זײַנען דײַטשישע? צי זײַט איר באַקאַנט מיטן וואָרטבאַשטאַנד פון יִדיש? צי ווייסט איר פון אַזעלכע עכט יִדישע ווערטער, ווי, לאָמיר זאָגן, כקירע, כאָכמע, קלאַל, ביכלאַל, מויעד, באַל־מויעד, באַלעבאַיִם, מילכאָמע, שאָלעם, כסימע, כאַסמענען און הונדערטער אַנדערע ווערטער פונעם זעלבן שטאַם — פון העברעיִש? און הונדערטער סלאַוויש־שטאַמיקע ווערטער, אַזעלכע, ווי אַרבוז, קווייט, סאָד (сад), סאָלאָוויי, וועסלע, דאַשעק, פּאָדאַשעק, טערפּקע, סומנע, בערעזע, יאָדלע, דאָלעטע, האָלאָוועשקע, האָרעווען, בידעווען אדג.? הײַנט די ספּעציפיש יִדישע אויסבילדונגען פון פאַרשיידנשטאַמיקע טיילן, אַזעלכע ווי: אַכזאָריעסדיק, קאָלבויניק, אַלמאָנעשאַפט, סדאָםבעטל, באַלעבאַטעווען, מעקאַנע זײַן, יויצע זײַן, האַנאָע האָבן און הונדערטער אַנדערע אַזעלכע היברידישע צונויפגוסן? אויב אײַך זײַנען אַלע אַזעלכע ווערטער פון פאַרשיידענעם שטאַם באַקאַנט, איז ווי קאָנט איר, אַפילע אָן שום באַוואָרענישן, באַהויפּטן, אַז אַ ל ע יִדיש־ווערטער זײַנען דײַטשישע?

4. צי איז טאַקע די יִדישע פאָנעטיק לעגאַמרע אַ דײַטשישע? צי קלינגען יִדישע ווערטער (בעפיירעש טאַקע דײַטש־שטאַמיקע ווערטער) פּונקט ווי אין דײַטש? קעדיי אַזעלכעס צו באַהויפּטן, וואָלט אַ געלערנטער, וועלכער איז מעכויעוו צו וויסן כאָטש די עלעמענטאַרסטע קלאָלים פון וויסנשאַפטלעכער עטיק, געמוזט באַקאַנט זײַן סײַ מיט דער פאָנעטיק פון יִדיש, סײַ מיט דער פאָנעטיק פון דײַטש. ס׳איז אָבער קלאָר, אַז לעכאָלהאַפּאָכעס איינע פון זיי איז אײַך אַבסאָליוט פרעמד, אַנדערש וואָלט איר מיט אַזאַ זיכערקײַט ניט געקענט שטעלן קיין גלײַכצייכן צווישן דער פאָנעטיק פון יִדיש און פון דײַטש.

5. ניט בעסער האַלט עס בײַ אײַך, כ׳ שמידט, מיט מאָרפאָלאָגיע. צי ווייסט איר גאָר ניט, אַז די סיסטעם ווערב־פאָרמעס, לעכאָל־האַפּאָכעס פונעם ליטעראַרישן דײַטש, איז שוין פרעמד דער יִדישער שפּראַך — סײַ אין איר ליטעראַרישן, סײַ אין אירע פאַרשיידענע דיִאַלעקטאַלע וואַריִאַנטן? יִדיש ווייסט שוין נישט ניט פונעם אימפּערפעקט, ניט פונעם פּליוסקוואַמפּערפעקט, ווי ער איז אויסגעפורעמט אין דײַטש. יִדיש האָט אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג געשאַפן זײַן אייגענע סיסטעם פאָרמעס פאַר דער אַזויגערופענער פילמאָליקער פאַרגאַנגענהײַט, פאַרן באַדינגמאָדוס אדג. יִדיש האָט זיך קימאַט באַפרײַט פון סובסטאַנטיווישער דעקלינאַציע.

6. ווערליק איר שרײַבט, איז בעפיירעש אַ ראַכמאָנעס געווען אַף אײַערע עלטערן, וואָס זיי האָבן געמוזט אין טאָגטעגלעכן שטייגער־לעבן רעדן אַף זשאַרגאָן. און ווען זיי זאָלן געוועזן וויסן, וואָס פאַר אַ „מאָדנע לאָשן" דאָס איז, וואָלטן זיי דען אַנדערש געווען גערעדט? אײַערע (און מײַנע) עלטערן און זיידעס און אורזיידעס האָבן, פאַרשפּאַרטע אינעם יִדישן טכום, אויסגעלעבט זיך אין אָט דער פון אײַך פאַרהאַסטער שפּראַך, געשאַפן זייערע לעגענדעס, שפּריכווערטער, גלײַכווערטלעך, זייערע שטייגער־לידער; געוויס האָט אײַער מוטער געזונגען איבער אײַער וויגעלע וועגן דעם „קלאָר־ווײַסן ציגעלע". און אָט דער טכום־יִדיש האָט זיך פון דער מיט XIX יה. ביז אונדזער צײַט דערהויבן צו דער מאַדרייגע פון אַ הויך־אַנטוויקלטער ליטעראַרישער שפּראַך, אַף וועלכער ס׳זײַנען געשאַפן געוואָרן קינסטלערישע ווערטן פון וועלט־באַדײַט. קומט איר און רעדט וועגן עפּעס אַ יִדיש — אַ זשאַרגאָן!

און, אַגעוו, איר ווידערשפּרעכט זיך אַליין. אין אײַער אַרטיקל שרײַבט איר, אַז „א ו נ ד ז ע ר ע ע ל ט ע ר ן, מיר, אונדזערע קינדער און אייניקלעך" זײַנען דערצויגן אין רוסיש. און אין אײַער בריוו צום כ׳ גרינשטיין זאָגט איר, אַז אײַערע אַנאַלפאַבעטישע עלטערן האָבן שלעכט געוווּסט רוסיש און האָבן גערעדט אַף „יִדיש".

פּראָפ. שמידט שרײַבט ווײַטער:

„אַזויאַרום, דערווידערנדיק קעגן אַנערקענען רוסיש ווי די איינציקע מוטערשפּראַך פון די רוסישע יִדן, פאַרטיידיקט איר די האַנאָכע, אַז דער זשאַרגאָן, וואָס איז איבערגענומען אין דײַטשלאַנד נאָך אין 12־טן יאָרהונדערט, איז נעענטער פאַר די רוסישע יִדן, איידער רוסיש. דאָס איז דאָך זייער ניט ריכטיק און באַליידיקנדיק פאַר דער בירגערלעכער ווערדע פון די רוסישע יִדן".

איך בעט אײַך, זײַט מיר טויזנט מאָל מויכל, כאָשעווער פּראָפעסאָר שמידט, נאָר איך דערלויב זיך אײַך צו זאָגן, אַז אַזעלכע ווערטער זײַנען הוילע דעמאַגאָגיע. ס׳איז מיר ביכלאַל ניט קלאָר, וואָס איר מיינט מיט זיי.

צי קען שאַטן ליבע צו מוטערשפּראַך דער בירגערלעכער ווערדע? אין רוסלאַנד לעבן פיל צענדליקער פעלקער און פעלקערשאַפטן. יעדערן פון זיי איז טײַער סײַ די אייגענע מוטערשפּראַך, סײַ רוסיש — זייער צווייטע מוטערשפּראַך. און טאַקע דאָס, וואָס אונדזער סאָציִאַליסטישע מעלוכע גיט זיי די מעגלעכקײַט צו אַנטוויקלען זייער נאַציִאָנאַלע קולטור, פאַרשטאַרקט נאָך מער זייער סאָוועטישן פּאַטריִאָטיזם, זייער ב י ר ג ע ר ל ע כ ע ו ו ע ר ד ע, זייער איבערגעגעבנקײַט צום סאָוועטישן היימלאַנד און גרייטקײַט אָפּצוגעבן פאַר דעם דאָס לעבן.

וולאַדימיר אַגניעוו

דאָס נײַע אין דער ליטווישער קונסט

אין ליטע בין איך געווען א סאך מאָל, און אויך איצט, ווען איך בין געקומען אהער מיט דער דעלעגאציע פונעם שרײַבער־פארבאנד פון פססר אפן 5־טן צוזאמענפאָר פון די ליטווישע שרײַבער, האָב איך אף יעדן טריט און שריט מיט באפרידיקונג באמערקט אָן א שיר נײַס: נײַע שיינע הײַזער, נײַע ליטווישע פילמען, וועגן וועלכע עס זאָגן אָן די אפישן, נײַע אויסשטעלונגען פון אויסגעצייכנטע אייגנארטיקע קינסטלער, עלעגאנטע אינטעריערן אין די נײַע קאפע־הײַזער.

די קולטור און עסטעטיק פונעם שטייגער זײַנען אין ליטע קעסיידער געווען אף א הויכן ניוואָ. עס אימפּאָנירט מיר, וואָס ס'איז דאָ ניטאָ קיין ווידערשפּרוך צווישן דעם טראַדיציאָנעלן און נײַעם. דאָס אָריגינעלע אין דער ליטווישער מאָלערײַ־קונסט, אין דער שטאָט־בויונג, אין די קונסט־ווערק, אין דער מוזיק, קינאָ, אין דער ליטעראטור גיט ניט אָפּ גלאט אזוי די פּאָזיציעס דעם נײַעם, נאָר עס באפרוכפּערט דאָס נײַע, גיט דעם צו אָריגינעלע שטריכן. די גראָדע ליניעס, די הײַנטצײַטיקע פאקטור פון שטיין און האָלץ, דאָס דאָמינירן פון גלאָז, וואָס באַזײַטיקט די דוירעסדיקע גרענעץ צווישן דער אויסערלעכער און אינערלעכער וועלט, — אָט די כאַראקטעריסטישע שטריכן פונעם מאָדערן זײַנען אינעם ליטווישן אינטעריער און אין דער ארכיטעקטור ניט קיין אבסטראקטע: דאָס געמעל אף די ווענט, דער קאָנטור פונעם מעבל, דאָס צײַג, מיט וועלכן דאָס מעבל איז געדעקט, — אלץ גייט דאָ פון דער אוראלטער פאָלקס־קולטור און זאָגט איידעס וועגן איר עסטעטיק, וועגן אירע געשמאק־נאָרמעס.

אף דער מוזעיאס־גאס, בישכיינעס מיט דער ארכיטעקטור פון XV—XVII יאָרהונדערט, צווישן די געשלענגלטע שמאָלע געסלעך און טעמפּלען, איז אין דער פאָרם פון אן עליפּס אײַנגעפאסט א געבײַדע פון העל־גרויען שטיין — די שול אף סאלאָמייע נעריסעס נאָמען. דער אויסגעבויגענער פאסאד, די גרויסע פענצטער, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך די זון, די אלטפרענקיש געשניצטע אײַזערנע טויערן — דאָס גאנצע געבײַ מיט די קופּאָלן האָט וווּנדערלעך־הארמאָניש זיך אײַנגעפאסט אינעם אנסאמבל פון דער אלטער שטאָט, סימבאָליזירט די פּרינציפּן פון דעם, ווי עס פלעכטן זיך איבער די נײַע לעבנס־פאָרמען מיט די אלטע.

אזעלכע וווּנדערלעכע געבײַדעס, ווי דער ווילניוסער פּאָטשטאמט צי דער אויסשטעלונגס־זאל, שטעלן מיט זיך פאָר שעדעווערן פון הײַנטצײַטיקער בויונגס־קונסט, פונקציאָנעלקײַט און פולקומער פאָרם.

טאקע אין דער געבײַדע פונעם אויסשטעלונג־זאל איז פאָרגעקומען דער פינפטער צוזאמענפאָר פון די ליטווישע שרײַבער, אף וועלכן עס איז א סאך געזאָגט געוואָרן וועגן דעם שעפערישן אופשוווּנג פון דער ליטווישער ליטעראטור, וועגן דער פילארטיקײַט פון די פאָרמען פון דער הײַנטצײַטיקער פּראָזע און דיכטונג. און אויך וועגן טראדיציעס און נאָוואטאָרישקײַט אין דער ליטווישער קונסט.

אין מײַנע נאָטיצן וויל איך בארירן די דאָזיקע פּראָבלעם, אויסנוצנדיק מאטעריאלן פון דער ליטווישער קינאָ און פּראָזע.

אלע געדענקען מיסטאם, סארא גרויסן דערפאָלג עס האָט געהאט ווי־טאוטאס זשאלאקיאוויטשיוסעס פילם „קיינער האָט ניט געוואָלט שטארבן“. דער דאָזיקער פילם איז דורכגעדרונגען מיט אזא פלאמיקער ליבע צום פאָלק, מיט אזא לײַדנשאפטלעכער נעגירונג פונעם פאשיזם און זײַנע אידייען, ער איז אזוי אָנגעזעטיקט מיט ערנסטע און הײַנטצײַטיקע געדאנקען וועגן מעהוס פונעם מענטשן, וועגן זײַן מאָראל און וועגן די געזעצן פונעם געזעלשאפטלעכן קאמף, אז דער זשאנער פון א פאסירונגס־פילם האָט זיך ארויסגעוויזן פאר צו ענג און איז אריבערגעוואקסן אין א פּסיכאָלאָגישער דראמע פונעם מענטשן אף דעם קערפּונקט פון דער געשיכטע. די כאראקטערס פון די הויפּט־העלדן — פון די ברידער לאָקיסאָווס („די בערן“) זײַנען טיפּישע, נאציאָנאלע. אין זייער שיקזאל איז געקומען צום אויסדרוק דער שיקזאל פון דער ליטווישער נאציע, אירע אינטערעסן, האָפענונגען, איר דראנג צום לעבן.

זשאלאקיאוויטשיוסעס טאלאנט איז גרויזאם. ער לאָזט ניט איבער קיין אָרט פאר אילוזיעס, פאר ווילמוטיקײַט. אײַנצײַטיק איז עס אויך אן אינטעלעקטועלער טאלאנט. זשאלאקיאוויטשיוס דענקט, אנאליזירט, געפינט נײַע וועגן, ער פירט אונדז. ער באגרענעצט זיך ניט בלויז מיט קאָנסטאטירן די פּאָזיציעס. דער פילם ענדיקט זיך דערמיט, וואָס די באנדע ליטווישע נאציאָנאליסטן („די גרינע

ברידער") ליידט א מאפּאלע. אין דארף שטעלט זיך איין דער לאנג געגארטער פרידן. יאָ, קיינער האָט ניט געוואָלט שטארבן אין אָט דעם קריג פון ברידער קעגן ברידער. ס'איז אָבער אויסגעקומען צו שפּאנען דורך טויט, קעדיי דעראָבערן שאָלעם פאר די מענטשן.

אויך א צווייטער פילם פון דעם זעלבן זשאלאקיאוויטשיוס, „כראָניק פון איין טאָג", וואָס האָט ניט געהאט אזא ברייטן רעזאָנאנס, איז לויטן קאָנפליקט און דער קינסטלערישער לייזונג ניט הינטערשטעליק לעגאבע דעם פילם, וועגן וועלכן מיר האָבן אָקאָרשט גערעדט. נאָר דאָס איז געווען א באדאכטונגס-פילם, א דיספּוט-פילם וועגן דער אכרייעס פונעם מענטשן, וועגן בירגערלעכער פּרינציפּיעלקייַט. אינמיטן העלן טאָג האָט א כוליגאן אָף א ראָג פון גאס דערהארגעט א יונגנמאן. דער העלד פונעם פילם איז געשטאנען „אונטער א בוים", ניט ווייַט פון דעם אָרט, ווו דער מאָרד איז באגאנגען געוואָרן, נאָר ער האָט זיך ניט ארייַנגעמישט. דער אנאליז פון דעם העלדס לעבן, פון זייַנע פּאָזיציעס, ברענגט אונדז צו די אורקוואלן פון פּאכדאָנישקייַט. מיר זייַנען איידעס פון דעם, ווי עס ווערן פאראטן פרייַנטשאפט און ליבע, מיר זייַנען איידעס פון דעם גייַסטיקן קראך פון מענטשן. א צופעליקער עפּיזאָד אף דער גאס שטעלט פאר אונדז אקשאָנעסדיק אוועק די פראגע, וואָס דער אלטער קאָמוניסט דער פּאָלקס-בייַזיצער אינעם געריכט האָט פארגעבן דעם העלד פונעם פילם, וועלכער טרעט ארויס אלס איידעס: „פארוואָס זשע זייַט איר געשטאנען אונטערן בוים?.." — „איך האָב שוין געזאָגט: ס'האָט אָנגעהויבן רעגענען..."

דער פילם ענדיקט זיך מיט אזא קאדער: פון עקראן קוקן א פּאָר אָרמעטיקע אויגן פונעם פּאָלקס-בייַזיצער, וואָס פארשטייען אלץ. און דער העלד פונעם פילם האָט טאקע ניט פארשטאנען דעם סימבאָלישן זין פון דער אקשאָנעסדיקער פראגע, ניט פארשטאנען, אז „שטיין אונטערן בוים" — הייסט פאראטן מענטשן, הייסט פאראטן דאָס בעסטע, וואָס דו אליין פארמאָגסט.

אין זייַנע פילמען „דער לעצטער שאָס", „דאָס מיידעלע און דאָס ווידערקאָל", „דער קלייניקער פּרינץ", „די שיינהייַט" אנטפּלעקט ארונאס זשעבריונאס דיכטעריש און איידל די נעשאָמע פונעם קינד, מיט וועלכנס אויגן ער קוקט אף דער וועלט און באטראכט זי פון די פּאָזיציעס פון נאטירלעכע צווישנבאציִונגען. ער פארמאָגט זייַן אייגענע טעמע, זייַן אייגענעם קסאוו. די שאפונג פון דעם דאָזיקן קינסטלער איז באהויכט מיט באגייַסטערונג, אין זייַן ארט אופאסן די וועלט אימפּאָנירט די זויבערקייַט, די קאטעגאָרישקייַט אינעם אויסוואל, דאָס געפיל פון פּאָעזיע.

מיט דעם רעזשיסער אלגירדאס אראמינאס איז מיר פּערזענלעך אויסגעקומען צו ארבעטן איבערן פילם „נעכט אָן א נאכטלעג" — וועגן דעם טראגישן גורל פונעם ליטווישן דיכטער וויטאוטאס מאָנטווילע, וועלכן די דייַטשן האָבן בייַס דער פאָטערלענדישער מילכאָמע דערמאָרדעט אין 9-טן פאָרט הינטער קאונאס (דער פילם איז געשטעלט לויט מייַן סצענארי).

דער יונגער רעזשיסער פּראגרעסירט זייער האסטיק. אליין א געוועזענער אָפּעראטאָר, זעט ער אויסגעצייכנט דעם קאדער, פילט די שיינקייַט פון דער אויסדריקלעכער דעטאל.

דער קינאָ-רעזשיסער רייַמאָנדאס וואבאלאס האָט א נייגונג צו עפּאָס. ער האָט געשטעלט די פילמען „די טריט אין דער נאכט", „דער לייטער צום הימל", מער ווי אנדערע פילט ער די באזונדערע שוישפּילערישע מאניר פון די בייַבאלטישע אקטיאָרן, זייער פארלאנגזאמטן, אויסדריקלעכן „ארייַנוואקסן" אין דער סיטואציע.

וועגן אָט די אלע פילמען האָט מען געשריבן ווי וועגן „א שול פון דער ליטווישער קינאָ", וואָס פארמאָגט אירע סימאָנים, אירע מייַלעס און כעסרוינעס. איך וויל דאָ אונטערשטרייַכן איין מאָמענט: בא דער גאנצער אָריגינעלקייַט פון די רעזשיסערישע אינדיווידואליטעטן, פארמאָגן די דאָזיקע פילמען ווירקלעך עפּעס געמיינזאמס, וואָס באשטייט, ווייַזט אויס, אין דעם, וואָס אלע זוכן זיי אָנגעשטרענגט דעם סינטעז פון די נאציאָנאלע באזונדערקייַטן פון דער קונסט און דער הייַנטצייַטיקער פאָרם פון אויסדריקן זיי.

מער אָנשווילעך, קאָן זייַן, איז צו מערקן דעם דאָזיקן פּראָצעס אין דער אנטוויקלונג פון דער ליטווישער פּראָזע. קינאָ איז ביכלאל דער יינגסטער קונסט-געביט, און דערפאר, מעגלעך, זייַנען די אנטוויקלונגס-פּראָצעסן פון קינאָ ניט אזוי טיפּיש. דאָ ווירקן נאָך אויך די אלגעמיינע פּראָבלעמען, וואָס שטייען פאר דער קינאָ אלס קונסט. אין דער פּראָזע, ווידער, זייַנען די טראדיציעס פון דער נאציאָנאלער קולטור דייַטלעכער פארבונדן מיט די שטאנדהאפטיקע סימפּטאָמען פונעם נאציאָנאלן כאראקטער.

ביכלאל דארף מען זאָגן, אז אייניקע קריטיקער לייקענען די נוצלעכקייַט פון אזא טיפּ דעפיניציעס, ווי „דער גייַסט פון נאציע", „דער פּסיכישער אייגנארט פון נאציאָנאלן כאראקטער" אדג. איך מיין אָבער, אז גיכער פאר אלץ שפּילט דאָ א ראָליע די מוירע אראָפּצולאָזן זיך צו קאָמפּראָמעטירטע קאטעגאָריעס פון די ספּעקוליאטיווע „ראסעווע" טעאָריעס. פארשטייט זיך, אראָפּלאָזן זיך צו דעם דארף מען ניט, אָבער אוועקמאכן מיט דער האנט קאָמפּליצירטע, נאָר רעאל-עקזיסטירנדיקע פּראָצעסן איז אויך ניט קיין רעזאָן. אוודע איז פאראן אויך א „פּסיכישער אייגנארט" פון יעטווידן נאציאָנאלן כאראקטער, אָבער דער געגעבענער נאציאָנאלער כאראקטער איז ניט אָפּגעטייַלט מיט קיין כינעזישער וואנט פון אנדערע, און, צווייטנס, איז אויסערסט שווער צו דעפינירן אים. דאָ פּאָדערט זיך טאקט און ווידעראמאָל טאקט, ווי, אגעוו, אין יעדער זאך...

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו דער ליטווישער קונסט. מיר האָבן געשמועסט וועגן קינאָ. איצט לאָמיר אריבערגיין צו דער פּראָזע.

„די ליטווישע נאציע איז געווען א נאציע פון פּויערים, וועלכע האָבן בלויז מיט פופציק יאָר צוריק זיך באפרייַט פונעם לייַבאייגנטימערישן יאָך..." — האָט אין 1964 געשריבן דער באוווסטער ליטווישער שרייַבער וו. מיקאליייטיס-פּוטינאס. דער זינגער פונעם ליטווישן לייַבאייגנטימערישן פּויערטום איז געווען דער גרויסער ק. דאָנעלייַטיס. עס האָט ניט איבערגעריסן איר פארבינדונג מיטן פּויערישן שטייגער יו. זשעמייטע. די בעסטע ווערק פון דער ליטווישער דיכטונג און פּראָזע פונעם XIX—XX יאָרהונדערטן האָבן געשילדערט דעם פּאָלקס-שטייגער און אויסגעדריקט די דעמאָקראטישע אידעאלן.

אָבער די פּאָלקסטימלעכקייַט פון דער נאציאָנאלער קולטור באטייַט קלאָל ניט — איר אייַנגעשלאָסנקייַט און סעפּאראטישקייַט. אין דאָנעלייַטיסעס „פּויערישער" פּאָעמע „די

צײַטן פון יאָר״, ווו אַלץ — די מענטשן, די מי, די נאטור — איז עכט ליטוויש, געפינען די ליטעראטור־פאָרשער די מעטריק פון ווערגיליַן, די טעמאטיק פון טאָמסאָנען און סענט־לאמבערן. „פאר אונדז — די אויסשפירער פון דער נאציאָנאַלער קולטור, — האָט געשריבן מיקאָלײַטיס־פּוטינאס, — איז דאָס געווען אַן עכטע רעוואָליוציע... הייסט עס, אז שאפנדיק די נאציאָנאַלע ליטעראטור, וואָס שפּארט זיך אָן אפן לעבן פונעם פאָלק, דארפן מיר קלאָר ניט אײַנרײַסן מיט דער וועלט־ליטעראטור, מיט דער אַלמענטשלעכער קולטור״. אויסוואקסנדיק אף דעם אייגענעם באָדן און זײַענדיק טיף פארוואָרצלט אין דעם פאָלקס־לעבן, זאפּט אײַן אין זיך די נאציאָנאַלע קולטור די ניט־אויסגעשעפּטע קויכעס, דאָס גײַסטיקע געזונט פון איר פאָלק, קעדיי צו שאפן קולטור־ווערטן, וואָס זײַנען נאָענט און פארשטענדלעך פאר מענטשן פון פארשיידענע נאציעס.

פאר דעם נײַעם פּעריאָד אין דער אנטוויקלונג פון דער פילנאציאָנאַלער סאָוועטישער קולטור זײַנען כאראקטעריסטיש מער ברייטערע האָריזאָנטן אינעם באגרײַפן די קרויוועשאפט פון די צילן, וואָס שטייען פאר דער פּראָגרעסיווער קונסט אין דער וועלט, מער טיפערע אופגאבעס פון דער קונסט און מער פולערער פארשטאנד פון דער פּראָבלעם פון פאָלקסטימלעכקײַט.

די רעאַליסטישע שילדערונג פונעם פאָלקס־לעבן (לאָמיר זאָגן, אין די ראָמאנען פון פּיאטראס צווירקי, יואָזאס באַלטושיס) האָט אף לאנג באשטימט דעם גרונט־שטראָם אין דער ליטווישער פּראָזע, וואָס די הויפּט־מײַלע אירע (ווי אויך פון דער פּראָזע אין אנדערע באַלטישע ליטעראטורן) פארבלײַבט די ניט־געײַלטע, באאריכעסדיקע דערציילערישקײַט, די שילדערונג פונעם שטייגער און דאָס אויספורעמען פולבלוטיקע כאראקטערן. דעריבער זײַנען די ערשטע דערשינענע ווערק פון דער אזויגערופענער „לירישער פּראָזע״ אין דער ליטווישער ליטעראטור געווען באזונדערס באַדײַטונגספול.

אָבער וואָס איז עס אזוינס „לירישע פּראָזע״?

מיט אָט דעם באגריף האָט די קריטיק באצייכנט די נײַע סטיל־טענדענצן אין דער רוסישער בעלעטריסטיק פון דער מיט פופציקער יאָרן. ביזוואנען די קריטיק האָט דעבאטירט וועגן א טערמין, האָט די נײַע פּראָזע דעראָבערט א לייענער־פּלאצדארם. קימאט אין אַלע נאציאָנאַלע ליטעראטורן האָבן זיך באוויזן אייגענע מוסטערן פון סוביעקטיווער, לירישער פּראָזע, מיסוואדע־פּראָזע, טאָגבוך־פּראָזע (עפּיטעטן זײַנען דאָ פאראן א סאך), אין וועלכע די ראָליע פונעם שרײַבער איז שטארק אויסגעוואקסן און דער וועלט־באנעם פונעם העלד, פון וועמענס נאָמען עס ווערט געפירט די דערציילונג, איז געוואָרן דער באשליסנדיקער עלעמענט. מע קאָן דאָ דערמאָנען די שרײַבער נ. דומבאדזע (גרוזיע), טש. אײַטמאטאָוו (קירגיזיע), יו. סמוּול (עסטלאנד), יע. גוצאלאָ (אוקראיִנע), ג. מאטעוואָסיאן (ארמעניע) און אנד.

די באשרײַבערישקײַט — אָט די געטין פונעם פאָריקן פּעריאָד — האָט ניט זעלטן, אָנווערנדיק די קלוגע אָביעקטיווקײַט און די אוניווערסאַלקײַט אינעם באגרײַפן די וועלט, וועלכע זײַנען כאראקטעריסטיש פאר די קלאסיקער פונעם רעאַליזם, דעגראדירט צו דער מאדרייגע פון א קאָמענטאר פונעם לעבן און פון די לעבנס־פּראָצעסן און האָט אָנגעווירן דעם שעפערישן געפיל פון דורכלייגן נײַע וועגן.

די ליטעראטור, וועלכע האָט אין דער מיט פון די פופציקער יאָרן זיך א הייב געטאָן אף די כוואַליעס פון דער פאָלקס־איניציאַטיוו, ווערט אף א געוויסער צײַט הויפּטזאכטלעך א לירישע. דאָס האָט אָנגערירט פארשיידענע ליטעראטור־זשאנרען.

ווען עס גייט א רייד וועגן דעם נײַעם עטאפּ אין דער ליטווישער פּראָזע, רופט מען אָן, פריִער פאר אַלץ, די ווערק פון מיקאָלאס סלוצקיס, אַלפאָנסאס בעליאוסקאס, יאָנאס אוויזשיוס, איצכאָקאס מעראס, יוסטינאס מארצינקיאוויטשיוס. בעליאוסקאסעס „דער קאונאסער ראָמאן״ האָט ארויסגערופן א ברייטע דיסקוסיע. די האנדלונג איז קימאט אינגאנצן אריבערגעטראָגן אינעם באוווסטזײַן פונעם העלד. די גײַסטיקע וועלט פונעם העלד, דער זעלבסטאנאַליז, דער פּראָצעס פון באגרײַפן זײַן געזעלשאפטלעכן „איך״ — אזא איז די ספערע פון קינסטלערישער פאָרשונג פון דער היינטצײַטיקײַט דורך דעם סאָציאַלן איינצל־קעמערל, דורך דער פערזענלעכקײַט. אויך מיקאָלאס סלוצקיס שטרעבט, אלס קלאָל, אויסצופאָרשן פון אינעווייניק די פּסיכאָלאָגיע פון זײַנע העלדן. אין זײַנע דערציילונגען „א דיאַלאָג אין יאם״, „אן אוואנטיורע און דרײַ אקטן״, „א פרײַנטלעכע טויווע״ און אנד. שפּילט א גרויסע ראָליע דער דיאַלאָג אָדער דער מאָנאָלאָג. דורך זיי האָט דער שרײַבער א מעגלעכקײַט ארויסצובאקומען, אזוי צו זאָגן, פון דער ערשטער האנט, די אינפאָרמאציע וועגן דער געשעעניש און וויאַזוי די דאָזיקע געשעעניש ווערט אָפּגעשאצט. טײלמאָל איז די דערציילונג פולשטענדיק געבויט אף דעם איראָנישן אָדער נאַיוון מיסוואדע זײַן זיך פונעם העלד, און אינעם ראָמאן „דער לייטער צום הימל״ זײַנען גאנצע קאפּיטלען אָנגעשריבן אין נאָמען פון די העלדן גופא. אזא נוסעך באזירט זיך, נאטירלעך, אף דער געשטיגענער אופפאסונגס־קולטור פונעם לייענער, וועלכן מע דארף שוין ניט פירן בא דער האנט איבער די לאַבירינטן פונעם שרײַבערישן געדאנק. אונדזער לייענער איז שטארק אויסגעוואקסן, און מע דארף דאָס פארשטיין.

אויסער דעם, איז אזא ארט איבערטראָגן די אָנלאָדונג פונעם קינסטלערישן פערסאָנאזש — פון באשרײַבערישקײַט אף זעלבסטכאראקטעריסטיק פון די העלדן — ארויסגערופן געוואָרן, פארשטייט זיך, אויך דורך דעם, וואָס דער ליטעראטור איז נעגייגע איצט מער די גײַסטיקע וועלט פונעם מענטשן, איידער די אויסערלעכע זײַט פון זײַן לעבן. אין זײַנע ראָמאנען וועגן דער מילכאָמע באטראכט איצכאָקאס מעראס די טאטן פון מענטשן אין דירעקטער שײַכעס מיט די זיטלעכע קריטעריעס פון מענטשלעכקײַט. זײַן העלדין ווערט דערהויבן צום סימבאָל פון א מוטער. מעראסעס סטיל דערגרייכט די מאדרייגע פון דיכטערישע מעטאפאָרן. זײַן פּראָזע איז נאָענט צו ריינער ליריק. אוויזשיוסעס ראָמאן „דאָס דאָרף אפן שיידוועג״ נייגט זיך צום רעאַליסטישן נוסעך פון דער טראדיציאָנעלער דערציילערישקײַט, נאָר אויך אין אָט דעם ווערק טריומפירט דאָס נײַע, דער לירישער יעסאָד.

פארשטייט זיך, אז די דאָזיקע נײַע קוואַליטעט פון דער סאָוועטישער קונסט, די ליריזאציע פון דער פּראָזע, טאָר מען ניט אבסאָליוטיזירן. אין היסטאָרישן אספּעקט קאָן דאָ גיין א רייד בלויז וועגן א קאָנסעקווענטער ענדערונג פון די אקצענטן. אין דעם

זין, לאָמיר זאָגן, איז די לירישע פּראָזע פון די 50־ער יאָרן נעענטער צו דער פּראָזע פון די 20־ער יאָרן, און אין א געוויסער מאָס יאַרשנט זי די פּרינציפּן פונעם פריִיִקן פּע־דינען, לאַורעניאָוון, אָלעשען, באַ־בעלן, יאַנאָווסקין און אנד. נאָר אויב די פּראָזע פון יענע יאָרן האָט געהאַט אַן אויסגעשפּראָכענעם ראָמאַנטישן כאַראַקטער, האָט דער ליריזם אין אונדזערע טעג א פולקום באַשטימטע אַנאַליטישע צילגעוועדנטקייט. די פאַרגאַנגענהייט כאַזערט זיך ניט אי־בער איינפאַך. די אַנטוויקלונג גייט לויט א ספּיראַל.

די נײַע פּראָזע איז, פריִער פאַר אַלץ, א ליטעראַטור פון פראַגעס. טויזנט און איין פראַגע אַנטשטייען פאַרן יונגן מאָלער — דעם העלד פון מאַרצינקיאַוויטשיוסעס דערציי־לונג „א סאָסנע, וואָס האָט געלאַכט“. וויִאַזוי שאַלעם מאַכן צווישן זײַן גלײַכגילטיקייט בענעגייע די אַלגע־מיינע זאָרגן, — א גלײַכגילטיקייט, וואָס איז ביִאָגראַפיש פאַרורזאַכט, — און דער ליבע צו קונסט, וואָס ציט קעסיידער צום מענטשן און זוכט אַן אָפּקלאַנג.

אָנגעשטרענגט איז אויך דאָס אי־נערלעכע לעבן פון יאַוניוסן — דעם העלד פון סלוצקיסאַס ראָמאַן „דער לייטער צום הימל“. ווער איז זי, זײַן געליבטע ראַמונע? א צופעליק בלימל („ראָמאַשקע“ איז אַף ליטוויש „ראַ־מונע“) אַף דער קלעפּיקער ליים פו־נעם באַלעגופישן הויף? וועט איר קלעקן קויכעס אָפּצורײַסן זיך פונעם אייגענעם באָדן? צי וועט זי ניט אומקומען? דער „זומפּ“ האָט אַרײַנ־געזויגן ראַמונעס ברודער יורגיסן — א דערשלאָגענעם באָכער, א באַטראַק אין דער אייגענער מישפּאָכע, וועמען דער טאַטע דער באַלעגוף באַהאַלט אויס אין וואַלד פון די באַנדיטן און פון דער סאָוועטנמאַכט, ווײַל ער האָט מוירע סײַ פאַר די סײַ פאַר יענע, ער האָט זיך פאַרפלאָנטערט, דער אַלטער, ער האָט מוירע אי פאַר זײַן איידעם, דעם געוועזענעם אָפּיצער־סמעטאָנאָוועץ, אי פאַרן קאָמוניסט, דעם אָנפירער פון דער וואָלאָסט.

די פראַגעס אין די ווערק פון סלוצקיסאַסן, בעליאַוסקאַסן, מעראַסן פאָדערן אַן ענטפער, זיי רעגן אָן, זיי דרינגען אַרײַן אינעם גאַנצן געוועב פונעם סוזשעט.

מיר צעשיידן זיך מיט די העלדן פון די דערמאָנטע ווערק אין א מאָ־מענט, ווען זיי האָבן „זיך געפונען“ — דורך זעלבסטדערקענונג און ביטערער אויסניכטערונג, דורך ליבע צום מענטשן, וואָס ברענגט אינער־לעכע גלײַטערטקייט, דורך אַקטיווע טאַטן, וואָס היילן אויס פון ראָמאַנטישע אילוזיעס.

די ליטווישע קונסט איז קעסיידער דראַמאַטיש. ס׳איז פאַראַן אין דעם דאָזיקן דראַמאַטיזם אויך איין ספּע־ציפישע אייגנשאַפט: די קונסט־פּאַ־ליוסן — דאָס גראָבלעכע, דאָס ערדי־שע, אָפּט דאָס ברוטאַלע, פון איין זײַט, און דאָס סימבאָלישע, דאָס פּאָעטיש־מײַסעדיקע פון דער צווייטער זײַט — זײַנען שאַרף אָפּגעזונדערט איינס פון אַנדערן. דער אָנגלייווערט דערגרייכט, בילדעריש גע־רעדט, מיט דער הילף פונעם שטראָם פון הויכער שפּאַנונג, וואָס יאָגט צווישן זיי. ווייכע טענער טרעפן זיך דאָ זעלטן. די פאַנטאַסטישע זעונגען פון דעם וווּנדערלעכן ליטווישן מאָ־לער מיקאַלאַס טשורליאָניס, וואָס האָט אין אָנהייב פון יאָרהונדערט געשאַפן זײַנע פאַרביקע, ווי די פּאַ־זאַן־פעדערן, בילדער, — זײַנען קי־מאַט דער אידעאַל. נאָר די איימע פון אָט די זעונגען קומט פון דער גרויזאַמער, געפּילנלאָזער, ווײַט ניט אי־דעאַלער וועלט, וואָס רינגלט אים אַרום. און דאַקעגן, די ראַעלע אָנראַכ־מאָנעסדיקייט פון מאָנטוויִלאַס לידער איז געבוירן געוואָרן אין אַן איידע־לער נעשאָמע פון זייער א צאַרטן מענטשן, וועלכער איז פאַנאַטיש געטרײַ דער גערעכטיקייט און דער שיינקייט.

ס׳איז פאַראַן, קאָן זײַן, א געוויסע געזעצמעסיקייט אין דעם, וואָס די ליטווישע פּראָזע איז אָפּטער געווען צוגעבונדן צו דער ערד, און די דיכ־טונג האָט זיך געריסן צו די אידעאַלע הייכן (סרואָגאַ, מיקאָלײַטיס־פּוטינאַס, דער רײַפער מעזשעלײַטיס).

צווישן די פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר פאַר די לעצטע יאָרן אין דער ליטווישער ליטעראַטור, מערקט זיך אָן אויך אַזאַ דערשײַנונג: די דיכטונג פון מעזשעלײַטיסן, מאַרצינקיאַוויטשיוסן נייגט זיך צו דער טעמאַטישער ברייטקייט און אַנאַליטישקייט פון דער פּראָזע (מעזשעלײַטיסעס „די באַנאַכטיקע שמעטערלינגען“, מאַרצינקיאַוויטשיוסעס „די וואַנט“), און סלוצקיסאַס, בעליאַוסקאַסעס, מעראַסעס פּראָזע דערגרייכן די זעלבע אַנאַליטישקייט מיט דער הילף פון אַזעלכע מיטלען, וועלכע זײַנען נאָענט צו דעם דיכטערישן אויפן פון אַנטפּלעקן די טעמע.

דאָס, וואָס אין דער פּראָזע דרינגט ברייט אַרײַן דער סוביעקטיווער עלעמענט, איז א דערשײַנונג פון דער צײַט, און ניט קיין מאָדע־זאַך. איניקע געזעצמעסיקײַטן פון אָט דעם פּראָצעס האָב איך געפּרוווט אַנאַליזירן אין דעם דאָזיקן אַרטיקל. די וויכטיקסטע פון זיי באַשטייען אָט אין וואָס: דער שוווּנג פון דער ראָ־ליע, וואָס די פּערזענלעכקייט פאַר־נעמט אין דער געזעלשאַפט, רופט קעסיידער אַרויס די אַקטיוויזירונג פון דעם לירישן עלעמענט אין דער קונסט. די מער קאָמפּליצירטע אויפ־גאַבעס פון דער קונסט און דאָס זוכן אַנטשפּרעכיקע אינסטרומענטן אַף צו אַנאַליזירן די פּסיכיק פונעם הײַנט־צײַטיקן מענטשן פאָדערן פון דער קונסט, זי זאָל זיך ווענדן צו די אינערלעכע פּראָצעסן פון דער פּער־זענלעכקייט, און דאָס קאָן ניט שטענ־דיק טאָן דער באַשרײַבערישער רעאַ־ליזם. דעמלט מישט זיך אַרײַן די „דיכטונג“. און, ענדלעך, ס׳איז פאַראַן נאָך איין, זייער וועזנטלעכער אַרגו־מענט. „די דיכטונג, — האָט געשריבן וויסאַריִאָן בעלינסקי, — איז אַן אויס־דרוק פונעם לעבן, אָדער, בעסער געזאָגט, דאָס לעבן גופע. דאָס איז נאָך ווייניק. אין דער דיכטונג איז דאָס לעבן נאָך מער לעבן, איידער אין דערווירקלעכקייט גופע“. די אַקטיווע באַציִונג צום לעבן, די שטרעבונג פון איבערגעשטאַלטיקן עס — אָט וואָס עס רופט אַרויס א דראַנג צו דיכטונג. בעשאַס א היסטאָרישן שוווּנג פונעם גײַסטיקן לעבן שיקט דאָס פאָלק קעסיידער פאָרויס די דיכטונג אַלס אויסשפּירער פאַר די אַנדערע מינים פונעם עסטעטישן געווער. ווען די דיכטונג, די ליריק פּילט אויס איר פליכט, קומט צו פאַרבײַטן זי די פּראָזע, אין וועלכער עס ווערט צײַ־טיק א נײַע קוואַליטעט. און ווײַטער רופט מען שוין אָן פּראָזע לאַכלוטן ניט אַזעלכע ווערק, וואָס מע האָט ביז דעמלט אַבסאָליוט געזעצמעסיק אָנגערופן פּראָזע. אָט אין דעם באַ־שטייט, אין אַלגעמיינע שטריכן, די באַזונדערקייט פון דער נײַער ליט־ווישער ליטעראַטור.

בא דעם אַלעם דאַרף מען אָבער קלאָר פאַרשטיין, אַז די לירישע פּראָ־זע שאַפט אין קיין שום פאַל ניט אָפּ די טראַדיציִאָנעלע זשאַנרען פון דער דערציילערישער פּראָזע מיט איר עפּישן, פאַרצווײַגטן סוזשעט,

מיט אירע טיפן און כאַראַקטערן. שוין דער פאַקט אַליין, וואָס דער לעבעדיקער ליטווישער קלאַסיקער יואָזאַס באַלטושיס, צום בײַשפּיל, זעצט פּאָר צו שרײַבן אין אזא נוסעך מײַסטערהאַפטע ווערק, וואָס זײַנען זייער פּאָפּולער באַם לייענער, איז נאָך איין באַווײַז, אז די נײַע שטרע־מונגען אין דער קונסט שאַפן ניט אָפּ די אַלטע שרײַבערישע קאַנאָנען, זיי אַנטפּלעקן בלויז נאָך איין, ביז איצט ניט באַוווּסטן אָדער קנאַפּ באַוווּסטן, וועג פאַר דער ליטעראַטור, מיט וועלכן מע קאָן גיין פּאָרויס. קיין מעכיצע צווישן די צוויי אַנטוויק־לונגס־וועגן פון דעם הײַנטצײַטיקן ראָמאַן אָדער דערציילונג עקזיסטירט ניט. זיי באַרײַכערן קעגנזײַטיק איי־נער דעם אַנדערן און אַנטפּלעקן איינער באַם צווייטן די שוואַכע ערטער.

די באַדערפענישן פון דער צײַט און די אַנטוויקלונג פון די קונסט־פאָרמען זײַנען קעגנזײַטיק פאַרבונדן. גרויסע דערפאָלגן דערגרייכן ניט בלויז די, וואָס זײַנען פאַרגלייבט אין די נײַע לייזונגען, נאָר פריִער פאַר אַלץ די, וואָס זײַנען מער טאַלאַנטירט און וואָס זוכן אָפּ מיט מער דער־פאָלג די הײַנטצײַטיקע האַרמאָניש־קײַט פון פאָרם און אינהאַלט.

ייִדיש — י. טשיטשעלניצקי

פון דער ליטווישער פּאָעזיע

יוסטינאַס מאַרצינקיאַוויטשיוס

פּרעליודיע

(פון דער פּאָעמע „בלוט און אש”)

געווען א דאָרף — ניטאָ דאָס דאָרף.
מע האָט עס לעבעדיקערהייט פאַרברענט —
מיט די, וואָס האָבן לעבן נאָך געדאַרפט,
מיט די, וואָס האָבן שטאַרבן שוין געדאַרפט,
און אויך מיט די, וואָס האָבן נאָך געזאָלט
געבוירן ווערן.
געווען א דאָרף — ניטאָ דאָס דאָרף.

ניט עמעס!
ס׳איז דאָס דאָרף פאַראַן.
עס ברענט נאָך הײַנט,
און ברענען וועט עס אזוי לאַנג,
קאָלזמאַן עס וועלן לעבן זײַנע אונטערצינדער.

צעפאַלט זיך, פלאַמען!
כ׳וויל טאָן א בליק אָף די, וואָס ברענען.

אָט דער־אָ יאַט — צי האָט ניט ער דען מיר
אמאָל געזאָגט:
— איך דאַרף דאָס לעבן, איך זאָל קענען
לעבן. —
ווי ווייניק און ווי פיל האָט ער פאַרלאַנגט!
אָ, ברודער מײַנער, מיטצײַטלער, בען־גיל!
פּאַרוואָס, זאָג, האָסטו דעמלט ניט געזאָגט:
„איך דאַרף דאָס לעבן, איך זאָל קענען קעמפן”?
ווי הייס איז אין מײַן ברוסט —
צי ברענט דאָרט ניט אָקאָרשט מײַן האַרץ?
ברען, האַרץ מײַנס, ברען!

דו ברענען דאַרפסט,
קעדיי מע זאָל שוין קיינמאָל מער
קיין מענטשן ניט פאַרברענען.

אָט דער־אָ דזוק[1] —
געאַקערט האָט אין יענעם טאָג.
האָט מען אים אָפּגעהאַלטן,
ניט געלאָזט פאַרענדיקן,
אַרײַנגעיאָגט אין פלאַם.
געבליבן איז דער אַקער־אײַזן
שטעקן אין דער ערד.
ער זשאַווערט אָבער ניט,
ווײַל יעדע נאַכט עס קומט דער דזוק,
פאַרשאַרצט די הויזן פונעם גראָב־געוועבטן לײַן,
ציילעמט זיך איבער, אַקערט ווײַטער;
און ס׳ציט אַוועק זיך דאָס צעאַקערט פעלד
פון פירטשיופּיס ביז צו פּאָנאַר.
און פון פּאָנאַר ביז מאַוטהאַוזען, אָשווענטשים.
עס איז דאָס אויפגעאַקערטע שטיק ערד, ווי
ס׳לעבן, לאַנג,
און ווי די ענדלאָזע טראַנשיי פון לעבן,
זי שטעלט זיך אומעטום דעם ריוו פון טויט
אַנטקעגן.

אָ, קיינמאָל זאָל ניט זשאַווערן דער אַקער!

---

[1] דזוקן — די אײַנוווינער פונעם דאָרעמ־מיזרעכ־דיקן קאַנט פון ליטע.

וויטאוטאס בלאָזשע

איך וויל ניט טײַלן מיט זיי!

איך טייל מיט די מענטשן
די פארבן פון הימל און זון,
די רו פון באזילבערטע בערג,
דעם יאם־ברעגס געשענקטן בורשטין;
איך טייל מיט די מענטשן
די קערנער פון קאָרן,
די יאג׳דעס פון וואלד,
דאָס וואסער פון קוואלן,
די דײַגעס פון טאָג;
איך טייל מיט די מענטשן
דעם שנייעלעך־טאנץ,
די באנק אין א פארק
און דאָס אָרט אין האָטעל...
נאָר פלוצעם כ׳דערמאָן זיך אין די,
וואָס טיילן איצט ערגעץ
דעם כוישעך פון גרוב...

צעשאָסן מ׳האָט פרויען,
בא וועלכע מײַן מאמע
פלעגט קויפן מעל און הייוון;
צעשאָסן מ׳האָט ייִנגלעך,
מיט וועלכע כ׳פלעג בײַטן
מארקעס און טויבן;
צעשאָסן די בערדיקע זקיינים,
צו וועלכע מ׳האָט געסטראשעט
אָפּגעבן אונדז, די שטיפערס...

און די, וואָס האָבן געשאָסן?
ווי איז מיט די, וואָס האָבן געמאָרדעט?
כ׳פארטראכט זיך הײַנט:
וואָס זאָל איך טאָן מיט די, וואָס האָבן
געמאָרדעט?

איך וויל ניט טיילן מיט זיי
די פארבן פון הימל און זון,
די רו פון באזילבערטע בערג,
דעם יאם־ברעגס געשענקטן בורשטין;

איך וויל ניט טיילן מיט זיי
די קערנער פון קאָרן,
די יאג׳דעס פון וואלד,
דאָס וואסער פון קוואלן,
די דײַגעס פון טאָג.

איך וויל ניט, זיי זאָלן ריידן אף מײַן שפּראך,
זאָלן טרעטן מײַן גראָז,
לייענען מײַנע לידער...

איך וויל ניט, זיי זאָלן קויפן
מעל, הייוון און זאלץ,
זיי זאָלן אָנקוועלן פון קינדער און טויבן.
איך וויל ניט, אז מאמעס זאָלן שרעקן מיט זיי
ניט־אײַנשלאָפנדיקע אייפעלעך.
איך וויל ניט!

■

אלגימאנטאס באלטאקיס

מעטאל־גאמע

בעטאָן,
טשוהון
און שטאָל.
ארום דעם אוטאָגען
אן אָרעאָל.

ס׳האָט פאר דער וועלט
דער דאמף־קעסל
זײַן בויך ארויסגעשטעלט.

שטייט ער —
אזא שווערע, גלאנציקע פּאָעמע,
צונויפגעשרויפט מיט מוטערקעס,
צונויפגעשטעפט מיט קליאָפּקעלעך, וואָס קלעמען.
בא מיר האָט כיין די גאמע פון מעטאלן,
איך וואָלט איר נאָכמאכן געוועזן א באלן.
כ׳וואָלט זײַן אזוי צופרידן און באגײַסטערט,
ווען איך די פערזן פרעס צונויף,
ווי ס׳מאכט עס מיט די מוטערקעס דער מײַסטער.

ייִדיש — הירש אָשעראָוויטש

קורצע רעצענזיעס

דעם דיכטערס גאנג

(הירש אָשעראָוויטש. זונענגאנג.
מאָסקווע, פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל“,
1969, 240 זײַטן)

דער רוסישער סאָוועטישער שרײַבער קאָנסטאנטין פּאר־סטאָווסקי האָט אמאָל געשריבן: „קיין שום זאך מאכט אזוי ניט יינגער די ווערטער, ווי פּאָעזיע. אין פערזן באַ־קומט דאָס וואָרט אורשפּרינגלעכע פרישקייט, קראפט און מוזיקאַלישקייט. קומענדיק אין באריר מיט דער דיכטונג, ווערן די ווערטער אָנגעפילט מיט זייער עכטן אינהאלט“.

איך האָב זיך דערמאָנט אין די דאָזיקע שורעס, ווען כ׳האָב, בלעטערנדיק ה. אָשעראָוויטשעס לידער־זאמלונג „זונענגאנג“, זיך אָנגעטראָפן מיט דעם, וויאַזוי דער דיכ־טער נעמט אויף די זון.

דער זון־פארגאנג און דער זון־אויפגאנג רופן ארויס באם דיכטער א שווונג פון פאנטאזיע, א גאמע פון עמאָציעס. ער האָט ראכמאָנעס אף דער זון, ווען זי פארגייט, און איז שטארק פארכושט, ווען „זי ברעכט א נאכט, באשאפט א טאָג, און שטײַגנדיק א יונגע, רויטלט זי זיך ווידער: וויי־וויי, זי איז אמאָל פארגאנגען!..“

זון איז א סימבאָל, מיט וועלכן ס׳איז פארבונדן די מאזשאָר־שטימונג פונעם דיכטער: „זון גייט אוף — דאָס בייז פארגייט“. זון איז אויך זײַן פּאָעטישער אידעאַל:

און אליין א זון כ׳זאָל ווערן,
ווען ס׳איז טונקל...

אייביק זוכן — צו דעם שטרעבט דער לירישער העלד פון אָשעראָוויטשעס לידער־זאמלונג, ווײַל „שטענדיק ניט געפינען איז א שווערער גזאר, שטענדיק מוזן זוכן איז א לוין“, ווײַל „דער מענטש לעבט אָפּצוקלײַבן יענע טעג, וואָס וועלן בלײַבן העל אויך פאר דער ווײַטסטער ווײַט“. פונדאנען דער פילאָסאָפיזם פונעם דיכטערס ווערק, פונדאנען דאָס באזינען ניט דעם פאקט אליין, נאָר די פילאָסאָפיע פונעם פאקט, די עמאָ־ציע און שטימונג, וואָס ער רופט ארויס, פונדאנען דאָס ארײַנדרינגען אין טאָך פון די געשילדערטע דערשײַנונ־גען, אין זייערע טיף־פארבאהאלטענע פּראָצעסן:

און ווען עס שוין געלינגען זאָל
אראָפּצוציִען פון דער קראָ
איר מאנטעלע דאָס שווארצע,
צי וואָלט זי ווערן דורך דעם
א ווײַסע טויב?

דאָס בילדערישע דענקען בא אָשעראָוויטשן פארשפּרייט זיך אויך אף אזעלכע פילאָסאָפישע קאטעגאָריעס, ווי, צום בײַשפּיל, עמעס, צײַט, אייביקייט. פארגלײַכנדיק דעם עמעס צו א קערן, פרעגט דער דיכטער:

איז עס עמעס, אז דער עמעס
וואקסט, ווי אלץ, וואָס דארף זיך מערן?

און ווי שטארק ער זאָל ניט רײַף זײַן,
דארף ער אלץ נאָך רײַפער ווערן,
דארף ער שטענדיק ראק באווײַזן:
ער איז מער, ווי ער געווען איז?..

אין דער ליד „מענטש און אייביקייט“ ווערט דער מענטש כאראקטעריזירט ווי א קליינער קוים און די אייביקייט ווי א גרויסער אלץ, און עס קומט א טיפזיני־קער אויספיר:

נעמען בא דער אייביקייט איז ניט קיין גנייווע.
אלץ, וואָס כ׳נעם פאר זיך, פאר איר איך קלײַב.
ווי אין נויעכס צײַטוועלעדיקער טייווע,
ראטעוועט די אייביקייט זיך אין מײַן לײַב.

דער פייזאזש אין אָשעראָוויטשעס לידער איז ניט קיין פּאַשעטער אָרנאמענט, ניט קיין רעפּראָדוקציע — נאָר א באלעבט בילד, דורכגעלאָזט דורכן דיכטערס „איך“־פיל־טער:

שאָקלען די נאסטורציעס די קעפּלעך —
שטימען אײַן מיט אלץ,
וואָס סע זאָגט דער ווינט...

און די פרעש מיט אופגעפּראלטע געמבעס
קלימפּערן ארײַן אין כוישעך:
„קארג! קארג! קארג! קארג!“

אויך באם באזינגען באלעכאַים („דער אלטער הונט“, „דער ארבעטס־אָקס“ אא.) גייט דער קינסטלער אפּן וועג פון פּסיכאָלאָגישער ארײַנדרינגונג אינעם מעהוס פון די דערשײַנונגען, געפּאָרט מיט דער פּלאַסטישער שילדערונג פון די דעטאלן. צוליבן מאנגל אין פּלאץ וועלן מיר זיך באנוגענען מיט ברענגען א בילדל, וויאַזוי די פייגל פּיקן קערנער:

די הון כאַפּט אומגעלומפּערט שווער — לויפט
און דאָך פארשפּעטיקט.
דאָס שפּערעלע, ניט קלאָר, עס טענצלט נאָר צי אויך
עס עסט?
די טויב, איר יעדן פּיק באוויליקט מיט א שאָקל
פונעם קעפּל.
די קראָ, כאַטש אלע שרעקן זיך פאר איר, ניט
נעמט, נאָר גאנוועט...

אייניקע פּאָעטישע שאפונגען אינעם בוך זײַנען געוויד־מעט ביבלישע לעגענדעס און מאָטיוון, ווי, צום בײַשפּיל, „כאד־גאדיע“, „דער זינד־באָק“, און אויך באוווסטע סר־זשעטן פון דער קלאַסישער ליטעראטור. אין דער פּרעכ־טיקער באלאדע „אין גלופּסק באנאכט“ פיגורירן פישקע דער קרומער, בײַלע די האַרבאטע, יאַנטל דער אַנפּיסיקער, פּיאוויקין דער באלטאקסע — און אלס קאָמפּאָזיציאָנעלע

ראם דינט די שורע „און סע זעט זיי די לעוואָנע נאָר, און מענדעלע דער זיידע"...

מיט באַדייטנדיקער קינסטלערישער קראַפט קלינגען די צוויי ברייטלייַוונטיקע פּאָעמעס — „סדוֹמים", לויט דער ביבלישער לעגענדע; דאָס געשטאַלט פון סדום ווערט דאָ דערהויבן צו א סימבאָל פון זינד, רישעס, גרויזאַמקייַט און העפּקיירעס, און „מאַיאָר קלאָד איזערלי" — א ברייטע פּאַנאָראַמע פון דעם אַטאָם־אַטענטאַט אָף כיראָסימע און פון די פאָלגן, וואָס אָט דער שוידערלעכער אקט פונעם אַמעריקאַנער מיליטאַריזם האָט געהאַט. דורך דעם גע־שטאַלט פון קלאָד איזערלי ווערט ארויסגעטראָגן א באַ־שולדיקונגס־אורטייל דער פארברעכערישער פּאָליטיק פון די אונטערצינדער פון א נייַעם קריג.

די שפּראַך פון אַשעראָוויטשעס שאַפן איז לאַקאָניש און אָנגעזעטיקט מיט נייַע וואָרט־באַהעפטן, וואָס דינען אלס עפּיטעטן אָדער מעטאַפאָרעס אין שעפערישן ארסענאַל פונעם אוטאָר.

רייַך איז אַשעראָוויטשעס פּאָעטיק מיט רעטאָרישע פי־גורן (פראַגן, אויסרופן, ווענדונגען), וואָס פארשאַרפן די עמאָציאָנעלע ווירקונג פון די לידער, וועלכע זייַנען אָפּט ווי אייַז־בערג מיט אָפענע און פארבאָרגענע זייַטן:

ווען ס'ברענט אויס אין הארץ דער ווייטעק,
וווּ פארבלייַבט דאָס אַש?
— — — — — — — — — — — — —
ווען עס ברענען אויס די ווייען,
וואָס בלייַבט אינעם הארץ?

אין זייַן פּאָרטראַג וועגן פּאָעזיע אָפן דריטן אַלרוסלענ־דישן שרייַבער־צוזאַמענפאָר אין מאָסקווע, מארט 1970 — האָט דער דיכטער וואסילי פיאָדאָראָוו געזאָגט: „פּאָעטן און רעוואָלוציאָנערן ווערן געבוירן לויט איינע און די זעלבע געזעצן. זיי געבוירט דער דאָרשט נאָכן עמעס, נאָך סאָציאַלער און עטישער שליימעס, זיי געבוירט דאָס געפיל פון גערעכטיקייַט און שיינקייַט". אָט דער גע־דאַנק קען באַשטעטיקט ווערן אין די שורעס פון אונד־זער אוטאָר:

כ'זע א שליכעס אין מייַן גאַנג,
אין מייַן טראַט — דעם עמעס.
כ'טרוים, מייַן זויבערער געדאַנק
ווערן זאָל אויך יענעמס...

מוניע גלייזער

דער נעכטן, דער הייַנט — געקניפּט און געבונדן

(ריווקע רובין. „עס שפּינט זיך א פּאָדעם". „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 4 פארן 1969 יאָר)

א נאָמען פון א ווערק האָט, ווי באַוווּסט, זייַן גוירל, זייַן מאַזל. „עס שפּינט זיך א פּאָדעם" — עפּעס א דינאַמיש־רייצנדע אָנצוהערעניש, א נאָמען, וואָס זאָגט צו און איז שוין אָן און פאַר זיך א פייַנער שעפערישער אופטו.

צי איז דאָס אָן אוטאָביאָגראַפיש ווערק?

אין א געוויסער מאָס יאָ. דאָ זייַנען באַשטימט פאראַן אזוינע באריר־פונקטן, וואָס האָבן א שייַכעס אויך צו ריווקע רובינס אייגן לעבן, צו איר שוין אָפּגעקילטן נעכטן, באַשפּינט און באַווירצט מיטן לעבעדיקן, קוועק־זילבערדיקן הייַנט. אָבער אפילע די דאָזיקע, אזוי צו זאָגן, אוטאָביאָגראַפישע מאָמענטן זייַנען אויך שעפעריש איבערגעשטאַלטיקט. אינגאַנצן גענומען — דארף מען צו־געבן — איז דאָס א ווערק, וואָס איז אויסגעוועבט פון קינסטלערישע זעונגען, געדאַנקלעך באַזיניקטע און עמאָ־ציאָנעל פארטיפטע.

איך האָב געהאַט ערגעץ אויסגעלייענט: שרייַבן א ווערק הייסט — גייענדיק פאָרויס, א גלעט טאָן מיטן בליק דעם דורכגעגאַנגענעם מהאַלעך. און אזוי געשעט עס טאַקע בא ריווקע רובין אין דער דערציילונג.

דער ארכיטעקטאָנישער געבוי פון אָט דעם ווערק איז א ביז גאָר אייגנאַרטיקער און ניט געוויינלעכער. עפּעס א געמיש פון צייַטן. ניטאָ דאָ קיין פריִער, קיין שפּעטער. דער הייַנט רייַסט זיך קעסיידער אַרייַן אינעם נעכטן, און פארקערט.

לייקע פייַנבערג, פון וועמענס נאָמען ס'פירט זיך דער סיפּער־האַמייַסע, וווּנדערט זיך אליין און פרעגט: „וווּהין האָט עס מיך פארטראָגן? א מין שפּרונג איך האָב גע־מאַכט אָף גאַנצע צוויי יאָר פאָרויס. אָט ערשט האָב איך דאָך געזען זיך צווישן סעדער און גערטנער אָפן וועג צו אונדזער זומער־ווינונג, און דאָ האַלט איך שוין גאָר בא דער מילכאָמע..."

יאָ, דער געוויינלעך כראָנאָלאָגיש־אייַנגעשטעלטער סיי־דער אינעם לעבנס־געלויף פון די העלדן איז דאָ, ווי א קינסטלערישער מעטאָד, אָפּגעפרעגט. און דעריבער איז שוין ניטאָ די גלייַך־אויסגעווירעטע סוזשעטן־ליניע, ווי אויך די קאָמפּאָזיציאָנעל־שטרענגע אויסגעהאַלטנקייַט.

און דאָך איז די דערציילונג „עס שפּינט זיך א פּאָדעם" איבערגעפולט מיט אינהאַלטלעך־אָנגעזעטיקטן סוזשעט. ס'דוכט זיך מיר שוין אפילע אויס, אז דאַפקע דאָס צע־וואָרפנקייַט גיט צו דעם ווערק א באַזונדערע כיינעוודי־קייַט.

„עס שפּינט זיך א פּאָדעם" איז, ווי מיר דוכט, א דין געוועב, זייער א דינס, אָבער אין א שמאָלער ראַם. ווען דער מעכאַבער זאָל ניט זייַן אזא קאַמצן אָף א וואָרט באַם שאַפן א סיטואַציע און אויסוועבן א געשטאַלט, וואָלט די דערציילונג געקאָנט און געדאַרפט אויסוואַקסן אין א גאַנצן ראָמאַן.

דאָס דאָזיקע ווערק הייבט זיך אָן, ווי דער לייענער ווייסט, דערמיט, וואָס לייקע פייַנבערג, א פרוי שוין אין א בעקאָוועדיקן עלטער, זעצט זיך אוועק אין א צוג, וואָס פאָרט קיין אלמא־אטא. זי פאָרט צו אירער א יוגנט־כא־ווערטע עסטער וויגדאָרטשיק, קעדיי צוזאַמען מיט איר, אין שמועסן און אין דערמאָנונגען, ווידער אופצולעבן דאָס פארגאַנגענע, דורכצומאַכן אין קויעך־האַדימיען דעם שוין לאַנג פארשוווּנדענעם, פארפלאָנטערטן לעבנס־געדריי זייערן, און עפּשער מאַכן דערפון געוויסע אויספירן. „סע בענקט זיך, — זאָגט לייקע, — נאָך א נעס, נאָך א נייַעם אָנהייב ערגעץ דאָרט, וווּהין עס טראָגט מיך דער צוג"...

אָבער שוין באַנאַכט אין קופּע פון וואַגאָן, צווישן איין דרעמל און דעם צווייטן, הייבט זיך אָן פאַנאַנדערוויקלען דער לעבנס־קנויל פון מענטשלעכע טרעפענישן, באַגעג־נישן, איבערלעבונגען, א מערקווירדיקע שפּיל פון ליכט

און שאָטן, פון פרייד און לייד. צוערשט בליצן אויף די פריסטע יוגנט־יאָרן (די ערשטע, אגעוו, יאָרן פון דער ראטנמאכט). „בעסאכאקל, — דערמאָנט זיך לייקע, — זײַנען מיר אלע, מיידלעך פונעם פּעדאגאָגישן טעכניקום, געגאנגען אין גאס באָרוועס, ניט נאָר דערפאר, וואָס אונדזערע שיך האָבן מיר אָפּגעהיט אף ווינטער, נאָר טאקע אפּצולאָכעס דער שטאָט אויך, וואָס האָט אונדז, היספּײַלעסדיקע יונגע קעלבלעך, געהאלטן פאר פארשײַטע מוידן“...

און אָט איז נאָך א קורץ בילדל, שוין אין צוזאמענווווינונג פונעם טעכניקום. אופגעכאפּט זיך פונעם שלאָף איבערן סקריפּ פונעם בעטל, נאָך א שיינעם, זיסן כאָלעם, דערפילט לייקע: „אין צימער גאנוועט זיך ארײַן די וואָר. א קאלטע, א ניכטערע, שטעלט זי זיך אוועק בא מיר צוקאָפּנס...“

מיט אזעלכע קנאפּ געזאָגטע און פיל געמיינטע אָנדײַטונגען שפּאָרט דער מעכאבער אײַן א סאך ארומריידענישן און באשרײַבעכצן.

ריווקע רובין איז אין דער דאָזיקער דערציילונג ניט קיין סטאם דערציילערן, ניט קיין באשרײַבערן פון אלץ, וואָס זי זעט און הערט ארום זיך. זי באנוגנט זיך ניט מיט אופנעמען און שילדערן אלץ, וואָס ליגט אף דער אויבערפלאך פון לעבן. מיט איר קינסטלערישן כוש כאפּט זי ארויס פון איר נעכטן און הײַנט די וויכטיקסטע לעבנס־קנופּן.

טיף־פּסיכאָלאָגיש דרינגט זי ארײַן אין דעם אינערלעכן נעשאָמע־לעבן פון אירע העלדן, אין זייער אינטימער וועלט. דאָס גיט איר די מעגלעכקײַט עמעסדיק צו שילדערן זייער קאָמפּליצירטן לעבנס־וועג.

מיט דער צײַט ווערן די העלדן פון „עס שפּינט זיך א פּאָדעם“ רײַפער, באלאָדן מיט דערפארונג. אין זייער לעבנס־גאנג שווימען אויף ערנסטע פּראָבלעמען פון גײַסטיקן שאפן. די שרײַבערן איז אויך דאָ, אין איר שילדערן, לעמאָשל, פּראָבלעמען פון טעאטער און שול־וועזן, אינעם אויפן פון אופאסן די שעפערישע סוויווע, נײַ און אייגנארטיק.

פּרינציפּיעל־דרייסט זײַנען באוויזן די לעפּצינס, די פּרינציפּלאָזע מענטשן, וואָס דערווערבן זייער אווטאָריטעט נאָר אדאנק זייער טומלען און רוישן מיט די טראפּארעטע, אויסגעדראָשענע דראָשעס זייערע, און דערצו נאָך זײַנען זיי כוצפּעדיקע און אזעסדיקע לײַט. זיי זײַנען אין טאָך טאקע די שעדיקער, וואָס האמעווען און פארהאלטן דעם פּראָגרעסיוון וווּקס אין גײַסטיקן שאפן, שטערן יעדן פרײַען געדאנק און טאט.

ס׳איז ריווקע רובינס א פארדינסט, וואָס זי האָט אין איר ווערק קינסטלעריש באוויזן דעם עמעסן פּארצעף פון אזוינע טיפּן.

צווישן די געשילדערטע פיגורן און געשטאלטן אין דער דערציילונג פארנעמען, פארשטענדלעך, דאָס בעקאָוועדיקסטע אָרט יויסעף און לייקע.ביידע גײַסטרײַכע שעפערישע נאטורן, יעדערער פון זיי טראָגט א גאנצע וועלט אין זיך, און ביידע צוזאמען זײַנען זיי א געבענטשטע פּאָר.

גליקלעך איז זייער צוזאמענלעבן ביז דער מילכאָמע, זייער פארליבטקײַט איינער אין דעם אנדערן. לעם אָט דעם פּאָרל דערווארעמט זיך אפילע די מאָרעשכוירעדיקסטע נעשאָמע. דעריבער טאקע איז זייער שטוב שטענדיק פול מיט מענטשן.

ריווקע רובין גיט דערבײַ צו, אז דאָס מאטעריעלע לעבן זייערס איז אפילע א גענוג שווערס. די דירע א שלעכטע, א קליין צימערל. איר לייקע זאָגט אָבער: „וואָס איז שײַעך צו מיר, האָב איך ליב אונדזער קליין צימערל. דאָס „לײַען א דרײַערל אף שאבעס“, ווי ס׳האָט בא אונדז געהייסן, איז אויך קיין אומגליק ניט געווען“. אבי נאָר די בעשוטפּעסדיקע גײַסטיק־שעפערישע וועלט זייערע זאָל זײַן א ליכטיקע. ווען „יויסעף ארבעט, — זאָגט לייקע, — איז מיר רויִק, איז מיר גוט. די וועלט איז אײַנגעאָרדנט אפן בעסטן אויפן“.

האָט זיך דאָס גליק זייערס געצויגן אזוי ביז דער מילכאָמע, אין וועלכער לייקע האָט איר יויסעפן פארלאָרן. טיף טראגיש איז אין אָט דעם אומגליק אויסגעדריקט די מאגייפע־אָנשיקעניש פונעם פאשיזם.

אין דער דערציילונג שײַנען ארויס, אויסער יויסעפן און לייקען, אויך אנדערע געשטאלטן. דער לייענער באקומט זיי ליב, ער ווערט צומאָל פארכאפּט און מיטגעריסן מיט זייער פרייד.

אינטערעסאנט שילדערט ריווקע רובין די פּאָרגעשריטענע לערערקע, וואָס האָט זיך איר צוגאנג, איר אייגענעם לערן־ און דערציִונגס־מעטאָד. זי פירט ניט מעכאניש, נאָר שעפעריש דעם פּעדאגאָגישן פּראָצעס. מיט איר גרויסן טאקט און קלוגער אופירונג, מיט איר באנעמונג און ליבע צו די שילער, בליץ־שנעלן אופכאפּן און רעאגירן אף יעדער צאפּל פונעם געדאנק און געפיל בא די שילער, — מיט דעם אלץ שאפט זי אין קלאס א לוסט אופצונעמען און אײַנזאפּן אלדאָסגוטס, וואָס די לערע גיט. ניט נאָר זי ברענגט אירע שילער וויסן און קענטענישן, נאָר זי וועקט אײַנצײַטיק די נייטיקײַט זעלבשטענדיק צו פילן און דענקען, זי לערנט די שילער טראכטן און ארײַנטראכטן זיך אין די קאָמפּליצירטסטע לעבנס־דערשײַנונגען, זי רופט ארויס בא זיי וויסנגיריקײַט, דאָרשט וואָס מער צו באַרײַכערן זיך אינטעלעקטועל און עמאָציִאָנעל.

אין דער פיגור פונעם שול־דירעקטאָר, וואָס וויל פּאָטער ווערן פון אזא לערערקע, פירט ארויס דער מעכאבער א טיפּישן ביוראָקראט, א טשינאָווניק, א צופעליקן מענטש אין דער פּעדאגאָגישער וועלט.

באזונדערס בוילעט ווערט באוויזן אין דער דערציילונג דער שעפערישער אימפּולס אין דער טעאטראלער סוויווע. די גאלעריי געשטאלטן — ארטיסטן און אקטריסעס — איז ביכלאל א נײַע פאר דער ייִדישער פּראָזע.

ריווקע רובינס דערציילונג „עס שפּינט זיך א פּאָדעם“ איז דורכגעדרונגען מיט ווייך־לירישע שטימונגען, מיט יאָמטעוודיקער דערהויבנקײַט.

יאנקעוו לוואָווסקי

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

ניט אנדערש — א זשורנאליסטישע „דזשויִש דעפענס־ליג"

וואָס עס איז אזוינס די „עמעסע" „דזשויִש דעפענס־ליג", ווייסן שוין מינאסטאם אלע: עפּעס א פּאַרזעעניש מיט אן ענגלישן נאָמען: שטאמט פון יִידן און פּאַדעט ארום דאָרט, ווו די סטראטעגן פונעם קאלטן קריג דאַרפן האָבן סקאנדאליסטן מיט יִדישע נעמען; די „ליג" מאכט טאקע עפנטלעכע סקאנדאלן, בוויאנעוועט — א ביזע־ביזאַיען; אין פאראנטוואָרטלעכע געזעלשאפטלעכע קרײַזן איז מען געקומען צום געדאנק, אז די „ליג" קאָן מען פארגלײַכן מיט א כאָפּטע שטורמאָוויקעס.

אזא מאזל האָט שוין דאָס יִדישע פאָלק...

ס׳וואָלט אָבער געווען א האלבע צאָרע, ווען אונטערן אויסרייד פון „פארטיידיקן די יִידן" זאָל אין אמעריקע זיך ניט פארנעמען מיט כוליגאנסטווע נאָך איין כאָפּטע — דערצו א באוואָפנטע ניט מיט איינפאכע וועלאָסיפּעד־קייטן און דובינקעס, נאָר מיט שרײַב־מאשינקעס, לינאָטיפן אדג.

ניין, מיר טרײַבן ניט איבער. הײַנט־צו־טאָג איז שוין א סאָד אף גאנץ בראָד, אז די צוויי ניו־יאָרקער אנטי־סאָוועטישע יִדישע בלעטער, וועלכע האָבן אמאָל געמאכט אן אָנשטעל, אז זיי האָבן „פּלאטפאָרמעס" און „פּרינציפּן", באנוצן זיך פון לאנג און גאנץ אָפן מיט די מעטאָדן פון דער „ליג".

א פּאָר באוויַיזן וועלן מיר ברענגען, בלעטערנדיק, דאָס מאָל, איינע פון די צוויי דערמאָנטע בלעטער — דעם „טאָג־מאָרגן־זשורנאל".

„סאָוועטישע וועכטערס האָבן אין 1943 אומגעבראכט 4000 יִידן אין א לאגער לעבן לעמבערג, — ווערט אופ־געדעקט..." אזא קאָפּ אף דער ערשטער זײַט זעען מיר אין איינעם פון די נומערן פון „טאָג". טרעפלעך האָט וועגן דעם זיך אָפּגערופן די פאריזשער „נײַע פּרעסע": „שוין פון דעם טיטל אליין שרײַט ארויס די העסלעכע פעלשונג, וואָרעם בעעמעס: ווי קומען „סאָוועטישע וועכ־טערס" צו א לאגער לעבן לעמבערג אין יאָר 1943, ווען די געגנט איז געווען אָקופּירט דורך די נאציס?"

ווײַטער וועלן מיר זיך שוין האלטן בא דער „נײַער פּרעסע":

„ווען מע קוקט ארײַן אין טעקסט פון דעם ארטיקל (אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאל". — רעד.), דערוויסט מען זיך, אז עס האנדלט זיך קלאל ניט אין „סאָוועטישע וועכטער", נאָר אין וולאסאָווצעס, וואָס האָבן פאראטן דעם ראטנ־פארבאנד, זיך פארקויפט צו די נאציס און זיך געשלאָגן קעגן זייער היימלאנד.

אָבער אויך דערמיט ענדיקט זיך ניט די פעלשונג.

עס ווײַזט זיך, נעמלעך, ארויס פונעם טעקסט גופע פון דעם „טאָג"־ארטיקל, אז דאָס, וואָס די צײַטונג האָט ערשט פאָרגעשטעלט אלס פארברעכן פון „סאָוועטישע וועכ־טערס", איז געוואָרן אופגעדעקט... דורך א סאָוועטישן דאָקומענט.

ווי זשע איז מעגלעך דערגיין צו אזא באוווסטזיניקער נידערטרעכטיקײַט?"

אזא פראגע פארגיט די פאריזשער „נײַע פּרעסע". און מיר שטעלן אפילע קיין פראגעס ניט, ווײַל ס׳איז קלאָר: דאָס איז א שמוציק שטיקל ארבעט פון דער יִדיש־אמע־ריקאנער זשורנאליסטישער „דזשויִש דעפענס־ליג".

די דאָזיקע זשורנאליסטישע „ליג" האָט זיך באוויזן אף „גאָטס וועלט" („טאָג־מאָרגן־זשורנאל" איז א פרומע ציִעניסטישע בלאט) א סאך פריִער, איידער די „עמעסע" „ליג", און מע קאָן זאָגן, אז די יִדישע שטורמאָוויקעס מיט די וועלאָסיפּעד־קייטן זײַנען טאלמידים פון די אנטיסאָוועטישע יִדישע זשורנאליסטן.

די זשורנאליסטישע „ליג" ווערט אויסגענוצט מיצאד אירע באלעבאטים אף צו מאכן סקאנדאלן אין ליטע־ראטור־געביט. דעריבער האָט „סאָוועטיש היימלאנד", ווי באוווסט, ספּעציעל אויסגעטיילט אף זײַנע זײַטן א ווינ־קעלע אונטערן טיטל „קאָמענטארן פון רעדאקציע", קעדיי אלע מאָל כאפּן בא דער האנט די פעלשער און וואָרענען דעם לייענער וועגן זייערע ליטערארישע פּראָוואָקאציעס. עטלעכע מאָל איז, לעמאָשל, אויסגעקומען צו געבן א געהעריקע אָפּשאצונג די אָנפאלן אף דער סאָוועטישער יִדישער ליטעראטור און אף באזונדערע יִדישע סאָוועטי־שע שרײַבער מיצאד דעם אווטאָר פון א שטענדיקן קאָלום אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאל" יאנקעוו גלאטשטיין. „סאָווע־טיש היימלאנד" האָט אויך צו וויסן געגעבן דער געזעל־שאפטלעכקײַט וועגן די מידעס פון א צווייטן מיטארבע־טער פונעם „טאָג־מאָרגן־זשורנאל", א שווינדלער לויטן באַרוף, ש. ל. שניידערמאן, וועלכער טראכט אויס, זיצנ־דיק אין ניו־יאָרק, געמיינע געשיכטעס וועגן זײַנע קלוי־מערשטע באגעגענישן און שמועסן — אין מאָסקווע! — מיט פארשטאָרבענע סאָוועטישע שרײַבער, אזעלכע ווי קאָרניי טשוקאָווסקי און איליא ערענבורג, ארײַנלייגנדיק אין מויל פון די גרויסע סאָוועטישע פּאטריאָטן קאָלערליי נארישעוואטע און פּאָליטיש־צווייפלהאפטע רייד.

די „ליג"־זשורנאליסטן פונעם „טאָג־מאָרגן־זשורנאל" דינען, ווי געזאָגט, דעם ציִעניסטישן באלעבאָס, און בא־גלײַך מיטן ציִעניזם אינגאנצן גענומען, זײַנען זיי איצט שטארק נערוועז, ווײַל זיי זעען שוין באשײַמפּערלעך, אז ס׳האָט זיך זיי ניט אײַנגעגעבן לאנג צו ספּעקולירן ארום דעם קיִעם פון מעדינאס יִיסראָעל: די מעדינע לעבט און וועט לעבן — ניט אין זכוס פונעם ציִעניזם, נאָר, פארקערט, באפרײַענדיק זיך אלץ מער און מער פון זײַנע יִידנפײַנטלעכע ווירקונגען. באזונדערס אין די איצטיקע טעג, ווען אדאנק די באמיִונגען פון די שאָלעם־קויכעס אין דער וועלט, אײַנגעשלאָסן יִיסראָעל, מוזן די ציִעניס־טישע עקסטרעמיסטן (וועמענס אָרגאן אין אמעריקע עס איז דער „טאָג־מאָרגן־זשורנאל") אָנהייבן טראכטן וועגן

אַפּטרעטן, און אפן מיטעלן מיזרעך וועלן באַלד שוין בלאָזן אנדערע ווינטן, — באזונדערס איצט זײַנען אופגערייצט און נערוועז די גלאַטשטיינס און די שניידערמאנס. אין זייערע ארטיקלען, וועלכע דער „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" רוקט אונטער, ווי טוכלע סכוירע, דעם לייענער, הערט זיך דאָס טויבע קלאַפּן פון וועלאָסיפּעד־קייטן און דובינקעס.

ס׳וועט אָבער קומען א צײַט, זי איז שוין ניט ווײַט, ווען פון דער „ייִדישער גאס" אין אמעריקע וועלן ארויסגעשלײַדערט ווערן — סײַ די „עמעסע" „דזשוויש דעפּענסליג", סײַ איר זשורנאַליסטישע קרויווע.

„א קלאַפּ אין טיש און א לעק דעם שטיוול"

דער איצט שוין פארעלטערטער „פאָרווערטס"־שרײַבער באָריס סמאָליאר דערמאָנט זיך (אין זײַנעם אן ארטיקל אין אָט דער צײַטונג), וויִאזוי ער איז, אָנהייבנדיק פון 1928, געווען אן „אקרעדיטירטער אמעריקאנער קאָרעספּאָנדענט" אין מאָסקווע און וויִאזוי אנומלטן האָט שאָלעם אש, בײַס זײַן באזוך אין ראטנפארבאנד, „א קלאַפּ געטאָן מיטן פויסט אין טיש", ווען די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער האָבן אײַנגעאָרדנט מיט אים א באגעגעניש. באָריס סמאָליארן האָט זיך דאן אויסגעדאכט, און הײַנט, אין פערציק יאָר ארום, שרײַבט ער וועגן דעם, ווי וועגן א היסטאָרישן פאקט, אז די זאך איז באשטאנען דערין, וואָס דער רוסישער פארלאג „גאָסליטיזדאט" האָט „זיך געקליבן ארויסגעבן אין רוסיש" שאָלעם אשס אנטיסאָוועטישע טרילאָגיע „דרײַ שטעט" און „דער דיקטאטאָר אין ייִדישליטעראַרישן לעבן" מוישע ליטוואקאָוו האָט אין זײַן ארויסטרעטונג אף דער דערמאָנטער באגעגעניש „ארונטערגעריסן" די „דרײַ שטעט". אש האָט ניט אויסגעהאלטן, „א קלאַפּ געטאָן אין טיש", און שוין.

ווײַטער באשרײַבט באָריס סמאָליאר מיט סענסאציע־ציטערניש די געשעענישן אזוי:

„עס איז געוואָרן א טומל, און גאָרניט קיין קליינער. ליטוואקאָווס כסידים האָבן געשריגן אף אשן, און אש האָט, נאָך א מער צעהיצטער, געשריגן אף זיי און געזידלט ליטוואקאָוון. דער טומל האָט זיך געצויגן אומגעפער א האלבע שטונדע... „איר וועט דאָך זיכער ניט שרײַבן וועגן אש׳ס סקאנדאליעזער אופירונג!" — איז ליטוואקאָוו (שפּעטער) צוגעקומען צו מיר. „פארוואָס ניט? — איז געווען מײַן ענטפער. — שאָלעם אש איז א וועלט־פיגור אין דער ליטעראטור..." איך האָב, נאטירלעך, טעלעגראפיש באריכטעט וועגן דעם אינצידענט קיין אויסלאנד, און דער צענזאָר, וואָס האָט ניט ליב געהאט ליטוואקאָוון, האָט געשמייכלט, לייענענדיק מײַן טעלעגראמע, און זי דורכגעלאָזט... זינט דאן האָט ליטוואקאָוו מיך אָנגעהויבן אטאקירן אין לייטארטיקלען אין „עמעס", קעדיי צוציִען די אופמערקזאמקײַט פון דער גע־פּע־או"...

מירן אף א רעגע איבערשלאָגן די רייד פונעם איצט שוין פארעלטערטן „פאָרווערטס"־שרײַבער באָריס סמאָליאר און אים זאָגן: וואָס רעדט איר קינדערשע זאכן? טוט אָקאָרשט א קנייטש דעם שטערן, וועט איר זיך דערמאָנען, אז ווער־ווער, נאָר איר און די „גע־פּע־או" האָבן ביקלאַל ניט געהאט וואָסער־ניט־איז שײַכעס צו אָט דער פּאסירונג... שאָלעם אש איז טאקע געווען אף א באזוך אין מאָסקווע, נאָר זײַן טרילאָגיע „דרײַ שטעט", וועלכע ס׳האָט פון אָנהייב אָן פארורטיילט די גאנצע ייִדישע, און ניט נאָר ייִדישע, סאָוועטישע קריטיק, האָט קיינער אין ראטנפארבאנד קיינמאָל ניט געקליבן זיך ארויסגעבן — ניט אין רוסיש, ניט אין ייִדיש. פּאָשעט דערפאר, ווײַל ניט דער „גאָסליטיזדאט", ניט דער „עמעס"־פארלאג זײַנען קיינמאָל אין זייער געשיכטע ניט געווען קיין אנטיסאָוועטישע פארלאגן. און וואָס איז שײַעך שאָלעם אשס „קלאַפּ אין טיש", וועט איר עפּשער זיך מאטריִעך זײַן דורכלייענען טאקע מוישע ליטוואקאָווס אן ארטיקל, וואָס איז ארײַן אין דער קלאַסיק פון דער ייִדישער ליטעראטור־קריטיק, — דאָס ארטיקל הייסט „א קלאַפּ אין טיש און א לעק דעם שטיוול". פארוואָס, וועט איר פרעגן, „א לעק דעם שטיוול"? ווײַל שאָלעם אשס „אופּטו" איז באשטאנען דערין, וואָס איידער קומען צו פאָרן אין דער יונגער סאָוועטן־רעפּובליק, וועמענס וועלט־היסטאָרישע ראָליע ער האָט ניט פארשטאנען און ווו ער האָט זיך דעריבער דערלויבט „א קלאַפּ טאָן אין טיש", איז ער געווען אין פּילסודסקיס פּוילן, און דאָרט האָט ער, — מירן ניט גיין איצט דערציילן די פּראָטים, — „א לעק געטאָן דעם שטיוול"...

ווי באוווּסט, האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרצענדליקער דער גוירל אָפּגעשפּילט מיט שאָלעם אשן א שיין „שפּיצל": די ייִדישע רעאקציע (אין דער ערשטער ריי — דער „פאָרווערטס") האָט מאמעש באשפּיגן אים און זײַן שאפונג, און די סאָוועטישע ייִדישע קריטיק (ארײַנגערעכנט, לעצטנס, די קריטיק פון „סאָוועטיש היימלאנד") האָט, באשטעטיקנדיק נאָכאמאָל די נעגאטיווע אָפּשאצונג פון אזעלכע ווערק, ווי „דרײַ שטעט", פארעכנט די רעאליסטישע הויך־קינסטלערישע ראָמאנען און דערציילונגען זײַנע צו די בעסטע מוסטערן פון דער ייִדישער ליטעראטור.

און דער מאָסקווער „גאָסליטיזדאט" האָט טאקע ערשט ניט לאנג ארויסגעלאָזט א גרויסן באנד שאָלעם אשס ווערק אין דער רוסישער איבערזעצונג, אָבער (זאָל אונדז מויכל זײַן דער פארעלטערטער „פאָרווערטס"־שרײַבער באָריס סמאָליאר) די „דרײַ שטעט" זײַנען אין דעם באנד ניט ארײַן...

פאַרשיידנס

◇ מעשוגע צו ווערן. דער לאָנדאָנער זינגער און מוזיק־לערער באָב ענטאָני האָט געשלאָגן א רעקאָרד: ער האָט אין מעשעך פון 24 שאָ נאַכאנאנד אָפּגעזונגען 494 לידער און זעקס סאָנגען אין זעקס שפּראכן. דער אָרקעסטער, וואָס האָט אים באגלייט, האָט ניט אויסגעהאלטן אזא אָנשטרענגונג — ער האָט געמוזט פיר מאָל זיך בײַטן.

◇ א זעלטענער בוך. אין איינעם פון די ניו־יאָרקער בוקינײַסטישע מאגאזינען איז ארויסגעשטעלט צו פארקויפן זייער א זעלטענער בוך — די ביבל, וואָס אליין גוטענבערג האָט אָפּגעדרוקט. דער בוקיניסט האָט געמאָלדן, אז ער וויל באקומען פארן בוך ניט ווייניקער פון צוויי מיט א האלבן מיליאָן דאָלארן.

די סאמע פוסטע דיסערטאציע

אלס סאמע פוסטע „וויסנשאפטלעכע ארבעט“ פונעם 19־טן יאָרהונדערט האָבן די געלערנטע פון יענער צײַט מיט רעכט אָנגערופן די דיסערטאציע פונעם מאָסקווער פּראָפעסאָר פישער, וועלכע איז דערשינען אין 1815. זי האָט געהאט א נאָמען: „די באשרײַבונג פון א הון מיט א פּראָפיל פון א מענטשלעכער פיגור. א צוגאָב — אייניקע באאָבאכטונגען און דאָס בילד פון דער הון“.

ס'האָט זיך געהאנדלט וועגן א הון, בא וועלכער א שפּארבער אָדער א הונט האָט אָפּגעריסן א שטיק שנאָבל, פון וואָס דער רעשט זײַנער איז ענלעך געוואָרן אף א מענטשלעכער נאָז. אף א צענדליק זײַטלעך דערציילט פישער, וויאזוי די הון האָט זיך געשפּײַזט, וואָס פאר א כאראקטער האָט זי פארמאָגט און ווער עס איז געווען איר באלעבאָס. דערבײַ באגלייט ער זײַן דיסערטאציע מיט א סאך פּסעוודאָ־וויסנשאפטלעכע רוסישע און לאטײַנישע ציטאטעס.

די דיסערטאציע האָט מען פארקויפט אין די ביכער־קראָמען פון מאָסקווע און פּעטערבורג, און דער אוילעם האָט פון איר געקוועלט.

ק. נ. לעבעדיעווס בראָשור, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אויך אין דער פאָרם פון א וויסנשאפטלעכער דיסערטאציע „וועגן צאר גאָראָך. א געשאנק די געלערנטע אפן 1834 יאָר“, איז געווען א נאָכמאכונג פון פישערס „וויסנשאפטלעכער ארבעט“.

איינעם פון די הײַנטצײַטיקע מאָסקווער זאמלער פון ביכער־קוריאָזן האָט זיך אײַנגעגעבן קריגן פישערס בראָשור אין א בוקיניסטישן מאגאזין.

(„בירָאבידזשאנסקאיא זוועזדא“)

שפּורן פון „ניט־ערדישע“ ציוויליזאציעס

הײַנט־צו־טאָג זײַנען ניט פאראן קיין דירעקטע באווײַזן וועגן דער עקזיסטענץ פון א פארנונפטיק לעבן אויסער אונדזער פּלאנעטע. ס'איז אָבער פאראן אומדערווײַזבארע האשאָרעס, אז פארנונפטיקע וועזנס אין אנדערע וועלטן עקזיסטירן פונדעסטוועגן. איז פארוואָס דאן ניט דערלאָזן, אז הויך־אנטוויקלטע וועזנס פון אנדערע וועלטן האָבן געקאָנט אין דער פארגאנגענהײַט באזוכן אונדזער פּלאנעטע? די שפּורן פון זייערע באזוכן וואָלטן פאָרגעשטעלט פאר אונדז א גרויסן אינטערעס.

די קאָסמישע שליכים האָט מען צוגעשריבן די שאפונג פון פארשיידענע וווּנדערלעכע אײַנריכטונגען אין א ריי ערטער אף אונדזער פּלאנעטע — צום בײַשפּיל, פון דער באאלבעקישער טעראסע אין די בערג פון אנטי־ליוואן, ניט ווײַט פון דעם ליביער מידבער. די טעראסע איז אויסגעלייגט פון קאָלאָסאלע שטיינערנע פּליטעס (יעדע פּליטע וועגט מער פון טויזנט טאָן), וואָס מע האָט אופגעהויבן, שווער צו זאָגן וויאזוי, אף א באדײַטנדיקער הייך.

די רעטעניש מיט די שווערע שטיינערנע פּליטעס קאָן מען אָבער גרינג דערלייזן. ס'איז באוווּסט א ריי מאָנומענטאלע אײַנריכטונגען, וואָס זײַנען אופגעשטעלט געוואָרן מיט דער הילף פון די סאמע פּרימיטיווע הייבערס. אלס בײַשפּיל קאָן דינען די אלעקסאנדראָווער קאָלאָנע אין לענינגראד, וואָס איז אופגעשטעלט געוואָרן לויטן פּראָיעקט פונעם ארכיטעקטאָר מאָנפעראן אין אָנדענק פונעם זיג איבער נאפּאָלעאָנען. א מאָנאָליטע קאָלאָנע, וואָס וועגט 600 טאָן, האָט מען געבראכט פון פינלאנד, און זי איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אפן פּלאץ־פּלאץ אָן שום מעכאנישע אײַנריכטונגען. צו יענער צײַט האָט זי לויט דער הייך איבערגעשטיגן אלע קאָלאָנעס אין דער וועלט, אײַנגעשלאָסן אויך די בארימטע וואנדאָמער קאָלאָנע אין פּאריזש.

א לאנגע צײַט איז געווען א רעטעניש דער שאָסיי אין די אנדן, וואָס איז אויסגעלייגט מיט ווײַסע שטיינערנע פּליטעס און ציט זיך אף פיל צענדליקער קילאָמעטער אין א ניט באוווינטן ראיאָן. דער שאָסיי שטאמט פון טיפן אוראלט, נאָך פארן אָנקומען פון די שפּאניער, וואָס האָבן באזיגט די אינקן. די קאָנפיגוראציע פונעם וועג איז גענוג סוידעסדיק. זי האָט א סאך אָפּצווײַגן, וואָס גייען אוועק אף די בארג־שפּיצן און רײַסן זיך דאָרט איבער. אין די אָנהייב־ און ענדע־פּונקטן פונעם וועג זײַנען פאראן געמעלן פון מענטשן, באלעכאַים און געוויקסן.

מ'האָט ארויסגעזאָגט א האשאָרע, אז דער שאָסיי איז געווען אן אראָפּנידערונגס־פּלאץ פאר קאָסמישע

אף די שפורן פון אפראָדיטען

די סטאטוע פון דער קנידער אפראָדיטע, וואָס פראקסיטעל האָט געשאפן אין 4־טן יאָרהונדערט ביז אונדזער ערע, האָט מען אין דער אנטישער וועלט געהאלטן פאר א שעדעווער. פראקסיטעל האָט דער ערשטער זיך אנטשיידט אויסקלעפן די געטין פון ליבע און שיינקייַט א נאקעטע. די קאָפּיעס פון איר האָבן באשטעלט פאר זייערע רעזידענצן דער עגיפּטישער קייסער פטאָלאָמיי IV, דער רוימישער אימפעראטאָר אדריִאן און אנדערע הערשער. בא הייַנטיקן טאָג זייַנען באוווּסט 52 קאָפּיעס פון דער סטאטוע. מע האָט געהאלטן, אז דער אָריגינאל איז פארניכטעט.

זומער 1969 האָט אן ארכעאָלאָגישע עקספּעדיציע, וואָס גראָבט פאנאנדער די אלטערטימלעכע שטאָט קניד (אירע כורוועס געפינען זיך אינעם איצטיקן טערקייַ), זיך אָנגעשטויסן אף די רויִנען פון א קייַלעכדיקן טעמפל, 17 מעטער אין דיִאמעטער. דער ארכעאָלאָג אייַריס לאוו האָט אף א ווייסנשאפטלעכער סעסיע מיטגעטיילט, אז אורטיילנדיק לויט די באשרייַבונגען און געמעלן, איז עס טאקע דער טעמפל פון דער קנידער אפראָדיטע.

אייַריס לאוו זאָגט ארויס די השערה, אז די נאקעטע געטין איז ניט צוגערויבט געוואָרן דורך די בארבארן, ווי ס'איז געווען אָנגענומען, נאָר זי איז באגראָבן אונטער די כורוועס פונעם טעמפל — גיכער פון אלץ צעקלאפּט אף טיילן. מעגלעך, אז דאָס שטיקל מארמאָרנע פינגער, וואָס מע האָט געפונען בייַס די פאראיאָריקע אויסגראָבונגען, געהערט טאקע אפראָדיטעס סטאטוע. האיאָר וועט מען מיט דער הילף פון מעכטיקע מאשינען באזייַטיקן די שטיינערנע בלאָקן, וואָס פארצאמען דעם וועג אין דער טיף, און דאן וועט, מעגלעך, זיך אויסקלאָרן דער גוירל פון דער בארימטער קנידער אפראָדיטע.

(„זא רובעזשאָם“)

◇ אוניקאלע מוזייען. דער איינציקער אין פוילן און איינער פון די פיר פילומעניסטישע מוזייען אין דער וועלט פארמאָגט אין זייַן עקספּאָזיציע 17 טויזנט עקספּאָנאטן, וואָס איליוסטרירן די געשיכטע, וויִאזוי דער מענטש האָט זיך אויסגעלערנט באקומען פייַער. דאָ זייַנען פאָרגעשטעלט אלע געצייַגן אף מאכן א פייַער — פון די סאמע אוראלטע ביז די הייַנטצייַטיקע, אייַנגעשלאָסן פעקעלעך שוועבעלעך און צינדמאַשינקעס.

א צווייטער אוניקאלער מוזיי עקספּאָנירט... זון־זייגערס. עס זייַנען אויסגעשטעלט עטלעכע הונדערט עקספּאָנאטן. אין דער קאָלעקציע זייַנען פאראן מיטלאלטערלעכע רוסישע, דייַטשישע, טערקישע און פראנצויזישע זון־זייגערס. צו די סאמע אלטערטימלעכע געהערט דעם געלערנטן אפּיאָנס שטערן־זייגער פונעם 1524 יאָר.

שיפן. ניט לאנג צוריק איז די רעטעניש געלייזט געוואָרן. מיטגעהאָלפן דערצו האָט די אערא־פאָטאָגראפיע. די סוידעסדיקע קאָנפיגוראציע פונעם שאָסיי האָט זיך ארויסגעוויזן אין טאָך אלס א קאָלאָסאלע מאפע פונעם הימל. דער וועג האָט געדינט די אינקן אלס שטערן־לעוואָנעדיקער קאלענדאר. דאָס אויסשטאטן אזא קאָלאָסאלן קאלענדאר אין ערשטן יאָרהונדערט פאר אונדזער ערע איז ארויסגערופן געוואָרן דורך די ווירטשאפטלעכע באדערפענישן פון אָט דעם אוראלטן פאָלק.

אלס וווּנדערלעכע אייַנריכטונג האלט מען אין אינדיע די „אייַזערנע קאָלאָנע“, וואָס געפינט זיך לעבן דעם אלטערטימלעכן טורעם קוטב מינאר אפן ראנד פון דעלי. העכער אָנדערהאלבן טויזנט יאָר שטייט זי אונטער די סארפעדיקע זון־שטראלן. דער מעטאל, פון וועלכן ס'איז געמאכט אָט דער 12־טאָניקער קאָלאָס, זשאווערט ניט. טאקע אָט דער פאקט האָט געגעבן א גרונט צוצושרייַבן דאָס אוועקשטעלן די „אייַזערנע קאָלאָנע“ די שליכים פון קאָסמאָס. מע האָט זי אפילע געהאלטן אלס דעטאל פון א קאָסמישער שיף. אינעמעסן אָבער איז זי געשאפן געוואָרן דורך די אוראלטע מעטאלורגן פון א ספּעציִעלן אייַזן, וואָס זשאווערט ניט.

פאנטאסטישע אויספירן מאכט מען אויך בענעגייע די געמעלן אף פעלדזן, וואָס האָבן זיך אייַנגעהיט אין דעם סאנארער מידבער. צווישן די געמעלן טרעפן זיך מענטשלעכע פיגורן, וועלכע דערמאָנען „קאָסמאָנאווטן אין העלמען“. אין דער טיף פון איינער א הייל איז געפונען געוואָרן א גיגאנטישער געמעל אף א פעלדז די הייך בא 6 מעטער, וואָס דערמאָנט א מענטשן אין א סקאפאנדער. די עטנאָגראפן אָבער האָבן פעסטגעשטעלט, אז דאָס איז לאכלוטן ניט קיין העלם, נאָר מער ניט ווי אן אויסגעטריקנטער קאבאק, וואָס די נעגרען טוען אָן אפן קאָפּ בייַס די ריטועלע טענץ.

ניט קיין שליכים פונעם קאָסמאָס, נאָר מענטשן האָבן געשאפן די גראנדיִעזע אייַנריכטונגען פונעם אלטערטום. אָבער די מעגלעכקייַט פונעם באזוכן אונדזער פלאנעטע מיצאד פאָרשטייער פון ניט־ערדישע ציוויליזאציעס ווערט אין פרינציפּ ניט אויסגעשלאָסן.

נ. פאנסקאָוו, ווירקלעכער מיטגליד
פון דער אלפארבאנדישער אסטראָנאָמיש־געאָדעזישער געזעלשאפט
(„וועטשערניאיא מאָסקווא“)

נאָטיצן פון אַ ייִדישן בוקיניסט

„מדרש איציק"

אַף דעם פינפטן וועלט־קאָנגרעס פון ייִדישער וויסנשאַפט האָט דער ליטעראַטור־פאָרשער פּראָפ. כאָנע שמערוק געלייענט אַ פּאָרטראָג וועגן מאַנגערס „מדרש איציק און די פּראָבלעם פון זייַנע ליטעראַרישע טראַדיציעס"[1]. ניט קוקנדיק אַף דעם רייַכן פאַקטישן מאַטעריאַל, מיט וועלכן דער געלערנטער אָפּערירט, און אַף די אינטערעסאַנטע באָאַבאַכטונגען, וואָס ער מאַכט, רופט דער פּאָרטראָג אַרויס אייניקע פּרינציפּיעלע דערווידערונגען. לויט די אויספירן פון דעם געלערנטן באַקומט זיך, אַז די טראַדיציעס פון דעם „מדרש איציק" דאַרף מען זוכן אין דער ליטעראַטור פון 15—16 יה. און... בא מוישע־לייב האַלפּערנען. צווישן די צוויי דאַטעס באַקומט זיך אַ היסטאָרישער וואַקוום.

דער קינסטלעך געשאַפענער ליטעראַרישער אינטערוואַל איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין צופעליקייַט. דער געלערנטער האָט אים באַדאַרפט האָבן, קעדיי צו באַשטעטיקן זייַן טעזיס וועגן מאַנגערס באַזונדער אָרט אין דער מאָדערנער ייִדישער דיכטונג, „וואָס האָט אין אירע פאַרפלאָנטערטע שטרייַטן געזוכט וועגן פון פּשאָרע און איבערבעטן זיך מיט די טראַדיציעס און מעקוירעס, וועמענס שטאַנדהאַפטיקייַט זייַנען שוין פריִער געשטעלט געוואָרן אונטער אַ פראַגעצייכן". און איצט קאָן מען פעסטשטעלן, — פירט אויס דער געלערנטער, — אַז „אַפן וועג צום איבערבעטן זיך אין די אַלט־ייִדישע ליטעראַטור געווען פאַר די מאָדערנע שרייַבער אַ וויכטיקער קאַנאַל אַפּסנייַ זיך צו באַהעפטן מיט טראַדיציעס, וואָס זייער קראַפט איז צעטרייסלט געווען".

די ייִדישע ליטעראַטור איז אָבער קיינמאָל ניט געווען „צעקריגט" מיט די קולטור־אוצרעס פון דער פאַרגאַנגענהייַט. און דער באַדייַט פון דעם „מדרש איציק" באַשטייט ניט אין דעם, וואָס אין אים ווערן אופגעלעבט אַלטע פאַרגעסענע ווערטן, נאָר וואָס אין אים ווערט פאָרגעזעצט אַ לעבעדיקע און אומופהערלעך ווירקנדיקע טראַדיציע, אין וועלכער דער דיכטער האָט געפונען נייַע קינסטלערישע קוואַלן.

די עמאָציאָנעלע און געדאַנקען־וועלט פון דעם „מדרש איציק" איז אַ פּראָדוקט פון אונדזער צייַט. די אויסערלעכע בוטאַפאָריע און אַרכאַיִשע גענעאַלאָגיע פון די געשטאַלטן דאַרפן ניט פאַרשטעלן דעם וועג צום אַקטועלן אינערלעכן אינהאַלט פון אָט די געשטאַלטן. די בילדערישקייַט אין דעם ווערק איז ניט קיין רעטראָספּעקטיווע. עס שפּיגלען זיך אין זיי, אין טאָך, אָפּ פאַרשיידענע אַספּעקטן פון דעם ייִדישן לעבן צווישן ביידע וועלט־מילכאָמעס. דער „מדרש איציק" איז קוידעמקאָל אַ קינסטלערישער דאָקומענט וועגן דעם גייַסטיקן געראַנגל און ווידערשפּרעכלעכן 20־טן יה.

דער „מדרש איציק" באַשטייט פון ווערק, וואָס זייַנען געשאַפן אין פאַרשידענע פּעריאָדן. ער איז ניט איינהייַטלעך לויט דער פאָרם און לויטן אינהאַלט. עס קרייצן זיך אין אים איבער פאַרשיידענע טראַדיציעס און האַשפּאָעס — אַלטע און נייַע, אייגענע און פרעמדע. אַזוי ווי די אַלט־ייִדישע ליטעראַטור האָט זיך פאַרהיט נאָר אין די גרויסע מוזייען און ביבליאָטעקן פון דער וועלט, האַלט כ. שמערוק, אַז אירע האַשפּאָעס זייַנען דערגאַנגען צו מאַנגערן ניט דירעקט, נאָר דורך די פאָרשונגס־אַרבעטן פון מ. עריק און מ. ווייַנרייַך.

ליטעראַטור־היסטאָרישע סטודיעס זייַנען, פאַרשטייט זיך, מעסוגל צו פאַרטיפערן דעם אינטערעס צו באַשטימטע פּעריאָדן און ריכטונגען פון דער ליטעראַטור־געשיכטע. זיי זייַנען אָבער ווייניק צו באַשטימען דעם סטיל און די בילדער־וועלט פון אַ ליטעראַריש קינסטלעריש ווערק. דערצו איז נייטיק אַן אומיטלבאַרער קאָנטאַקט מיט דער ליטעראַטור גופע.

די אַלט־ייִדישע ליטעראַטור האָט געהאַט איר אייגענעם און מערקווירדיקן גוירל. זי האָט דורכגעמאַכט אַן אייגנאַרטיקע מעטאַמאָרפאָזע. איר איז באַשערט געווען אַ דאָפּלדיק לעבן. אין מעשעך פון יאָרהונדערטער האָבן באַגאַבטע מעכאַברים ניט נאָר איר צוגעגעבן אַ נייַעם שפּראַכלעכן לעוווש, נאָר זי אויך צוגעפּאַסט צום גייַסט פון דער צייַט. אָפטמאָל פלעגן די אַנאָנימע אַווטאָרן אַרייַנפלעכטן אין דעם אַלטן אינהאַלט מאָטיוון און סוזשעטן פון דער נייַער ווירקלעכקייַט. לויטן מוסטער פון דער אַלטער ליטעראַטור זייַנען אויך געשאַפן געוואָרן אַ סאַך נייַע „מייַסע־ביכלעך", וואָס זייַנען זייער באַליבט געווען בא די פאָלקסמאַסן.

אין „פונעם יאַריד" דערציילט שאָלעם־אַליכעם וועגן איינעם אַזאַ ביכעלע, „אַ קליינטשיקס, אַ דאַרינקס, מיט געלע, פאַרסמאַלצעוועטע, צעפּאַלענע און אָפּגעריסענע בלעטלעך, אָן טאָוולעך און אפילע אָן אַ פאָדערבלעטל", פון וועלכן דער אוילעם האָט זיך געהאַלטן בא די זייַטן פון געלעכטער. און ווייַטער דערציילט דאָרט שאָלעם־אַלייכעם, ווי ער איז מעקאַנע געווען יענעם ייִדן, וואָס האָט געמאַכט אָט דאָס ביכעלע, און „זייַן טיפסטער ווונטש איז געווען, אַז גאָט וועט העלפן, ער וועט אויסוואַקסן און ווערן אַ גרויסער, וועט ער אויך אָנשרייַבן אַזאַ מין ביכעלע, וואָס ייִדן וועלן דאָס לייענען און לאַכן און וועלן אים שעלטן אין גוטן מוט, גלאַט אַזוי זיך, אין טאַטנס טאַטן אַרייַן"...

אָט די פאָלקס־ביכער האָבן אין אַ געוויסער מאָס צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער נייַער קינסטלערישער ליטעראַטור.

אין אַן אַרבעט וועגן „עלעמענטן פון שאָלעם־אַלייכעם־הומאָר פאַר שאָלעם־אַלייכעם" האָט ש. ניגער געשריבן: „צי איז דורכויס עמעס, אַז די פריִערדיקע מייַסע־ביכעלעך זייַנען אַלע געווען פול נאָר מיט מוסער אָדער האַסקאָלע? האָט זיך ערגעץ־ווו ניט פאַרגאַנוועט דאָרט אַ שטיפעריש

[1] דער פּאָרטראָג איז אָפּגעדרוקט אין דער פערטליאָרשריפט פאַר ליטעראַטור־וויסנשאַפט „הספרות", יאַנוואַר 1970, באַנד ב׳ נום. 2, טעל־אַוויוו.

בלעטל? זיינען די אלטע מעכאברים געווען טאקע אלע אזעלכע „ערנסטע" מענטשן מיט כמורנע פּנעמער, פאַרקנייטשטע שטערנס און אײַנגעבויגענע רוקנס? פעלט אין זייער מישפּאָכע אינגאנצן דער מין קונדעס? ניין, ער איז פאַראַן און מע באדאַרף אים אופזוכן" (ש. ניגער. שאָלעם־אלייכעם. ניו־יאָרק, 1928, ז. 227—228).

אומזיסט, מיין איך, האָט כ. שמערוק געזוכט די מאָדעל פאַר דעם „ליפער"־געשטאלט אין מאנגערס „מעגילע־לידער" נאָר אין די פאָלקס־שפּילן פון 15—16 יה., באַמערקנדיק דערבײַ: „וויפל עס האָט זיך אײַנגעגעבן אויסצוקלאָרן, איז דאָס געשטאלט פון די גאָר אלטע „פורים־שפּילן" אין דער לעבעדיקער טראדיציע פארביטן געוואָרן מיט דעם געשטאלט פון א לעץ (א „פּאיאץ") און אפילע א דיכטער (דער „פּאָעט")". אף וויפל מיר איז באוווּסט, איז דער „ליפער" אינגאנצן ניט פארשוווּנדן פון דער ליטעראַרישער ארענע. ער האָט פּאָרגעזעצט באגלייטן די פּורימשפּילער אף אלע וועגן און אומוועגן פון זייער געשיכטע. אזוי, לעמאָשל, איז אין לוואָוו אין 1883 דערשינען „א גאנץ נייער אחשורוש שפּיל, זייער שיין געשריבן די געשיכטע פון אחשורוש מיט המן. אויך די תנאים, וואָס המן האָט געשריבן פאר דעם קעניג אחשורוש. און מען מוז לאכן אז מע לייענט עס" („פערלאג און אייגנטום פאָן ה' מונק און ראטה"), און „דער ליפער" איז איינער פון די הויפּט־פיגורן אין אָט דער קאָמעדיע.

ביכלאל איז די אטמאָספער פון איציק מאנגערס „מעגילע־לידער" א סאך נעענטער צו אָט דעם „גאנץ נײַעם אחשורוש־שפּיל", ווי צו די פורימשפּילן פון 15—16 יה.

אינטערעסאנט זײַנען די פעדעם, וואָס פארבינדן דעם „מדרש איציק" מיט דער קינסטלערישער ליטעראטור, און קוידעמקאָל מיט די טראדיציעס פון א. גאָלדפאדן. עס גייט ניט נאָר אין דעם געמיינזאמען, וואָס איז פאראן צווישן א. גאָלדפאדנס „אקיידאס יִיצכאָק", „קיניג אכאשוויירעש" און מאנגערס „כומעש־ און מעגילע־לידער", נאָר אויך אין א. גאָלדפאדנס אויפן פון „עקספּלואטירן די געשיכטע". זײַן אָפּגאנג פון דעם טראדיציאָנעלן היסטאָרישן שליאך איז אייגנטימלעך אויך פאר מאנגערס „מדרש איציק". ניט נאָר אין גאָלדפאדנס אָפּערעטעס, נאָר אויך אין זײַנע באַרימטע היסטאָרישע דראמען „באר־קאָכבא", „שולאמיס" זײַנען פאראן בילדער פון דעם רעאלן שטייגערישן לעבן. „און כאָטש, — באמערקט דערבײַ א. גאָלדפאדן, — דאָס ליד איז ניט דאָ דאָס פּלאץ דערפון, נאָר איך האָב עס ארײַנגעשטעלט, ווײַל דעם פּובליקום איז דאָס ליב און באקאנט".

מאנגער האָט די גאָלדפאדענישע ליניע דערפירט ביז צו איר לאָגישער און קינסטלערישער קאָנסעקווענץ. ער האָט זיך ניט באנוגנט מיט צופּאסן די אלטע געשטאלטן צום „פּובליקום", נאָר זיי אינגאנצן איבערגעפלאנצט אין דעם באָדן פונעם פאָלקס־לעבן און געשטאלטיקט זיי אין זייער נײַער היסטאָריש־דיאלעקטישער טראנספאָרמאציע.

„דער געניטער לייענער, — שרײַבט מאנגער אין דער האקדאָמע צו די „כומעש־לידער", — וועט זיך כאפּן, אז די לאנדשאפט, אין וועלכער די כומעש־געשטאלטן באוועגן זיך, איז ניט די קנאנישע, נײַערט א סלאווישע... די דאָזיקע לאנדשאפט מיט אירע ווערבעס פּאזע וועג, אירע ווײַנשלסעדער און אירע מאָדנע שטילע דעמערונגען ציטערט אין מײַן זיקאָרן פון גאָר די פריסטע קינדער־יאָרן".

באם באהאנדלען די ליטערארישע טראדיציעס פון דעם „מדרש איציק" קאָן מען ניט, פארשטייט זיך, אויסמײַדן די מאָדערנע דיכטונג. דאָס איז אָבער ניט קיין פראגע פון האשפּאָעס, נאָר גיכער פון פּאראלעלע דערשײַנונגען; איינע און די זעלבע טעמעס און מאָטיוון ווערן געשטאלטיקט דורך פארשיידענע קינסטלערישע פּערזענלעכקײַטן. עס וועט אינטערעסאנט זײַן אלס בײַשפּיל צו פארגלײַכן דעם קאַיִן־ און העוועל־מאָטיוו בא ה. לייוויקן און בא איציק מאנגערן.

אין ה. לייוויקס לידער קומט צום אויסדרוק דעם פּאָעטס באנעמען די געשיכטע ווי א שטרײַט צווישן אייביק קעגנזעצלעכע דעמאָנישע קויכעס:

האָט דער מענטשלעכער מין
וויפל מאָל שוין די מײַסע געהערט —
אונדזער מענטשלעכער מין.
די מײַסע — אוי־ווײ —
וועגן אָדעם און כאוועס צוויי זין,
די מײַסע — אוי־ווײ.
די אייביקע צוויי:
די שטילקײַט, דערנאָך — דאָס געשריי.
די אייביקע צוויי.

בא איציק מאנגערן איז קאַיִן א טראגיש געשטאלט, א קאָרבן און א בלינד געצײַג אין די הענט פון פינצטערע, געהיימע קויכעס, וואָס ניט נאָר זיי באגיטיקן דעם מאָרד, נאָר זיי באלוינען אים.

וואָס זעלבשטענדיקער עס איז די שעפערישע פּערזענלעכקײַט, אלץ קוילעלדיקער איז דער אידײַישער און קינסטלערישער פארנעם פון זײַן שאפן. נאָכשפּירן זײַן ליטערארישן יִיכעס איז אינטערעסאנט; געפינען אים איז אָבער ניט איינפאך. ער געפינט זיך אָפּטמאָל גראָד דאָרט, וווּ עס איז אפילע אפן זינען ניט געקומען אים צו זוכן. אין דעם פּראט האָט אונדז, אין א געוויסער מאָס, מאנגער אליין צוגעהאָלפן. אין אן ענטפער אף אן אנקעטע פון די „ליטערארישע בלעטער" (נומ. 17, 1930) — ווער איז זײַן באליבטער יִידישער שרײַבער — האָט מאנגער געמאכט אן אויסנאם פאר שאָלעם־אלייכעמען, דאָוויד בערגעלסאָנען און עליִעזער שטיינבארגן. „דעם ערשטן און דעם לעצטן — דערפאר ווײַל אין זיי איז פארקערפּערט דער גאָלדענער יִידישער פאָלקס־פּרימיטיוו, און בערגעלסאָן פאר זײַן אכזאָריעס, פאר זײַן לירישער רעזיגנאציע און הומאניסטישן סאכאקל".

עס איז כאראקטעריסטיש, וואָס מאנגער האָט דעמלט ניט אָנגערופן קיין איין יִידישן פּאָעט, בייס אין דער זעלבער אנקעטע האָט ער פון זײַנע באליבטע שרײַבער אין דער וועלט־ליטעראטור דעריקער אָנגעוויזן אף פּאָעטן: „קוידעמקאָל איז מיר ליב און טײַער דער כינעזישער דיכטער לי טיי פּע, און דעריקער ליב איז מיר זײַן לעבעדיק ליד, זײַן פאָרן שיקערערהייט אין א שיפל, וועלן כאפּן די לעוואָנע אין האנט און צו שטארבן דערבײַ. קעדיי צו דערמאָנען א טייל פון די, וואָס זײַנען מיר ליב, וועל איך אָנרופן דעם פּערסישן זינגער פון ווײַן אָפּיס און דעם פראנצויזישן זינגער־וואגאבונד ווערלען. ווײַטער האָט קיין שיר..."

איציק מאנגער איז געקומען צו זײַן דיכטערישער זעלבסטבאשטימונג (אײַנשליסנדיק דעם „מדרש איציק") אדאנק פרעמדע אײַנפלוסן. מע טאָר אזעלכע עמעסן ניט פארהוילן, און מע באדארף זיך אויך ניט שרעקן פאר זיי. האָט דאָך דער העברעיִשער שרײַבער יאקאָוו פיכמאן געהאט דעם מוט אונטערצושטרײַכן די ראָליע פון דער

רוסישער ליטעראַטור אין דער נאַציאָנאַלער אויספאָרמירונג פון דער נײַער העברעישער ליטעראַטור: „מענדעלע, און אויך ביאַליק, וואָלט נישט דערגאַנגען צו זײַן זעלבסט־דערקענונג, צו זײַן זעלבסט־אויסדרוק אָן דעם באַריר מיט די ריזן... (פון דער רוסישער ליטעראַטור. — ל. פּ.)... דעריקער גייט דאָ וועגן דער גרויסער ליניע און וועגן דעם גרויסן אײַנשטעל, וואָס זײַנען געוואָרן פאַר אונדז א מוסטער. דאָס, און ניט די טאַנאַכישע מעליצע, האָט פאַרטיפט אפילע אין ביאַליקן די נעווייִשע ליניע"... (י. פיכמאַן. „בבית היוצר". טעל־אוויוו, 1951, ז. 273).

די פּאָלעמיק אין די דרײַסיקער יאָרן אַרום מאַנגערס שאַפן דערמאָנט אין א געוויסער מאָס אין דער דיסקוסיע, וואָס איז זײַנערצײַט געפירט געוואָרן אַרום שאָול טשערניכאָווסקי. טשערניכאָווסקין, ווי באַוווּסט, האָט מען דערקלערט פאַר אַ העלענער, מאַנגערן שיִר ניט פאַר אַן אַריער. איציק מאַנגער, וואָס האָט, אין לעצטן סך־הכּל, דערגרייכט אין זײַנע ווערק די פולע האַרמאָניע מיט דעם פאָלקס־שאַפן, מאַנגער דער דיכטער פון „לאָמיר זשע זינגען פּאָשעט און פּראָסט, פון אַלץ, וואָס איז היימיש און טײַער", — איז דעמלט דערקלערט געוואָרן ווי אַ פרעמד געבליט אין דער ייִדישער דיכטונג.

די נײַסטע פאָרשער זײַנען אַוועק אין א דיאַמעטראַל קעגנזעצלעכער ריכטונג. דער גרונט־טעזיס, לעמאָשל, פון כ. שמערוקס פאָרטראָג איז, אַזוי צו זאָגן, א ריין ייִדישיסטישער. דער געלערנטער האַלט, אַז די ליטעראַרישע טראַדיציעס פון דעם „מדרש איציק" געפינען זיך נאָר אין דער ראַם פון איין שפּראַך, פון דער ייִדישער.

באַשטימען אַזאַ שמאָלן „טכום־האַמוישעוו" פאַר מאַנגערס ליטעראַרישע טראַדיציעס הייסט, אַפּריִאָרי, פאַרזען וויכטיקע אַספּעקטן אין זײַן ווערק. אין דעם „מדרש איציק", וואָס איז קוילעל אין זיך ניט נאָר די פאָלקסטימלעכע כומעש־ און מעגילע־לידער, נאָר אַלץ, וואָס דער דיכטער האָט געשאַפן אַף ביבלישע מאָטיוון, קאָן מען אויך דערהערן אַן עכאָ פון די בעסטע טראַדיציעס אין דער וועלט־ליטעראַטור, אָנהייבנדיק פון בײַראָנען און ביז עלזע לאַסקער שילער. אָן אַ קלאָרער פאָרשטעלונג אויך וועגן אָט דער ליניע אין מאַנגערס קינסטלערישער ביאָגראַפיע וועלן מיר ניט באַנעמען אין דער פולער מאָס דעם נאַציאָנאַלן און אוניווערסאַלן פאַרנעם פון זײַן שאַפן.

ל. פּאָדריאַטשיק

לאָמיר זינגען
נײַע לידער

א קאַראַהאָד

ווערטער פון אַרן ווערגעליס

מוזיק פון לייב יאַמפּאָלסקי





א קאראהאָד, א קאראהאָד,
און לאָמיר אלע טאנצן.
אריַין אין קריַיז, אריַין אין ראָד
מיט ביידע פיס אינגאנצן.

א קאראהאָד, א קאראהאָד,
געמאכט שוין א לעכאַיִם.
איין טאנץ געגאנגען, דאנקען גאָט,
איז לאָמיר גיין א ניַיעם.

א קאראהאָד, א קאראהאָד,
עס דרייט זיך אונדזער ליאמע.
דער פעטער פּיַיטל שיקער־לאָט,
און אויך דער זיידע זיאמע.

א קאראהאָד, א קאראהאָד,
די אויגן פריילעך גלאנצן.
ארום דעם טיש די גאנצע שטאָט,
און אלע ייִדן טאנצן.

א קאראהאָד, א קאראהאָד,
ניט דאָס זיַינען מיר אויסן.
די שטוב צעפּאלט זיך, — אוי א שאָד,
איז טאנצן מיר אין דרויסן.

א קאראהאָד, א קאראהאָד,
די אויגן פריילעך גלאנצן.
ארום דעם טיש די גאנצע שטאָט,
און אלע ייִדן טאנצן.

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר

שרײַבער און ווערק

דעם 18 סענטיאבער 1860 איז אין שטעטל מסטיסלאוו (מאָליעווער גוב.) געבוירן געוואָרן דער בורזשואזער ייִדישער היסטאָריקער, ליטעראַטור־קריטיקער און פובליציסט שימען דובנאָוו.

די ערשטע 25 יאָר פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקייט האָט ש. דובנאָוו געשריבן אין רוסיש, טיילווײַז אין העברעיִש. מיטן אַרטיקל „די הויפּט־מאָמענטן פון דער געשיכטע פון ייִדישן געדאַנק“ האָט ער דעביוטירט אין זשורנאַל «Русский еврей». דערנאָך האָט ער געשריבן מאָנאָגראַ־

פיעס וועגן ייִדישער געשיכטע אין זשורנאַל «Рассвет». פון 1892 איז ער געווען א שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דעם אײַנפלוסרײַכן זשורנאַל «Восход», ווו ער האָט פאַרעפנטלעכט א היפּשע צאָל היסטאָרישע אַרבעטן וועגן די ייִדישע סעקטאַנטישע באַוועגונגען. אין די ווײַטערדיקע יאָרן האָט ער געשריבן וועגן דער געשיכטע פון די ייִדן אין פוילן און ליטע.

אין 1896—1897 איז דערשינען אין רוסיש ש. דובנאָווס „ייִדישע געשיכטע“ אין צוויי בענדער, אין 1901—1906 — „ייִדישע געשיכטע“ אין דרײַ בענדער. פיל יאָרן איז ש. דובנאָוו געווען רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל «Еврейская старина».

אין 1921 איז דובנאָוו אריבערגעפאָרן קיין קאָוונע, פון דאָרט קיין בערלין. אין 1925—1929 איז אין בערלין ארויס זײַן צענבענדיק ווערק „די וועלט־געשיכטע פונעם ייִדישן פאָלק“ (איבערגעזעצט אין ייִדיש דורך ז. קאַלמאַנאָוויטש, נ. שטיף, י. ראַפּאָפּאָרט, י. האָדעס אא.).

אינעם קריטישן אָפּטייל פון «Восход» האָט ש. דובנאָוו אונטערן פסעוודאָנים „קריטיקוס“ איינער פון די ערשטע אָנגעוויזן אף דער גרויסער באַדײַטונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור. מיט זײַנע פּילצאָליקע קריטישע אַרטיקלען האָט ער מיטגעהאָלפן איר אַנטוויקלונג. ער האָט פּאָפּולאַריזירט די שאַפונג פון אַזעלכע באַדײַטנדיקע פאָרשטייער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, ווי שאָלעם־אַליינעם, מענדעלע, ספּעקטאָר אא. אין «Еврейская старина» האָט ער פאַרעפנטלעכט די אינטערעסאַנטע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם, צי האָבן די ליטוויש־פּוילישע ייִדן גערעדט אין XVI און XVII יה. ייִדיש אָדער סלאַוויש.

אין 1933, ווען אין דײַטשלאַנד איז געקומען צו דער מאַכט היטלער, האָט ש. דובנאָוו פאַרלאָזט בערלין. ער האָט זיך באַזעצט אין ריגע. דעם 1 דעצעמבער 1941 איז ער אומגעקומען אין ריגער געטאָ אין עלטער פון 81 יאָר.

עס איז אלט געוואָרן 70 יאָר דער פּעדאַגאָג, איבערזעצער און רעדאַקטאָר מוישע דובינסקי.

מ. דובינסקי איז א געבוירענער פון בעלאָצערקאָוו. אין די יונגע יאָרן איז ער געווען א לערער פון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. פאַרענדיקט אין 1931 די ייִדישע אָפּטיילונג פונעם מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אף וו. אי. לענינס נאָמען, האָט ער זיך באַזעצט אין קיִעוו, ווו ער האָט געאַרבעט אַלס רעדאַקטאָר פון ייִדישן סעקטאָר פון אוקרנאַצמינדפאַרלאַג (געוועזענער פאַרלאַג „קולטור־ליגע“).

מ. דובינסקי האָט איבערגעזעצט פיל ווערק פון רוסיש אף אוקראַיִניש (אוספּענסקי, אַנטאָנאָוו, ביל־בעלאָצערקאָווסקי, סעראַפימאָוויטש, עמ. קאַזאַקעוויטש), פון ייִדיש אף אוקראַיִניש (שאָלעם־אַליינעמס „מענאַכעם־מענדל“, „פונעם יאַריד“, פאַליקמאַנס דערציילונגען). פאַר דער נײַער זעקסבענדיקער אויסגאַבע פון שאָלעם־אַליינעמס ווערק, וואָס גרייט זיך צום דרוק אין מאָסקווע, האָט מ. דובינסקי איבערגעזעצט אין רוסיש „מאָשקעלע גאַנעוו“ און „בילדער פון בערדיטשעווער גאַס“.

דער יובילאַר טרעט אויך ארויס פון צײַט צו צײַט מיט אָפּהאַנדלונגען וועגן נײַ־דערשינענע ווערק פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. אף דער שפּראַך־באַראַטונג אין רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד“ (1967) האָט מ. דובינסקי געהאַלטן א פּאָרטראָג „שאָלעם־אַליינעמס פּראַזעאָלאָגיזמען אין דער רוסישער איבערזעצונג“.

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

XVI. ГРАММАТИКА. ОБРАЗОВАНИЕ ИМЕН ПРИЛАГАТЕЛЬНЫХ ОТ ДРУГИХ ЧАСТЕЙ РЕЧИ

Для образования прилагательных используются следующие суффиксы (приводим наиболее употребительные):

1) Суффикс ־יק־. Примеры: זאמד — песок, זאמד־יק־ער — песчаный; בארג — гора, בארג־יק־ער — горный; פלייש — мясо, פלייש־יק־ער — мясной; מילך — молоко, מילכ־יק־ער — молочный; הארבסט — осень, הארבסט־יק־ער, — осенний; הײַנט — сегодня, ныне, הײַנט־יק־ער — сегодняшний, нынешний; הארץ — сердце, הארצ־יק־ער — сердечный; הונגער — голод, הונגער־יק־ער — голодный; פארב — краска, פארב־יק־ער — красочный; פראָסט — мороз, פראָסט־יק־ער — морозный; שניי — снег, שניי־יק־ער — снежный; דרײַ יאָר — три года, דרײַיאָר־יק־ער — трехлетний.

2) Суффикс ־דיק־. Примеры: וואָלקן — облако, וואָלקנ־דיק־ער — облачный; ביינער — кости, ביינער־דיק־ער — костистый; מײַרעוו — запад, מײַרעוו־דיק־ער — западный; זומער — лето, זומער־דיק־ער — летний; יאָמטעוו — праздник, יאָמטעוו־דיק־ער — праздничный; פײַער — огонь, פײַער־דיק־ער — огненный; מוירע — боязнь, страх, מוירע־דיק־ער — страшный; פכאָדים — ужасы, פכאָדים־דיק־ער — ужасный; שכיינעס — соседство, שכיינעס־דיק־ער — соседний; פינף כאדאָשים — пять месяцев, פינפכאדאָשים־דיק־ער — пятимесячный; פיר גאָרן — четыре этажа, פירגאָרנ־דיק־ער — четырехэтажный.

3) Суффикс ־יש־. Примеры: שטאָט — город, שטאָט־יש־ער — городской; דאָרף — село, деревня, דאָרפ־יש־ער — сельский, деревенский; רוסלאנד — Россия, רוסלענד־יש־ער — российский; רוס — русский (человек), רוס־יש־ער — русский; ייִד — еврей, ייִד־יש־ער — еврейский; מעלוכע — государство, מעלוכ־יש־ער — государственный; קאָלווירט — колхоз, קאָלווירט־יש־ער — колхозный; פיזיק — физика, פיז־יש־ער — физический; כימיע — химия, כימ־יש־ער — химический; ערד — земля, ערד־יש־ער — земной; אונטערערד — подполье, אונטערערד־יש־ער — подпольный; אונטער (דער) ערד — под землей, אונטערערד־יש־ער — подземный.

4) Суффикс ־ש־. Примеры: פאָטער — отец, פאָטער־ש־ער — отцовский; ייִנגל — мальчик, ייִנגל־ש־ער — мальчишеский; מיידל — девушка, מיידל־ש־ער — девич(еск)ий; קינדער — дети, קינדער־ש־ער — детский; א קליין שטעטל — небольшой городок (местечко), קליינשטעטל־ש־ער — местечковый.

5) Суффикс ־לעכ־. Примеры: גליק — счастье, גליק־לעכ־ער — счастливый; וועלט — мир, свет, וועלט־לעכ־ער—светский; פרײַנט—друг, פרײַנט־לעכ־ער— дружеский; שריפט — письмо, письменность, שריפט־לעכ־ער — письменный; געפאר — опасность, געפער־לעכ־ער—опасный; וויסנשאפט — наука, וויסנשאפט־לעכ־ער — научный; געזעלשאפט — общество, געזעלשאפט־לעכ־ער — общественный; קליינבירגער — мещанин, קליינבירגער־לעכ־ער — мещанский; דערגרייכן — достичь, דערגרייכ־לעכ־ער — достижимый; אויסשליסן — исключить, אויסשליס־לעכ־ער — исключительный; также — в сочетании с приставкой אומ־ в значении отрицательности: פארגעסן — забыть, אומפארגעס־לעכ־ער — незабываемый; באשרײַבן — описать, אומבאשרײַב־לעכ־ער — неописуемый, непередаваемый.

6) Суффикс ־ענ־ или слоговой ־ן (в конце слова после согласного). Примеры:

שטאָל — сталь, שטאָל־ענ־ער — стальной; но: א שטאָל־ן מעסער — стальной ножик; זײַד — шёлк, וואָל — шерсть, זײַד־ענ־ער — шелковый, וואָל־ענ־ער — шерстяной; но: א זײַד־ן קלייד — шелковое платье, א וואָל־ן קלייד — шерстяное платье.

7) Суффикс ־ערנ־. Примеры: ביין — кость, ביינ־ערנ־ער — костяной; אײַזן — железо, אײַז־ערנ־ער — железный (конечный согласный слова אײַזן выпал); גלאָז — стекло, גלעז־ערנ־ער—стеклянный; האָלץ—дрова, הילצ־ערנ־ער — деревянный; שטיין — камень, שטיינ־ערנ־ער — каменный.

8) Суффикс ־עוודיק־. Примеры: בייגן — гнуть, בייג־עוודיק־ער — гибкий; רירן — двигать, ריר־עוודיק־ער — подвижной, проворный; זאָרגן (זיך) — заботиться, זאָרג־עוודיק־ער — заботливый, бережный; שעמען זיך — стесняться, שעמ־עוודיק־ער — застенчивый.

УПРАЖНЕНИЯ

1. Спишите, заменяя каждое многоточие прилагательным, образуемым при помощи суффикса ־יק־: глина — ליים, глинистый — ... ; воздух — לופט, воздушный — ... ; волос — האָר, волосатый, мохнатый — ... ; дом — שטוב, домашний — ... ; дым — רויך, дымный — ... ; утро — אינדערפרי, утренний — ...; ночью — באנאכט, ночной — ...

2. То же — при помощи суффикса ־דיק־: зима — ווינטער, зимний — ... ; восток — מיזרעך, восточный — ... ; север — צאָפן, северный — ... ; юг — דאָרעם, южный — ... ; вода — וואסער, водянистый — ... ; высокомерие — גייווע, высокомерный — ... ; упрямство — אקשאָנעס, упрямый — ... ; дыры — לעכער, дырявый — ...

3. То же — при помощи суффикса ־יש־: медведь — בער, медвежий—...; волк — וואָלף, волчий — ... ; человек — מענטש, человечий — ... ; интеллигент — אינטעליגענט, интеллигентный — ... ; коммунист — קאָמוניסט, коммунистический — ... ; географический — געאָגרא׳פישער; исторический — ... ; механический — ... ; логи́ческий — ... ; полити́ческий — ... ;

4. То же при помощи суффикса ־(ע)נ־: пшеница — ווייץ, пшеничный — ווייצ־ענ־ער; ситец — ציץ, ситцевый — ... ; полотно — לייוונט, полотняный — ... ; глина — ליים, глиняный — ... ; олово — ציין, оловянный — ... ; свинец — בליי, свинцовый — ... ; коза — ציג, козий — ... ; овца — שאָף, овечий — ... ; мех — פוטער, меховый — פוטער־נ־ער; медь — קופער, медный — ... ; серебро — זילבער, серебряный — ...

Работа над текстом

1. Прочтите первые два абзаца рассказа Иосифа Рабина „פענצטער" (в № 5 нашего журнала за 1970 г., стр. 61). Письменно переведите эти абзацы на русский язык.

Слова:

1) שאָטן מ ־ס; 2) ראָג מ ־ן; 3) באוויַיזן (האָב באוויזן); 4) ענלעכער; 5) מיטליאָריקער; 6) געשוירענער; 7) ארומדרייען זיך; 8) אלע וויַילע; 9) הינטער; 10) פון הינטער; 11) אף די שפּיץ פינגער; 12) ברוק מ; 13) באשיַינען; 14) זיַינען באשיַינט; 15) דראָט מ ־ן; 16) דער זעלבער; 17) הענגען (איז געהאנגען); 18) באוויַיזן זיך (האָב זיך באוויזן); 19) באמערקן; 20) אנטקעגן; 21) אנטקעגנדיקער; 22) ארויסקוקן.

Их перевод:

1) тень; 2) угол (улиц); 3) *здесь:* успеть; 4) похожий; 5) средних лет; 6) стриженый; 7) расхаживать; 8) ежеминутно; 9) позади; 10) из-за; 11) на цыпочках *(дословно:* на кончиках пальцев); 12) мостовая; 13) освещать; 14) освещены; 15) проволока; 16) тот же; 17) висеть; 18) показываться, появляться; 19) заметить; 20) напротив; 21) противоположный; 22) выглядывать.

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

10–2568

אַן אנאָנס וועגן דער
אבאָנירונג אַף סאָוועט־
טישע פעריאָדישע אויס־
גאבעס אין האָלענדישן
זשורנאַל «NU»

עס גייט די אבאָנירונג אַף „סאָוועטיש היימלאַנד“

כאַשעווע לייענער!

פארגעסט ניט באצייטנס אויסצושרייבן
דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאנד“

אפן 1971 יאָר

די אבאָנירונג אַף אונדזער זשורנאַל ווערט אָנגענומען
אָן באגרענעצונגען אין „סאָיוזפעטשאט“ און אין די
פּאָטשט־אָפּטיילונגען.

לייענט און פארשפרייט
„סאָוועטיש היימלאנד“!

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Год издания десятый

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), **Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.
Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69;
отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер, С. Черняк
Корректор Х. Поташник

Подписано к печати 16/VIII-1970 г. Формат 70×108 1/16. Печ. л. 10+0,25 вкл. (14,35). Бум. л. 5+0,125.
Цена 50 коп. Зак. 2568.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
Пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА
№ 9

1970

В НОМЕРЕ:

Трибуна жизни

Б. Миллер. Настоящие люди.
С. Гордон. Из серии «Местечки».

70-я годовщина со дня рождения И. Фефера. Лирические стихи поэта; А. Вергелис. О творчестве Фефера, А. Гонтарь. Среди друзей.
Стихи Г. Ошеровича, О. Дриза, С. Галкина.

Публицистика

И. Кон. Ленинская теория наций и современный капитализм.
Об одной дискуссии в израильском кнессете.

З. Каган. Художник, вдохновленный революцией.
Литературный дневник. В. Огнев. Новое в литовском искусстве. Стихи литовских поэтов.
Краткие рецензии. Заметки букиниста. Хроника. Разное. Заметки на календаре.
М. Шапиро. Беседы о еврейском языке.